STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07869

IN GOT'S GESHTALT

Shea Tenenbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. טענענבוים
אין גאָטס געשטאַלט
מיניאַטורן
ניו-יאָרק, 1951

In the Image of God

MINIATURES

By S. TENENBAUM

Copyright, 1951, by S. Tenenbaum

NEW YORK, N. Y.

* * *

ADDRESS OF THE AUTHOR:

SHEA TENENBAUM

353 CENTRAL PARK WEST

New York 25, N. Y,

אַרויסגעגעבן

מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור-פאָנד

* * *

שער־בלאַט און צייכענונגען

פון י ה ו ד ה ט אָ פּ ע ל

* * *

פאַנטאַסטיש אילוסטרירט פון

סקולפּטאָר ח״ים גראָס

* * *

דאָס בוך דערשיינט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

PASSANTINO PRINTING CO., Inc.

250 West 49th Street, New York City

JUdson 6-1540

155

בצלם אלהים ברא אתו

(בראשית א, כ"ז)

ש. טענענבוים

מיניאַטורן



אַני מאַמין

מיין פריינדין פרעגט מיך פאַרוואָס איך בין נישט רעליגיעז.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין ניט רעליגיעז? מיין רעליגיע איז אַן אַקטיווע, אַ דינאַמישע, אַ שעפערישע. גאָט איז שעפערישקייט. ער איז שעפעריש יעדער רגע פון זיין געוואַלטיקער עקזיסטענץ אין אייביקייט. גאָט שאַפט און איז גוט. שעפערישקייט איז גאָט און איז גוט. שעפערישקייט איז געבן, שליידערן אוצרות פון זיך, צעברעכן זיך פאַר אַנדערע, אָפּרייסן פון זיך שטיקער לעבן, שליידערן גאַנצע שטראָמען לעבן אין אוניווערס. דער מענטש — גאָטס שאַפונג אין גאָטס קאָפּיע, גאָטס מאָדעל, דאַרף טאָן גוטס. דאָס העכסטע אין רעליגיע איז דער מענטש. מענטש טראָגט דאָס פּנים פון גאָט. ער עקזיסטירט אין זיין געשטאַלט. ער פלאַמט מיט זיין נשמה. אַלע חיות טראָגן דאָס פּנים פון מענטש, במילא פון גאָט. גאָט דרינגט דורך אַלע וועזנס אויף דער ערד. אַפילו די חיה וואָס זינקט צום טיפסטן אין דער ערד, אין זומפּ, אין די אָצעאַנען, אין די ערדישע אונטערערדישע געדערים — טראָגט גאָט אין זיך און ציט צו די שטערן, צו די הימלען. אַפילו דער מילדוואָרם באַווייזט זיין בלינדקייט, וואָרעם ער קען נישט זען גאָטס הימלישן געוועלב.

איך גלויב אַז אַלץ איז גאָט — פון גאָט ביז אַ מילבל אין דער לופט. און אַז מיר דאַרפן זיין גוט צום מענטש און צו אַלע חיות און עופות און פישן אין די טייכן. איך גלויב אַז ווען איך שאַף, טו איך תפילה צו גאָט. איך שאַף דורך מיין ווערק מיין אייגענע תפילה צו גאָט. גאָט איז מיין שטענדיקע אינספּיראַציע. טאָג און נאַכט באַוואונדער איך אים גרויסאַרטיק. איך זינג שבחים צו זיין מאַיעסטעטישער דערשיינונג אין באַרג־לאַנדשאַפט, אין באַוועגלעכן ים־פּייזאַזש, אין פאַרשטיינערטער גראַניט־מאַסקע, אין צאַרטער הימלישער בלויקייט, אין מענטשנס קינסטלעריש פּנים. אָבער איך שמייכל אים נישט ווי קיין פאַנאַטיקער. איך האַלט זיך גלייך מיט אים אויף איין פלאַן און מיין שטערבלעכקייט מאַכט מיך גרעסער און טראַגישער ווי גאָט. גאָט האָט אָפּטמאָל מורא צו שטיין פאַרן מענטשלעכן געניוס — פאַרן מענטשלעכן ריכטער און נביא. גאָט האָט מורא פאַרן שטערבלעכן מענטש, וואָס איז גאָטס קאָנקורענט. ער קוקט דורך דורך גאָטס ביינער און קנאָכן מיט זיין מעכטיקן קריטישן אויג. גאָט שעמט זיך פאַרן טראַגישן מענטש.

איך ראַנגל זיך אין מיין קורצן לעבן מיט אייביקייט און מיט אומענדלעכקייט. איך פאַרבלוטיק דאָ אין קראַנקהייטן, אַן אייביק־פאַרוואונדעטער — בשעת איך זינג גאָטס שטאַרקייט און מעכטיקייט. גאָטס אומצעברעכלעכער גאַנצקייט און גרויסקייט. איך עפן אין אַ צעריסענער וועלט די פּאַנאָראַמאַ פון גאָטס איינהייטלעכקייט. איך דערצייל פון גאָטס גרויסקייט אין אַלע מיינע שטיקער פּראָזע. מיין גאַנץ ווערק איז שירה צו גאָט. איך זינג צו גאָט מיין גרויסע זוניקע הימנע. מיין לויבן גאָט איז דינאַמיש, אַקטיוו און שעפעריש, ווי דאָס לעבן פון גאָט וואָס באַלייכט די שטערן און די פּלאַנעטן און גיט ליכט אין האַרץ פון דער זון.

ניו־יאָרק, יאַנואַר 12, 1949.

„וואָרום ער זאָגט צום שניי: פאַל אויף דער ערד״!

עטלעכע ווערטער וועגן דעם לעצטנס געפאַלענעם גרויסן שניי.— ציטאַט פון ספר איוב. — וואָס יעדער מענטש דאַרף לערנען פון אַ נאַ־טור־געשעעניש. — דער אַמאָליקער מענטש און דער מענטש פון אונ־זער צייט.

אַמאָל פאַרגלוסט זיך דעם געניוס פון דער נאַטור אַ שפּיל טאָן מיט די מענטשן. דאָס איז ניט מער ווי אַ וויץ אַזאַ. איך האָב אין זין דעם שניי וואָס האָט אין משך פון איין טאָג, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונ־טערגאַנג, פאַרשאָטן אַזאַ מעטראָפּאָליע ווי ניו־יאָרק. איך האָב אין זין דעם ווייכן, פּוכיקן, נישטיקן שניי. דאָס איז אַ דינער, הימלישער וואו־אַל וואָס דעקט צו אָן אימפּעריע. אין אָריענט זיינען פעלקער אַנט־לאָפן פון זייערע היימען, פון זייערע געבורטס־לענדער, ווייל עס איז געפאַלן פון די הימלען אַ שטויב. אין די יאָרן ווען צעזאַר טיטוס האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש, האָט די נאַטור חרוב געמאַכט צוויי פלעזשור־שטעט אַרום רוים — הערקולאַנום און פּאָמפּיי, דאָרט וואו די רייכע רוימער האָבן זיך באַהאַלטן פון רוימס טומל און זיך געהאַלדזט מיט די שיינע קורטעזאַנען, זיך צוהערנדיק צו פיינער מוזיק. ביז צו די קני אין פלאַמען איז דער גריכישער פילאָזאָף און נאַטור־פאַרשער פּליניוס געגאַנגען און פאַרצייכנט דעם וואולקאַנישן אויסברוך פונם וועזוף, ביז דאָס כוואַליענדיקע פייער האָט פאַרברענט זיינע הענט. די נביאים סטראַשען די פעלקער מיט אונטערגאַנג דורך די הענט פון דער נאַטור. זיי האָבן אין דער נאַטור געזען די שטראָף צו פעלקער פאַר זייערע פאַרברעכנס. אַלטע ביכער, פון פאַרגאַנגענע ליטעראַטורן — זיינען פול מיט באַשרייבונגען פון האָגלען, ערד־ציטערנישן, וואָל־קאַן־אויסברוכן, טייפונען, שטורעמס און פאַרפלייצונגען. דעם מבול האָט גאָט געשיקט צו נח׳ס דור כדי אָפּצומעקן די זינד און די זינדיקע פון דער ערד. סדום ווערט פאַרגאָסן פון אַ פייערדיקן רעגן פאַר די זינד פון אירע איינוואוינער און נאָך איצט שטייט פאַר מיינע אויגן ווי אַ סימבאָל פון שרעק און גרויל לוטס ווייב — פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנומענט פון זאַלץ, פאַרן אומקוקן זיך אויף דער שטאָט און דער היים מיט באַדויערן און נאָסטאַלגיע. אַ קאָנטינענט צווישן אייראָפּע און אַמעריקע, אַטלאַנטידע, זינקט צום גרונט פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. שטור־מישע כוואַליעס פאַרגעסן איר הויכע ציוויליזאַציע, אירע איינוואוינער. הער זיך צו צום ראַדיאָ־באַריכט פון יאָר 1947 אין אַמעריקע—און דו שוידערסט אויף פון די אומגליקן איבערן לאַנד. אומגליקן מיט עראָ־פּלאַנען, צוגן, אָמניבוסן, טעקסיס. פאַרפלייצונגען פון טייכן וואָס ווילן ניט רוען אין זייערע בעטן און שלאָגן בערג און טאָלן, שטעט און שטעטלעך. פייערן וואָס טראָגן אַוועק וועלדער צו די הימלען אין פלאַ־מיקן שטויב. שיפן וואָס שלאָגן זיך מיט צעיושעטע כוואַליעס פון ים. די נאַטור ברויזט און קאָכט און שיינט ווי צו טראָגן אַ ספּעציעלן האָס קעגן דעם לעבן אויף איר אויבערפלאַך. איבערהויפּט קעגן דעם קלוגן, ראַפינירטן און געפערלעכן מענטש.

אַמאָליקע מענטשן זיינען געווען דורכגענומען מיט דער פורכט און דער אימה פון נאַטור. גאָטס פּנים האָט דורך בליצן געלויכטן. אין ימס טייוולאָנישן געלעכטער האָט זיך געהערט דער טייוול. דער מענטש איז געשטאַנען נאָענט צו דער נאַטור. ער האָט זי גוט געקענט. ער האָט

באַבאַכטעט אירע אייגנשאַפטן. ער האָט מורא געהאַט פאַר אירע אויס־ברוכן. ער האָט געצערטלט איר שיינקייט. ער האָט מיט פרייד אויפ־גענומען אירע אידילישע מאָמענטן. ער האָט האַרציק באַגריסט די לבנה אָנפאַנג חודש. ער האָט פאַרפאַסט הימנען צו דער זון, ווי די אומ־שטערבלעכע הימנע פון קעניג אַכנאַטאָן. ער האָט געדינט צו די שטערן און אָפגעקויפט די בייזע גייסטער. ער האָט דער נאַטור אַנטקעגנגע־טראָגן מתנות, ווי צו פרויען מיט וועלכע עס נוצט נישט איינצורייסן. די רוימער — אין זייער רעליגיע — האָבן געהאַט געטער פון פעלד און וואַלד — פון הויז און גאָרטן — גייסטער פון זיין היים און זיין געגנט. דער אַמאָליקער מענטש האָט זיין היים געבויט אויפן שויס פון דער נאַטור. ער האָט צו איר געטאַנצט און געזונגען. די מוזיק איז גע־בוירן געוואָרן אין שאָל פון די עלעמענטן. אין בעטהאָווענס און וואַג־נערס סימפאָניעס שאַלן די ווילדע און לוסטיקע, די בייזע און די גוטע סטיכיעס פון דער נאַטור. יעדער מוזיק ציטערט מיטן גרויסן עכאָ פון דונער און ים־שטורעם. אָטעמט מיט עלעמענטאַרער נאַכט און מאָרגנגאַויסברוך. דער תנ״ך—און אַלע אַלטע לידער, און די נאָרדישע זאָגן זיינען פול מיט אימה און נאַטור־פחד, אַלץ אָטעמט מיט דער גרויסקייט און דער פורכטבאַרקייט פון די ווילדע עלעמענטן. מענטש האָט זיך אין זיי געטוליעט. מענטש האָט געפילט אין זיי אַן אומגעהויערן כוח. ער האָט גאָט נאָך נישט געקענט אויסטראַכטן. אָבער ער האָט געפילט זיין גוואַלטיקע קראַפט אין דער נאַטור.

אין די מאָדערנע צייטן האָט מענטש פאַרגעסן גאָט, פאַרגעסן די עקזיסטענץ פון דער נאַטור. אַ מענטש אין דער פאַרריסענער, וואָלקנ־קראַצערישער ניו־יאָרק וועט ניט זיין אַזוי נאַריש צו קוקן צו די שטערן. וועלכער מענטש וואָס יאָגט זיך נאָכן דאָלער וועט זיין אַזוי סענטימענטאַל ווי צו וועלן באַטראַכטן דער לבנהס פאַרקרומט און קורטעזאַניש פנים — אַ שטיק קאַלטע, פינצטערע וועלט אין אומענד־לעכן קאָסמאָס. וועלכעס מיידל וועט דאָ דען לייענען די מעכטיקע נאַ־טור־געזאַנגען פון אַ וואָרדסוואָרטה אָדער אָסיאַן און דאַן פילן די גרויסע אומהיימלעכקייט פון אַ הימל מיט אומרואיקע וואָלקנס. וועל־כעס אינגל, וואָס זיין גייסטיקע וועלט זיינען די האָליוואודער פילמס, וועט לייענען וועגן דער וועלט־באַשאַפונג אין גענעזיס — אין אַלטן ספר בראשית — און וועט דערנאָך כאַפּן אַ קוק צום האָריזאָנט און דערזען אין פלאַמען גאָטס שעפערישע האַנט?

אָבער פון צייט צו צייט האָט גאָט ליב צו דערמאָנען אין זיין עקזיסטענץ. און אַ שניי טוט אַ פאַל — אַ זיידענער וואואַל. די שטאָט איז געבויט פון אייזן און צעמענט. אויף עלעקטרישע כוחות באַוועגט זיך גאָר די ריזיקע קאָמוניקאַציע. שינעס זיינען פאַרלעגט דורך מדבריות באַקוועם צו קענען ציען די צוגן דורכן לאַנד. אונטער דער ערד האָט דער מענטש געבויט טונעלן און פאַרלעגט ריזיקע נעצן פון סאָבווייס. דער מענטש האָט זיך פאַרפאַנצערט און פאַרשלאָסן אין אייזן און אין קופּער.

פונדעסטוועגן פאַלט דער שניי מיט אַ קאָסמישער מאָנאָטאָניע. ער דעקט צו טראָטואַרן און גאַסן. ער פאַלט איבער דעכער און שאַרבנס. ער פאַלט איבער טייערע דאַמען פוטערס און בעטלערישע קליידער. דער שניי ווערט פון אַ וויץ — אַן אומגליק. ער שמייסט ווי מיט אייזער־

נע בייטשן. דער נביא וואָלט אים געקענט שילדערן אין העלישע ווער־טער, אין עפּישע ריטמען. עס איז ניט קיין שניי פון פוך — נאָר אַ האָגל פון אייזן. ווי סדום ווערט צוגעדעקט פון פייער — ווערט ניו־יאָרק פאַרהילט פון אייזערנעם אייז. און ביסלעכווייז ווערט געטויטעט די באַוועגונג. עס ווערן אָפּגעשטעלט די אָמניבוסן און טראַמווייען. די מענטשן זיינען פאַרצווייפלט. גאָט האָט מיט זיין פינגער אַ סטראַשע געטאָן דעם לאַנד.

עס שאַדט ניט אַז אַזאַ זאַך געשעט. ווי גרויס דער מאַטעריעלער שאָדן איז, איז דער מאָראַלישער נוצן אַ גרעסערער. זאָל מענטש פאַר־לירן פון זיין פּוסטן שטאָלץ און פאַרריסנקייט. זאָלן קאָנדוקטאָרן ניט קענען פירן זייערע צוגן און זאָלן די פּריסטער ניט קענען עפענען זייערע קירכן. זאָל איבער אַלעמענס לייב דורכגיין אַ שוידער. זאָל מען זיך דערמאָנען אין דעם געוואַלטיקן ווערק פון גאָט. זאָל מען זיין געצוואונגען צו מעדיטירן וועגן דער נאַטור. זאָל מען זיך פאַר־טראַכטן איבער די יעניקע מענטשן וואָס זיינען געבליבן פאַרוויסט און פאַרווערימט און געלאָזן צו קעלט און צו הונגער. זאָל מען פּרואוון מיט־ליידן מיט די ליידנדע. זאָל דער מענטש נישט לעבן אַזוי באַקוועם און פיליסטעריש אין דער טעכניש־אויסגעשטאַטער היים. זאָל מען זיך דערמאָנען אין דער קינדהייט, אין דער פריער יוגנט, אין דעם אופן ווי אונזערע עלטערן האָבן געקעמפט מיט די בייזע נאַטור־עלעמענטן. זאָל דער מענטש אַן אָטעם טאָן מיט שניי און ווינט און קעלט — זאָל מענטש אָנרירן די נאַטור, אָנרירן גאָט, אָנרירן דעם הייסן קעסל וואו עס קאָכן זיך די עלעמענטן. און זייענדיק געצוואונגען איינזאַם אין זיין הויז צו פאַרברענגען, זאָל ער אָנצינדן זיין נאַפט־לאָמפּ, צורופן ווייב און קינדער און פאַר זיי לייענען די געוואַלטיקע פּערזן פון גאָטס מאַיעסטעטישער גרויסקייט:

וואָרום ער זאָגט צום שניי: פאַל אויף דער ערד!
דאָס גלייכן צום גוסרעגן,
צום גוס פון זיינע מאַכטיקע רעגנס.
ער פאַרחתמעט די האַנט פון יעטווידער מענטשן
אַז אַלע מענטשן פון זיין באַשאַף זאָלן וויסן.
און די חיה גייט אַריין אין באַהעלטעניש,
און רוט אין אירע נאָרעס.
פון דער קאַמער קומט דער שטורעם,
און פון צפון־ווינטן די קעלט.
פון דעם אָטעם פון גאָט גיט עס אייז,
און ברייטע וואַסערן ווערן פעסט.
יאָ, ער לאָדט אָן מיט פייכטקייט דעם וואָלקן,
ער שפּרייט פאַנאַנדער זיין בליצכמאַרע.
און דאָס דרייט זיך רונד אַרום דורך זיין קירעווען
כדי זיי זאָלן טאָן אַלץ וואָס ער באַפעלט זיי
אויפן געזיכט פון דער ערדישער וועלט.

דאָס איז איינער פון די קאַפּיטלעך וועגן דער גרויסקייט פון גאָט, מיט וועלכן דער תנ״ך איז רייך. און זאָל קיין מענטש ניט געפּרואווט ווערן מיט דער שרעקלעכער טראַגעדיע פון איוב, כדי זיך צו דאַרפן פאַרטראַכטן איבער דער געוואַלטיקער לאַנדשאַפט פון גאָט, וואָס

ווערט אַזוי גראַנד־מייסטעריש געמאָלן. זאָל אַזאַ זאַך ווי אַ גרויסער שניי אים טרייבן צו דערקענטעניש און חשבון־הנפש און צום געדאַנק אַז קיינער קען זיך מיט זיין גליק ניט אָפּזונדערן און באַהאַלטן אין אַ ווינקל. אַז דאָס לעבן און דער טויט איז די קעגנוואַרט און די צוקונפט פאַר אַלעמען גלייך. אַז מיר וואַקסן אַלע אויף איין ריזיקן נאַטור־בוים. אַז איין שיקזאַל נעמט אונז אַריין אין זיינע אייזערנע אָרעמס. אַז גאָטס פרייד און אומגליק מוזן אַלע פאַרנעמען, ווי האָניק־זיס אָדער גאַליק־ביטער עס זאָל ניט זיין. זאָל מענטש צוריק זיך דערנענטערן צום מענטש און צוזאַמען טאָן דאָס גוטע פאַר אַלע לײַדנדע. זאָל מענטש פאַרבויגן זיין שטאָלץ און ניט מיינען אַז ער האָט שוין דעראָבערט די אומענדלעכקייט. זייער קליין איז דער מענטש און נישטיק ווי אַ פאַרגענגלעך גרעזל. זאָל ער לעבן זיין לעבן — אַזוי קורץ — מיט דער שרעק פון פאַרגיין און פון מוזן לאָזן אַלע גיטער און אוצרות שטיין אויף דער ערד און גיין נאַקעט צו זיין ערדישן גרוב. דאָס אַלץ וועט העלפן די מענטשן צו מאַכן בעסער, קליגער, מיטליידספולער און דאָס קורצע לעבן פון אַנדערע וועט אים זיין הייליקער און טייערער.

אין אַ טאָג פון גרויס איינזאַמקייט האָב איך אַליין זיך פאַרטראַכט איבער די אַלע זאַכן און פון גרויסן תנ״ך ציטערנדיק געלייענט... בשעת דער שניי איז געגאַנגען איבער דער וועלט מיט זיין קאָסמישער מאָנאָטאָניע...

ניו־יאָרק, דעצעמבער 27, 1947



טויזנטיאָריקער נח

ווי אַלט איז דער דאָזיקער באַרג וואָס באַרירט דעם שטורעם פון די וואַלקנס? ווען־מענס לייב איז צעאַקערט און צעשניטן פון טויזנט שטורעמס און טויזנט רעגנס און פאַרפלייצונגען? צופוסנס פון דאָזיקן באַרג שטייט אַ טויזנט־יאָריקער מענטשלעכער באַרג — נח איז זיין נאָמען. נח איז נישט קיין קורץ מענטשנלעבן. נח איז נישט קיין סענטימענטאַלער ראָמאַנטיקער. נח, דאָס איז אַן אַרויסגעבראָכענער באַרג פון לעבן. אַ שטיק ערד פון דער ערד. גאָט האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט אָפּוואַשן געגנוג ריין די הענט פון קנעטן נחן. אויף גאָט׳ס הענט זיינען געבליבן צייכנס פון ליים און וואַפּנע, פון גראַניט און טאַרף, אַזוי ווי ער וואָלט געקנאָטן אַ וועלט. נח איז ווי דער דאָזיקער באַרג — אָפּגעבראָכן פון מעשה בראשית. ווי נאָנט איז ער צו מעשה בראשית — ווי נאָנט צום טאַטן פון די דורות — אָדם.

נח — דאָס איז אַ טויזנט־יאָריקער מאַן וואָס האָט פאַרזוכט די געזאַלצענע איינזאַמקייט. ווי אָדם, וואָס איז געווען קעניג, איינזאַמער קעניג פון דער גרויסער וויסטעניש פון דער וועלט — אַזוי איז געווען נח. איינזאַמער מאַן אין אַן איינזאַמער וועלט.

נח האָט געזען אַ וועלט אויסשטאַרבן צו זיינע פיס. ער האָט געזען ווי גאָט קען פאַרניכטן דאָס גאַנצע לייב פון דער ערד. איינזאַם שטייט ער איצט אויף דער ערד, צופוסנס פונם באַרג, אַ פאַרגאַסענער פון די שטראָמען ליכט פון דער פאַרגייענדיקער זון. איינזאַם שטייט ער אויף דער ערד, וואָס איז דאָס קבר פון זיין דור. אַלע זיינען איצט טויט — זיין פרוי, זיינע קינדער, זיינע אייניקלעך, זיין גאַנצער דור. ער איז געבליבן אַליין, אַרויסשטעקן ווי אַ פעלז פון ים. ער איז געבליבן אַליין און דער איינציקער פון זיין צייט.

נח איז געווען דער צדיק פון זיין דור. האָט אים גאָט געשטראָפט און געהייסן לעבן, ווען אַלץ אַרום האָט זיך געבראָכן און געקראַכט. ווען דער מבול האָט פאַרגאָסן מענטש און חיה, אינסעקט און מילב. וועלכע שרעקלעכע שטראָף — צו מוזן צוזען דאָס שטאַרבן פון גאָר דעם לעבן אויף דער ערד. אין די פערציק טעג און פערציק נעכט פון טויט און וויסטעניש איז נח אַלט געוואָרן מיט אַ שרעקלעכער אַלטקייט. זיין פּנים האָט זיך פאַרענדערט, אַזוי ווי אַ בליץ וואָלט עס אָנגעריירט און פאַרברענט. זיין הויכע געשטאַלט איז געבראָכן געוואָרן. עס איז שרעקלעך פאַר אַ צדיק צו מוזן צוזען דעם טויט פון זיין דור. דאָס שטאַרבן פון זיין וועלט. דאָס צעבראָכן ווערן פון דער ערד. דאָס קראַכן פון לעבן. צו הערן דורך טאָג און נאַכט די קרעכצן, די געשרייען, די געבעטן פון אַ וועלט וואָס זינקט אין אַ שרעקלעכן אָפּגרונט. זיין קאָפּ איז אַלט און ווייס געוואָרן. נח האָט געזען דאָס שטאַרבן פון אַ גאַנצע וועלט.

טויזנט יאָר לעבן! ווי שלאַנגען בינדן אים איצט אַרום די פלאַמען פון דער זון. נח גייט שטאַרבן. נח איז מיד פון לעבן. עס איז גוט צו גיין צו דער ערד, זי אַרומנעמען ווי גרויס זי איז, זי דריקן צום האַרצן. עס איז גוט צוריקצוקומען צו דער מוטער ערד. צו בויגן און צו קניען צו איר און צו בלייבן ליגן קאַלט אין אירע איינגעווייידן. עס איז גוט צוריק צו ווערן ערד. צו וואַרפן פון זיך אַלע מעשים און

אַלע מחשבות. אָפּצושיילן פון זיך אַלע ווערטער און זיי צוריק צו דער ערד צו געבן. עס איז גוט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די גרויסע מענטשלעכע לאַסטן ווי ריזיקע געפּעק און זיך אויסטאָן נאַקעט און לייגן די פיס און די הענט צו דער ערד. אַלע גלידער איר אָפּצוגעבן. עס איז גוט היימיש און ברידערלעך די אַלטע ערד צו באַרירן. די ערד, די געשמיסענע און די געשלאָגענע. נח פילט גוט וואָס ער גייט ענדלעך צו דער ערד, נאָך אַ לאַנגן טויזנט־יאָריקן לעבן פון פּיין און ליידן.

די פלאַמען שטייגן. צוזאַמען מיט די פלאַמען וועבן זיך אַרויס בלויע פעדים פון בין־השמשות. דך גרויסע נאַכט גייט שטיל אַראָפּ פון די בערג, אויף סאַמעט־טאַלן טרעטן אויף מלאכים. הערשאַרן שטייגן אויף. פּנימער לויכטן. דאָס קומט נחס דור זיך געזעגענען מיט אים. דאָס קומען אַלע גייסטער פון דער ערד באַוויינען נח'ס טויט. די גאַנצע וועלט זעט איצט נח ווידער פאַר זיינע אויגן. די גאַנ־צע וועלט. די קינדהייט, די יוגנט, אַלץ לויכט ווידער אויף צום אַלטן, גרויסן מאַן. אַ גרויסע מוזיק גייט אויף, די גרויסאַרטיקע מוזיק פון די ספערן. די טויזנט יאָר פאַרשווינדן ווי שפּינוועבס. נח גייט ווי־דער דורך די גרויסע דראַמע פון זיין לעבן. גרויסע סצענעס צינדן זיך ווידער אָן. זיי זיינען נישט אַוועק. זיי לעבן. זיי עקזיסטירן. אַלץ וואָס קומט פאַר אויף דער ערד, עקזיסטירט אויף אייביק אינם קאָס־מישן טעאַטער.

אין פּאַרק סוף מערץ

איך טרעט ווידער אין דעם ווייכן און געהיימניספולן פּאַרק. איך קוק טיף אַראָפּ צו די קליינע 'שטיינדלעך, אין וואונדערלעכע אַלפאַרבן צעוואָרפן. אַמאָל, אין דעם פּוילישן לאַנד, פלעגט מיין פאָטער גיין אויף די וועגן, מיט טרערן אַ פאַרגאַסענער, און קלייבן די פאַרביקע שטיינד־לעך פון וועג. איצט גיי איך אין זיינע שטילע וועגן. אַוודאי איז דאָ דורכגעגאַנגען אַ שטורעם. בוימער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָר איך גיי מיט גרויס באַדויערן און מיטגעפיל דורך דער ערד פון פּאַרק. ווי דימענטן, 'ווי טייערע איידלשטיינער, הויב איך אויף די שטילע, שטומע שטיינדעלעך. זיי זיינען ווי קליינע לאַנדשאַפטן. ווי מיניאַטור־מאַלערייען. איך וויל זיי אַריינבברענגען אין מיין אָרעמער שטוב. נאָר פלוצלונג דערשרעק איך זיך פאַר דער גנבה. איך וואַרף זיי אַלע צוריק אַרויס צו זייער היים — די ערד. זיי געהערן צום גרויסן קעניגטום פון פּאַרק. זיי געהערן צו דער גרויסער ערד. אפשר וועלן זיי אויסוואַקסן ווי פעלזן. אפשר וועלן זיי גרויס ווערן.

איך בויג זיך איין נידעריק צו דער ערד. דער ווינט האָט אָפּ־געבראָכן גלידער פון די בוימער. מענטשלעכע הענט האָבן אָפּגעזעגט דיקע צווייגן. דאָס האָלץ פון אינעווייניק איז ווי מענטשלעך פלייש. זון־פאַרברענט ווי האָניק. ווייס ווי מילך. ברוין ווי גאָלדענע האָניק. דו ווילסט צונייגן דיינע ליפּן צום פלייש, טרינקען דעם זאַפט פון דעם בוימס האַרץ. עס איז אַזוי פריש אַזוי ווי אַ ניי־געבוירן קינד — דאָס פלייש פונם בוים. איך וויל צופאַלן דערצו און עס קושן.

איך גיי דורכן פּאַרק מיט אַ רירנד געפיל. אַ פויגל שטעלט זיך אָפּ אויף אַ צווייג. אונזער אַלטער ליבער פויגל. דאָס בייכעלע — אַ

קליין פייערל. מיר קענען זיך נאָך פון דער קינדהייט. איך האָב אים אַזוי ליב געהאַט, אַז איך האָב אים נאָר געוואָלט פאַנגען... אָט איז דער פויגל — פריש און געזונט און פרילינגס־משוגע. ער טאַנצט פון צווייג צו צווייג. ווידער וואָלט איך וועלן אויסציען די האַנט, אים פאַנגען, אים קושן און זיין ליבלעכן העלדזל. מענטש האָט זיך צופיל דערוויי־טערט פון פויגל. פון נאַטור. מענטש האָט פאַראַטן די נאַטור. די וועלט איז שלעכט. מענטש האָט אויסגעפונען פון גאָט געפערלעכע סודות. ער קען זיך זעלבסט פאַרניכטן. נאָר קומט מען פון דער מענטשישער וועלט צו דער נאַטור, נעמט זי אויף פריינטלעך. די נאַטור האָט פאַר דיר צייט און געדולד.

און איך באַטראַכט די אַלטע מוטער ערד. אַזאַ גוט געפיל איז אין דערנענטערן זיך צו איר, אָן שוועלן און אָן טרעפּ, אָן אינזשיניערישע קאָנסטרוקציעס. עס איז די זעלבע אַלטע ערד. זי וועט דיך אַריינגעמען אין איר מיטן. די ערד וועט דיך אויפעסן. דיך פאַרצערן. און אין טיפן טרויער קומט מען צו דער ערד ווי מיט אַ געבעט: נעם מיך צו. איך בין מיד צו זיין — איך. איך קען שוין מער פאַר זיך אַליין ניט עקזיס־טירן. איך מוז זיך אויפלייזן. איך מוז ווערן די גאַנצע ערד. איך מוז ווערן ווינט און וואָלקן און ווייטקייט.

די זון שיינט מילד. די האָניק־ברוינע האָר פון מיידלעך זיינען וואונדערלעך ווי בלעטער פון גרויסע בלומען. איך גיי אין פּאַרק אַ פּיכטער, אַזוי ווי פון אַ נאָך נאַסער מאַלעריי אַרונטער. איך גיי אין פּאַרק — ווי איינגעהילט אין גאָט. די פייכטע כמאַרעס גייען נידעריק איבער מיר. דער הימל לעגט זיך אויף דער ערד ווי פּליוש. מען דאַרף אויסטאָן די שיך און גיין אויף דער ערד ווי אין אַן אינדישן טעמפּל.

ניו־יאָרק, 26 מערץ, 1948

די קליינע סעמעטערי

גייענדיק אויפן גאַס — אין שרעקלעכן דעצעמבער־ווינט — ווען די נאַטור שלאָגט דעם מענטשן, בין איך פּלוצלונג געבליבן שטיין פאַר אַ באַשיידענעם אייזערנעם שטאַכעט, וואָס איז געווען רויט פון זשאַווער. איך האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק, אין גאָרטן — דאָרט האָט געהערשט רו. עס איז געווען אַ קליינער בית־עולם. און די שטי־מונג האָט מיך געגלעט און געטרייסט.

יאָ, איך האָב געמוזט זיין גענוג טרויעריק פון לעבן, כדי צו דאַרפן געטרייסט ווערן פון טויט. איך האָב געקוקט אויף די מצבות. די מצבות זיינען געווען ווייס, ווי מילך, ווי די לופט, ווי וואַסער וואָס רעפלעקטירט אַ ווייסן הימל אינמיטן טאָג. זיי זיינען געווען ווייך, מילד, ווי קרייט. עפּעס האָבן די מצבות פאַרלוירן זייער גראַניטענע האַרט־קייט. עס איז ניט געווען קיין גראַניט. עס איז געווען שטיין — דורכגעווייקט דורכן רעגן, שניי, האָגל, פייכטקייט פון דער לופט, קעלט און ווינט. נישט נאָר די טויטע אין די קברים — אויך אויף די מצבות איז געווען אַ רחמנות. און אַלע מצבות זיינען געווען איידל־געשניטענע, באַשיידענע. גאָרנישט קיין צלמים און בכלל נישט פון דעם מענטשנס פאַרביסענעם און פאַרריסענעם שטאָלץ, וואָס שטעלן ניט פּאַמפּעזער פּאָזע און מיט חוצפה מעכטיקע מאָנומענטן. עס איז

געווען קלאָר אַז אַ באַשיידן פאָלק האָט דאָ זייערע מתים געלעגט. און מיר איז ביסלעכווייז קלאָר געוואָרן אַז עס איז אַ אידיש בית־עולם.

איך האָב אויף איין מצבה, גרוי ווי קרייט, און דורך די שטאָ־לענע ציין פון צייט אַרומגעביסן געקענט קלאָר איבערלייענען דעם נאָמען „אָפּענהיימער". אין ערשטן מאָמענט האָט מיר אַ שלאָג געטאָן זייער נאָמען ווי אַ באַנקירס נאָמען... אָבער איך האָב באַטראַכט די דינע מצבה, וואָס אַ האַלבע איז פון איר געווען אָפּגעבראָכן — און די בוכשטאַבן אויסגעמעקט און בכלל אַלץ וואָס איז געווען אַזוי באַ־שיידן — אַז דאָס באַנקירישע איז שנעל אָפּגעפאַלן. און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ קליינער איד — איין איד פון אונזערע פילע דורות אידן...

און אָט טויכט אויף אויף אַ צווייטער מצבה דער נאָמען „ראָ־זאַליע"... מיר איז פון דעם ווייבלעך־ווייכן נאָמען געוואָרן היימיש... רחל... ראַכעליאַ... רויזעלע... ראָזע... רויז... די דאָזיקע פרוי, וואָס ליגט דאָ אפשר הונדערט יאָר אונטער דעם שטיין — איז געווען אַמאָל יונג, אַ זעכצן, זיבעצן, אַן אַכטצן יאָריקע... מיט רויטע קופּערנע לאָקן, אָדער גאָר טונקעלע, סעמיטישע, ביבלישע, ווי די מוטער רחלס... די דאָזיקע פרוי — ווען צייט ווערט איבערגערוקט — וואָלט קענען זיין מיין כלה פיללייכט...

און אָט שטייט זי פאַר מיר — אין זון־ליכט באַגאָסן, פול מיט וויץ אויף אירע ליפּן; פול מיט לעבן און מיט שמייכל אויף איר גע־זיכט... ראָזאַליע... זי האָט געהאָפט, געטרוימט, געבליט, געבענקט און געליבט... און עס איז איצט נישט מער געבליבן ווי אַ נאָמען... ראָזאַליע — אויף שוואַכן, אומסאָלידן שטיין, וואָס ווערט פון רעגן געוואַשן און דורך די צייט פון צייט אַרומגעריזשעט...

איך האָב געזען קליינע קינדער־קברים — מיט מצבות וואָס זעען זיך קוים אָן, אויסגעקרימטע... אומעטיקע... טרויעריקע... וואָס פאַר אַ טרויעריקן איינדרוק זיי מאַכן... און יענע דאָרט — די ליגנדע מצבה — וועמענס פלאַטע איז אַוועקגערוקט און מען קען זען דעם גאַנצן גרויען רעאַליזם פון ערד... אַז שליסלעך ווערט מענטש און שטיין — צוגלייך ערד... ערד איז די קעניגין פון אוניווערס... פון ערד באַ־שטייען די קעניגן און די בעטלערס — און די שטערן אין הימל, וואָס שניידן זיך איצט איינציקווייז אַרויס אין דעם בלויען סאַמעט פון פאַר־נאַכטיקן הימל...

איך האָב באַטראַכט די בלומען, וואָס זיינען נאָך געווען רויט, האַרט ביים איינגאַנגס־טויער. אָ, איך האָב זיך דערפרייט מיט אַ ביסל לעבן, מיטן באַריר מיט לעבעדיקע נאַטור. עס איז געווען ווי אַ באַריר — נאָכן וואַנדערן מיליאָנען מיילן אינם „טויטן" רוים — מיטן לעבן. ווען אפילו די בלומען זיינען געווען דערמאָרדעט דורכן קאַלטן דע־צעמבער־ווינט, דורך דעם געזעץ פון צייט... עס איז געווען אַזאַ אומ־ענדלעך גליק צו פרייען זיך ווידער מיט קאָלירן... מיט דער פריש־קייט פון נאַטורס אומשטאַרבלעכע קאָלירן — מיט איר אייביק־פרישן אָטעם...

איצט האָב איך אויפגעהויבן די אויגן — און איך האָב געזען אַז דאָס בית־עולם איז אַרומגערינגלט מיט הויכע מויערן, מיט פילע פענצטער, אַ טייל נאָך מיט אַלטמאָדישע, דינע לאָדנס, אויפן אַלט־גאָדישן שטייגער. איין וואַנט איז געווען אַ רויטע, פון ציגל געמויערט.

און די אַנדערע צוויי — ווייס־געקאַלכטע, אַזוי ווי לופט. איך האָב געוואָלט זען אַ מענטשנגעזיכט אין אַ פענצטער. געוואָלט זען ווי מענטש פילט אין באַציאונג צו דעם בית־עולם. אָבער — די פענצ־טער זיינען געווען ליידיקע. איך האָב ווידער געקוקט צו די קברים. צו די זיך קרישלענדיקע קרייט־מצבות, די רויטע בלומען, וואָס האָבן וואונדערשיין געבליט אין זומער, אַזוי ווי די מענטשן, וואָס האָבן וואונדערשיין געבליט אין דעם לעצטן יאָרהונדערט...

איך בין געגאַנגען ווייטער און כ'האָב געמורמלט די פערזן פון יאַנגפעללאָוס אַ פּאָעמע וועגן ענלעכע אידישע קברים... און פון דער בלויקייט פון הימל, פון די זיך באַוועגנדע וואָלקנס, פון די לעבעדיקע אינדזלען פון בלויקייט, אַרומגעבונדן מיט דער זילבער־וואַטע פון כמאַרעס, זיינען אויפגעגאַנגען אַלערליי געשטאַלטן און פיגורן — פּי־לייכט פון די יעניקע וואָס זיינען דאָ אונטער דער ערד באַגראָבן. זיי האָבן אַלע פאַר מיר אויפגעשטראַלט אין די בלויע, הימלישע אַלייען— און צוזאַמען מיט דער לופט, מיט די וואָלקנס, מיט דער בלויקייט פון הימל, מיטן ציטערן פונם עטער, האָבן זיי זיך באַוועגט, אַזוי ווי אין געוואָלטיקע בינע — אַזוי ווי אַ גאַנץ טעאַטער — אַזוי ווי זיי וואָלטן באַוועגט געוואָרן אין קאָסמאָס דורכן אָטעם און דורך דעם לעבן פון גאָט!

ניו־יאָרק, דעצעמבער, 5, 1944

צו די וואָס שטראָפן

עס פאָרן זיך שטענדיק אַרום מענטשן וואָס שטראָפן אונז. זיי באַ־געגענען אונז אין דער בוכהאַנדלונג, אין דער ליטעראַרישער קאַפע, אין גאַסן, אַפילו ביים ברעג פון ים, אויף דער גאָלדענער פּליאַזשע, וואו עס באַוועגן זיך טויזנטער נאַקעטע גופים. די דאָזיקע מכלומרשטע נביאים וואָגן אַנצונעמען די הויט פון הייליקע, דאָס פּנים פון פּראָפעטן און זיי וואַרפן דיר פאַר אַלע דיינע פאַרברעכנס, פון וועלכן זיי פירן דעם בעסטן רעקאָרד. איך האָב ליב צו זאָגן צו די דאָזיקע מענטשן: איר שטערט מיר מיין רואיקע באַנעמונג פון דער נאַטור און פון מענטשן. ביים ברעג ים, בשעת אונטן, אין די טינט־בלויע כוואַליעס באָדט זיך דאָס ביסל שטערבלעכקייט — האָב איך ליב צו קוקן צו דעם בלוי־ פון דעם הימל און צום נאָפלעסיקן שפּיל פון די וואָלקנס, וואָס אַ קינ־דישע האַנט — די אייביק קינדישע האַנט — צייכנט אויפן הימל. איך האָב ליב נאָכצוקוקן צום נאָכלעסיקן גאַנג פון די וואָלקנס, צו די ברעג מיט זילבערנע וואַטע, צום ריטם פון די וואָלקנס, ווי זיי טראָגן זיך אין געאייל איבער דער סטראַטאָספערע, זיך פאַראייניקנדיק אינם כאָר פון די שטערן.

משפּט מיך נישט ביים ברעג פון ים, איר פאַלשע לייט, איר איינ־געוויקטע אין זינד ווי נאַסע שמאַטעס. איר, אונטערשמייכלער און בעל־קנאה־מענטשן, איר נישטיקע ברואים, משפּט מיך נישט ביים ברעג פון ים, וואו איך קוק אייך דורך צו העכערע און שענערע זאַכן. איך האָב, אין אמתן געזאָגט, קיינמאָל אויף אייך נישט געקוקט. איך האָב געקוקט ווייטער פון אייך, העכער פון אייך, איבער די האָריזאָנטן, צו גאָט.

און אין קאַפע, ווען איך זיץ איינזאַם, איר געמיינע ציניקער,

באַלאַגערט מיך נישט און וואַרפט מיר נישט פאָר וואָס איך האָב געשריבן. אפשר באמי איך זיך אין דעם מאָמענט פון שפּינוועבס פון דערינערונגען צוזאַמענצושטעלן דעם פּאָרטרעט פון אַ פאַרגאַנגענעם מענטש פון וועמען די ווערים עסן אויס דאָס שלעכטס און וועמענס גייסט האָט גאָלדענע פליגל. דערנענטערט זיך נישט צו מיר, דען איך קוק אין דעם מאָמענט אַרויס דורכן פענצטער, צו זען ווי דער רעגן וואַשט די טראָטואַרן, צו זען ווי אַ בוים כאַפּט אַוועק אירע גרינע צווייגן פונם פּאַטש פון ווינט, אַזוי ווי אַ כלה דרייט אַוועק איר קאָפּ פון התנס אַנגעצונדענע האַנט. שטערט מיר נישט צו טונקען מיין קאָפּ אונטער דעם ליקידן פלוס פון דער לבנה, ווען זי דרייט זיך אין איר פּרוכטלאָזער מאָנאָטלעכקייט אַרום דער ערד.

די גאַס איז פול מיט שאָטנס. מיט קריפּלען. מיט קלאָונען, וועמענס געזיכטער זיינען פאַרשמירט מיט פאַרבן, מיט טרערן און מיט בלוט. אין דער נאַכט קריכן אַרויס פון די מאַנסאַרדעס און פון די קעלערן אַלע הייליקע, אַלע קרומע און לאַמע, און פון די קברים גייען אַרויס די פּאָעטן, די יונג־פאַרשטאָרבענע. אין אַזאַ שטערנפולער נאַכט קענען זיי נישט איינליגן אין דר'ערד. שטערט מיר נישט, איר ציניקער, זיי צו דערזען, צו דערשמעקן זייער קברים־ריח, דעם ריח פון איינזאַמקייט, לאָזט מיך זיי באַנעמען און גיין מיט זיי צוזאַמען צו די טויערן פון גאָלד — ביים סוף פון דער נאַכט. איר, מיט אייערע רייד, איר קומט מיך שטראָפן, פּונקט ווי איר אַליין וואָלט זיין ריינע און ערלעכע. אָבער גאָט וויסט דעם אמת און משפּט אייך לויט אייערע פינצטערע מעשים. יעדער טראָפּן בלוט אין אייך איז פול מיט פאַרברעכערישקייט, און איר, פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, קומט מיך אורטיילן — מיך, וואָס איז נאָך אַלץ קינד, וואָס גייט אַרום אויף דער ערד מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן, און גאַפט קינדיש אויף יעדער דערשיינונג פון דער רעאַליטעט. אַזוי ווי אַ קינד לופט אַרום אין אַן אַנגעצונדן פעלד אין פרילינג, רייסט בלום נאָך בלום און זיינע פרילינג־טוי־פּייכטע הענט זיינען איינגעשמירט אין בלוט פון די רזיטע בלומען...

איר, געמיינע, פאַרקויפטע לייט, קומט מיך נישט שטראָפן, קומט נישט מיט אייערע צינישע רייד מיר שטערן צו דערזען פון לעבנס־ליידן צעקרימטע מענטשן־מאַסקעס, ווי שטיקער בראַנדז, וואָס שמעלצן זיך ביי אַ גרויסן פייער. ווי ליים־מאַסקעס, וואָס דער ווינט פּאַטשט און שלאָגט דורך די יאָר־טויזנטער. איך האָב אייך פיינט, איר פאַלשע נביאים. איך פאַרטראַג אייך נישט, איר פון אויבן ביז אַרונטער איינגעוויקטע אין זינד!

ניו־יאָרק, אַפּריל, 28, 1945.

דער מענטש

פון אַלע קונסטווערק וואָס מיינע אויגן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך; פון אַלע סקולפּטורן און בילדער פון אַלטע פעלקער — לויכט אַרויס דער מענטש, דער פאַרפאַלגטער, דער געיאָגטער, דער געפּלאָגטער און דער פאַרצאָגטער מענטש. דער מענטש — ווי ער איז אַרויס פון דער טיפעניש פון פייערדיקע זומפּן — דער וואָס האָט שוין אַלס פיש אין ים געוואָלט זיין מענטש — וואָס האָט אין דער טיפעניש פון וועלט־באַשאַף געלעכצט מענטש צו זיין. געגנוג אַ קוק צו טאָן אויף אַ ברוך

פון אַן אַנטיקער סטאַטוע — ברענט אַרויס אַ שטיק מענטשנגעזיכט, אַ געשלאָגענע באַק, אַ פאַרפלאַמטע, צערפולע אויג פון אַ מענטש וואָס האָט מורא געהאַט פאַרן טויט. וואָס האָט זיך געשראָקן פאַר קראַנק־הייט. וואָס האָט אויסגעשטרעקט זיין פויסט קעגן דעם גראַניטענעם שיקזאַל. שפּעט ביינאַכט מישסטו מיט אַ ציטערנדיקער האַנט די בלעטער פון דעם אַלטן קונסט־בוך און עס ברעכן זיך אָפּ שטיקער געהינומדיקע פנימער פון נביאים — שטיקער צעפלאַמטע אַפּאָסטאָלן — צעבראָכענע מאַרטירער — באַז־רעליעפן פון הייליקע און וואַנזיניקע — קאַריאַטידן פון געדולדיקע פרויען און מענער וואָס האַלטן אָט־לאַסדיק אונטער דעם וועלט־פירמאַמענט און וועמענס גראַניטענער געדולד פּלאַצט. שפּעט ביינאַכט, אונטער ליכט פון דער פאַרפלעקטער לבנה, וואָס גיסט מיט טינט־בלויקייט אויף דער דערשראָקענער פלאַרא־וועלט — אויף דעם שוועסטערלעכן געצאַפּל פון די צאַרטע פלאַנצן — מישסטו דאָס אַלבום־בוך און מענטש קוקט פון דאָרט אַרויס — מענטש — נביא — און קעמפער — מאַרטירער און הייליקער — קעניג און קלאָון; מענטש פון די בלעטער פון געשיכטע; פון דעם פייער פון מלחמות; פון דער טיפעניש פון דזשאַנגלדיקע וועלדער; מענטש דער צעשרפהטער און אָפּגעברענטער; מענטש וואָס גריזשעט זיין פריינדס שאַרבן; וואָס פרעסט זיין קאַמעראַדס קישקעס; מענטש־קאַניבאַל און פּראַוואָקאַטאָר. מענטש־העלד וואָס אומאַרעמט זיין געליבטע און קיין שום ווינט קען זיי נישט צערייסן און צעשיידן. דו גייסט דורך מוזעאומס און דו קוקסט צו גריכישע, רוימישע, עגיפּטישע, עסטרוס־קישע און קרעטישע קונסטווערק. עס שרייט אַרויס דער מענטש אין זיין פּראָטעסט קעגן דער נאַטור — אין זיין געיאָמער איבער אַ פריינדס טויט — אין זיין אויסגעשריי פון פּיינען און פון קראַנקהייט — אין זיין קענטערישער פאַרקרימונג. — אין זיין ביזאַרן גרימאַזש — אין זיין גראָטעסקער מאַסקע — אין זיין פינצטערן רעוואָלט — אין דעם ערד־ציטערניש געשריי פון זיין זעעלע.

פון די סטאַטועס פון מיקל־אַנדזשעלאָ; פון די סקולפּטור־ווערק פון די פּרימיטיוון; פון דעם גריכישן שיינקייטס־פּעסטיוואַל — פון אומעטום — פון אַלע ווינקלען פון דער ערד — ברעכט ער אַרויס אין זיין שטומען געשריי — אין זיין אויסטערלישן יאָמער — אין זיין שרעקלעכן ווייטיק — דער מענטש וואָס בלייבט אומפאַרענדערט דורך די צייטן און וואָס ברעכט זיך דורך מיט זיין פאַרבלוטיקטן זיגער־קאָפּ דורך אַלע זאַווערוכעס — דורך אַלע וואַלקנס פינצטערע — ברעכט זיך דורך מיט זיין געטער־פּנים כדי אַריינצוקוקן אין דעם קאָלאָסאַלן ליכט פון גאָט — כדי אויג אויף אויג זיך מיט גאָט צו באַגעגענען.

ניו־יאָרק, דעצעמבער, 12, 1946

אַ פריינט איז געקומען

פון דער וועלט פון חוזק און ציניזם; אין דער אייזיקער קעלט פון מענטשלעכן האַס — האָט זיך אין אַ נאַכט באַוויזן אַ פריינד. ער איז נישט געקומען איבער שטאָק און שטיין, איבער בערג און טאָל, איי־בער שאַרפע און געזאַלצענע וואַסערן און ווינט־זאַווייען; ער טראָגט נישט קיין גיטאַרע ביים האַרץ, ווי דער מיטלאַלטערלעכער ריטער; ווי דער אומשטערבלעכער דאָן קיכאָט פון לאַמאַנש. מיין פריינד איז געקומען מיט אַ שנעלצוג און ער האָט זיין צימער דאָ געפונען, אין מיין הויז, וואָס איז אַלט און קרעכצט פון דער לאַסט פון פריערדיקע איינוואוינער — פון פאַרגאַנגענע דורות.

עס איז געקומען אַ פריינד. ער האָט קיין זיסע ווערטער און קיין פאַלשקייטן נישט געבראַכט. נאָר זיין האַרץ בלאַנקט ווי אַן אָפּ־געפּוצטע לבנה, וועלכע דער ווינט פוצט מיט זיין וואַלקנאַרבל און רייבט איר קופּערנע הויט מיט דעם שטויב פון שטערן. זיין האַרץ, דאָס אַלטע מענטשנהאַרץ, ער האָט עס געבראַכט צו מיר אויפן גאָלדענעם טאַץ פון זיין אומפאַרענדערלעכער פריינדשאַפט.

איך בין שטום און קאַלט. שוין צוגעפּילט זייט יאָרן די שפּעטע נעכט אָנצופילן מיט פסוקים פון אַמאָליקע פּאָעטן. צו לייענען גריכנ־לאַנדס און לאַטייניש ע לידער. איינצוזאַפּן אין זיך די פּאָעזיע פון צאַרטע פרויען ווי סאַפאָ און קעטרין מענספילד. אַריינצוקוקן אין די לעצטע שורות פון באַרימטע טאָג־ביכער און איינצוהילן זיך אין ווערטער פון פאַרגאַנגענע דורות. און דאָ זיצט דער פריינד אויף אַן אָרעם, אייזערנעם בעטל. ער איז דאָ קיינמאָל נישט געשלאָפן. עס זיינען אים פרעמד די ווענט — די ווענט, ווי פאַרטרעטן פון מיזערע, אויף וועלכע עס איז געקריצט דער טרויער און די בענקשאַפט פון מענער און פרויען, וואָס האָבן דאָ געוואוינט און געטרונקען דורכן פענצטער דעם שוימיקן שאַמפּאַניער פון דער לבנה. און איבערן קאָפּ פון מיין פריינד הענגט אַן אַלטע לאַנדשאַפט; בערי־אַזעס ווי געפאַרבט מיט קאַלך, אַ פעלד אַ פייכטס, אַזוי ווי פון פוילן, אַזוי ווי פון די פעלדער פון דיין קליינער קינדהייט, נאָך נאָס פון שמעקנדיקן טוי, נאָך פייכט פון די פייכטע און לאַנגע קישן פון דער נאַכט. עס איז די לאַנדשאַפט פון אונזער יוגנט, פון דער פריער קינדהייט. זי גייט אונז נאָך, די פייכטע לאַנדשאַפט, ווי אַ געטרייע כלה, וואָס איז אַלט און טרויעריק געוואָרן און זעט אויס ווי אַ קראַנקע מזמיע. זי גייט אונז נאָך, די קראַנקע לאַנדשאַפט, ביזן טויט. זי וויל אונזער קבר זיין... און מידע פון לעבן — קוקן מיר מיט צופרידנקייט אויף איר ערד, אויף איר ליימיקע זאַמד, וואָס וועט אונז באַרואיקן ווי קינדער...

און די נאַכט רינט מיט רגעס און מיט מינוטן. מיט שטונדן און מיט פולע יאָרן. אין אַזאַ נאַכט גייט אויף דאָס גאַנצע לעבן פון אַ מענטש. איך קוק אויף מיין פריינדס געזיכט. איך דערקען עס גוט. איך האָב עס געזען אין דעם גרויסן ראָמאַנס פון דעם טרוימער און ריטער דאָן קיכאָט. דאָס ערלעכע געזיכט פון סאַנטשאָ פּאַנטשאָ, וואָס גייט געטריי און געהאַרכזאַם נאָך דעם שלאַנקן און אויסגעבליכטן ריטער. איך האָב עס געזען אין דעם גאָטישן צימער פון דר. יאָהאַנעס פאַוסטוס — דאָס געזיכט פון דעם תלמיד, וואַגנער, וואָס הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו יעדעס וואָרט פונם אומגעהויערן לערער פאַוסט.

איך האָב עס געזען אויף די פעלדער פון אוקראַינע, אַרום אומאַנס פּאָטיטשער פּאַנאָראַמע. דאָס אידעלע געזיכט פון נתן, וואָס פאַר־שרייבט יעדעס וואָרט פון דעם פאַרצערטן און צאַרטן ר׳ נחמן בראַסלאַ־ווער, וואָס ברענט מיט צויבער־מעשׂות און איז איינגעהילט אין פלאַ־מען פון משיח־דערוואַרטונג... איך קען עס גוט — דאָס ערלעכע גע־זיכט פון אַ הייליקן, וואָס אין אַ וועלט פון ציניזם און שפּאָט בלייבט עס איבער איינציק און אַליין צו טיילן די מיזעריע און די איינזאַמקייט פון דעם שעפערישן גייסט. די דאָזיקע ערלעכע מענטשן האָבן פאַרשריבן די רייד פון די פייער־טריפנדיקע נביאים; זיי האָבן פאַרקריצט די פּסוקים פון די אַפּאָסטאָלן. די דאָזיקע מענטשן האָבן דעם בלאָנדן נאַ־זאַרענער באַגלייט אויף די וועגן אַרום די וואַסערן און האָבן מיט אים געגעסן טרוקענע ברויט מיט טרערן און האָבן געטיילט זיין געלעגער אויפן האַרטן שטיין. עס זיינען די דאָזיקע ווייניקע מענטשן — אין וועמעס זכות דער שעפער שאַפט. — — — — — — — — — — — — — — —

און אין איינזאַמקייט זיצט מיין פריינד און עס לויכט אַרויס זיין האַרץ פון אים — אַזוי ווי אויף די בילדער פון פריען רענעסאַנס, די פּאָרטרעטן פון דער הייליקער, וועמענס האַרץ ווי אַ רויטער עפּל פלאַמט אַרויס. ער זיצט אין באַשיידנקייט און איך ווייס אַז איך דאַרף אים האַלדזן און קושן, דען ער האָט געבראַכט צו מיר אויפן גרויסן בעכער פון פריינדשאַפט, זיין גאָלדן האַרץ.

און ווען איך גיי אין מיין וואוינונג, לייען איך ווידער די אַלטע ספרים; נאָר דאָס לייענען גייט מיר נישט איין. איך הער דעם אָטעם פון מיין פריינד. איך זע ווי די לבנה קומט צו צום קליינעם פענצ־טער און וואַכט איבער אים, אַזוי ווי ער ליגט אויפן אייזערנעם בעט און וואַרט ביזן פרימאָרגן, ווען ער וועט מיך ווידער קענען באַגע־גענען.

געבענטשט זיינען די דאָזיקע ווייניקע הייליקע פון דער ערד. אין זייער טרייסט און פריינדשאַפט וואָלט גאַליק־ביטער געווען דער מאַרטירער־וועג פון די וואָס שאַפן און צינדן שיינקייטן און פלאַמענדע אילומינאַציעס אין דער פינצטערער נאַכט פון דער וועלט. קיין איינער פון די גרויסע דאָן קיכאָטן פון דער וועלט וואָלט נישט געקענט דורכשפּאַנען די טאָלן און די בערגער פון דער וועלט — אָן דעם שאָטן פון דעם באַעוולה׳טן סאַנטשאָ פּאַנטשאָ ביי זיין זייט.

ניו־יאָרק, 10־טן אַפּריל, 1945

קאַראַטיד צווישן הימל און ערד

ווען עס רעגנט מיט שווערע, פינצטערע רעגנס איבער דער ערד; ווען די וואָלקנס לויפן נידעריק איבער די ערדישע טאָלן אַזוי ווי גע־שוואָלענע, עלעמענטאַרע מחנות קריגער פון אַ קאָסמישע מלחמה; ווען דער רעגן פאַלט ווי שווערע שטיקער זילבער, ווי מעכטיקע שטיקער בליי, ווי אייזערנע געוויכטער איבער די קעפּ פון די זינדיקע און די שטערבלעכע; ווען דער רעגן ווערט פלוצלונג צאַרט ווי אַ האַרפע, מיט געלבע, דינע סטרונעס וואָס ציען דורך ווי פעדים דעם גאַנצן חלל פון דער לעבעדיקער וועלט; ווען דער רעגן שפּאַרט פון אַלע זייטן און לעכער פון הימל אַזוי ווי אַ געשריי פון יאָמערנדע מלאכים; ווען דער רעגן ברעכט זיך איבער, ברעכט אַרויס פון די שליוזן פון

הימל, יאָמערט אַרויס פון דער האַנט פון גאָט, בויגט זיך אַריבער דער ערד מיט דונער און בליץ און מיט עלעקטרישער באַלייכטונג — אָ, ווען דער רעגן שפּאַרט און זידט און פּליעצט און ברעכט אַרויס אַזוי ווי דאָס גרויסע געקרעכץ אין דער נאַטור נאָך אַ געוואַלטיק פאַר־ברעכן — דעמאָלט שטיי איך אין שרעק און אין מורא פאַרן אַלמעכ־טיקן. איך ציטער אויף ביז צו די טיפסטע גרונטן פאַר דעם פּנים פון נאַטור. איך טוליע זיך צום אויסגעבענקטן ווינקל, צו אַ נישע אין אַן אומאַזשינערער וואַנט. איך ווער אַ קאַריאַטיד צווישן הימל און ערד, איך ווער פאַרגליווערט אין אַ שרעקנס־געשטאַלט פאַר די אַלמעכ־טיקייטן פון דער נאַטור.

מיך באַפאַלט דעמאָלט אַן אורהאַפּטע מורא. דער אורמענטש גייט אויף אין מיר. דער מאַן מיטן פּנים פון אַ חיה. דער מאַן מיט די אויגן פון דער מאַלפּע. דער מענטש מיטן גאַרן קאָסמישן אינסטינקט. די בליצן צינדן אָן די נאַטור פון אַלע פיר זייטן. די רעגנפייכטקייט דערמאָנט מיך אין דעם פייערדיקן אורזומפּ פון דער אורצייט. מעשה בראשיתדיקע לאַנדשאַפטן גייען אַרויף ווי אינדזלען אין ים פון זכרון. מיך נעמען דורך אייזערנע שטראָמען און טייכן און פעלדזן פון דער פאַרגאַנגענהייט. איך ברעך אַרויס אין דונער און אין בליץ. די אימה איז גרויס. די ערד דעקט זיך אָפּ שיכטנווייז און אַלטע ערדן גייען אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. איך ציטער אַ גרויס ציטערניש. אַ גרויס אורמענטשלעך געשריי ברעכט דורך מיינע אינגעווייד. די נאַ־טור ווערט צו מיר אַ וואַנזיניקע לאַנדשאַפט, פאַר וועלכע איך האָב מורא און וועלכע ציט מיך צו. ווי אַ וואָרים — שטעך איך מיין קאָפּ אונטער די טיפסטע שיכטן ערד. ווי אַ בליץ דריי איך זיך אין דעם שטורעם פון די עלעמענטן. איך האָב מורא פאַר פאַרניכטונג אין דעם קאָסמישן געקנויל פון כוחות — און איך באַקום נייע כוחות פון די שטראָמען, קוואַלן, ברונעמס און שפּאַלטן פון דער נאַטור. איך ווער ווי אַריבערגעצויגן מיט אַ נייער הויט. אַ פאַנצער פון פייער איז אַרום מיינע גלידער. איך טו זיך אָן אין דער שטאַרקייט פון גאָט. אין דער מורא, אין דער משוגענער אימה ווער איך שטאַרק, די שווערקייט פון די הימלען דריקט איבער מיין שאַרבן. די שווערקייט פון דער ערד ציט מיין נפש צו די טיפסטע גרונטן. אינמיטן שטיי איך — געבויגן און געבראָכן — אַ קאַריאַטיד צווישן הימל און ערד!

ניו־יאָרק, יולי, 25, 1948.

שפּעט ביינאַכט

דורך די ביימער זעען זיך די ליכט פון די פענצטער. איך קען נישט דאָס הויז פון בייטאָג. איך ווייס נישט וועלכע דימענסיעס עס האָט. די ליכט זיינען איצט ווי שטיקער גאָלד. ווי צעריסענע שטאַבעס גאָלד. עס איז אַ ליכט פון אַ בית־המקדש אין דער נאַכט, פון אַ הויז פון גאָט, וועמענס טירן עפענען זיך אין אַלע פיר זייטן — אין אַלע פיר טיפּעניש פון דער וועלט. דאָס ליכט ציטערט. די פענצטער שטייען הייליקע. זיי דאַווענען און שאָקלען זיך. זיי ציטערן מיט די בלעטער, מיט דער לופט. דאָס ליכט פאַלט איבער זיי ווי איבער שעקספּירס געשטאַלטן. ליכט פון אוראַלטע אידן.

איך פיל די עקזיסטענץ פון יעדער בלאַט — פון יעדער צווייג — פון יעדער בוים באַזונדער. ביינאַכט זיינען בוימער די קעניגן פון דער ערד. די צווייגן פאַרבינדן זיך מיט די צווייגן און בינדן אַ גרויסן וואַלד. אַ וואַלד וואָס פאַרנעמט די גאַנצע ערד. די בוימער זיינען די בירגער פון אַלע לענדער. ווען מלחמה גייט אָן צווישן די מענטשן, זיינען די בוימער — מאַרטירער. זייער לייב ווערט צעשאָסן און צעשטאָכן. פילע ביימער ווערן פאַרברענט און מיטן וואָרצל פאַרניכטעט. נאָר אומדערשראָקן שטייען די בוימער. איך פיל זייער עקזיסטענץ. זייער גייסט. יעדער צווייג איז אינטעליגענט. יעדער בלאַט איז אַ סענסיטיוו פּנים. אַ סענסיטיוו איידעלע האַנט. עס אָטעמט און ציטערט. די בוי־מער זיינען גייסטער. זיי זיינען איינגעהילט אין געטלעכן נעפּל. אין וואונדער־וואואַל.

איך הער די אינסעקטן זינגען און שפּילן. בייטאָג שווייגן זיי. באַהאַלטן אין די ווינקלען, אין די היילן, אין די טיפענישן, אין די לעכער פון דער ערד. צווישן די קוסטעס. אין קרזשאַקעס. ביינאַכט גייען זיי אַרויס אויף דער פריי. דער מענטש שלאָפט אין מידן שלאָף. אָבער די אינסעקטן שפּילן און זעגן און זינגען. עס איז אַ רייף געזאַנג פון ליבע און פון טויט. עס איז אין די לעצטע טעג פון מאָנאַט אויגוסט. ווען אַלע וואונטשן און באַגערן אין דער נאַטור זיינען רעאַליזירט. ווען אַלע בלעטער הייבן אָן צו ברוינען ווי בראָנדז. דער אינסעקט איז אוראַלט. ער איז דאָ געווען איידער אדם און חוה האָבן באַוואוינט די ערד. ער וועט זיין אויף דער ערד, ווען אָדם און חוה וועלן צוריק זיין אין גן־עדן. די ערד געהערט צום אינסעקט. די מענטשן וועבן שטאָלענע שפּינוועבס פון אימפּעריעס און שטאַטן. די מענטשן פאַר־שרייבן אין דער וועלט־געשיכטע די נעמען פון דינאַסטיעס, פון קעניגן, פון פּרינצעסינס.

פאַרטרעטיסטן מאָלן די דיקטאַטאָרס און די קעניגלעכע פאַמיליע. מיט די קעפּ אין דרערד גייען אומבאַקאַנט די מאַסן אַוועק. אָבער די ערד, דער אומגעהויערער פּלאַנעט, געהערט צו די אינסעקטן. זיי האָבן אים די ערשטע דעראָבערט. און אין דער נאַכט פון שפּעט־אויגוסט הער איך זייער מיליאָנעניאָריקע מוזיק. עס איז די מוזיק פון ליבע און פון טויט. זיי גייען אַוועק נישט אין די גילדערנע פאַר־טאָלן פון גן־עדן. צו הייליק איז פאַר זיי דאָס פייער פון גהינום. נישט אין פייער זיינען זיי געבונדן, נישט אין שנייִ געהילט, ווי דאַנטעס רשעים פון דער „קאָמעדיע". זיי בלייבן דאָ שטעקן, און די היילן פון דער גרויסער ערד. דורך די ווינטן און די בייזע קעלטן פון לאַנגן ווינטער. די אינסעקטן — די קעניגן אָן קרוינען.

די לופט איז בלוי און פייכט. די מוזיק פון די אינסעקטן פילט אויס דעם גאַנצן רוים און דערגרייכט צו די שטערן. און דו הערסט די מוזיק פון די שטערן. דיין וויזיאָן שפּרייט זיך אויס. דו ביסט קליין און נישטיק. דיין קערפּער האָט באַשטימטע הושים. נאָר דו ביסט סענ־סיטיוו. דו ביסט אין דער נאַכט צו גייסט געוואָרן. דיין גוף שלאָפט. נאָר מיט גרויסע אויגן, אויגן פון קינד און פון פּאָעט, וואַכט דיין גייסט. דיין גייסט איז לויטער זעאונג. ברייטערע שטחים דעקן זיך אָפּ פאַר דיין גייסטיק אויג. עס איז אַ ליגנט אַז דו האָסט פליגל. דאָס האָבן די מאָלערס פון רענעסאַנס צוגעטשעפּעט גאָלדענע פליגל צו דיינע ציטערנדיקע אַקסלען. דו ביסט ערדיש און שווער. דיך ציט די גראַ־

וויטאַציע פון דער ערד צו איר טיפעניש. נאָר ביינאַכט ביסטו אַ האַר־פע, אויף וועלכע די זעלן פון די ליידנדע שפּילן אויף דיר. דו פילסט די עקזיסטענצן פון גייסטער טאַנצן אַרום דיר. אויף זילבערטרעפּ פון וואָלקנס שטייגן זיי — צו אַן אומגעהייערן הימלישן בית־המקדש. דו זעסט מלאכים, מיט מענטשלעכע פּנימער, צעשניטענע פון געשלעג און דועלן. דו זעסט מלאכים — מיט וויינענדע מענטשן־געזיכטער. דו פילסט דאָס אויפשטייגן פון לעבן פון אַלע ווינקלען פון דער ערד. עס איז אַן אַפּערע וואָס ציטערט אויף אין דער נאַכט. די לבנה — ווי אַ מאַנדאָלין — ציטערט אין דער בלויער לופט. עס ציען זיך צו אירע סטרונעס די הענט פון גייסטער. פיללייכט אין ביטערן לעבן אויף דער ערד — אין געשלעג מיטן גאָט פון געלט — האָבן זיי געלעבט פון באַטרוג און שאַנד. פון שלעכטס און פון שווערער מי. הענט וואָס זיינען געווען ווי פון אַלטע אייזן — ציען זיך איצט ווי די ליליעס צו די סטרונעס פון דער קאָסמישער מאַנדאָלין. הענט — ווי שטיקלעך פּערל־מוטער. הענט — ווי פּערל. נאָר אָט בלייבט די לבנה פאַרטונקלט. דאָס איז פאַרחלשט אויף איר אַרויפגעפאַלן אַ גייסט — נאָך שווער פון זיין ערדישן טרויער.

עס איז עפּעס מער ווי פּאָעזיע וואָס באַהערשט דעם דיכטער, אין דעם רעגן פון בלויע רגעס פון אַן אויגוסט־נאַכט. דאָס אָפּרייסן זיך אויף דער ערד פון דער פּראָזע און דער לייד פון לעבן — איז פּאָעזיע. נאָר די נאַטור שרייבט אומגעהויערע פּאָעמען אין יעדער רגע פון דער נאַכט. עס איז דאָס פּשוטע פילן פון גייסט וואָס באַהערשט מיך. עס איז דאָס געוואויר ווערן פון אַ רוימלעכקייט אויסגעפילט מיט לעבן אַזוי ווי דער דאָם פון אַן אָפּערע מיט מוזיק. עס איז דאָס פילן שטור־מערהייט אין אַ רגע שטילקייט די עקזיסטענץ פון וועזנס וואָס שעמען זיך צו ווייזן בייטאָג. עס איז דאָס זען ווי די ערד איז איינגעהילט אין בלויקייט — ווי די ערד איז דורכגענומען מיט געפילן — ווי די ערד איז אַ שטיק פונם גרויסן הימל. עס איז דאָס פילן די לאַנדשאַפט פון דער ערד — אַ באַגאָסענע מיט נאַסע פאַרבן, אַזוי ווי אַן אומגעהייערע מאָלעריי. עס איז דאָס טרינקען אַן אייביקייטס־ליקער פון גרויסע, זילבערנע בעכערס — די קרישטאָלענע שטערן. אין אַ פעסטיוואַל פון לעבן וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף צו טאַנצן פאַרן גרויסן חתן — דעם הימלישן מייסטער.

ניו־יאָרק, 22 אויגוסט, 1946.

דאָס קעצל — שפּעט ביינאַכט

שפּעט ביינאַכט — אַ מידער פון אַלע קאָמעדיעס און אַלע טראַ־געדיעס — איינגעביסן פון די ציין פון לעבן און פון טויט — פון די פילע וועטערן דורכן טאָג, און דורכן גאַנצן ווינטער געשלאָגן — קום איך אַהיים. מיין קאָפּ — אַ טעלעסקאָפּ דורך וועלכן איך האָב געזען אַלע ערדישע קרעאַטורן און אַלע הימלישע גייסטער.

שפּעט ביינאַכט קום איך אַהיים און ווי נאָר איך עפן די אַלטע טיר פון אַלטן הויז — זע איך ווי דאָס קעצל ליגט אויף די טרעפּ — אַ קליין בערגל פליוש — און שלאָפט.

עס ווערט מיר גוט און היימלעך מיטן קעצל. דען אין די גאַסן האָב איך געזען דעם ציניזם פון מענטשן. ווי מענטש פּרעסט מער וויפל ער קען אַריינפּרעסן. ווי מענטש טרינקט מער וויפיל ער קען אַריינטרינקען. ווי מענטש זויפט מער וויפיל אַ מענטש באַדאַרף פאַר זיין באַפרידיקונג. ווי מענטש וויל נאָכמאַכן די געטער — אין זייערע אומענדלעכע באַגערן און שטרעבונגען.

איך זע דעם שיכורן, וואַנזיניקן, הונגעריקן, דורשטיקן, גייציקן, געקרייציקטן, נערוועזן און היסטערישן מענטש — און איך טייל אַליין אויך זיינע באַגערן און אַמביציעס — און איך טראָג זיך רווישיק און שטראָמיק מיט מיטן וואַנזיניקן טאַנץ צו זינד און צו געלט.

און דאָ — שפּעט ביינאַכט — מיט צינענע פיס פון מידקייט, מיט אַ בלייענעם קאָפּ פון מידקייט, זע איך אויף די טרעפּ, אויף די אַלטע טרעפּ פון באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף, אויף די שרעפּ וואָס פירן צום שלאָפן ביינאַכט און אין דער פרי צו דער קאָמעדיע פון אומרואיקן טאָג.

אויף די טרעפּ שלאָפט דאָס קליינע קעצל. מיר ווערט היימלעך. אַ כוואַליע פון באַרואיקונג גלעט מיינע נערוון. עס ווערט מיר נאָענט דאָס גלעטנדיקע בערגל פליוש פון אַ שטיקל לעבן. אַ שטיקל קילער סאַמעט וואָס אָטעמט. די אויגן געשלאָסן. צונויפגעטוליעט. און איך דערמאָן זיך שטיקלעך אור־פאַסירונג — סצענעס פון דער אור־צייט. יענע גיגאַנטישע דינאָזאַריוס. יענע נאַכט־שוואַרצע פייגל וואָס האָבן מיט זייערע פליגל — ווי שוואַרצע חלומות — באַדעקט דעם גאַנצן הימל. און אַלץ איז געגאַנגען שטאַרבן זיין גרויסן שטאַרבן אויף דער ערד. אַלץ איז אַוועק אין אַ געוואַלטיקער פּראָצעסיע צום טויט. פאַרביי בערגער פון גראַניט — פאַרביי ברענענדע האָריזאָנטן. און עס איז ווי די גאַנצע עפּישע געשיכטע פון דער ערד, אַלע אירע געאָלאָגישע שטורעמס, אַלע אירע וואולקאַנישע קרעכצן, אַלע אירע סטראַטאָספערישע ווינטן, אַלע אייז־פּעריאָדן און פייער־אַוואַלאַנשן, אַלץ וואָלט זיך רעדוצירט צום דאָזיקן קליינעם בערגל מיט פליוש. און אין דער שפּעטער נאַכט — ווען די מענטשן שלאָפן — ווען די מענטשן שלאָפן אין די בעטן און אין די קברים — אין אַש אויף די פעלדער און אין אייזערנע אויוונס, וואָס געניאַלע פעלקער האָבן אויפגעשטעלט ווי דענקמעלער פון זייער ציוויליזאַציע — ווען מענטש שלאָפט אין דער גאַנצער וועלט און זון און לבנה טוישן זייערע פּלעצער און קרייזן גערוישלאָז ווי צוויי פייערדיקע פייגל אַרום דעם דאָזיקן גרינעם גאָ־

בוס אין פרילינג — און ווען בלויז די מויז גריזשעט די בלעטער פון אַן אַלטן פלוטאַרך־וואָלום — זעץ איך זיך אַוועק אויף די טרעפּ, אויף די אַלטע, אָפּגעריבענע טרעפּ — וואו עס גייען אַרויף און אַראָפּ אַלערליי צעבויגענע און צעקרימטע מענטשנגעשטאַלטן, גאַרנישט ווי אין דעם ביבלישן חלום פון יעקב — און איך קום צום וואַרעמען בערגל פליוש — צום ליבן בערגל סאַמעט. צייטנוויייז, ווי אַ קליינער טייוול, עפנט דאָס קעצל די אויגן און פאַרמאַכט זיי צוריק צו. און אין דעם קורצן אויגנבליק שיינט עס מיר צו זאָגן מיטן בליק:

— איך דו, נאַרישער מענטש, ווי פאַוסט, האָסט זיך צום טייוול פאַרקויפט. איך דו האָסט זיך פאַרקויפט צום רויש און טומל און ליאַרעם און מלחמה און דער קאָמעדיע פון לעבן... און דו ווייסט וואויל אַז דאָס געלט וואָס דער טייוול גיט דיר — ווי נאָר די זון פאַרגייט — פאַרוואַנדלט זיך אין ווערים... אין שאָטנס... אָ, דו, קנעכט פון דעם געניאַלסטן אַלכעמיקער פון אַלע צייטן — פונם טייוול — וואָס זויגט ביי דיר אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער — וואָס פאַרוואַנדלט שטויב אין גאָלד — דיר בלענדנדיק פאַר די אויגן... איך דו — איך דו — נאַרישער מענטש, וואָס דו האָסט געלייענט אַלע ווייזע ווערק — וואָס דו האָסט שטודירט מעדיצין און יוריספּרודענץ און טעאָלאָגיע און ליטעראַטור — איך דו ביסט פאַרקויפט צו דעם דאָזיקן אַלכעמיקער — צום טייוול —

איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ. איך זיץ אַן איינגעדרייטער אויף די טרעפּ — אין דער שפּעטער נאַכט — פאַרן בערגל פון דעם קעצל — וואָס שלאָפט געשמאַק דורך די גאַנצע נאַכט — ביז די זון און די לבנה פאַרנעמט ווידער זייערע פּלעצער אין דעם גאַנג אַרום דער ערד — אין דעם אומגעהויערן גלאָז פון רוים.

ניו־יאָרק, אַפּריל, 30, 1946.

שפּאַציר דורכן פּאַרק

עס איז אַ שפּאַציר דורכן פּאַרק וואָס הויבט מיר אָן צו ווערן נאָענט דורך מיין פיל־צאַליקן גאַנג דאָ, דורך מיין טרויער וואָס איך לאָז דאָ איבער היינט כדי אים אויף מאָרגן ווידער צו באַגעגענען, וואָס איז מיר טייער דורך מיר אַליין, דורך מיין עלעגיע, דורך מיין לאַמענט צו די הימלען, דורך מיין גאַנג דורכן פּאַרק ווי דורך אַ ליד וואָס איך מאַך צו ליד. —

אַט שטיי איך ביים וואַסער. עס דאַכט זיך דיר אַז עס איז אַ ים. אין יעדן טראָפּן וואַסער איז דאָ דער ים. אין יעדער בלויע בלום איז דאָ דער גאַנצער הימל. עס זיינען די רייד פון אייביקן ליריקער. וועלכע וואונדערלעכע רייד. עס איז דאָס וואַסער וואָס דו האָסט געהערט קלינגען אין די עטערישע פערזן פון שעללי. און די פּאָעמען פון בייראָן. עס איז דער ים אויף וועלכן עס זעגלט אַ גרייז־גרויער אידי־שער פּאָעט, יהודה הלוי. דאָס דאָזיקע קליינע וואַסער — עס איז נישט מער דאָס וואַסער אַליין, נאָר דער ים באַזונגען אין דער וועלט־פּאָעזיע. עס זיינען די נאָרדזעע־כוואַליעס פון היינריך היינעס פּרעכ־טיקע ים־ליריק. עס איז די דיכטונג פון ווילליאַם בלייק. עס איז דער ריטם פון כוואַליעס וואָס קלינגט דורך די גאַנצע וועלט־דיכטונג. עס

איז נישט ביי אַ וואַסער ביי וועלכן דו שטייסט — נאָר ביי אַ ריזיקן גאָלדן בוך פון דער וועלטס ים־ליריק.

יעדעס ווינקל אין פּאַרק איז אַ פּאַרביקע, קינסטלערישע מאָלעריי. אָט איז אַ ווינקל וואו עס גייט אונטער היימיש און עלעגיש די גאָל־דענע זון. אַ האַרבסטיקע, קופּערנע זון. אויפן הינטערגרונט זעען זיך אָן די דינע, איידעלע ביימער, אַזוי ווי קוים אָנגעצייכנט אויפן וואונ־דערלעכן הינטערגרונט מיט איידעלע פּאַסטעל־קאָלירן. דאָס שטיקל לאַנדשאַפט איז צו וואַרעמע קונסט געמאַכט.

און אָט איז אַ שטיקל פלאַכלאַנד וואָס דיר דאַכט זיך אַז דו ביסט ערגעץ אין פּוילן. ביסט ווידער נאָענט צו דיין קינדהייט. דו וואַקסט אין דער זומערדיקער נאַכט. דיינע עלטערן זיינען נאָך יונג. אָ, ווי איך וואָלט וועלן באַזוכן מיין לאַנד, מיין היים, די היימישע געגנט, וואו איך האָב אַמאָל געטרוימט צו ווערן אַ שרייבער, צו ווערן גרויס און באַרימט. אָט טוט אַ טויך אויף אַ שטיק פּוילישע פלאַכלאַנד. דו ביסט אַ קליין אינגל. אויפן הינטערגרונט שפּילט זיך אַ פּויליש מיידל. דו דערקענסט זי. זי איז פון דיין קינדהייט. זי שטעקט אַרויס פון צווישן די קוסטעס איר קאָפּ מיט די פלאַקסענע האָר, מיט בלויע אויגן. דו ציטערסט אויף — דו דערזעסט צום ערשטן מאָל ווי שיין עס איז אַ מיידלס שטראַלנדיקער פּנים, ווי אויף אַ הייליקן בילד.

און אָט בלייבסטו שטיין ביים בריקל. צוויי שלאַנקע דאַמען רייטן אַרויס מיט צוויי ברוינע פּאַרכישופטע פערד. עס איז אַ פּעאַדאַלע לאַנדשאַפט. די געגנט שטאַרבט. דער זומער אָטעמט נאָך קוים. דער האַרבסט האָט אויסגעשטעלט אין פּאַרק־סאַלאָן זיינע שענסטע טעפּי־כער און גאָבעלינען. די פעלדער זיינען איינגעשמירט אין גאָלד פון דער זון. די צוויי דאַמען רייטן דורך דער פּאַרנאַכטיקער לאַנדשאַפט אַזוי ווי צוויי פּרינצעסינס.

די פערד זיינען פון האַניק־קאָליר. עס ציטערט דורכן פּאַרק אַן עלעגיע.

און אָט איז די פעסטונג ביים וואַסער, אין ענגלישן סטיל. זי שטייט שווער פאַראַנקערט אין וואַסער. איך זע אין דער הויך די דאַטע ווען זי איז געבויט געוואָרן — איר יאָר 1864. אין דעם יאָר ווען מיין טאַטע איז געבוירן געוואָרן. ווען די דאָזיקע געבויערטע געביידע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן, בין איך נאָך אויף דער וועלט נישט געווען. מיין טאַטע איז ערשט געוועזן אַ קינד. און אָט שפּילט ער זיך אַלס אַ קליין אינגעלע איבער די פּוילישע לאַנדשאַפטן. די דאָזיקע געביידע איז שוין דאָ געשטאַנען, גרויס און מעכטיק אין וואַסער געאַנקערט.

די מיידלעך אויפן שפּיל־פּלאַץ זיינען הערלעך מיט זייערע גאָל־דיקע נאַקעטע פיס. מיידלעך, ווי די אַמאַזאַנקעס. וואונדערלעכע קינדער פון שיינקייט. די לופט דינט זיי. יעדער מיידל איז שענער ווי די קעניגין. אָ, אַלץ איז אַזוי שיין אין דעם דאָזיקן לעצטן פּאַר־נאַכט פון אָקטאָבער.

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 31, 1948.

דער ערשטער שניי

עס איז היינט געפאַלן דער ערשטער גרויסער שניי פון היינטיקן ווינטער. ביז איצט האָט געשיינט די זון. עס זיינען געווען טעג ווי אַרויסגעריסענע פון דעם גרויסן פאַרביקן אַלבום פון זומער. עס זיינען געווען ביז איצט טעג — שטיקער געמאָלענער האַרבסט. טעג — פאַרבלאָנדזשעטע פון די פייכטע טעג פון פרילינג, ווען די ערד איז שוואַנגער און וועןביימער וואַקסן פאַר דיינע אויגן. טעג — וואָס גאָט ליכט אַראָפּ אויף דער ערד פון זיין גרויסן הייסן האַרצן. טעג — אין וועמענס בעכערס האָניק די קראַנקע מענטשן באָדן זיך ווי פייגל טרויעריקע אין געלן זאַמד.

נאָך היינט, פון מיטנגאַכט אָן, גייט אַ גרויסער, איינזאַמער שניי. די פילסט אַז דער שניי איז נישט צופרידן צו פאַלן אויף דער ערד. די שייב איז ברודיק. דער שניי פאַלט איבער דער ערד מיד און טרויעריק פון אַ מיליאָן יאָר. שוין בראָדזשיעט מענטש אין שניי. אָן אַלטע פרוי קריכט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה אין די בערג מיט שניי. זי וועט נישט דערגיין ביזן סוף. אַ הונט שלעפּט זיך פויל אין קראַנקען שניי. אויטאָס בלייבן שטיין ווי שטומע חיות.

די וואַרעמע הענטלעך פון אינגלעך מאַכן קנוילן פונם שניי און וואַרפן זיי אין די געבלומטע פנימער פון שול־מיידלעך. אַ קבר ווערט ערגעץ־וואו געגראָבן פאַר אַ דיכטער און דער שניי פאַלט אין דעם קאַלטן גרוב ווי צעשאָטענע פעדערן פון אַ קישן. הויך פליט מיט גרויס שווערקייטן אַ בלייענער פויגל אין גן־עדן אַריין. עס בלייבט שטיין ביי אַ גאַנעק אַ שטומער שניי־געץ און גלאָצט אין דער אומענדלעכקייט אַריין. די ווייסקייט פונם שניי שטערט דעם זכרון זיך צו דערנאָנען שנייאיקע זכרונות. נאָך יאָרן קינדישע גייען אויף. עפּעס אַ נאַכט ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דעם שניי. די מאַמע האָט געעפנט די טיר אין דער נאַכט אַריין. איך בין געוואָרן איבערראַשט: די בלויע נאַכט האָט אַ ווייע געטאָן פאַר מיר ווי אַ הערלעך־געמאָלטע לאַנדשאַפט. שטיקער טינט־בלויקייט רינען אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט. ביימער — בלויע פעדים, גייסטערהאַפט, מיט בלויע פליגל. דער דיכטער אין מיר האָט דערזען די ערשטע פּאָעטישע לאַנדשאַפט. די מאַמע האָט פאַרמאַכט די טיר. איך לויף צו צום פענצטער, צו זען די מאָדנע זעאונג. צו דערשנאַפּן דעם כישוף.

ווי אַ וואונדערלעכע בלויע זעלע איז געווען די נאַכט, וועלכע איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— — — — — — — — —

עס פאַלט דער שניי מאַנאָטאָן איבער דער וועלט. און מענטש בראָדזשיעט אין שניי. מען האָט מיט שניי צוגעדעקט דאָס קבר. דער שניי וועט צעשמאָלצן ווערן און ס׳וועט אויפשטיין דער דיכטער תחית המתים. אין פרילינג וועט ער אַרויסגיין פון גרוב, זיך אויסמישן מיט די מענטשן, קושן אַ פרוי, שלאָפן אויף זיין אייזערנעם בעטל און נישט וויסן אַז ער איז טויט...

עס פאַלט דער שניי — די קאָסמישע קאָנפעטי...

ניו־יאָרק, דעצעמבער, 17, 1948.

דאָס מיידל און די פידל

עס איז געווען אין שטאָט אָקלאַהאָמאַ, וואו איך בין אַריינגעפאָרן אין אַ טאָג. שטורעמס האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, ווי אין די מעשה בראשית׳דיקע טעג. די ערד איז געווען צעגריזשעט. יעדעס פּיצל גראָז — אויפגעפרעסן. די ביימער — צעבויגן און אויסגעמאָ־גערט. און בשעת איך האָב זיך געשטיקט מיטן שטויב אין וואַגאָן, און דער שטורעם האָט זיך געדרייט אין דער לופט —

איז אין וואַגאָן געזעסן אַ מאָגער מיידל מיט אַ שוואַרצן פוטלאַר פון אַ פידל. דאָס מיידל איז געווען קליין און דין און זי האָט קוים געלעבט. און מיר האָט זיך געדאַכט ווי קליין זי איז, באַפעלט זי דאָך מיטן שטורעם, מיטן ווילדסטן טאַנץ פון קעניג שטויב, מיט די פליגל שטויב און אַז זי איז די קעניגין — די דאַמע פון שטויב. יעדעס מאָל וואָס זי האָט אַ ציטער געטאָן אין וואַגאָן, מיט דעם שוואַרצן פוטלאַר אין איר האַנט, האָב איך אויפגעציטערט. איך האָב געוואוסט אַז אין דעם פוטלאַר איז באַהאַלטן די פידל — די נשמה פונם שטויב־שטורעם. דאָרטן איז דער כישוף אויף וועלכן זי שפּילט איר גרויס ליד פון שטורעם. און איך האָב זיך געשראָקן פאַר דעם מיידל מיטן שוואַרצן פוטלאַר, ווי אַ קליינע טרונע, אין וועלכן עס רוט אַ רויטע, דאַרע פידל.

אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר געפאָרן. איך האָב גוט געקענט אָקלאַ־האָמאַס טרויעריקע לאַנדשאַפטן. איך האָב זיי ליב געהאַט — אין זייער אומעט און מעלאַנכאָליע. די רויטע ערד, וואָס איז געוואָרן באַדעקט מיט שטויב, מיטן זילבערנעם, אומענדלעכן שטויב, וואָס פלעגט זיך שטורמיש אָפּרייסן פון דער ערד און באַדעקן די זעלבע ערד. און וואו די בלומען און די פלאַנצן זיינען דערשטיקט געוואָרן. רויטע ערד — וואָס האָט ווי געברענט. איך האָב ליב געהאַט אָקלאַהאָמאַ — און וואָס טיפער איך בין אין איר טעריטאָריע אַריינגעפאָרן, אַלץ מער בין איך ווי פאַרוועבט געוואָרן און אַ וואואַל אַ טונקעלן. און דערינגע־רונגען זיינען אויפגעגאַנגען — קליינע גערטנער — גאָלדענע, פייכטע רויזן, וואו דו האָסט מיט דער געליבטער פאַרבראַכט... לבנות — ווי מטבעות מיט אָפּגעריבענע קעניגין־ביוסטן. און שטיקער דעמערונג — ווי זייד, ווי ווייכער זייד... ווי טיול... ווי פליוש...

און איצט איז אָקלאַהאָמאַ אַרומגענומען מיט שטורעם. די פּאַ־נאָראַמאַ איז גרוי. און דאָס גרויע מיידל מיטן פוטלאַר — די שול־דיקע אין אַלץ — שפּילט... שפּילט... און וואָס מער זי שפּילט — אַלץ מער דערשטיקט זי, ווערגט זי מיך... און צייטנווייז פיל איך צוצופאַלן צו איר און זי צו דערשטיקן — נקמה נעמען...

און אָט קריג איך רחמנות אויף איר. איך זע איר אויסגעמאָ־גערטע פיגור — איר קליין געזיכטל — דעם טרויער פון אירע אויגן — און אַ טיפער רחמנות דערוועקט זיך אין מיר — צו דער פאַרשאָלטענער, וואָס שפּילט דעם שטורעם אין קאָסמאָס — וואָס דרייט די ווינטן ווי שלאַנגען איבער די פעלדער — וואָס רייסט אויס זאַמד־אינדזלען פון דער פּרעריע — וואָס שלאָגט די בוימער וואָס שרייען — וואָס צע־טרעט די בלומען ווי מיט טריט פון אַרמייען — וואָס צעברעכט די פלאַנצן און די בוים־בלעטער — וואָס מאַכט אומקומען אַלע שיינקייטן, מיט דער קראַפט פון אַ שרעקלעכער נקמה אין איר ברוסט. פאַר אַ

פאַרלוירענער ליבע? פאַר אַ טיפער וואונד אין האַרצן?

און דער פוטלאַר ציטערט. די שרעקלעכע פידל ציטערט. און עס ציטערט דער וואַגאָן. עס דרייט זיך שטורמיש אַרום אונז די נאַטור. בוימער איבער די וועגן לויפן נאַקעט־אָפּגעדעקטע און וואַנזיניקע. און מיך וואונדערט וואָס דאָס מיידל פאַראַט נישט קיין אומרו. זי איז צוגעוואוינט צו דער דאָזיקער דראַמע פון שטויב און שטורעם. זי פאַרט פון איין אָרעם שטעטל אין אַ צווייטן. די אָרעמקייט ווייַנט אַראָפּ פון אירע שטויב־גרויע קליידער. און פון דעם דעמאָן אין מיין פאַנטאַזיע פאַלט זי אַראָפּ צו אַ פשוט, אָרעם מיידל פון אָקלאַהאָמאַ... — — —

— —

שוין אַ לאַנגע צייט פאַרפלאָסן. דער שטורעם אָבער דרייט נאָך אַלץ אין מיינע געהירן. די רייזע דויערט אייביק. דער וואַגאָן טראָגט זיך ווי באַפליגלט דורך שטויביקע רעגיאָנען. און דאָס מיידל — זי זיצט אין ווינקל מיטן שוואַרצן פוטלאַר און כישופט מיט די שטורעמס און מיט די אומרואיקע גייסטער און עלעמענטן...

ניו־יאָרק, אויגוסט 29, 1945

דורך בראָנקסער גאַסן...

שפּעט ביינאַכט — דורך בראָנקסער גאַסן טרייבט דער אויטאָ־מאָביל. פאַרוואָס אַזאַ אומעט דאָ? וואו זיינען די מיידלעך וואָס פלעגן שמייכלען און פלירטעווען, ווי ביבלישע טעכטער, פאַר די קענדי־סטאָרס, באַגאָסענע מיט ליכט פון דער זון, די עלעקטרישע לאָמפּן? וואו זיינען די אינגלעך ... די יונגע קאַוואַלירן וואָס פלעגן זיך שמערצפול גאָלן די ווייסע, די מילך־בלייכע גאָמבעס, הגם קיין בערד האָבן ביי זיי נישט געשפּראָצט? — די מיידלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער, מיט קינדער ביי די בריסטן. און ערגעץ ווייט, אין מוראַדיקע דזשאָנגלס פון פּאַסיפיק, אין פראַנצויזישע דערפער, ביי דער ריוויערע; אויף שלאַכטן ביי היינריך היינע׳ס ראָמאַנטישן רהיין; אויף די וואונדערלעכע איטאַליענישע פּייזאַזשן — זיינען די יונגע מענער.

עס איז אַן אומהיימלעכע נאַכט. אַ צוויבערער אין וואַנזין — מישט וואָלקנס, קאָכט אַ ווילדן כאַאָס. פאַרקאָכט אַ נייע נעבולאַ. און קוים שיילט זיך אַרויס — די לבנה — אַ רויטע מייער, וואָס מיז האָבן אַרומגעגריזשעט — און איצט איז זי רייף. זי ציטערט אין דעם הימלישן קעסל. זי ווערט אַלץ ווייכער און רייפער.

איך קוק אויף די גאַסן. זיי זיינען מיר קענטלעך. אָט דאָ, ביים אייזערנעם גאַנעק, אויף די בלעכן וואָס דעקן צו אַ קעלער, פלעגן זיצן טאַטע־מאַמע. איך וועל אַרויסגיין פון אויטאָמאָביל. איך וועל צוגיין צום אַלטן גאַנעק. ווי רויטער אָקטאָבער ברענט זיין זשאַווער. אירע הענט, דער מאַמעס, האָבן זיך דאָ אָנגעהאַלטן, ווען זי פלעגט אַרונ־טערגיין פון די אייזערנע טרעפּלעך.

די וואָלקנס יאָגן אויפן הימל, ווי שוואַרצע, אַראַבישע פערד. די לבנה קאָכט זיך. זי ווערט אַלץ רייפער, אַלץ רויטער, אַלץ ווייכער צום עסן.

מאַמע, וואָס זיצסטו נאָך אַלץ דאָרט, אויף די אייזערנע בלעכן? טוט דיר ווייַ דער קאָפּ? אונטער דיר לויפט די סאָבוויי ווי אַ טונקעלע שלאַנג. שרעקסט דיך גאָרנישט, מאַמע?

מיר דאַכט אַז זי זיצט איינגעבויגן אין אַ ווינקל, לעבן דעם בריקל, און אונטן לויפט יעדעס מאָל דורך די סאָבוויי. איך געדענק די סאָבוויי. אין שלאָפלאָזע נעכט, ווען אין דער טונקעלקייט פונם קליינעם צימער האָט געלויכטן דער פּאָרטרעט פון דעם מיידל, אין וועמען איך בין געווען פאַרליבט — פלעג איך זיך צוהערן צום רויש פון סאָבוויי. ער פלעגט דורכלויפן — דורכזעגן די לופט — און פאַרשוואונדן ווערן. צום ערשט פלעגט ער מיך נערוועז מאַכן. נאָך זיין לעצטער רויש האָט מיך טרויעריק געמאַכט, ווי אַלץ וואָס גע־זעגנט זיך, מאַכט מיך טרויעריק. און אין דער נאַכט פלעגן אויפגיין די מענטשן פון סאָבוויי — מידע פרויען, וואָס האָבן אַמאָל מאַדאַניש געלויכטן — און איצט צירן זיי זיך אין גרויען שפּינוועבס פון צייט, ווי אין טונקעלע וואואַלן. און איינע, מיט אַ שמערצפולע מאַסקע — ווי אַן עלענאָראַ דוזע־געזיכט — האַלט אויף אירע קניעס אַ בוקעט מיט בלומען; מיט רויטע בלעטער, ווי קופּער, אַרומגערינגלט; די בלומען שפּיגלען זיך טרויעריק אין אירע מידע, ברוינע שוואַרצ־

אַפּלען ; עפּעס דערקען איך זי ; עס איז מיין אידעאַל פון אַ פרוי... אפשר האָט זי פאַרביי מיין וויגל דורכגעשפּאַצירט... אפשר האָב איך זי געזען מיט אַ טויזנט יאָר צוריק - און איך קען זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן... איר אַנבליק איז מיר אַזוי נאָענט.

אין פרילינגס־טעג, ווען ווי אַ גרויסע אילומינאַציע צינדט זיך אָן דער הימל, פלעגט אויפשפּראָצן אַן איינציקער בוים אויפן טונעל־אָפּהאַנג, איבער די לויפנדיקע סאַבוויים. מיין אויג, וואָס האָט ליב זיך צו פאַרלירן אין גרינעם גראָז, אין ליכט־טריפנדיקע בלעטער, האָט זיך אָפּט געבאָדן אין דעם צווייגנקרוין פון דעם איינציקן בוים, וואָס האָט פאַר מיר געלויכטן ווי אַ גאַנצער, רייכער און בונטער גאָרטן.

— און איצט גיי איך ווידער צו צום טונעל־אָפּהאַנג. דער בוים שטייט רויט אָנגעצונדן, ווי אַ מנורה. ער ווייסט פון אָקטאָבער... ער ברענט אין גאָלדענעם אָקטאָבער...

און אַט דאַכט מיר קומט אָן מיין פּאָטער פון דער גאַס. עפּעס איז ער דינער, דאַרער און קלענער געוואָרן. ווייזט אויס אַז אין קבר פאַרברענגען פילע יאָרן איז נישט קיין צו גרויס פאַרגעניגן. און מיר דאַכט אַז ער טראָגט אַן אַלטן זייגער אונטערן אָרעם, אַ זייגער מיט אַ רויטן ציפערבלאַט... און דער זייגער וויינט. דער ציפערבלאַט וויינט. און דעם טאַטנס געזיכט מיט דער ווייסער באָרד — עפּעס דערקען איך אים יאָ און נישט... דער ווינט פון „יענער וועלט" פאָכעט מיט זיין באָרד, ווי מיט שפּינוועבס, איבערן געזיכט... און פאַרשטעלט אייגנטלעך דאָס מענטשלעכע אין אים, דאָס ערדישע, דאָס היימישע און וואויל־באַקאַנטע. אַט דאַכט זיך מיר אַז עס איז נישט מער מיין טאַטע. אַז ער קוקט מיך אָן בייז... אַז די ערד האָט דורכגע־ברענט אין אים זיין פאָטערלעך האַרץ... אַז ער איז דורך אַזוי פיל ליידן — פרעמד געוואָרן צו מיר, דעם ראָמאַנטיש־אָנגעצונדענעם פּאָעט, וואָס האָט פון אים געירשנט די מוזע, די גאָלדענע האַרף — און ער איז בייז וואָס מען רעדט נישט וועגן אים, וואָס זיין נאָמען איז נישט געדרוקט אין די צייטונגען. — — —

עס איז שפּעט ביינאַכט. און איך פאָר ווידער אַן איינגעקלעמטער איבער די טונקעלע גאַסן פון די בראָנקס. די וואָלקנס קאָכן זיך אין אַן אומגעהייערן קעסל פון הימל. די לבנה — ווי אַ רויטע מייער — רויט אָנגעצונדן. אַט־אַט — און זי צעפּלאַצט זיך... און די הייזער זיינען פינצטער, אַזוי ווי אין די שטיבער וואָלטן די מענטשן זיך אַליין אַוועקגעלייגט צום שטאַרבן.

מיר פאָרן ווייטער — אין דער נאַכט אַריין - אין קעניגרייך פון נאַכט — און מיר דאַכט אַז פאַרויס פון מיר גייט מיין פּאָטער, מיטן זייגער אונטערן אָרעם, מיטן רויטן, וויינענדיקן ציפערבלאַט - בשעת מיין מוטער זיצט ביים פאַרזשאַווערט־אייזערנעם פאַרענטש, און וואַרט אויף די סאַבווייס — און קוקט שטאַר דורך אַ פענצטערל אויף דער פרוי מיט קופּער־האַרבסטיקע בלעטער אויף אירע קניעס - קיקט אויף איר זונס אומבאַקאַנטער און פרעמדלעכער כלה...

ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 25, 1944.

א בליק פונם דאך...

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געזען די לאַנד־שאַפט פון אַ געוויסער הויך. איך בין געווען אַ קליין אינגל און, לעבנ־דיק אין דער דאָרפישער אומגעגענט, בין איך נאָך קיינמאָל נישט געווען אויף קיין שום הויך. נאָר אָט שטייט די אַלטע, די צעבראָכענע און געלע לייטער ביים הויז. עס איז אַן אַלט הויז, מיט צעבויגענע, קאַלעכדיקע ווענט, צעשאָסענע פון מלחמה. און אַ דאַך פון שטרוי דערהויבט זיך — שטרוי וואָס איז פייכט פון רעגן און אָפּגעבלאָקירט פון דער זון. שטרוי, וואָס איז גאָלדיק־לויכטנדיק און צעפוילט — מיטן קאָליר פון האָניק. איך האָב באַשטיגן די לייטער און אין אַ מאָ־מענט האָב אַך זיך געפונען אויפן דאַך — אַראָפּקוקנדיק צו דער ערד.

אין אָנפאַנג האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ — פונם ערשטן בליק אויף דער לאַנדשאַפט. אָבער איך האָב זיך פעסטער אָנגעהאַלטן אינם לייטער. כ׳האָב זיך מיטן בויך אָנגעשפּאַרט אין דעם שטרוי פונם דאַך און כ׳האָב באַטראַכט די לאַנדשאַפט. די היימיש־דאָרפישע לאַנדשאַפט.

עס איז געווען גרויסער טאָג. ווי אַ זייגער פון ליים אין אַ פּויערי־שער כאַטע — איז די זון געהאַנגען אינמיטן הימל און האָט געגאָסן שטראָמען ליכט. די וועלט איז געווען באַלויכטן און איך האָב אַלץ געזען מיטאַמאָל. פונוויטנס — דער וואַלד אין זיין גרינקייט, פון וועלכן מיין מוטער, גייענדיק פון שטעטל, קומט אַרויס אין איר געלע קלייד, ווי איינגעהילט אין האַרבסט. דער וואַלד איז געווען ווי אַ שטיק גרינער מאַרמאָר, וואָס איז אָוועקגעלייגט געוואָרן אויף צו פאַר־שטעלן די האָריזאָנטן. ווי אַ האָניק־בלייכע שלאַנג האָט זיך גע־שלענגלט דער וועג, דער וואונדערלעכער וועג, דער אַלטער וועג, אויף וועלכן עס טרעטן אָרעמע לייט, די אייביקע בעטלערס פון דער ערד, אַלטע פרויען — געבויגענע אין דרייען און די מאַדאָנאַס, וואָס ווערן מיד צו שטיין אויף די מאַרמאָר־פּיעדעסטאַלן אין דאָרפישע קירכן אָדער ביי ברעגן פון היימישע טייכן. די מאַדאָנאַס, אין זייד און אין פאַרביקע סטענגעס, גייען אַמאָל אַרויס איבערן פּוילישן לאַנד און באַטרעטן די אַלטע וועגן, אויסגעטראָטענע דורך דורות.

עס איז געווען גרויסער מיטנטאָג. אויף אַ פעלד האָבן געאַרבעט פּויערטעס און זייער געלעכטער האָט געקלונגען ווי די פּלוסקערייי פון כוואַליעס. געזונטע פּויערטעס, מיט לייבער ווי שטיקער זון, האָבן באַאַרבעט די ווייכע, די פּלושענע ערד, וואָס איז פייכט און שוואַרץ אין דער טיפעניש — און שלאַנגען און ווערים טאַנצן אַרויס פון דאָרט, ווי שמאַראַגדן און אַלערליי איידלשטיינער. און פונוויטנס האָב איך דער־זען די סאַזשעלקע, וואָס האָט רעפלעקטירט דעם בלויען הימל און וואָס אין איר האָט זיך געבאָדן ר׳ אבוש, אַ איד מיט אַ שפּיציקער באָרד, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער ים־גאָט פּאָסיידאָן. ער האָט זיך געבאָדן אַ נאַקעטער אין דער סאַזשעלקע און די פּויערטעס האָבן פונוויטנס געקוקט און געלאַכט. ווען ר׳ אבוש איז אַרויס פון גרינלעך־בלויען וואַסער — איז זיין ריזיקער קערפּער געווען באַקלעפּט מיט שוואַרץ־גלאַנציקע פּיאַווקעס, וואָס האָבן געזויגן זיין בלוט. ר׳אַבוש׳ס פינגער האָבן זיי אָפּגעריסן פונם לייב, בשעת בלוטיקע פלעקן האָבן געלויכטן אין דער זון.

און איך האָב זיך צוגעקוקט צום סאָד וואָס איז געווען לעבן אונזער הויז. איך האָב קיינמאָל פריער נישט געזען די ביימער פון דער הויך. איצט האָב איך באַטראַכט די גלאַנציקע בלעטער, וואָס האָבן ווי הענט צום הימל געבעטן. און די עפּל, די באַרנעס, די פלוי־מען, וואָס זיינען געוואַקסן אויף די צווייגן מיט אַ געשלעכטלעכער פולקייט און זאַטקייט, ווי די בריסטן ביי אַ פרוי. איך האָב דערזען די פעטקייט, די פולקייט פונם סאָד און די עפּל און באַרנעס, רייפע, געלע, פון ווערים־פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען געפאַלן צו דער ערד. שוין קיינמאָל נישט וואַקסנדיק אויף די צווייגן. אַזוי פאַלן מענטשן פונם גרויסן, אומגעהייערן בוים פון לעבן — מענטשן וואָס וועלן קיינמאָל מער נישט בליען אויף זיינע צווייגן. און אַלערליי אינסעקטן און בינען פון גאָלד. אַלץ האָט געזשומעט און געלעבט אין סאָד און גע־זונגען שירה צו גאָט. און די פייגל האָבן אויסגעקלונגען מיט מעלאָ־דיען — זיסע און צאַרטע. און די לופט, איך האָב געגוי געפילט, איז פול מיט שטימען און מיט מוזיק, מיט קלאַנגען פון האַרפן, פידלען און פלייטן — מיט מוזיק פון שטערן, זונען און פּלאַנעטן.

אַ גרויסער וועלט־צויבער האָט מיך אַנגערירט. אין יענעם מאָ־מענט, ווען איך בין אַ שרעקעוודיקער געשטאַנען אויפן דאַך — האָט מיך באַרירט די האַנט פון גאָט, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן פון מיר די האַנט פון יענעם מלאך, וואָס האָט געשנעלט אונטער מיין נאָז, כדי איך זאָל פאַרגעסן די הימלישע שיינקייטן. איך האָב דערזען די וועלט פון דער הויך — אין אַ נייער אַראַנזשירונג און סימעטרי פון זאַכן, אין אַ נייער קאָמפּאָזיציע. איך האָב געזען ווי אַלץ פּאַסט אַריין, ווי אַ וויכטיקער טייל, אין דער אַלגעמיינער לאַנדשאַפט. און איך האָב געפילט אַז די וועלט — איר רעאַליזם און איר ראָמאַנטיק — האָט מיך באַרירט. די וועלט — אין גאַר איר שיינקייט, די וועלט — אַ געטלעך־באַהויכטע, פון אַ קאָסמישן רעזשיסאָר־אַראַנזשירטע — די דאָזיקע גרויסע וועלט האָט מיט אַלע קאָלירן זיך פאַרגעשטעלט, זיך פאַרנויגט פאַר מיר און מיך פּאָעטיש־האַרציק באַגריסט.

ווען איך בין אין פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין געזעצט ביים ראַנד פון מערב־האָריזאָנט, ציטערנדיק אַ צעשמאָלצענע — אין שרעק אַז זי זאָל נישט אויסגיסן דעם גאַנצן צעשמאָלצענעם קופּער און גאָלד אין איר קעסל — אַראָפּ פון דער צעבראָכענער לייטער, בין איך געווען אַ פאַרכישופטער פון אַ נייער, גרויסער פּאַסירונג. די נאַטור — דער גרויסער מכשף פון די הימלען און פון די ערדן — האָט אָנגערירט מיט זיין הייסער האַנט מיין האַרץ.

עס זיינען שוין אַוועק פילע יאָרן. נאָר וואונדערלעך איז אין מיר געבליבן יענע איבערלעבעניש. די איבערלעבעניש פון גרויסן מיטן טאָג — ווען די גאַנצע נאַטור איז געווען געעפנט צו גאָט — און ווען דער פּאָעט אין מיר האָט זיך דערשראָקן אין אָנפאַנג און דאַן זיך צוגעפּאַסט צו אַ נייער גרויסער רעאַליזאַציע פונם קאָסמאָס.

זייט יענעם מאָמענט — האָט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, אין טיפסטער לייד, די פרייד פונם קאָסמישן. דער כישוף פון גאָט.

ניו־יאָרק, פעברואַר, 28, 1945.

שאָפּענס טרויערמאַרש

איך בין געווען אַ קליין אינגל און איך ווייס נישט ווי אַזוי איך האָב זיך געפונען ביי דער לוויה פון דייטשן בעקער אין שטעטל. איך האָב זיך, צו מיין איבערראַשונג, געפונען אויסערן שטעטל, וואו עס באַווייזן זיך פלוצלונג אומבאַקאַנטע הייזער, וואו וועגן עפענען זיך ווייט און טיף — אין לאַנד אַריין, אין פויליש־טרויעריקן לאַנד אַריין, צו ווייטע מדינות. איך בין געווען קליין און אַ דינער רעגן איז גע־פאַלן, האָט ווי אַ דינער טוי אַלץ פייכט געמאַכט. עס איז געווען האַרבסט. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן אַ שטילע, אַ לופטיקע, אַ מו־זיקאַלישע, מיט עפּעס אומהיימלעכע, טרויעריקע טענער — טענער וואָס איך האָב ביז דעמאָלט נאָך נישט געהאַט געהערט. נאָר זיי זיינען מיר אַריין אין האַרצן. געוואַלדיקע טענער פון אַ געוואַלטיקע מעלאָדיע, וואָס עפענען אויף ריזיקע טויערן, טויערן פון גאָלד, וואָס עפענען זיך אין דער אומענדלעכקייט אַריין: שוואַרצע טריאומף־בויגנס, וואָס פירן אַריין אין דעם גן־עדן פון אייביקייט, אין אַ גאָרטן פול מיט אָרדנונג, וואו די קאָלירן ענדערן זיך נישט, וואו די זון גייט קיינמאָל נישט אויף און גייט נישט אונטער, וואו די לאַנדשאַפט בלייבט קאַלט און סאָליד, ווי פון מאַרמאָר.

און אָן אָן אומגעהייערע פּראָצעסיע באַוועגט זיך. די פיס טאָפּטשען מאָנאָטאָן און ריטמיש, ווי כוואַליעס, אין דער ליימיקער בלאָטע פון וועג. דער דינער, האַרבסטיקער רעגן מאַכט פייכט דאָס לייב. און די בלעטער, די גאָלדענע, די וואונדערלעכע צירונג־בלעטער זינקען אין דער ליימיק־גאָלדיקער פייכטקייט. און מיר דאַכט אַז דאָס ליים איז דאָס לייב פון מענטשן. עס איז דאָס לייב פון די מענטשלעכע דורות. פון אָדם און חוה׳ן אָן. און אונזער אַלעמענס גורל איז צו זינקען אין דעם גאָלדענעם ים פון ליים. און איך זאַפּ איין אין זיך די טרויעריקע קלאַנגען, וואָס וויגן זיך ווי כוואַליעס איבער אונזערע קעפּ; דאָ כוואַליעס פון נאַכט; דאָ כוואַליעס פון גאָלד. און עמעץ פרעגט מיך וועמענס די טענער זיינען. און איך, נאָך קיינמאָל נישט האָבנדיק געהערט דעם נאָמען — זאָג: שאָפּענס...

עס איז שאָפּענס טרויערמאַרש. און נאָך קיינמאָל פריער האָב איך נישט געהערט שאָפּען. איך שווער — נאָך קיינמאָל פריער. און די לאַנדשאַפטן, ביי די זייטן פון די וועגן, ווי פון טרערן צעווייקטע, שטייגן אויף אין דער הויך און באַגלייטן דעם מת. און ווי פּאַרט זיך דאָס די קאַלטקייט און די בלייכקייט פון מת — מיט דעם וואַרע־מען, דעם בראָנז־זוניקן ברויט וואָס ער האָט געבאַקן, דער דייטשער בעקער? און אפשר דערפאַר באַגלייטן אים אַלע צו זיין לעצטער רו — ווייל זיי פילן נאָך דעם טעם אויפן גומען פון זיין וואַרעמען ברויט — און אַ כאָר פון פרויען קלינגט אויף, ווי פון דער לופט, ווי מלאכים וואָלטן אַראָפּגענידערט פון די וואָלקנס, וואָלטן זיך נידעריק צו די מענטשן געבויגן און וואָלטן אין אונזערע אויערן אַריינגעזונגען דעם גאַנצן טרויער פון דער וועלט. דעם גאַנצן וויסטן טרויער פון דער וועלט...

און אָט דערנענטערן מיר זיך צום בית עולם. די אייזערנע שטאַ־כעטן זשאַווערן רויט, ווי זיי וואָלטן ווערן מיט אַ רויטן פליוש באַ־

צויגן. און מאַרמאָרבלייכע דאַמען ליגן אויסגעצויגן, ווי זיי וואָלטן זיין די פאַרקערפּערונג פון די מתים. און מלאכים אין טרויער געהילט, נאָר דאָך פול מיט יוגנט — זען זיך צווישן די מאָנומענטן. עפּעס אַ רעאַליזם און אַ טראַגישע פאַנטאַסטיק איז דאָ געמישט. און דער רעגן רינט איבער דיביימער, שוין נאַקעטע און טונקעלע, ווי סקע־לעטן. ווי סקעלעטן פון ריזיקע, פון קאָלאָסאַלע מענטשן. און די בלע־טער צווישן די קברים וואַלגערן זיך, די היימישע בלעטער, די גוט־באַקאַנטע בלעטער — ווי שטיקער בראָנז, פאַרווייענדיק די ראָוון און בערגלעך פון דעם פאַרק פון טויט — פון דעם בראָנזענעם און מאַר־מאָרענעם פאַרק פון טויט.

צווישן דער פייכטער מאַסע שטיי איך — אַ קליין, ציטערנדיק, סענסיטיוו אינגל. דאָס קינד פון אַ גרויסן, אָן אומענדלעכן, אַ טראַ־גישן פאַרק־ראָמאַנס. און אַ פאַסטאָר אין אַ ווייסן כאַלאַט, ווי איינ־געהילט אין זילבערנעם צוויט, הגם דער הערבסט ווייעט דאָ און רינט און קילט די אָדערן — ווינקלט אויף אַ דרשה ווי פון זייד. ער רייסט אָפּ איינצלנע, פייכטע פון טרערן, קילע, זילבערנע ווייזהייטס־ווערטער פון זיין אייביקער טויטנדרשה — ווי ער וואָלט אָפּרייסן בלעטלעך פון אַ שוין וויאַנענדיקער טולפּאַן. יעדעס וואָרט — אַ פּליושענע, אַ טיולענע בלעטל. און די בלעטלעך צעפאַלן אין זייער גאָלד־קאָליר און רויט־קאָליר און בלאַ־קאָלירן. און מיר געלינגט צו כאַפּן אַ קוק אויף דעם פאַסטאָר׳ס פנים — עס איז מילך־ווייס און ווי אויסגע־קנאָטן פון נאָך וואַרעמען ברויט און די אויגן זיינען לויטער גוטסקייט און פאַרוועגלטער, זיסלעכער טרויער. און איך פאַרשטייט נישט זיינע טיפע ווייזהייטן, וואָס ער רייסט אָפּ פון עפּעס אַ פרישן ברויט, פון דער טיפעניש פון דעם ווייכן ברויט אַרויס, פון דעם ברויט׳ס בויך.

צוריק אַהיים גייט מען שוין ווייניקער מושטירט. און קיינער קלעפּט זיך צו מיר נישט צו. מיר דאַכט זיך אויפן וועג אַז יעדער בוים גייט מיט מיר אַ שטיקל וועגס — און גיט מיך איבער אין די הענט פון אַ צווייטן בוים — און אַזוי כסדר. שוין אויפן גאַנצן גאַנג פון לעבן. און די מאַסע צערינט, צעמישט. און אין פייכטן ליים איז געבליבן דער היימישער, דייטשער בעקער — מיט די ראָזן און די טוליפּאַנען — מיטן זייד און מיטן פליוש, אין דעם ערשט־געפּרעסטן, שוואַרצן אנצוג — מיטן נאַרוואָס אָפּגעראַזירטן געזיכט — — — — און ווי אומעטיק מוז אים זיין אין דער ליימיקער ערד — אין דער פינצטערער און ענגער טרונע — — — —

און שטענדיק, ווען איך הער די קלאַנגען פון שאָפּענס טרויער־מאַרש, דערמאָן איך זיך אין דעם גאַנג צום קליינשטעטלדיקן קריסט־לעכן בית־עולם — וואו דער טויט ווערט אין זיין נאַקעדיקן שוידער פאַרווייכט און פאַרלירישט מיט ווייכע קראַנצן בלומען — מיט קייטן און מיט מאַרמאָר — מיט טרויערנדע פרויען פון שטיין און פון בראָנדז, פאַרגליווערטע אין אייביקן לאַמענט — מיט מלאכים וועמעס בעק־לעך זיינען פּוכקע און אייביק אָנגעשטרענגט צום בלאָזן אין גרויסע מעשענע טראָמפּעטן. וועמעס געפּאַרבטע פנימער זיינען פאַרגאָסן פון טרערן...

ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 11, 1943.

דאָס טויטע געלט

עס איז שפּעט ביינאַכט. מיין פריינדין זיצט אין צימער און זי געפינט אין אַן אַלט בוך — רוסישע באַנקנאָטן. איר געפעלט אויפן ברייטן, בלייכן, קלאָרן פינף הונדערטער רובל — פּעטער דער גרויסער. דער שטאָלצער, פּראַקטישער מאַן, וואָס האָט געקעמפט מיט די שוועדן און טריאומפירט; און ער האָט ביים ברעג פון דער נעוואַ אַוועקגעלעגט אַ ריזיקע שטאָט, סאַנקט פּעטערסבורג, אין וועמענס גאַסן פּושקין און לערמאָנטאָוו האָבן זיך אַרומגעדרייט, געהילטע אין לבנה־ליכט, בייראָניסטישע העלדן...

פּעטער טראָגט אַזאַ פיינעם, ערשט־אָפּגעפּוצטן, גלאַנציקן פּאַנצער־אַנצוג. די לאַנגע קעניגלעכע לאָקן הענגען אַרונטער — שוין גרויע. ער איז ווי אַ רוימישער שטאַאַטסמאַן. און פּונם וואַסערפּאַפּיר קוקט ער אַרויס — גרעסער — מעכטיקער. גראַציאָן דערשרעקט זיך: עס איז ווי ער וואָלט אַרויסגעקוקט פון וואַסער אַרויס. פון די וואָלקנס. ווי אַ גייסט. אומשטערבלעך. אייביק. דער רוסישער נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט זיך אין האָלאַנד געלערנט ווי אַזוי מען מאַכט שיפן. דער גרויסער מאָנאַרך, איינער פון די פּאָר גרויסע מאָנאַרכן פון אייראָפּע; שאַרלעמאַן און נאַפּאָלעאָן; צעזאַר און אָקטאַוויאַן; אַלעקסאַנדער און מאַרקוס אוירעליוס. דער איינציקער צאַר פון די רוסן וואָס האָט קאָנסטרוקטיוו געבויט זיין אימפּעריע. און דאָס ברייטע, ליכטיקע, שטאָלצע געלט — עס איז דאָס געלט פון אַ גרויס, אַ מעכטיק לאַנד. און וואָס פּאַר אַ ריזיקע סומע דאָס איז! אַ גלענצנדן פּאַלאַסט ביים רוישיקן ים האָט מען זיך געקענט קויפן — ערגעץ אין דער פּאַלמענרייכער קרים...

דעם קעניגלעכן סצעפּטער האַלט אַ יונגע פרוי. פּאָרטראַכט און ווירגיניש־אומשולדיק. זי איז נישט קיין מוזע פון קיין געניוס. כמעט אַ דיסאָנאַנס: אַ פרוי אָן אויסצייכענונג. קינדיש און צאַרט. מיט אַ זילבערנעם בראַסלעט אויף איר רונדע, פיינע האַנט. אַ קרוין צירט אירע האָר...

עס איז שפּעט ביינאַכט. מיד זעט אויס די מאַדאָננאַ אויפן פּאָרטרעט. הגם צאַרט און פּאָעטיש געמאָלן, אַרויסברענגענדיק די בענקשאַפט פון אַ יונגער, צאַרטער פרוי — איז דאָס בילד ווי פון שטיין. יעדעס גליד — ווי פון מאַרמאָר. די ליניעס — סאָליד. פּאַרגליווערט. עס איז ווי אַ סקולפּטור. דער מאָלער האָט געמאָלן אין זשאַנר פון די אַלטע איטאַליענישע מייסטער. די מאַדאָננאַ אויפן בילד איז מיד. און מיד איז גראַציאָן, מיין פריינדין. נאָר מיר באַטראַכטן די באַנקנאָטן, וואָס זיינען געבליבן נאָך מיין פאָטער. ער האָט אין קריגסצייט איינ־געקויפט דאָס טויטע געלט — גלויבנדיק אַז ער וועט שפּעטער רייך ווערן ווי ראָטשילד. גאַנצע בערג מיט טויטע געלט — פון אַ טויטן צאַר... פון אַ טויטער אימפּעריע...

יעקאַטערינע די גרויסע בליקט שטאָלץ פון פּאָרטרעט אַרונטער — די רוסישע קלעאָפּאַטראַ... די קליינע קרוין פון פיינעם גאָלד שטעקט אין איר גרויסן קאָפּ מיט געלאָקטע, גאָלדענע האָר... איר געזיכט איז גרויס און בלייך. לעבן איר שטייט אַ נאָקעטער מאַן, מיט אַ לאַנ־גער שווערד, און באַשיצט זי... דער מאַן איז שוואַך, צאַרט, מיט אַ באַנד אַרום זיינע טונקעלע האָר... די שווערד האַלט ער ווי אַ דעקאָ־ראַציע. די צאַריצאַ האָט געהאַט מעכטיקערע מענער... פון וואַסער־

פּאַפּיר בליקט זי אַרויס, די טויטע קעניגין, וואָס האָט זיך קאַרעס־פּאַנדירט מיט וואָלטעיר... ווי אַ גייסט, ווי אַ ספּעקטער, בליקט זי אַרויס פון וואַסער־פּאַפּיר... עס דערמאָנט אין דער קעניגין פון שבא, וואָס קומט צו קעניג שלמה אין דעם גלעזערנעם שלאָס און מיינענדיק אַז ער איז אין באָד, הויבט זי זיך אויף דאָס קלייד, אַזוי הויך, אַז דער קעניג דערזעט די טונקעלע האָר פון אירע פיס...

ווי אַזוי האָט די צאַריצאַ יעקאַטערינאַ זיך געקענט אַריינלעגן אין טרומנע אויף אַזאַ לאַנגער צייט — אַן אַ מאַן? בלויז איין גאָט קען עס באַגרייפן. בלויז איין גאָט, וואָס איז גלייכצייטיק דער טויט... און עס טראַכט זיך: מעכטיקע קעניגין פון גרויסן רוסלאַנד! זי איז געגאַנגען שלאָפן צוגלייך מיט אַלע שיינע דאַמען פון איר צייט... אַ ריזין, אין איר גאָלדענער טרומנע... האָט זי זיך נישט אַנטקעגנגע־שטעלט דעם טויט? האָט זי זיך נישט געשלאָגן מיטן טויט? האָט זי מיט אים נישט געפלירטעט און אים איינגעלאַדן אין איר קעניג־לעכן בעט?..

גראַציאַן האַלט אין אירע בלייכע, ציטערנד־צאַרטע הענט אַ פינף־און־צוואַנציקער רובל באַנקנאָט.

דער מעכטיקער קעניג אַלעקסאַנדער דער דריטער זעט אויס ווי אַ פּויפּסט אויף על גרעקאָס אַ בילד. וואָסאַראַ ריזיק, קוואַדראַטנע געזיכט ער האָט! וואָסאַראַ פיין פאַרקאַמטע, סימעטרישע באָרד! וואָסאַרע שטאַלצע אויגן פון אַ טיראַן. אַזאַ מאַנסביל(ד) האָט זיכער געמוזט אַנציען די שענסטע און די העכסטע דאַמען. מיין פאָטער פלעגט מיר דערציילן ווי צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט גע־וואויגן ניין פוד, און ווען ער איז געשטאָרבן, איז ער אַליין, אַ פיונע־ראַליש־אויסגעפוצטער, געגאַנגען צו זיין לוויה. ער האָט זיך טרויעריק, אָבער רואיק, גענייגט צום פובליקום דריי מאָל, טיף, ביז צו דער ערד. דאַן האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין דער זילבערנער טרומנע און האָט געהייסן צומאַכן דאָס טירל. דאַן האָט מען די ריזיקע טרומנע מיטן ניין־פודיקן צאַר אַרונטערגעלאָזן אין דער ערד — אין דער גרויסער, רוסישער ערד.

גייסטערהאַפט, אָבער ריזיק, שטענדיק אַנווועזנד מיט זיינע ניין פוד פליש און קנאָכן, קוקט אַלעקסאַנדער דער דריטער אַרויס פון דעם האַזן וואַסער־פּאַפּיר... ווי מען וואָלט אים זען דורך נעפּל און דורך וואָלקנס — אַן אומצופרידענעם מיט זיין גייסט צושטאַנד...

עס איז שפּעט ביינאַכט. די לבנה, אַ קראַנקע פּערל, שווימט אין הימל, ציט אַן די שטערן אויף אַ שנור, נאָר זי פאַרלירט זיי באַלד ווידער אין דעם גרויסן, שוואַרצן, סאַמעטענעם הימל. גראַציאַן איז מיד. נאָר צווישן די פינגער האַלט זי נאָך אַלץ דאָס טויטע געלט — די ראָזע צענער־רובלס, דורך מענטשנהענט אָפּגעמעקט, דורך צייט אָפּגעבלאַקירט. און אַן איינציקן דרייער־רובל, אין העלע קאָלירן וואָס זעט צויבערהאַפט אויס ווען מען האַלט עס אַנטקעגן ליכט, פּונקט ווי עס וואָלט זיין אַן אומבאַשטימט געלט פונם טייוול. און דער געלער איינציקער רובל, מיטן גרויסן צוויי־קעפּיקן אָדלער, מיט דער דיקער איינס, וואָס זעט אויס ווי אַ פּראַוואָסלאַוונער קרייץ אויף אַ געפאַלענעם סאָלדאַטס קבר אין לעצטן קריג... — — — — — — — — — — —

די לבנה צערינט ווי אַ פּערל. גראַציאַנאַ איז טרויעריק געוואָרן פונם רוסישן געלט. אַן אומהיימלעכע מעלאַנכאָליע, אָנגעשטעקט פון

די טויטע צאָרן, וואָס בליקן אַרויס פון די טייכן פון צייט, פון די פלוסן פון אייביקייט, בינדט איר אַרום ווי אַ שלאַנג. און די לבנה — זי פליסט פערלדיק אויס. זי פאַרליִרט איר זאַפט. זי ווערט אַלץ פוסטער, הוילער און ליידיקער... און די מאַדאָננאַ אויפן בילד — זי ווערט אַלץ קראַנקער, אַלץ פאַרשטיינערטער... די מאַדאָננאַ. די וועסטאַלקע. די מאַדעל פונם גרויסן מאָלער וואָס פאַרוואַנדלט זיינע בילדער אין מאַרמאָר...

ניו־יאָרק, יולי, 14, 1943

דאָס גלעזל מילך

מיין פאָטער איז געווען קראַנק אַלע זיינע יאָרן. ער האָט גע־שפּיגן מיט בלוט און האָט שטענדיק געהוסט. ביינאַכט, ווען ער פלעגט אַהיימקומען, פלעגט ער אַוועקשטעלן ביים בעט אַ קליינעם, ווייסן גלעזל מילך...

איך געדענק שוואַך די פּוילישע דערפער, דורך וועלכע מיין פאָטער פלעגט דורכשפּאַנען. אָנהייבנדיק מיטן באַגינען, נאָכדעם ווי ער פלעגט אָפּעסן פּרישטיק, פלעגט ער איינפּאַקן זיין פּעקל זייגערלעך אין אַ דינער, צעלעכערטער צעראַטע. און זאָגנדיק צו אונז, צו זיין ווייב און קינדער: „זייט׳ס געזונט!“, אויף וועלכן ער פלעגט קריגן דעם שטענדיקן ענטפער: „גיי געזונטערהייט. זיי מצליח!“ — פלעגט ער זיך לאָזן דורך די פּוילישע דערפער. דורך וועלדער טיפע און שאָטנדיקע, וואו מענטש איז אומפריינטלעך און מורא׳דיק, וואו מענטש דערשיינט בייז און מערדערלעך ווי די חיה — נאָר וואו דער פויגל זינגט הייטער זיין ליד, וואו דער וורובעל טאַנצט פון צווייג צו צווייג, וואו אַלע פייגל באַקעגנען דעם איד מיט פריינטלעכקייט און געזאַנג. ער פלעגט גיין דורך פּוילישן לאַנד — דורך פּשוטן פּוילישן פעלד — דורך אַלע גוטע און דורך בייזע וועטערן; דורך שניי און האָגל, דורך רעגן און דורך שטורעם; דורך ווינט און דורך וויי. ער פלעגט גיין אין יעדן דאָרף. ער פלעגט זיך אָפּשטעלן אין יעדער פויערש כאַטע, כדי דעם פויער צו פאַרקויפן אַ זייגערל...

מיר איז געבליבן אין זכרון דאָס פּוילישע לאַנד; דער פּוילישער הימל. שפּעטער, ווען איך האָב שוין געליטנט די פּוילישע דיכטער, האָב איך בעסער פאַרשטאַנען פּוילן. און איך האָב ליב געקראָגן די לאַנדשאַפט. דער פּוילישער אומעט, דער סלאַווישער טרויער, איז מיר אַריין אין האַרצן. סוף כל סוף ווערט די לאַנדשאַפט באַווירקט פון די מענטשן וואָס וואוינען זייט יאָרטויזנטער אויף איר ערד. פון די דיכטער וואָס זינגען זייערע לידער. און די מענטשן ווערן באַווירקט פון דער ערד, פון דעם קלימאַט, פון דעם הימל מיט זיין קאָליר און מיט זיין טרויער וואָס הויבט זיך אויף איבער דער ערד.

אַהיימקומענדיק, איז מיין פאָטער, אין זיין ווייסן כאַלאַט, מיט זיין ווייסער באָרד און זיינע בלויע אויגן — געווען איינגעהילט אין שטיקער פּייכטן, וואָלקנדיקן הימל; ער איז געווען דורכגענומען פון די ווינטן און ווייען פון די וועטערן; נאָך איז גערונען דער בלויער הימל ווי אַ שטראָם פון בלויע שטראַלן אויף זיין כאַלאַט. זיין באָרד

האָט געשטראַמט מיט דעם גאָלד פון פעלדער מיט קאָרן; זיינע בלויע אויגן האָבן געלויכטן מיט גרינער פּאַשע, מיט ליימיק־גאָלדענער ערד, מיט מאָן־בלומען פלאַמענדע, מיט פויליש־זיידענעם גראָז וואָס די וואָלקנס בויגן זיך נידעריק אַרונטער מיט זייערע העלזער און פליקן דערפון אויס לעבער; מיין טאַטע איז ווי אַ האַרפע געווען דורכגע־נומען מיט דער פּאָעזיע פון וואַלד און פעלד; די פרומע, צניעות׳־דיקע, פייגלשע געזאַנגען — האָבן זיך אין אים באַהאַלטן, האָבן זייער אָפּערע אין אים געפונען.

און, שווייגנדיק, פאָרן שלאָפן גיין, פלעגט ער אַוועקשטעלן ביים בעטל דאָס בלייכע גלעזל מילך. דורך דער נאַכט האָט ער עס אויס־געטרונקען. און איך געדענק ווי אויפכאַפּנדיק זיך ביינאַכט, פלעג איך דערזען דאָס גלעזל מילך. עס איז געווען שטיל אין דער פויליש־דאָרפישער נאַכט. נאָר גרילן פלעגן אומהיימלעך זעגן, ווי דורכ־זעגנדיק ביימער און קלעצער, ווי דורכזעגנדיק די גאַנצע ערד, אַלע וועלדער פון דער ערד, זעגנדיק דורך וואָלקנס און דורך סקעלעטן פון דינאָזאַאורס. די לבנה — אַ פּערלמוטערנער קנאָפּ אין דעם געגנע־ראַלסקן בלויען מונדיר פון גאָט, פלעגט טרויעריק לייכטן און באַ־לייכטן די פאָרטרעטן אויף די געקאַלעכטע ווענט, און דאָס גלעזל בלייכע מילך, און עס איז געווען ווי דער לבנה׳ס גילדערנע ליפּן, האָניק־גאָלדענע ליפּן — וואָלטן געלעקט די ברעגן פונם גלאָז, גע־טרונקען די בלייכע מילך . . . דאָס אַלץ איז געווען וואונדער־לעך! — — —

און אַזוי האָט מיין פאָטער געגלויבט אַז זיין לעבנס־סעקרעט איז באַהאַלטן אין דעם ווייסן גלעזל מילך. און הוסטנדיק, פלעגט ער מיט זיינע שיינע, געשניצטע הענט, הענט פון אַ קעניג, גרייפן דאָס גלעזל מילך און עס צוטראָגן צו זיינע ליפּן, און אַריינטרינקען אין זיך די הילף פאַר זיין לעבן, דעם צויבערהאַפטן עליקסיר . . .

און צו די שוואַכע מענטשן פלעגט ער זאָגן:

— שטעלט זיך אַוועק אויף ביינאַכט אַ גלעזל מילך . . . איר וועט זען אַז עס וועט אייך היילן . . . עס וועט טאָן וואונדער מיט אייך . . . איר וועט ווערן ווי ניי־געבוירן . . .

— — — — — — — — — —

און אין די נעכט, ווען איך זע די לבנה אויף דעם הימלישן פּיר־מאַמענט — זע איך אויך מיין פאָטער׳ס גלעזל מילך . . . ווי מיין פאָטער און די לבנה טרינקען פון דעם דינעם גלאָז און זיי לעבן טויזנטער יאָרן . . .

ניו־יאָרק, 1־טער מאַי, 1946.

צוויי פרויען

אומהיימלעך האָ זיך אין די נעכט אָנגעצונדן דער הימל, פון וועלכן ס׳האָט אָן אויפהער זיך געשאָטן אַ געדיכטער, אַ גרויער שטויב. עס האָט זיך געדאַכט אַז גאָט און די מלאכים ראַמען אויס די הימלישע, אַלט־פאַרזשאַווערטע שלעסער; רייסן אַראָפּ די זייד־מולטיקאָלירטע פאַרהאַנגען; פּוצן אָפּ דאָס מעבל וועמעס אינסעקטן זיינען גרויס ווי אונזערע פאַרמבולדיקע מאָנסטערס. דער שטויב פאַלט פון די הימלען אָן אויפהער. און די הימלען זיינען רויט. זאָגן אָן טרויערי־קע צייטן.

דאָס שטעטל איז אָוועקגעלייגט געוואָרן אויף דער אָקלאַהאָמער רויטער ערד ווי אַ טעאַטראַלע דעקאָראַציע. מענטש באַהאַלט זיך אין די הייזער. פאַרמאַכט די פענצטער, די לאַדנס. מענטש באַהאַלט זיך אונטער טיר און טויער, אונטער שלאָס און ריגל. מענטש האָט מורא פאַר נאַטור־צאָרן. פאַרן כעס פון גאָט. טוט די נאַטור אַ ציטער — מיינט עס טויזנטער קרבנות פון די מענטשן. די נאַטור קעמפט נאָך אַלץ מיטן מענטש. די נאַטור איז נאָך אַלץ אומפּריינטלעך. און מענטש — ער געדענקט די אורצייטן. ער געדענקט דעם דזשאַנגל. די אורוועלדער. דעם קאַמף מיט ים און יבשה. מיט זומפּ און מיט דזשאַנגל. מענטש איז אַרויסגעקומען פון דעם שויס פון דער נאַטור — כדי איר צו דערקלערן אַן אייביקן קאַמף. דאָס גראָז וואָס פאַר־ציט בית עולמס און רואינען, שלעסער און כאַטעס, דאָס גראָז וואָס וואַקסט אַרויס פון אונטער אויסגעריבענע טראָטואַרן, פון אונטער צעבראָכענע שטיינער, פון דער פאַרוואונדעטער ערד — דאָס גראָז אַפילו איז דער נאַטורס אָרעם. איר פאַנצער פון זייד. זי פאַרציט אַלץ. זי פאַרנעמט אַלץ. די ערד געהערט צו איר. דאָס גראָז איז אומעטום דאָ. עס וואַקסט אַרויס ווי אַ פייער פון דר׳ערד. עס עפנט אויף זיין אויסשטעלונג אין אַלע ווינקלען. אויף אַלע פעסטונגען. ביי וואָלקנ־קראַצערס. אין זומפּן. אויף וויייניק־באַטראָטענע וועגן. און מענטש קעמפט מיטן גראָז. מענטש רייסט אַרויס דאָס גראָז, די ביימער, שניידט אויסוועלדער, האַקט אַראָפּ די פעלזן, טראָגט אָוועק בערג, פילט אָן די טאָלן, שטעלט אָוועק אויף די אויסגעגלייכטע פלעצער — מאָנומענטן און ריזיקע געביידעס, וואָלקנקראַצערס און בריקן, קירכן און קברים און דענקמעלער איבער די קברים. ער לייגט צעמענט אויף צעמענט. ער פאַרטרייבט דאָס גראָז פון דער ערד. ער גיט דער נאַטור נישט קיין רו. מענטש קעמפט קעגן דער נאַטור — קעגן מעשה בראשית — קעגן אָנפאַנג פון אוניווערס.

פון צייט צו צייט קוקט אַרויס דורך אַ פענצטער אַ דערשראָקן מענטשנגעזיכט. אַזוי ווי נח האָט אַרויסגעקוקט פון דער תיבא, אין דעם גרויסן שמערצפולן מבול, ווען שלאַנג און אינסעקט, ווען חיה און מענטש האָבן זיך אין ביטערן פיין געראַנגלט — ווען גאָט האָט אַלע שטראָמען לויז געלאָזט, איבער דער ערד און האָט דעם מענטש געוואָלט צוריק פאַרניכטן. צוריק אומברענגען. ווען גאָט האָט חרטה געהאָט אויף זיין ווערק און האָט אַלע מענטשן דערטרונקען — אויסער נח און זיין פאַמיליע.

דער שטויב־שטורעם איז אַלמעכטיק. דאָס עלעקטרישע ליכט פון די פענצטער מאַכט ער בלייך. און פאַלט איבער דעכער און ביימער, ווי אַן אומהיימלעכער, אַ נאַבטיקער שניי. און אַלץ זוכט זיין ווינקל, זיין רו, זיין באַשיצונג. אַפילו קיין געפליגל וואָגט נישט אַ פּיפּס צו טאָן — אָדער אַ פלי צו טאָן דורך דער שווערער לופט. פויגל באַהאַלט זיך, ווי דער מענטש, אין איר נעסט. פילן אַלע דען נישט דעם טרויער פון דער וועלט? מענטש, חיה, פויגל און אינסעקט — אַלץ שטאַמט פון איין מקור. אַלץ איז געקניפּט און געבונדן מיט איין בלוטיקן געבורט — מיט איין בלוטיקן שטאַרבן.

דאָס שטעטל איז פאַרגליווערט געוואָרן, איינזאַם און מוראדיק און פאַטאַל, אַזוי ווי אַ שטאָט וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין שוואַרצן מאַרמאָר — אין די מעשות פון טויזנט און איין נאַכט, וואָס די אין

טויט־אַנגסטן זיך באַדנדיקע שעכערעזאַדע דערציילט צום בייזן קעניג שאַכריער. נאָר איבער די בלייך־גרויע גאַסן, אונטער דעם רויטן הימל — האָבן שפּאַצירט צוויי פרויען. איך האָב זיי נאָכגעקוקט מיט אומרואיקן, פלאַטערדיקן האַרצן. צוויי איינזאַמע, ווילד־שיינע פרויען, וואָס צוויי אָרעמע, צוויי צעריסענע פאַרמס פון דער אַקלאהאָמער שטויביקער ערד האָבן אַרויסגעוואָרפן. זיי זיינען געקומען אין שטעטל נאָרמאַן, (אין אַקלאַהאָמאַ סטעיט). דער קאַלטער ווינט האָט דורכ־גענומען זייערע ביינער. זיי זיינען געגאַנגען אָרעם געקליידעט. אין צוויי שוואַרצע, דינע קליידער. און עפּעס מוראדיקעס, פאַטאַלעס איז געווען אין זייערע קינדישע, אין זייערע פייך־פאַרקרומטע פּנימער; זייערע אויגן, וואָס האָבן קיין לוקסוס קיינמאָל נישט געזען — וואָס האָבן נאָך קיינמאָל נישט פאַרצערט אַ שיין, זאַט מאָלצייט, האָבן געוויינט. דער שטויב־שטורם האָט געטרונקען זייערע טרערן. האָט געפליקט זייער יוגנט. נאָך יונג — זיינען זיי געווען אַלט פון ליידן. פון הונגער. און אין מיטלאַלטער, אין די צייטן פון אַמעריקאַנער פּיאָנערן, וואָלט מען זיי פאַרברענט אַלס מכשפות.

די דאָזיקע צוויי איינזאַמע, אָפּגעריסענע פרויען האָט יעדער גע־קענט האָבן . . . פאַר אַ שטיק ברויט — האָט זיך יעדער מאַן געקענט איינבייסן אין זייער פאַרוואָרלאָזט פלייש. נאָר די ערד איז געווען וויסט. די טירן — פאַרהאַקט. דער שטויב־שטורם האָט אפילו אָפּגע־שוואָכט די לוסט אין אָדמ׳ען. און די צוויי ווי פאַרשאָלטענע פרויען האָבן מיט אַלץ וואָס זיי האָבן באַזעסן — פאַראַדירט איבער די טויטע, גרויע און שטויביקע גאַסן. צוויי שטיקער יוגנט — צו צוויי שאָטנס געוואָרן, צו טרויער פאַרוואַנדלט.

און איך האָב אַראָפּגעקוקט דורכן פענצטער. כ׳האָב געטראַכט: די צוויי פרויען זיינען אַרויס פון תנ״ך. נביאים האָבן זיי שטויביקע, פאַרבלוטיקטע, פאַרהאַסטע פון פאָלק, געהאַלדזט און באַפרידיקט. זיי זוכן זייערע נביאים. זיי זוכן יענע ווילדע, עלעמענטאַרע גייסטער, וואָס האָבן געלעבט אין געבירג און געפלאַמט מיט גאָט און מיט זיין פייערדיקן וואָרט. — און איך האָב נישט געקענט קוקן ווי זיי גייען דורך מיטן ווינט דורך מיין הויז. איך האָב זיי גערופן. איך האָב זיי אויסגעזעצט ווי פרינצעסינס אין מיין צימער. איך האָב זיי באַדינט, ווי אַברהם האָט באַדינט די דריי מלאכים. איך האָב זיי גע־געבן אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט אין מיין הויז — און זיי האָבן מיר געגעבן אַלץ וואָס איך האָב פון זייערע לעבנס געוואָלט . . .

— — — — — — — — —

שוין אַ סך יאָרן זיינען אַדורך זינט יענע נעכט אין אַן אָקלאַ־האָמער שטעטל. ווען די נאַטור ווערט ווילד. ווען די נאַטור ברענט מיט כעס — זע איך איבער די אַנגעצונדענע האָריזאָנטן די איינזאַמע פרויען פון אַלע צייטן. זע איך די עלנטע פון דער ערד — פון אָרעמ־קייט פאַרטריבן — ווי זיי פּאַראַדירן וואַלקיריש איבער די מאָגערע, טרוקענע לאַנדשאַפטן; ווי זיי זוכן די אַנגעצונדענע נביאים פון תנ״ך . . .

ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 24, 1944.

איך גיב אייך ווײַן צו טרינקען — דאַמען הײליקע!

אויפֿן טורעם דער אלטער זייגער גלאַנצט גאָלדיק מיט זיין ציפֿערבלאַט, אַזוי ווי אַ גילדערנער און פֿרעכער גער. די נאַכט פֿאַלט צו און פֿאַרוועבט מיט שפּינוועבס־דעמערונג די העלדזער פֿון די דאַמען. און איך גיי אַרום פֿון פֿרוי צו פֿרוי און דערלאַנג באַקאַלן מיט שווימיקן שאַמפּאַניער. מיט ווײַן און ביר פֿון טונקל־רויטן און גאָלדענעם קאָליר.

וועלכע וואונדערלעכע פֿרייד — צו זען ווי ליפּן זייענען פֿייכט — ליפּן פֿון הערלעכע און פֿייכטע פֿרויען. ווי די באַקן פֿלאַמען אויף ווי רייפֿע עפּל אין מידן האַרבסט. ווי די ציין ווערן שאַרף און מיט גלאַנץ באַגאַסן. ווי זייערע בוזעמס אָטעמען שווער און זייערע אויגן — די שענסטע איידלשטיינער — ווערן מיד, צעפֿינקלען זיך און לויכטן אויף איידער זיי שליסן זיך שיכור צו. ווי זייערע אויגן עפֿענען זיך ווי שטיקלעך קוילן אונטער די וויעס פֿון אַש — ווי רובינען פֿון אַלטע בראַסלעטן.

דער ציפֿערבלאַט פֿון אַלטן טורעם־זייגער איז רויט צעגילדעט. די ווייזער־וואָנסעס — דאָן זשואַניש פֿאַרדרייט. איז עס דאָס פּנים פֿון לאָרד בייראָן אָדער סיניאָר דאָן זשואַן? איז עס אַן אַלטער גער וואָס שמייכלט אין דער נאַכט בגלופֿנדיק, שפּאַצירנדיק מיט דער לבֿנה ביים טייך? איז עס דאָס פּנים פֿון דעם דאָרן ריטער דאָן קיכאָט, וואָס האָט זיך צעבראָכן אויף טויזנט שערבלעך און איז געבליבן שטעקן אין יעדן מענטש?

עס איז גוט צו טיילן ווײַן אין דײַנע גאָלד־בעכערס, צעבויגענע דורך נערוועזע פֿינגער, דורך פֿינגער צעבויגענע פֿון ליידנשאַפֿט. דו טראָגסט צו דעם דײַנעם בעכער מיט בלוט־רויטן ווײַן צו אירע דײַנע, נאַסע ליפּן. זי איז בלייך. זי איז ווי אַ ליליע — בלייך, ווי אַ ליליע באַלד אין דער פֿרי, ווען דער טוי שווערט זי צו דער פֿייכטער ערד, צום מוטנעם, מיט גרינעם מאָך באַדעקטן וואַסער. צום וואַסער וואָס טראָגט דײַן פֿאַרטרעט, ווי אַ שפּיגל, פֿון קינדהייט אָן, פֿון אייביק אָן, טראָגט דיך זינט עמבריאָנישן געבורט אָן, טראָגט דײַן צוקונפֿט אין זיך. און, דו טרינקסט איר אָן ווי אַ קליינעם מלאך — ווי אַ פֿויער טרינקט אָן דאָס יונגע פֿערדל, דאָס לאָשיקל, ביים פֿאַרנאַכטיק־גרינעם וואַסער. און — זי פֿאַלט אַוועק. דו צערייסט דעם זייד פֿון איר קלייד. דאָס ווייסע לייב בלאַנקט. די בריסטן ציטערן... אַ כוואַליע שוואַרצע האָר פֿאַלט אויף אירע קליינע, שאַרפֿע בריסט.

דײַן ראָלע איז גלענצנד. עס איז היינט אַ נאַכט אַזאַ ווען דו וואָלטסט פֿון דײַן האַרץ דעם שאַמפּאַניער אויסגיסן מיט אַלע שווימען־פֿראַכטן. דו דינסט היינט צום גאָט באַקכוס. באַקכוס — ער גייט אויף פֿאַר דיר מיט זיין פֿאַוניש, ציגניש געזיכט, פֿאַרגאָסן מיט פֿעט־טריפֿנדיקן ווײַנטרויבן־זאַפֿט — באַהאַנגען מיטן צירונג פֿון גילדערנע, טונקעלע ווײַנטרויבן, געמאַכט פֿון ברודיק, אַלטפֿרענקיש גאָלד. און באַקכוס לויכט אַרויס צו דיר, ווי דורך אַ טייך פֿון ווײַן.)

דו ביסט היינט אַ טרייער חבֿר פֿון דײַנע פּראָפֿעסיאָנעלע קאָלעגן, קעניג קהלת און אָמאַר כאַיאַם. און פֿון אַנאַקרעאָן און פֿון פֿינ־

דאַר. און דו גייסט אַרום פון פרוי צו פרוי—פון זייד־מאַסקירטע דאַמען — דו באַנעצסט זייערע ליפּן רויט. די זינגערינס און די טענצערינס שלעפּסטו איין. ווי אַנטבלויזן זיך מאַרמאָר־ווייס זייערע הייסע גליי־דער. דו וואָלטסט זיי אין אַ ים פון שאַמפּאַניער געלאָזט שווימען. די רויטע פּורפּורנע כוואַליעס זאָלן טאַנצן הויך מיט זיי צוזאַמען. ס׳זאָלן אין די כוואַליעס אַרומשווימען ווייבלעכע מאַסקעס, קליי־דער פון טונקל זייד און טורמאַלין, שטיקער פליוש און סאַמעט, און קייטלעך פּערל אַראָפּגעריסענע פון שוואַנענהעלדזער — סיגנעטן גיל־דערנע מיט דערשראָקענע בריליאַנטן, מיט רובינען רויט ווי בלוט, מיט סאַפּירן שלאַנגיק־גיפּטיקע, מיט בייזע איידלשטיינער, ווי אויגן פון זיך דועלירנדע אויסגעטראַכטע ריטער. די כוואַליעס מיט די נאַקעט־גופים זאָלן אַזוי הויך טאַנצן, אַזש צו באַרירן די קניעס פון די שטערן, אַזש צו באַרירן די אויסגעקריצטע שאָטנס אויף דער לבנה.

עס איז אַוואונדערנאַכט — ווי אויף די סענסיטיווע בלעטער פון אַן אײראָפּעאישן ראָמאַן. איך בין די שיכור׳ע שענק און דער ביי־זאַרער שענקער. איך בין דער פּאַרקליידעטער קעניג וואָס פּאַרלאָזט אום האַלבער נאַכט זיין אין בלויען ליכט געהילטן פּאַלאַסט און לאָזט זיך אין דעם האַפן־געגנט צו שטילעטן־יונגען און הפקר־דאַמען. איך בין דער קראַנקער ריטער וואָס שטאַרבט שטענדיק אויף די קניען פאַר דער דולציניי. איך בין די ערדענע קרוג וואָס איז פול מיט וויין. איך באַלויכט אייערע העלדזער. איך בין באַקכוס מיט וואונדן־וויינ־טרויבן צעלויכטענע... אויף מיין קאָפּ בליט אַ ווייַנשטאָק. איך בין די שענק און דער מידער שענקער.

איך וואָלט וועלן אַז די נאַכט זאָל זיך נישט ענדיקן. איך וועל צערייסן אַלע שפּינוועבסן פון באַגינען. שלאָפט, מיינע הייליקע קרבנות. שלאָפט, דאַמען־שוואַנען מיט אָפּגעדעקטע בריסט, מיט קילע קניעס, מיט גילדערנע לאָקן־כוואַליעס. שלאָפט אין אייערע נאַכלעסיק־קרומע פּאָזעס אַוועקגעוואָרפן. איך וואַך איבער אייך. איך בין אייער געטרייער ריטער. פאַר יעדן קוים־באַרירבאַרן קוש צאָל איך מיט יאָרן לעבן. איך היל אייך איין אין פליוש פון דער נאַכט. איך דעק אייך צו מיט מיין וואַרעמקייטס־קאָלדרע. (קיל־דערע). אין סאַמעט שאַלן פון מיין שטימונג באַהאַלט איך אייך, פּרינצעסינס. איך היל אייך איין אין געוועב פון מיין חלום. איך באַהאַלט אייך אין אַ וואָלקן־טרויער. איך טראָג אייך פּאַראַליזירט־וואונדערלעכע ווענוסעס אַרויס צו מיין שיף. איר וועט זיך מער קיינמאָל נישט באַפרייען. איר זענט מיינע הייליקע און פּירשטלעכע געפאַנגענע. איך וועל אייך קיינמאָל מער נישט שלאָגן. איך וועל אייך באַהאַלטן אין אַ כישוף־שלאָס. דאָרט וועט איר אַרומגיין, קראַנקע פּרינצעסינס, מיט בלאַסע פּאָרצעליי־פּנימער און לאַנג־לאַנגע האָר.

שלאָפט. צעטרטלעך ווי אַ געץ וואַך איך איבער אייך. איך היט אייך אָפּ. אויסגעליידיקט אַלע קרוגן — טיילט אייך וואַרעמקייט די לעצטע רויטע קרוג — מיין זוניק האַרץ...

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 4, 1945.

באל אין פולאווער פארק

איך געדענק אַ פאַרנאַכט וואָס איז געווען ביזאַר. ווי שפּינוועבס איז די טונקלקייט געפאַלן אין אַלטן פּאַרק. עס איז געווען אַ טיפע טונקלקייט. אין אַלטן פּאַרק איז פאָרגעקומען אַ באַל. די שטאַרקע שקצים פון דאָרף, א.ן די געזונטע, שיינע, פּוילישע שיקסעס — האָבן געטאַנצט. קלאָר קען איך שוין נישט געדענקען די קאָנטורן, די בילדער, די פּאַסירונגען. דער פּאַרק איז געווען שאָטנדיק, טונקל, פאַנטאַסטיש און שווער. ווייסע פראַגמענטן פון פּאַלאַצן האָבן אַרויסגעבליצט אין דער נאַכט. אַ בוים איז געווען געשמידט אין אייזן. מיר האָט זיך געדאַכט: די ביימער זיינען גליקלעכער ווי מענטשן. זיי האָבן אַן אייביק לעבן. זיי לעבן טויזנטער יאָרן. זיי זיינען געשטאַנען ביים אַנהייב פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אוראַלט, מיט היסטאָרישע לעגענדעס פול, איז געווען דער פולאַווער פּאַרק. נאַפּאָלעאָן האָט דאָ פאַרווײלט אין אַ ווייסן, מירמעלנעם פּאַלאַסט, אין רענעסאַנס־סטיל געבויט. דאָ האָט דער קליינער קאָרפּאָראַל גאַלאַנט און גרויסמוטיק געשמייכלט צו די פּוילישע דאַמען, אין ברייטע קרינאַלינעס... דאָ האָט אויך פאַרבראַכט קסיאַנדזש יוזעף פּאָניאַטאָווסקי. שטענדיק האָב איך באַוואונדערט זיין שיינקייט אויף די פאַרביק־געמאָלטע בילדער — מיט רויטע בעקלעך, אין פלאַמען געמאָלן. קאָשציושקאָ איז אויך דאָ געווען, רייטנדיק אויף זיין אַראַבישן פערד, מיט דער רעכטער האַנט דריקנדיק די סאַבלע (שווערט...).

און אינמיטן דעם פּאַרק, אין אַלטן, טויטן און קילן פּאַרק, אין אַ זומערדיקן אָוונט, פאַרזאַמלט זיך די יוגנט און טאַנצט. יעדעס מאָל מאַנצט אַרויס פונם פּובליקום אַ ליידנשאַפטלעך פּאָרל. עפּעס איז פּאָר מיר אַ נייעס דאָס לופטיקע און הייס־בלוטיקע טאַנצן. עפּעס איז פאַר מיר אַ נייעס די ליידנשאַפט. דאָס היציקע גליען פון קערפּערס. די פלאַמענדיקע געזיכטער. עפּעס אַסאָציאיר איך די איצטיקע זין און טעכטער מיט די פּוילישע לעגיאָנערן, מיט די קעמפער אונטער פּאָניאַטאָווסקי׳ס און קאָשציושקאָ׳ס אַרמייען. און קעניגן פּוילישע גייען אויף. וולאַדיסלאַוו יאַגיעללאָ — דער לעגענדאַרער קעניג, מיטן לאַמען פוס, וואָס הייראַט די צאַרטע קעניגין יאַדוויגאַ. (ווי אָפט פלעג איך אין בוך פון פּוילישער געשיכטע אַריינקוקן אין דעם פּאָרטרעט פון יאַדוויגאַ — אַ בלייכע, מיט זון אין אירע בלאָנדע האָר, מיט אַן איידעלער, ווייבלעכער קרוין אויף איר קאָפּ. ווען נישט קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגיעללאָ, וואָלט איך זיך פאַרליבט אין דער זיבעצנטיאָריקער פּוילישער הערשערין.) און באָלעסלאַוו שמיאַלי און קאַזשימיערזש וויעלקי (דער גרויסער). קאַזשימיערזש — וואָס האָט אַריינגעלאָזט די אידן פון שפּאַניע און וועמעס שוואַרצע באָרד האָט זיך ביי מיר פאַרקריצט אין זכרון. גרויסע, פּוילישע קעניגן, מיט ריזיקע אַמביציעס, מיט אַוואַנטוריסטישע נאַטורן, מיט מעכטיקע הערצער און ברייטע נשמות. קעניגן ריזיקע פון דעם אַלטן גרויסן פוילנלאַנד. בייזע, אין כעס און אין צעבלאָזענער אַמביציע — און גוטע אין מאָמענטן פון גוטסקייט. קעניגן פון גרויסן קאַליבער... אַפילו ווען דאָס לאַנד איז געווען קליין...

אַרום די לאַנטערנעס פֿאַרזאַמלען זיך שמעטערלינגען, זשוקעס, אינסעקטן. טאַנצן עפּעס אַ טרויעריקן טאַנץ אַרום דעם ליכט. — אַ פֿאַטאַלן טאַנץ. אָט דאָ הערשט די אוראַלטע צייט... די סימבאָלן פֿון דער געשיכטע גייען אַרויס, אין גאָלד אָנגעטאָן. און דאָ זעען זיך די יונגע שמעטערלינגען, סימבאָלן פֿון מאָמענט... פֿון מאָמענט? ווער ווייסט... אָט די בראָנדזענע שמעטערלינגען האָבן פֿילייכט צוגעזען די באַוועגונג פֿון געשיכטע, דעם טאַנץ פֿון אימפּעריעס, די קבֿרים פֿון נאַציאָנען, דעם אויפֿגאַנג און אונטערגאַנג פֿון וועלטן און סיסטעמען. אינסעקטן זיינען אוראַלט און אור־קלוג, הגם זיי זיינען אין דער קאָלאָסאַל־לאַנגער קייט פֿון עוואָלוציע געבליבן אינסעקטן... די דאָזיקע אינסעקטן — ווער ווייסט אויב זיי זיינען נישט די גייסטער פֿון קעניגן און בירגער, וואָס קומען דאָ ווידער אַראָפּ פֿון די הויכעביימער, אין דער פֿייערלעכער נאַכט...

דער טאַנץ גייט אָן. די יוגנט טאַנצט אויס איר בלוט־פּאָעמע, איר ליידנשאַפֿטס־ריטם. נאָר איך בין אַ קליין אינגל. איך באַמערק צווישן פּובליקום שיינע מיידלעך פֿון שטעטל, צווישן דעם פּובליקום. די שענסטע מיידלעך! און איך טראַכט פֿון דער לעגענדאַרער אסתרקע פֿון אָפּאַטשנע, די געליבטע פֿון דעם גרויסן פּאַטריאַרכאַלישן קעניג קאַזשימיערזש. אסתרקע, דעם שניידערס טאָכטער, וואָס פֿלעגט קליינערהייט צונויפֿנעמען די שטיקלעך שטאָף וואָס פֿלעגן זיין צעוואָרפֿן אַרום ניימאַשין, און זי פֿלעגט זיך פֿון זיי אויפֿנייען אַ קלייד, ווי פֿאַר אַ פּרינצעסין... זי, וואָס פֿלעגט זיך אין האַרבסט צירן אין די גילדערנע בלעטער, וואָס פֿלעגן פֿאַלן פֿון די ביימער, ווי אַ קעניגין אין אַ קעניגלעכן מאַנטל. אסתרקע, וואָס איך בין קליינערהייט געווען פֿאַרליבט אין איר. און וואָס איך האָב געזען אין דעמערונג איר בלייך, פֿאַרקלערט און פֿאַרטרויערט געשטאַלט, פֿאַרטראַכט איבער איר קעניגלעכער צוקונפֿט.

און איך טראַכט, אָן איינגעהילטער אין דעמערונג, פֿון פּוילנס געשיכטע, און פֿון די פּאָעטן: סלאָוואַצקי, מיצקיעוויטש, קראַשינסקי. פֿון יאַן קאָכאַנאָווסקי און פֿון יאַן אָסניק און פֿון דלוגאָש דעם היסטאָריקער און פֿון זשעראָמסקי און ריימאָנט און פֿון שאָפּען און מאַטייקאַ און פֿון דעם לעגענדאַרן, ליידנדן ציפּריאַן נאָרוויד. און איבער אַלץ גייט אויף סלאָוואַצקי׳ס רעפֿריין צו זיין באַרימטן הימן, וועלכן ער האָט געשריבן פֿאַרן טויט, אין אַ זון־אונטערגאַנג, שטייענדיק ביים ים, מיטן טרויעריק פֿאַרבענקטן בליק געווענדט צו פּוילן:

„Smutno mi, Boze!” („עס איז מיר טרויעריק, אָ, גאָט!“)

עס איז יענער טרויער וואָס דער פּאָעט דערפֿילט ווען דער טויט באַרירט אים מיט זיין ביינערדיקער האַנט. עס איז יענער טרויער, וואָס קומט מיט האָריזאָנטן וואָס זיינען רויט פֿאַרגאָסן מיט זון־אונטערגאַנג, ווען די גאַנצע וועלט ווערט דורכזיכטיק פֿאַר דיין ספּיריטועל אויג. — — — — — — — — —

עס איז שוין זייער לאַנג זייט אָט־דעם פֿאַנטאַסטישן באַל. אָפּטמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס האָבן פּרינצן און פּרינצעסינס, דינע, שפּינוועבסטיקע, פֿאַנטאַסטישע שדים, און זשאַלאָבנע וואוואָלן פֿאַרהילטע, געטאַנצט דעם טאַנץ פֿון יונגן פֿאָלק. אָפּט פֿאַרווישן זיך די קאָנטורן. עס בלייבט אַ מיש־מאַש פֿון פֿלעקן און קאָלירן, ווי די

ערשט־אַנגעפאַנגענע לאַנדשאַפט פון אַ מאָלער, אָדער די מיט פאַרבנ־פאַרגאָסענע לאַנדשאַפט פון אַ משוגענעם מאָלער... מיר איז בלויז געבליבן אין זכרון די פאַנטאַסטישע אימפּרעסיע... אַ טיפער, כישופדיקער איינדרוק פון דעם באַל... אַ טרויער איז מיך באַפאַלן. איך בין אויך שוין געווען אייפערזיכטיק וואָס די מיידלעך פון שטעטל זיצן מיט אַנדערע יונגעלייט... און איך הער זיך צו צום גערויש פון בלעטער, פון פלאַנצן און פון די שמעטערלינגען און אינסעקטן...

און זייט דאַן בין איך געבליבן פרעמד צום מענש. די נאַטור מיט אירע געהיימנישפולקייטן האָט מיך פאַרכישופט. די געשיכטע מיט אירע לעגענדעס האָט מיך באַהערשט... עפּעס אַ געוואַלטיקער טרוים איז געבליבן הויערן אין מיר. עס איז ווי אַ בוים וואָלט געבליט און געוויאַנעט אין מיר. אַן אוראַלטער בוים... פיליכט הויערט אין מיר אַ מין אַטאַוויסטיש געפיל פון אורמענטש, ווען ער איז געווען צוגענאָפּלט צום נאָפּל פונם דזשאָנגל... ווען ער איז געווען אַ בוים... אַ פלאַנץ... ווען ער איז געווען צוגעפּעסטיקט צו איין באַשטימטן פלאַץ אויף דער ערד, אין דער גראַנדיאָנער לאַנדשאַפט פון מעשה בראשית... דער טאַנץ, די באַוועגונג פון גלידער, דאָס הינרייסן זיך צום הימלישן, דער ריטם פון גאַנג פון די שטערן אויף זייערע אייזערנע אָרביטעס, דער ריטם, די מוזיק פון קאָסמישער באַוועגונג און אַקציע. פיליכט איז דאָס אַלץ דורכגעגאַנגען מיין וועזן מיט מעלאַנכאָליע און מיט שטורם... די גאַנצע וועלט — דער אוניווערס איז האַך געוואָרן אין מיר...

און צוזאַמען מיט דער נאַטור — דער זין פאַר געשיכטע... דאָס געוואויר ווערן אַז קעניגן און בירגער שטאַרבן נישט. אַז זיי עקזיסטירן אין קאָסמאָס. אַז זיי זיינען אָנוועזנד אויף נאַציאָנאַלע יום־טובים. אַז גייסטער שפּאַצירן אין פּאַרק אויף און אָפּ — אין דער גרויסער קאָמעדיע פון געשיכטע.

און צוזאַמען מיטן פילן די נאַטור און פוילישע געשיכטע — דאָס עראָטישע געפיל. דאָס איינהילן די עטלעכע מיידלעך פון שטעטל, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן באַל — אין טיכער זיידענע פון נאַכט — אין זילבער־שאַלן פון נעפל — אין די איידלסטע וואוואַלן פון זון־פאַרגאַנג — אין שטאָפּן פון דעמערונג — אין הערלעכע אימאַזשן פון „זאָמערנאַכטסטרוים”...

די דאָזיקע מיידלעך בין איך גרייט געווען צו אומהאַלדזן, צו קושן, צודריקן צום האַרצן, צום אַריינזעצן אין דעמערנדיק־טונקעלע קאַרעטן און זיך אייביק טראָגן מיט זיי פאַרביי נאָס־געמאָלטע האָריזאָנטן — פאַרביי דעם אייביקן געוויין און טרערנטריף פון וואָלקנס — — — —

איך ווייס נישט וואָס עס איז געווען. נאָר עפּעס אַ גרויסע דערוואַכונג, אַ געוואויר ווערן פון זיך זעלבסט — איז פאָרגעקומען אין מיר, אין יענער בלוי־פורפורנער, שפּינוועבסטיקער נאַכט — בשעתן מאָדנעם באַל — אַ באַל פון שדים, קעניגן, שקצים, שיקסעס און אינסעקטן, וואָס טאַנצן פאַרחלשט אַרום געלבע לאָמפּן אין פּאַרק — אַרום פאַנטאַסטישע לאַמטערנעס — ווי די ריזן־אינסעקטן — די וואָלקנס — ציען זיך פאַרליבט און עקזאַלטירט אַרום דעם גרויסן מעשענעם לאָמפּ אין אוניווערס — די לבנה, די מיט פאַרבן און מיט סאָזע פאַרפלעקטע...

ניו־יאָרק, מאַי, 16, 1942.

די טעכטער פון פאַפּיראָשניק...

אין איין זייט פון דעם לאַנגן הויז, אינם לענגלעכן צימערל, האָבן געוואוינט מיינע צוויי שוועסטער — חיה׳לע און מירעלע. איך געדענק, ווי איצט, וואָס עס איז געשטאַנען אינם צימער.ביים פענצטער, וואָס איז געווען אומגעוויינלעך־ריזיק, זיינען געשטאַנען צוויי זינגער־מאַשינען, מיט נידעריקע טאַבורעטקעס. אויף זיי זיינען מיינע שוועסטער שטענדיק געזעסן און געניי׳ט. פרויען פלעגן קומען, זיך לאָזן מאַכן נייע קליידער און אונטער־וועש. עס זיינען געקומען אַלע קלאַסן מענטשן, אָנהייבנדיק פון קינדער — ביז כלות, און עלטערע פרויען. סטודענטקעס און אַרבעטערינען. זיי האָבן גערעדט אַ קלאַנגיקן פויליש, פול מיט דעליקאַטע אויסדרוקן און מוזיקאַליש־קייט. זיי האָבן פיל געלאַכט. האָבן אָפּט אָנגעמאָסטן די קליידער הינטערן ווענטל. איך פלעג בגנבה אַ קוק טאָן אויף זייערע נאַקעטע פיס און אָרעמס... מיך האָט געצויגן מיט אַ ראָמאַנטישן באַגער צום כישוף פון פרויען... צום צויבער פון די סטודענטקעס, וואָס זיינען געווען גראַציעז אין יעדער באַוועגונג...

אין צימער איז געשטאַנען, ביי דער לינקער זייט, אַ גרויס בעט און אַ צווייט בעט איז געשטאַנען אין הינטערגרונט פונם צימער, ביי דער וואַנט. אין איינעם, נאָענט צו דער טיר צו, איז געשלאָפן חיה׳לע. אין צווייטן — מירעלע. איבער חיה׳לעס בעט, אויף דער גרויסער וואַנט, זיינען געווען אויסגעקלעפּט אָלערליי בילדער (פון דער פּאַ־מיליע), „פּאָטשטאָוועקעס״ (פּאָסטקאַרטלעך) מיט פרויען אין נוד, מיט בילדער פון שטעט און גאַסן, צווישן זיי — אַ בילדל פון נאַפּאָלעאָן. אויף דער וואַנט, איבער מירעלעס בעט, זיינען געווען אויסגעקלעפּט בילדער פון איר מאַן, וואָס האָט זיך געפונען אין עסטרייכישער גע־פאַנגענשאַפט. אויסער די בעטן, זיינען נאָך געווען עטלעכע שענק־לעך, געפּעס, אַ טיש, און ביים סוף פון צימער — אַ „ספּיזשאַרקע״, אַ מין חדר, וואו מען פלעגט זיך אָנטאָן און אויסטאָן.

איך פלעג הערן אין גאַס באַמערקונגען פון אינגלעך אויף דעם אַדרעס פון מיינע טייערע שוועסטער. זיי האָבן טאָג און נאַכט גע־אַרבעט און זיינען קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט. (ווען איך האָב שפּעטער געלייענט פּרץ׳ס „די דריי נייטאָרינס״ — האָב איך אין זיי דערקענט מיינע שוועסטער. פון די צאַרטע און טרויעריק־בלייכע געשטאַלטן איז אויפגעגאַנגען דער אומעט פון מיינע שוועסטער.)

פון דער אַנדערער זייט, אַנטקעגנאיבער, האָט געוואוינט דער פּאַפּיראָשניק מיט זיין ווייב און זייערע זעקס טעכטער. איך גע־דענק נישט די טעכטער זאָלן זיין אַנדערש איינע פון די אַנדערע. אַלע זיינען זיי פאַרבליבן אין מיין זכרון ווי בלאַסע, אָבער פריילעכע מיידלעך.

עס איז געווען פרילינג. דאָן איז געוואָרן זומער. די ערד, די פעדער, די גערטנער, אַלץ האָט זיך געהילט אין אַ וואונדערלעכן גרין, אין אַ הילע פון לויטער גרין. די מיידלעך פלעגן זיך אַמוזירן. זיי פלעגן, צוזאַמען מיט נאָך מיידלעך פון הויף, טאַנצן קאַרעהאָדן, זינגען און שפּרינגען. איך האָב אין די טענץ נישט אָנטיילגענומען, נאָר איך פלעג הנאה האָבן פון די פריילעכע געזאַנגען, פון די לוסטיקע קינדערשע טענץ. זיי זיינען פאַרבליבן אין מיין זכרון, ווי נימפן,



ווי וואונדערשיינע וואַסערמיידלעך, שטענדיק טאַנצנדיק און זינגענ־דיק. ווי גערן וואָלט איך וועלן וויסן וואָס עס איז געוועז דער גורל פון די אַלע מיידלעך. מיט וועמען זיי האָבן געהייראַט. צי זיינען זיי געווען גליקלעך אין לעבן? צי זיינען זיי אַלע פאַרבליבן לעבעדיק ביז אויף אונזערע טעג? וואוהין זיינען זיי אַוועק — אויב זיי זיינען אַוועק פון די שטעטלעך?.. ווער קען דאָס מיר דערציילן? ווער ווייסט די סודות פון גורל?.. צי האָט זיי אַלע, חלילה, נישט איינ־געשלונגען דאָס פייער פון קרעמאַטאָריום? צי האָט זיי נישט אַרומ־גענומען די שרעקלעכע פלאַמען?..

דער סאַד איז געווען אַ גרויסער, אַ שאָטנדיקער, אַ טיפער, ווי אַ ים. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געשפּילט אין סאַד, נאָר אויפן הויף, אונטער די בלייענע לייבן. ווי אַנגענעם איז געווען זיך צו שפּילן! די יוגנט איז פול מיט דעם זיסן אומבאַוואוסטזיין פון זיך זעלבסט. מען אָטעמט איין די שמעקעדיקע לופט פון דיביימער. ווי אַ גרויסער אָרקעסטער איז די קינדהייט, די יוגנט. אַלע זיינען גלייך. דער גורל, דאָס לעבן פון יעדן קינד איז כמעט גלייך. נאָר ערשט אין די שפּעטערדיקע צייטן הייבן זיך אָן צו בלעטערן די בלעט־טער פונם גורל׳ס בוך — און עפּעס אַן אומגעוויינלעכע מעלאַנכאָליע גייט אויף פון אָט־דער טראַגישער ענדערונג, ווען דאָס לעבן ווערט, אַנשטאָט חלום, קאַפּריז, געוווּס, קאַמף מיטן גורל, געשלעג מיטן פּאַטום...

די מיידלעך זיינען אַלע פאַרשוואונדן געוואָרן. די צייט מעקט אָפּ אַ סך פונם זכרון. איך ווייס נישט די נעמען, די מאָסן פון זייער וואוקס, די יאָרן... זיי זיינען — אַלע זעקס שלאַנקע טעכטער — געווען ווי אין איין צייט געבוירן, ווי אין איין שטונדע געשאַפן, ווי אין איין טאָג פאַרטראַכט פון גאָט... זעקס פּרימיטיווע פּרינ־צעסינס אויפן גרויסן הויף, היגטער דעם אייביקן וואַכן פון די בלייענע לייבן, וואָס זיינען דאָ מיט שטאָלץ געשטאַנען, ווי פּאָר אַ קעניגלעכן פּאַלאַסט אין פּערספּעקטיווע אָדער טעבען...

ווי גערן וואָלט איך וועלן ביי אַ געוויסן אָפּשלוס פון שטורמישע זאַכן אין מיין לעבן, מאַכן אַ רייזע קיין פּוילן, ווידער באַזוכן פּולאַווו, באַזוכן דעם גרויסן הויף... זיך נאָכפרעגן אויף דעם פּאַפּיעראַשניק׳ס זעקס בלייכע טעכטער... אין קליינע הייזלעך וועל איך זיי אפשר געפינען — אָדער אויפן בית עולם, צווישן פאַרוואַקסענע קברים, וואו פייגל קלאַגן, וואו אַן אומענדלעכער טרויער הויערט און שימלט און טריפט... וואו די שטילקייט קילט דאָס בלוט, קילט דאָס קלאַפּן פון האַרץ, קילט דעם גאַנג פון לעבן... וואו פייגל זינגען אויפן שאָטנדיק־טונקעלן בוים, וואָס שטייט איבער דעם קבר פון מיין שוועס־טער חיה׳לע, וועמעס מצבה איז אָפּגעריבן און קרישלט זיך אונטער אַזוי פיל רעגנס און שנייען און האָגלען... און צווישן די צווייגן זינגט אַ פויגל זיין רירנדיק ליד — און איך דערקען אין זיין שטימע היה׳לעס קול... חיה׳לעס לידער, וואָס זי פלעגט זינגען ביי דער נײ־מאַשין...

דער פערדנשינדער

הגייך איז ער געווען אזוי ווי איינע פון די געשטאלטן פון על גרעקא, וואס איך האב שפעטער געזען. הויך און שלאנק און אריינ־מורמענדיק אין די וואלקנס אריין, אין דעם שווארצן ווירבלווינט פוי זיך קאכנדיקע וואלקנס, מיט זיין אייז־גרויען קאפ, מיט זיין רויט־פארפלאמטן פנים אונטער דעם שניי פון זיינע געדיכטע האר, מיי־אויגן אזוי ווי בליצן וואלטן זיך אפגעבראכן פינקלענדיק און געבליבי־שטיין אונטער זיינע גרויע ברעמען, אונטער זיינע ווייסע וויעס.

מען האט אים גערופן זלמן דער פערדנשינדער. און אלע, א מיין פאטער, האבן אים פאראכטעט. עס איז געווען פאטעט הערגאישע גרויסקייט אין זיין איינזאמקייט. וואו ער האט געטראט; זיינען קינדער אנטלאפן פאר זיין מעכטיקן טראט. מעכטיק און גע־פאלן, ווייל פון דער נאטור איז זלמן געווען א גיגאנט. נאטור האט אים געגעבן א שטארקן גוף, מיט א סקעלעט ווי פון אייזן, מיט ביינער ווי אייזערנע שטאבעס, וואס האלטן צוזאמען א וואלקנקראצער, א טעמפל וואס טורעמט קאטעדראליש אין הימל אריין. נאר זיין ראלע אין דער געזעלשאפט איז געווען ווי פון א פאריא, אזא וואס האט נישט געשטימט מיט זיין פיזישע נאטור. זיין ראלע איז געווען א באליידיקנדיקע, די ראלע פון א פערדנשינדער.

איך בין געווען א קליין אינגל — און איך בין צוגעצויגן געווארן דורך זיין געהיימניש־פולע פיגור. דורך זיין ווערן ברוטאל פאראכטעט פון זיין סביבה. איך האב געזען ווי עקשנות׳דיק ער שווייגט. ער שווייגט, פול מיט מעכטיקע רייד אין זיין הארצן. ער שווייגט, אזוי ווי ער וואלט זיך צוגעגרייט צו רעדן פארן גרויסן געריכט. דו האסט געקענט זען אז יעדעסווארט וועט אויסברעכן ווי א דונער פארן הימ־לישן געריכט. דו האסט געקענט זען אז אונטער דעם פעלזיקן שווייגן רוט א בליץ, וואס וועט אויסברעכן אין דונערן. זלמן דער פערדנ־שינדער איז געווען ווי א נביא, וועמעס מויל איז זייט טויזנט יאר לאנג געווען פארוואקסן מיט זיין באָרד, פארקלעפט מיט ליים, פארפאטשט מיט ווינט־און־וויי.

זלמן דער פערדנשינדער האט געשונדן פערד. און איינמאל, אין א פארנאכט, ווען די זון איז רויט פארגאנגען, און ווען שטיקער אין בלוט־געווייקטע וואלקנס, ווי שטיקער זייד, זיינען געווען אויף די האריזאנטן, זיינען נאכלעסיג געהאנגען איבער די הימלען, האב איך געזען אויף א פעלד, נישט ווייט פון דער וואסערמיל, ווי זלמן שטייט איבערגעבויגן איבער דעם פארשטארטן גוף פון א פערד. עס איז גע־ווען א גרויזאם בילד. זלמן האט מיט מעסערס געשניטן די הויט פון דעם פלייש פון פערד. זיינע הענט, די פעל, דאס פערד, דאס גראז, די ליימיקע ערד ארום די הימלען, די האריזאנטן, אלץ איז געווען איינגעשמירט אין בלוט. און דער אויסדרוק אויף זלמנ׳ס געזיכט איז געווען אן אומגעוויינלעך־שמערצפולער. מען האט געקענט זען מיט וועלכער מילדער פיין ער טוט די שרעקלעכע ארבעט! עס איז געווען א רחמנות צו קוקן אויף אים, און אויפן פערד, אויף דעם אמאל־מאיעסטעטישן באשעפעניש, וואס איז איצט געלעגן צו דער ערד, א קופע פון פוילנדיק פלייש... עס איז געווען א גרויס רחמנות דאס אלץ צוזוזען.

צו מאָרגנס האָב איך געזען זלמן דעם פערדנשינדער פאַרבייגיין די הייזער פון שטעטל אַ דערשלאָגענער. מען האָט דערקענט אין אים תשובה און חרטה. עס איז געווען ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ שרעקלעך פאַרברעכן, אַן אומפאַרגעבלעכע זינד. ער איז פון זיין מאָנומענטאַלער הויך טיף געפאַלן. די אויגן — פאַרלאָשענע. ער האָט געטראָגן אויף זיך די רויטע פעל... יאָ, זיין לייב איז געווען ווי איינגעוויקלט אין דער בלוטיק־פייכטער, צעפלאַמטער פעל — זיין זינד...

— — — — — — —

יאָרן זיינען דורך. נאָר צייטנווייז גייט אויף אין מיר זלמן דער פערדנשינדער. ער גייט אַרויס ווי אַ פלאַם־געשטאַלט פאַר מיינע אויגן, ריזיק און פאַרשעמט, געוואַלטיק און פול מיט תשובה; און זיין גאַנץ געשטאַלט פרעגט טויזנט פראַגן — אויף טויזנט רעטענישן. זיין גאַנץ מאָנומענטאַל און נביאיש געשטאַלט פלאַמט אויף און לעשט זיך אויס. און מיר דאכט אַז ער איז עס דער וואָס צינדט אָן איבערן הימל דעם גרויסן זון־אויפגאַנג און דעם טרויעריקן זון־אונטערגאַנג. ער איז עס דער יעניקער וואָס פלאַמט אויף אויפן הימל אין אַ גע־וואַלטיקער שרפה, אין צאָרן און אין תשובה. און די זון — זי איז זיין קאַלאָסאַל האַרץ וואָס פלאַמט...

ניו־יאָרק, יוני, 5, 1946.

דער גרויסער פרילינג

איך געדענק אַזאַ רעגעל? — איך געדענק אַזוינער רויפּל אין סאָסנאָווע. עס איז געווען אין אַלטן, אין היימישן, אין טויזנט־יאָריקן אידישן פּוילן. יעדער בוים, ווי אַלט ער זאָל נישט געווען זיין, איז גוט באַקאַנט געווען צו מיינע אורעלטערן. און אָט עפנט זיך די פּאַנאָראַמאַ פון אַ פרילינג. ווי לאַנג איז עס דען אַז די זון האָט צעשמאָלצן די לעצטע שטיקלעך אייז, די אינדזלען פון ברודיקן שניי, וואָס האָבן זיך ווי פּערל־ציין איינגעביסן אין דער ערד. און איצט איז די זון שוין וואַרעם. היימיש דרייען זיך אַרום די הינער אויפן הויף. זיי פּיקן די „זיאַרנעס", פּיקן אין זיך אַלץ אַריין — רינגען פון קייטעלעך; העקעלעך; צעבראָכענע אגראפקעס; שפּעטער געפינט מען אין זייערע היפּשע גידערלעך אַלערליי מעטאַלן און גאָלדוואַרג.

איך בין אַ קליין אינגל, איינגעשמירט אין גאָלד פון דער זון. איינגעשמירט אין בלויען הימל, איינגעשמירט אין גרינס פון דער ערד. אָט עפענען זיך די פעלדער אַרום צו מיר, עפענען זיך מיט קאָלירן געמישטע, עפענען זיך מיט שטיקלעך רויט און גרין און וויאָלעט; דאָ שפּראָצן אַרויס צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אָפּגעשמועסט נאָך אויף יענער וועלט — אַ גאַנצע גרופּע זון־בלומען. דער אינגלישער בליק ווערט פאַרלוירן אין זייער זוניקייט, אין זייער קאָנצענטרירטער ליכטיקייט. די זון שיינט מיט אַ ליבלעכער ווייבלעכקייט. זי טוט אָן דעם הויכן בוים אין אַן אַרלעקיניש קלייד, ווי ער וואָלט אויפטרעטן אין אַן אָפּערא. און פייגל זינגער — די גוטבאַקאַנטע פייגל, וואָס איך קען נאָך פאַר מיין געבורט. קען נאָך פון וועלטן אומערדישע. די פייגל, וואָס האָבן זיס און הימלעך געקלונגען. די אַלט־היימישע פייגל, מיט זייערע קורצע מעלאָדיען. מעלאָדיען — ריינע, הימלישע, האַרמאָנישע, ווי זיי וואָלטן קאָפּירט די מוזיק פון דער נאַטור.

איך בין געווען איבערראַשט. עס איז ווי דער הימל וואָלט זיך פאַר מיר געעפנט אויף דער ערד. דער גרויסער הימל — אויף דער קליינער ערד. און אַלץ איז געווען פאַר מיר ניי. מענטשנ־ניי. ערדיש־ניי. פּילייכט האָב איך דאָס אַלץ געזען מיט מיליאָנען יאָרן צוריק. אין דער גרויסער צייט. אין אייביקייט. עס איז געווען אַ געוואַלטיקע אַנטפּלעקונג צו מיר. רעמיניסענסן זיינען אויפגעגאַנגען. רעמיניסענסן פון אַ קאָסמיש־הימלישער פאַרגאַנגענהייט.

איך געדענק געווי ווי אַרבעטער זיינען דערשינען און מיט רידלעס אָפּגעטיילט דאָס מיסט פון שטאַל. די פערד און די קי האָבן געוואַרט אין דרויסן, בשעת פון שטאַל האָט זיך געטראָגן דער קרעפּטיקער ריח פון מיסט. מיסט, וואָס באַמיסטיקט די פעלדער. ווי פעט עס איז געווען! און ווי עס האָט געלאָזן אין דער שטאַל, אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, אַ וואונדערלעכע רויטע לאַנדשאַפט. און ווי די פויערישע אַרבעטער האָבן אָפּגעטיילט דאָס מיסט פונם באָדן, האָבן איינגעגראָבן זייערע אייזערנע רידלעס דערין. אַלץ איז געווען אַזוי שיין. די באַוועגונג פון מוסקולן. און די בלויע שוואַלבן, וואָס האָבן געזונגען פון זייערע ליימיקע נעסטן אַרויס — די אוראַלטע שוואַלבן, וואָס זיינען אַזוי היימיש צום מענטש. און דער ריח וואָס טראָגט זיך פון דעם מיסט, וואָס וועט פעט מאַכן די ערד. און

ווי אַלץ האָט זײַן ווערט — זײַן זין — זײַן ראָלע אין אוניווערס. און ווי די פעלדער, מיטן דאָזיקן מיסט באַמיסטיקט, וועלן וואונדערלעך שפּראָצן, וועלן בליען און שטראַלן מיטן שענסטן און מיטן בעסטן. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי וואונדערלעך — — — — — — — — — —

יעדער אַלטער מאַן טראָגט די דערינערונגען פון זײַן יוגנט ווי אַ טייערן אוצר. מיר באַהאַלטן די שערבלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט אַזויפיל ליבשאַפט, פונקט ווי זיי וואָלטן זײַן שטיקלעך צעבראָכענע צירונג. וועמעס גאַנצע פאָרם איז אונז טייער און מיר גדענקען זיי אַזוי גוט. און אָפט דאַכט זיך אַז מען וועט ערגעץ־וואו אין צייט ווידער פאַרבינדן די צעבראָכענע פאַרגמענטן. מען וועט זיי ווידער צונויפקייטלען. ווידער וועט דאָס ברודיקע, אַלטפרענקישע גאָלד ווערן רייך און גלענצענד. דאָס גרויסע לעבן, אויף דער ערד פאַר־וויאַנעט, וועט זיך ווידער אָנהייבן אין אַ געוואַלטיקן אַפּאָטעאָז און טריאומף.

ווייזט אויס אַז אַ געוואַלטיקער קינסטלער־רעזשיסאָר אַראַנ־זשירט די זאַכן פון דער פאַרגאַנגענהייט. און זיי דערשײַנען צו אונז אַזוי געוואַלטיק רייך. אַזוי שיין. דער דאָזיקער רעזשיסאָר אַראַנ־זשירט די זאַכן פון דער פאַרגאַנגענהייט — צו קונסט. זיי לייכטן אויף אין אַ גרויסער מיסטעריע. אין אַ געוואַלטיקער שיינ־קייט און פאַנטאַסטיק. און מיר זײַנען אונזער גאַנץ לעבן שיכור פון אָט די דערינערונגען — קינסטלעריש־אַראַנזשירטע.

דאָס איז דער זין פון קאָסמאָס. דורות לעבן, כדי צו בלייבן אויף די באַזרעליעפן פון עגיפּטישע, פערסישע און גריכישע פּאַלאַסטן. די מענטשהייט שטאַרבט כדי אין דער קונסט אויפצוגיין אויפסניי. און גרויס אין שיין און סובלימירט. די גרויסע מענטשהייט — אין דער דראַמע פון קונסט לעבט זי ווידער אויף. זי עפנט זיך אין אַ נייער שיינקייט. זי אַנטפּלעקט זיך אין אַ נייער געוואַלטיקייט.

אַזוי, די דערינערונגען פונם איינצלנעם; אַזוי — די דערינערונ־גען פון ראַסן. פון פעלקער און פון נאַציאָנען און פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַלץ עפנט זיך אין אַ קאָלאָסאַלער האַרמאָניע. אין אַ וואונדערלעכער שיינקייט. אַלץ ווערט צו קונסט. קונסט איז דער צוועק פון אַלץ וואָס פאַרגייט אונטער דער זון. דאָס שטערבלעכע ווערט אין דער קונסט — אומשטערבלעך, מאָנומענטאַל.

ניו־יאָרק, יוני, 8, 1944.

דער קוואַל

אין הייסע טעג פלעגט מײַן פאָטער זאָגן צו מיר:

— שיעלע, ברענג מיר אַ פרישן טרונק פון „סטאַק״! (קוואַל).

איך פלעג רופן מײַן ברודער שלמה. מיר פלעגן גיין צום קוואַל מיט אַן עמער, מיט אַ לאַנגען שטעקן. דער קוואַל איז געווען אין טאָל, אויף אַ שטרעקע פון אַ האַלבע מייל. עס איז געווען אַ שפּרודלענ־דיקער, קרישטאָלענער קוואַל, שלאַגנדיק פלינק און נערוועז מיט זיל־בערנע וואַסער, מיט האַרטע, אייז־קאַלטע, קלאָרע וואַסער. פון די לעכלעך און אָדערן פונוואַנען דאָס וואַסער פלעגט שטראָמען, פלעגט זיך מיטרייסן קלאָר, גאָלדן זאַמד. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אָנצו־שעפּן אַן עמער וואַסער, טרינקען דערפון. עס איז געווען פריש.

עס האָט געשניטן פּיינפול דעם גומען, די ליפּן, די ציין. נאָר עס האָט געזעטיקט דעם דורשט. עס האָט ווי מיט פליסיקן אייז אָנגעפּילט די געדערים, דעם גאַנצן אינערלעכן קערפּער.

ווען מיר פלעגן טראָגן דעם עמער איבערן פעלד, האָט די זון הויך און העל מיט גאָלד געשיינט. נאָר מיין עלטערער ברודער שלמה פלעגט זיך כסדר ביידזערן אויף מיר. אָט פלעגט ער מיך באַשולדיקן אַז איך גיס אויס דאָס וואַסער פונם עמער, אַז עס ווערט פאַרשפּריצט אַרום זיינע פיס. אָט, אַז איך האַלט אומגעלומפּערט דעם עמער. דעם שטעקן. איך געדענק דעם שטעקן. אַ גערעדע, טונקל־ברוינע צווייג, האַרט און שטאַרק. אינמיטן איז געווען אויסגעריבן, פון וויגן זיך פון דעם עמערס דראָט. אין מיינע הענט פלעגט דער שטעקן מיך פּייניקן, רייבן די הויט, צעראַצן דאָס פלייש. די פעלדער זיינען געווען גלאַטיק. ריזיקעביימער זיינען שווייגנדיק געשטאַנען. די פייגל האָבן פאַרשלעפּערט, נאַכלעסיק געזונגען. עס איז געווען דער גרויסער נאָכמיטאָג אויף דער וועלט. און אינמיטן פאַרטראַכטן, נאַכלעסיק־געמאָלענעם הימל, וואָס איז געווען ווי אַן אומגעהייערע פרעסקאָ, איז געשטאַנען די זון — אַ גרויסער גאָלדענער גלאָק — און געקלונגען דורך דער גאַנצער הימלישער קאַטעדראַלע.

ווען מיין פאָטער פלעגט צוטראָגן דעם קוואָרט וואַסער צו זיין מויל, פלעגט ער אָנגענעם ציען דאָס וואַסער, דאַן אַוועקנעמען די קוואָרט פון זיינע נאַסע ליפּן, אים אַוועקשטעלן און זאָגן:

— עס איז בעסער ווי סאָדאַ־וואַסער. עס איז אַזוי קאַלט און פריש. דו באַרירסט די קאַלטע טיפעניש פון דער ערד.

איך האָב באַטראַכט מיין פאָטער; ער פלעגט דאַן אויסזען, מיט זיינע נאַסע ליפּן, מיט דער ברייטער, שניי־ווייסער באָרד, מיט זיינע העל־בלויע אויגן — ווי אַ פּאַן, ווי דער גאָט פּאָסיידאָן. און אָט איז געווען ווי אַ ווינט וואָלט מישן זיינע האָר, ווי ער וואָלט געווען אינמיטן ים... און דאָס פרישע וואַסער, וואָס קומט פון דער טיפעניש פון ים, פון די וואָרצלען פון דער ערד, פון דעם גלאָבוס׳עס געדערים, וואָלט אים אָנגענעם דערפרישט. וואָלט אין אים אַרויסגערופן דאָס עלעמענטאַרע, דאָס שטורעמדיקע, פון דער נאַטור.

און איך געדענק דעם קוואַל מיט טיפער דאַנקבאַרקייט. שטראָמט ער נאָך אַזוי פריש און לעבהאַפט און יוגנטלעך־צאַרט אויך איצט, צווישן די רויע פעלדער, אין גרינעם טאָל? איך וואָלט אין אַ טאָג וועלן קומען קיין פּוילן, באַזוכן די אַלע דערפער וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין קינדהייט — און, אַרומשפּאַצירן רואיק און געלאַסן איבער די פעלדער, כדי נישט צו פאַרלירן צו שנעל דאָס זעלטענע איבערלעבעניש פון ווידער באַזוכן די פעלדער פון מיין קינדהייט און פריער יוגנט און, צו גיין צום קוואַל, צום אייביק־פרישן, זילבערנעם קוואַל, זיך איינהערן אין זיין אָנגענעמען ווי מעטאַל־קלינגענדיקער מעלאָדיע און צופאַלן צו אים מיט די ליפּן און קושן און טרינקען אַ דורשטיקער דאָס פרישע, זיסע, שניידיקע וואַסער פון מיין קוואַל, פון מיין יוגנט־קוואַל... איך בין זיכער, אַז דער קוואַל וועט זיין דערירט, וועט מיך דערקענען, וועט מיר געבן צו טרינקען דעם שענסטן בעכער וואַסער־וויין פון זיין האַרצן... און איך, וואָס האָב אין דער וועלט אַזויפיל וויין געטרונקען, אַזוי פיל אַלקאָהאָל פאַרצערט און

אַזוי פיל טרערן אין קאַלטער איינזאַמקייט פאַרגאָסן — וועל זיך רייניקן מיטן זילבערנעם קוואַל וואַסער פון מיין אומשולדיקער קינדהייט...

מיין פאָטער איז דורך דער צייט געשטאָרבן. ווער ווייסט אויב די היטלעריסטישע אינוואַזיע האָט נישט צעשטערט דעם קוואַל — צעשטערנדיק גאַנץ פּוילן. האָט נישט פאַריאָגט צוריק אין די טיפעניין פון דזיר ערד דעם פאָנטאַן, וואָס האָט אין דער זון געשטראַמט, וזאַנצנדיק צום הימל. זיך צעשפּרייטנדיק ווי אַ מעטאַלענע רויז אין דער לופט. איך וואָלט וועלן אַז ער זאָל אייביק שפּרודלען, שפּריצן מיט וואַסער, זיין אַ לעבעדיקער מאָנומענט צו מיין יוגנט, צו מיינע ערשטע טרוימען, צו מיינע פרייע מעדיטאַציעס אונטער פּוילנס בלויען, פאַרטראַכטן הימל, וועמעס וואָלקנס זיינען ווי האַניק־קאַלירטע, ריזיקע מלאכים, און וועמעס אומענדלעכקייטן זיינען קאָלאָסאַלע שפּיגלען — וואָס רעפלעקטירן די גאַנצע ערד...

מיטן גרויסן טרויער אין פּוילן, וואָס האָט פאַרפלייצט די פּוילישע ערד — איז פילייכט דער קוואַל, וואָס האָט ווי אַ זילבערנער לייכטער זיך געהויבן אַנטקעגן הימל, צוריק אַרונטער אין דער טיפעניש, זיך באַהאַלטן אין דעם בויך פון דער ערד — כדי אין בעסערע צייטן מיט נייער קראַפט צוריק אַרויסצוטאַנצן אין פרייד פאַר די מענטשן...

שיקזאַל

אין דעם דאָזיקן לעבן איז אַנגעצייכנט פון שיקזאַל וועמען מיר זאָלן באַגעגענען און אין וועמעס געזיכט מיר זאָלן זיך אייַנקריצן. גאָרנישט גייט דאָ פאַרלוירן. איך גיי דורך מיין לעבן — ווי אַ הייליקע נויטווענדיקייט. מיר מוזן באַגעגענען די גוטע און די שלעכטע. מיר מוזן באַקוקט ווערן דורך טויזנטער אויגן פון מענטשן. און מיר מוזן דורך טויזנטער נעכט באַטראַכטן דעם גאַנג פון טויזנטער. דו קענסט גאָרנישט פאַרמיידן. אפשר איז דאָס דיין לעבן — דאָס בלייבן אין ווייניקע זכרונס, אין ווייניקע אויגן פון מענטשן. דיר איז צוגעטיילט פון פאַרויס וויפיל פרויען זאָלן דיך ליב האָבן און מיט וויפיל דו זאָלסט מאַכן אינטימע באַקאַנטשאַפט. דיר איז צוגעטיילט וועמעס האַרץ דו זאָלסט צעקלינגען ווי אַ גלאָק און דורך וויפיל לאַנדשאַפטן דו זאָלסט דורכגיין, מיט אַ פייער אין האַרץ, מיט טרערן אין די אויגן, ווי זשאַן זשאַק רוסאָ. גאָרנישט איז אַ צופאַל. דו ביסט פאַרמשפּט צו טראָגן די לאַסט פון יעדן טאָג׳ס פּאַסירונגען, ווי אַ תהילים אין דיין האַרץ. און דאָס אַלץ וואָס געשעט מיט דיר — האָט ערגעץ־וואו אַ זין. און עס ווערט גערייניקט און קריסטאַליזירט און באַהאַלטן פאַר דיר — אויף אייביק, ווי אַ בריליאַנט, אין וועלכן דו וועסט דיך דורך די אייביקייטן שפּיגלען.

גאָלדענער טאָג

עס איז אַ צו זוניקער, גאָלדענער טאָג. די פרייד איז מיר פרעמד. איך האָב ליב טעג — געמישט מיט טרויער. מיט נעפּל און מיט וואָלקן. מיט רעגן און מיט רעגנבויגן. טעג וואָס ליידן, ווי ליידנדע מענטשן. טעג וואָס הילן אונז איין. וואָס האָבן אונז ליב. טעג וואָס נעמען אין זייער טרויער אונז אַרום, אונז, טרויעריקע מענטשן. איך האָב נישט ליב טעג פון זון. זיי רייצן זיך מיט אַלע אומגליקלעכע, מיט אַלע ליידנדע און קראַנקע מענטשן.



אין סטודיאָ ביים סקולפּטאָר חיים גראָס

איך בין היינט געווען אין דער סטודיאָ פון חיים גראָס. איך האָב באַוואונדערט מיט וועלכער ענערגיע, מיט וועלכן אייזערנעם ווילן, געיאָגט און געפּלאָגט און פאַרשאָלטן פון אַן אידייע, ער צווינגט אַרויף זיין קינסטלערישן פּראָיעקט, זיין וויזיאָנערן אימאַזש, זיין אַרטיסטישן אידעאַל אויפן רויען חומר, אויף דעם שטיק נאַטור, וואָס איז אין דער ווילדעניש פון וואַלד געוואַקסן ווי אַ בוים, שטום און גולמ׳דיק, טרינקענדיק מיט זיינע בלעטער־באַקאַלן דעם ליקער פון דער זון.

צו זיינע פיס איז געלעגן אַ שטיק האָלץ, וואָס הייסט טוליפּ, און וואָס קומט פון דער ערד פון מעקסיקאָ. שטומערהייט, איינזאָם און פעלדזיק איז דאָס שטיק האָלץ געלעגן צופוסנס פונם קינסטלער — דער שטאָם פון אַ גרויסן בוים. דאָס האָלץ פון אינעווייניק איז געווען ווי צאַרטע רויע פליייש. אַ פייער איז געגאַנגען פון זיין מאַ־טעריאַל. אַזוי ווי אין זיין בויך וואָלט אַ פלאַם געברענט. עס איז געווען אַרומגעצופּט פון דעם שטאָלענעם צאָן פון דער דלאָטע, אַזוי ווי אַ חיה וואָלט עס אין עקשנות פון גרויסן הונגער אַרומגעצופּט. עס איז געווען אַ שטיק נאַטור אַרויסגעריסן פון דעם בויך פון דער נאַטור. אַ בוים אַ גולם איז געדולדיק געוואַקסן פון דער ערד און ער האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך שטיקער רוי־ערד, שטיקער געלע ליים, זאַמדן גילדערנע, ער האָט מיטגענומען מיט זיך דאָס עקשנות, דעם פעלדזיקן ווילן, די שטומקייט, די מעכטיקייט פון דער ערד. איך האָב געקענט קניען צום בוים און בעטן צו אים. איך האָב פאַרשטאַנען פאַרוואָס די ערשטע פעלקער פון דער ערד האָבן צום בוים־שטאָם גע־דינט. האָבן אין אים אַרויסגעבראַכט אַן אומבאַהאָלפן פּנים פון אַ געץ. ווייל דער בוים איז שטום און געהיימנישפול. זיין שווייגן איז טויזנט יאָר אַלט. מענטש מיטן זין פאַר קונסט אין זיין בלוט זינט יאַרטויזנטער האָט דעם בוים געוואָלט דערוועקן. האָט געקלאַפּט אינם בוים מיט זיינע יאָמערנדע הענט. מיט זיין פאַרצווייפלטן שמערץ. האָט אין אים געקלאַפּט ווי אַ פאַרצווייפלטער, פון־וויטן־געקומענער מענטש קלאַפּט אין די לאַדנס פון אַ הויז, ווען דער רעגן ברעכט זיך אַרויס פון די וואָלקנס, ווען די לאַווע ברעכט זיך אַרויס פונם וואולקאַ־נישן קראַטער, ווען דער שניי און דער שטורם ברעכט זיך אָפּ פונם מעטאַלענעם הימל. מענטש האָט דורכן בוים, דורך זיינע צווייגן און זיינע וואָרצלען געוואָלט רעדן צו גאָט און צו די גייסטער פון אונטערערד. געצנדינער האָט מיט אַ מערקווירדיקער וואַכזאַמקייט, ווי אַן ערשט־דערוואַכט קינד אין דער גרויסער, אומהיימלעכער נאַכט, זיך דערשראָקן פאַר דער וועלט, פאַר די ווינטן און דאָס יאָמערן פון די חיות. ער האָט אָפּגעבראַכן גאָט פון אַלעביימער און איז צו אים מיט טרערנפאַרפלייצונגען צוגעפאַלן און אים געקושט די פיס און גע־בעטן הילף אין דער גרויסער קאָסמישער איינזאַמקייט.

און עס איז דאָס אוראייניקל פון דעם אורמענטש, דאָס קינד פון אַ פאַרגאַנגענער, פאַרניכטעטער ראַסע, אַ ברודער פון דעם מאָנ־טיניאַק־מענטש וואָס האָט מיט צוואַנציק טויזנט יאָר צוריק וואונ־דערלעך און פאַרביק פאַרקריצט די היילן מיט קונסט — וואָס שטייט

דאַ ביים שטאַם פונם בוים מיט אַן אייזערנעם ווילן, און האַקט מיט דער דלאָטע אינם שטאַם און שלאָגט אַרויס זיין אידעאַל און די שטיקער האָלץ פליען ווי פונקען אין אַ קוזשניע, פון אונטער דעם האַמער און דער קאָוואַדלע פונם שמידער.

איבער דעם קינסטלער און דעם רויען מאַטעריאַל שטייט אַן אויסגעטאָקטע, אויסגערונדיקטע פיגור פון אַ פרוי און איר קליינע טאָכטער. עס איז געווען פון דעם זעלבן טוליפ־מאַטעריאַל ווי דער ערשט־אַנגעפּאַנגענער רוי־שטאָף. און דאָ האָט מען געקענט זען דעם קינסטלערישן רעזולטאַט. ווי אַזוי פון דעם שטומען חומר איז אַרויס־געגאַנגען אַן אויסערגעוויינלעך־צאַרטע פרוי, אַ פרוי מיט אַ בלום — אַ קינד. פּרעכטיק איז געווען די שלאַנקע, איידעלע פרוי, מיט איר גוף ווי פון פייער, אַזוי ווי זי וואָלט געאָטעמט לעבעדיק. און איבער איר קאָפּ שטייגט די טאָכטער, אַזוי ווי זי וואָלט שאַפן אַ גאָלדענעם רינג אין דער קייט פון מענטשלעכע דורות, וואָס ציען זיך ספּיראַליש אין הימל אַריין. דו האָסט געקענט פאַר דער שמייכלענדער דאַמע אַראָפּ־נעמען דעם הוט. דו האָסט געקענט איר שענקען אַ הערלעכן קאָמ־פּלימענט. דו האָסט געקענט זאָגן: „איר זענט אַזוי שיין ווי דער אידעאַלער מאָדעל פון אַ ראָמאַנטיקער, וואָס טראַכט אויס זיין פריינדין. דער קינסטלער האָט אייך אויסגעטראַכט און אייך געמאַכט. און אַפילו די געבורטסווייען פון אייער טאָכטער האָט דער קינסטלער פאַר זיך גענומען כדי קיין קנייטש פון שמערץ זאָל זיך נישט אָנזען אויף אייער זוניק פנים!"

און אַרום דער סקולפּטור זיינען געווען פאַרזאַמלט אַ סך סקולפּ־טורן און מאָנומענטן. אַ גאַנץ פאָלק איז דאָ געווען פאַרזאַמלט — די מאַכטיקע שפע פון אַ פרוכטבאַרן קינסטלער, וואָס הגם ער איז אומאָפּהענגיק פון דער נאַטור און ער ברענגט אַרויס זיין אייגענע קינסטלערישע, מענטשלעך־געשליפענע וועלט, דאָך איז ער צוגע־נאָפּלט צו דער נאַטור צוגלייך מיטן רויען בוים־שטאַם און עס זיינען די פּרימיטיווע כוחות אין אים וואָס טרייבן אים צו אַרבעט, וואָס גיבן אים נישט קיין רו און צווינגען אים טאָג און נאַכט צו זיין פאַרנומען מיט אַ געוואַלטיקער טעטיקייט פון איבערטראַנספאָרמירן די רויע נאַטור אין דענקמעלער פון מענטשלעכן גייסט און אין מאָנומענטן אין וועלכע עס ווערט פאַראייביקט די מענטשלעכע שיינקייט און ווי אַזוי דער מענטש שטייגט נאַקעט אַרויס פון דער נאַטור אַזוי ווי אַ געטין פון ים־שוים און ער ווערט אַלץ גרעליטערטער און ריינער, ביז ער לויכט אויף ווי די זון אַזוי אַז גאָט דערזעט דעם מענטש אין אַ ניי געשטאַלט און ער פרייט זיך מיט זיין שאַפונג ווי דער סקולפּטאָר פרייט זיך מיט זיין פאַרענדיקט און געשלאָסן ווערק.

ניו־יאָרק, 2 דעצעמבער, 1948.

Chaim Gross
1980

ביים ים

איך בין היינט געזעסן ביים ים, אין ברייטאָן ביטש. די פֿייגל זיינען געפֿלויגן הויך, זייער הויך, ביים בלייערנעם הימל. איך האָב מקנא געווען די פֿייגל, וועלכע האָבן אַ לייכטן לעבן און אַ לייכטן טויט. ווי שטאַרק זייערע פֿליגל זיינען! און ווי געשפּאַנט זיי האַלטן די פֿליגל אין דער הויך — זיך טראָגנדיק דורך דער לופֿט מיט אַזאַ געשפּאַנט־קייט! איך האָב זיך דערמאָנט אין באָדלער׳ס ליד וועגן דעם אַל־באַטראָס, וואָס טראָגט זיך קעניגלעך אין דער לופֿט. און אין גאָר־קי׳ס שטורמפֿויגל, וואָס זאָגט אָן די רעוואָלוציע. און אין יענער פּרעכטיקער עסיי פֿון דעם טרויעריקן איטאַליענישן גראַף דזשיאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי, וועגן דער ליבלעכקייט און פֿריילעכקייט פֿון די פֿייגל.

דאָס זאַמד ביים ברעג ים האָט געבלענדט פֿאַר די אויגן מיט זיין געלבקייט. וויפֿיל וואַרעמע גופֿים זיינען דאָ זומערצייט געלעגן און געכישופֿט אין דער גאָלדענער זון. דאָס זאַמד איז געווען פֿול מיט גאָלד און עס האָט ווי דאָס לייב פֿון אַ רענואַרישע פֿרוי געלויכטן. דאָס זאַמד איז געווען ווי איין שטיק גאָלד.

ביים סאַמע ברעג האָט זיך געדרייט אַן איינזאַמער, נערוועזער מאַן. ער האָט שפּאַצירט ווי אין די כוואַליעס פֿון שוים. די כוואַליעס פֿון ים זיינען געוואָרן וואַסמאַל שטאַרקער, רייצנדער, קרעפֿטיקער. זיי האָבן געשלונגען וואָס מער טעריטאָריע. עס איז געווען קענטיק אַז אַן אינערלעכער כוח האַלט זיי געשפּאַנט. אַז אַ מעכטיקער צאָרן באַהערשט זיי. אַזוי ווי דער ים וואָלט געווען אַ ריזנפּערזענלעכקייט און ער וואָלט רעאַגירט אויף ערדישע געשעענישן. דער ים איז געווען גרין און בלוי און שוואַרץ און גרוי און האָט געשמעקט מיט ים און מיט פֿיש. און דער מאַן איז געגאַנגען לעבן די כוואַליעס, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אַריינפֿאַלן אין ים, אַריינגעצויגן ווערן אין ים, אַזוי ווי שעלי איז אַריין אין דעם כישוף פֿון ים. און פּלוצלינג האָב איך פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס שעלי און בייראָן און האַרט קרעין האָט גע־צויגן צום ים. פֿאַרוואָס עס איז אַזאַ מעכטיקע מאַניע דער טויט אינם שטורמישן ים. עס ציט מיך צו ווערן פֿאַרלוירן אין זיין טיפֿעניש. מען ווערט אינגאַנצן אָפּגעמעקט ווי מיט אַ בלייענעם מעקער פֿון צייט. מען ווערט פֿאַרלוירן אין אַן אומענדלעכקייט פֿון ים. און מיך אויך, ווי דעם מאַן ביי די גרינע און בלויע אַלייען פֿון כוואַליעס, וואָס האָבן איינע די אַנדערע פֿאַרטוישט, האָט מיט אַ געוואַלטיקן מאַגנע־טיזם געצויגן צום ים.

און שוין לאַנג, זינט די טעג פֿון מיין קינדהייט, אין פּוילן, האָב איך נישט געזען דעם ריזיקן האָריזאָנט, די געוואַלטיקע פּאַנאָראַמאַ, דעם גרויסן הימל, וואָס הייבט זיך אָן צו ציען בלוי פּאַזע דער פּשוטער ערד און שטייט אין דעם רוים ביזן העכסטן בויגן. אַ הימל, ווי אין די רוסישע פֿילמען. אַ האָריזאָנט — אַ געוואַלטיקער. און איבערן האָריזאָנט — די מאַלעריי פֿון וואָלקנס. די פֿאַרטראַכטקייט פֿון הימלישע ביימער און הימלישע אידיליעס. האָניק׳דיקע מלאכים פֿון פּשוטע ליים און פֿון פֿייער. דו טראַכסט אַז די נשמה דערהייבט זיך פֿון דער טיפֿעניש פֿון ים צום דאָזיקן האָריזאָנט. און אַן אייביקייט האָט זי דאָ גענוג רוים אַרומצושוועבן און צו באַרירן די הימלישע אומענדלעכקייט.

און אויף די פעלזן ביים ים זיינען געווען צעריסענע צייטונגען. מען האָט געקענט לייענען וועגן דעם שטורם אין פּאַציפישן אָקעאַן — די ערד־ציטערניש, וואָס האָט געזעצט אין באַוועגונג מעכטיקע שטראָמען, וואָס האָבן דערגרייכט אַלאַסקאַ און די האַוואַאישע אינדזלען און אַזש צו קאַליפאָרניעס ברעגן. דו טראַכסט אַז אין דעם שויס פון דער ערד איז קיין רו נישט פאַראַן. אַז די נאַטור רעאַגירט אויף מענטשלעכע מעשים. און אַז ערגעץ וואו איז פאַראַן אַ שייכות צווישן ים און מענטש. און אַז גאָר די עקזיסטענצן אין דער נאַטור זיינען קאָאָרדינירט און אָפּהענגיק פון אַ געמיינזאַמען מעכטיקן און גיגאַנטישן גייסט. — — —

איינזאַם בין איך געזעסן ביים ים — איינגעהילט אין דעם גרויען טומאַן, אין די וואָלקנס פון גרויע וואַטע, ביז ווי בליי איז דער פאַרנאַכט געפאַלן און איך האָב ווידער געזוכט דעם מענטש, דעם מענטש וואָס איז אין אַ טאָג אַרויס פון ים, כדי צו פייערן זיין גרויסע אַרגיע אויף דער ערד — זיין אַרגיע פון געלט, געשלעכט, בלוט און מאָרד און כבוד־זוכעריי און אַלע טויזנטער משוגענע שוואַכקייטן זיינע — —

און די לבנה האָט זיך אויפן האָריזאָנט, ווי אַ וואַקסענע ליכט, אָנגעצונדן און אין שיין פון דעם וואָקסענעם ליכט האָט אַ געשטאַלט געלייגנט אין אַ רייזנספר, וועמעס בלעטער האָבן זיך אין שטורם געמישט ווי די וואָלקנס, און דער מאַן האָט דאָרט אומענדלעך געלייענט די געשיכטע פון דער וועלט...

ניו־יאָרק, אַפּריל 5, 1946.

היינריך היינע און די פּרינצעסין

עס איז אַזוי סמוטנע אויפן בית עולם אויף מאָנטמאַרט, אויפן אַלטן פּאַריזער בית עולם. די בלעטער זיינען רויט און פון לבנה־ליכט פאַרשמירט און געפאַרבט. עס איז אָקטאָבער, דער גילדערנער חודש אָקטאָבער און אין דער נאַכט שוועבן אַרום באַפליגלטע גייסטער, וואונדערלעך־ בראָנדזו־באַפליגלטע גייסטער — האַרציקע נשמות מיט פאַרטרערטע פּנימער — און אין זייערע גילדערנע הענט ציטערן די בלעטער פון היינריך היינע׳ס „בוך דער לידער״ — און זיי דעקלאַמירן די טרויעריק־צאַרטע לידער פון „ראָמאַנצעראָ״, פון די געזאַנגען וואָס היינריך היינע האָט געדיכטעט אויף זיין מאַטראַצן־קבר, ווען צוקאָפּנס איז ביי אים זיי ויאַרצייט געדולדיק געזעסן דער טויט — אין דער געזעלשאַפט פון שאָפּען, בערליאָז, פון גרויסע מוזיקער און דיכטער. די מלאכים וויינען און אַ טייל פון זיי האָבן הערלעכע שמייכלען אויף זייערע בראָנדזענע פּנימער.

אַ פּאָרל גייט דורכן פּאַרק שפּאַצירן. עס איז אַ באַקאַנט פּאָרל צו די איינוואוינערס פון מאָנטמאַרטער בית עולם. זיי דערקענען זיי באַלד: אין לויטערע לבנה־נעכט, באַזונדערס אין דעם האַרבסטיקן סעזאָן, ווען עס ווערט צוגעגרייט אין פּאַריז דער מאָלערישער ווינטער־סאַלאָן פון די בעסטע פּאַריזער קינסטלער, און ווען עס עפנט זיך די אָפּערא אין די „מולען רוזש״ און „פאָליע בערזשער״ — האָבן זיך ליב צו טרעפן די צוויי אייביק־פאַרליבטע: היינריך היינע און די פּרינצעסין. ווער איז נישט ראָמאַנטיקער גענוג צו באַוואונדערן דאָס

אידעלע געשטאַלט פון דער פּרינצעסין?! צווישן די בלאָנדע, עטוואָס־אָפּגעבלאָקירטע האָר ציטערט די רייך־צעפּינקלטע קרוין פון גאָלד און ברילאַנטן אַזוי ווי אַ קליינע קאָסמישע קאָנסטעלאַציע פון שטערן. די פּרינצעסין ציטערט עטוואָס פון דער האַרבסטיקער קעלט. זי איז בלייך ווי אַ סטאַטוע פון מאַרמאָר אין לבנה־שיין. ווי איינע פון די סטאַטועס פון אַ גריכישער געטין, אין וועלכער דער גיין־יאָרי־קער היינע פלעגט זיין פאַרליבט און ביינאַכט זיך אַריינכאַפּן אין דעם האַרבסטיקן גאָרטן און זי קושן אין געהיים... עס ציטערט די פּרינ־צעסינס לילאָווע, דינע בלוזקע און איר טונקל־גאָלדיק קלייד; אין דינע שיכלעך פון גרינעם־קאָלירטן לעדער שפּאַצירט זי אָרום מיט היינריך היינען געאָרעמט... זייערע געשטאַלטן צייכענען זיך אָפּ אויפן האָריזאָנט — דינע, שלאַנקע, אײדעלע . . . היינריך היינע טראָגט אַ לייכטן מאַנטל און אויך ער ציטערט פון עמאָציע און פון קעלט...

זיי רעדן שטילערהייט. מען קען קוים הערן זייערע רייד דורך דעם וויספּערן פון האַרבסטיקע בלעטער. אָט בויגט זיך שטאַרק די פּרינצעסין איין, אויפצוהויבן אַ לעצטע בלום פון דער ערד און זי צו פאַרשטעקן אין היינריך היינעס לאַץ...

— וואָס מאַכט פרוי היינע? — פרעגט שטילערהייט די פּרינ־צעסין.

— אָ, זי ליגט אומגעדולדיק לעבן מיר די גאַנצע צייט... מיין פרוי איז אומגעדולדיק און זי באַשולדיקט מיך אין טויזנט זאַכן וואָס איך זאָל האָבן געטאָן ביים לעבן אין ליבעס־ענינים... זי איז נאָך אַלץ שרעקלעך אייפערזיכטיק... אָבער, טייערע, ווען זי וואָלט נישט רעדן אַזוי פיל — וואָלט איך ווירקלעך געפילט ווי טויט... און דער טויט, פּרינצעסין, איז שרעקלעך מאָנאָטאָן, אומגעהייער מאָנאָטאָן! מאָ־טילדעס רעדן. איז ווי אַן עכאָ פון דעם גרויסן לעבן אויף דער ערד.

— באַזוכט אייך מאַנפעסמאַל די „מוש״? — פרעגט דיסקרעט די אײדעלע, פאַנטאַסטישע פּרינצעסין.

— יאָ, זי קלאַפּט אַן מאַנכעסמאָל אין מיין קאַלטער טרונע מיט אירע צאַרטע פינגער... עס זיינען לויטערע נעכט ווען זי קומט און זי אַנטשולדיקט זיך געוויינלעך וואָס זי האָט מיך שוין לאַנג נישט באַ־זוכט. מיר גייען דורך דעם בית עולם און מיר ווערן נאָכגעקוקט און אָבסערווירט דורך אונזערע שטילע און טרויעריקע שכנים... וואָס זיי רעדן אַלץ אויס וועגן אונז... די „מוש״ איז אומרואיק... זי קען נישט רואיק איינליגן אין איר קבר... זי האָט אויך נישט ליב דעם הימל... אויף אירע קליינע פליגל קומט זי אַנצואַשוועבן אַזוי נערוועז — ווי אין לעבן... פרוי מאַטילדע בייזערט זיך ווען זי הערט דאָס קלאַפּן פון איר קליין, ליבלעך הענטל אין די ברעטער פון מיין טרונע... זי איז נאָך אַלץ אייפערזיכטיק...

— נו, יאָ, דער טויט קען די אייפערזוכט נישט פאַרלעשן...

— אַך, ווי שיין דער דאַזיקער זיסער מלאך דעקלאַמירט אייערע באַלאַדן, הער היינע! — בלייבט שטיין די פּרינצעסין מיטן דיכטער פאַר איינעם פון די קליינע מלאכים וואָס האַלט אין זיינע קליינע הענט אַ גרויסן באַנד פון „בוך דער לידער״ — אַלבום־פאָרמאַט, בשעת דער ווינט ציטערט מיטן זיידענעם בענדל פונם בוך...

הייגריך הײנע בויגט זיך איין איבערן מלאך און טוט אים אַ גלעט איבערן גילדערנעם קעפּל. די פּרינצעסין הויבט אים אויף הויך איבער זיך, ווי אַ קינד, דריקט אים אַ ווײלע צו צו איר האַרצן, און זי קושט אים אין זיין זיסן, גילדערנעם פּנימל...

— דו ביסט זאַ ליב, דו גאָלדענער ענגעל... אָך, דו ביסט עטוואָס אָפּגעצערט... ביטע, שוועבסט הײנט בײנאַכט צוריק אין הימל אַרײַן... זעטיק זיך מיט האָניק־טריפנדיקעס ליכט... שנעל, ערהויב זיך צום הימל...

דער מלאך פאָלגט איר און זיינע קלײנע פליגל ציטערן און אין אַ ווײלע אַרום איז ער שוין צווישן די וואָלקנס, לעבן דער גאָלדענער, אײדעלער לבנה... — — —

זײ גייען װײַטער שפּאַצירן דורך די אַלײען פון בית עולם. די לבנה שפּאַצירט מיט זיי איבער די הימלישע װאָלקנאַלײען. ביז זיי קומען צוריק צום קבר פון הייגריך הײנען... עס הערט זיך אָן אומהיימלעך קרעכצן... דאָס דריקט פרוי מאַטילדע אויס איר צאָרן קעגן דער פּרינצעסין...

— האָב דאָך געדולד! — זאָגט הייגריך הײנע ביטער צו דער ווייסער מאַרמאָרנער מצבה... ער אומהאַלדזט די פּרינצעסין און קושט איר צאַרט אין מויל... די פּרינצעסין ווײנט און מיט שטילע זיפצן ווערט זי פאַרשוואונדן אין דער נאַכט... נאָר פון טומאַן אַרויס ציטערן די ברילױאַנטן פון איר קרוין אַ ווײלע, ביז אויך זיי לעשן זיך אויס... דער ווינט באַוועגט אומהיימלעך מיט די בלעטער, מיט די גאָלדענע בלעטער פון אָקטאָבער... בלייכער און אַנעמישער ווערט די לבנה — בלייכער ווי אַ רויז אין קילן האַרבסט... זי וויאַנעט אין דער גרויסער הימלישער מאַלעריי...

אין דער נאַכט, צווישן די קברים, שטײגט אויס אַ געשטאַלט און זינגט שטילערהײט אַ ווינער וואַלסער, באַגלייטנדיק מיט דער מעלאָ־דיע די עסטרײַכישע פּרינצעסין אויף אירע אײנזאַמע וועגן...

ניו־יאָרק, 13 אָקטאָבער, 1948.

ביים האָדסאָן

עס איז היינט געווען אַ פּרעכטיקער טאָג. איך בין געגאַנגען לענגאויס דעם האָדסאָן. איך בין געגאַנגען בײם וועג פון אייביקייט. איך האָב געטראַכט פון טאָמאַס וואָלפס בוך „אָוו טאַים ענד דהי ריווער“. און גייענדיק אַזוי קומט מיר אויך אַנטקעגן די קאָנצעפּציע פון צייט. קיין שום זאַך שפּיגלט נישט אַזוי שטאַרק אָפּ די צייט, ווי דער טייך, וואָס טראָגט זיך אויף זיין אומענדלעכן וועג מיט זיינע ניקעלנע כוואַ־ליעס, וואָס טוישן זיך אין צעשמאָלצענעם קופּער, ווען די זון רירט זיי אָן מיט אירע קופּערנע הענט. אָ, די זון האָט טויזנט, מיליאָנען קופּערנע אָרעמס. די זון שטייט אינמיטן הימל — אַ פּאָרטרעט פון גאָטס פלאַמענדן פּנים. די זון רירט זיך נישט, אַזוי ווי זי אַליין וואָלט זיך נישט געוואָלט שיידן מיטן פּרעכטיקן טאָג. איך האָב געקוקט אויפן הימל. די גרויסע פייגל האָבן זיך מידע געטראָגן אין דער דורכזיכטיקער לופט. איך האָב מיטן אויג געוואָלט באַרירן זייערע פליגל. זייערע קלײנע, ליבע גופים. ווי קלײנע עראָפּלאַנען האָבן זיי געשוועבט. איך האָב געטראַכט: ווי פּאַטעטיש די פייגל לעבן, זיך

שטענדיק געפינענדיק זיך אין רוים.

קליינע עראָפּלאַנען זיינען געפלויגן, אַזוי ווי ריזיקע פייגל. איין עראָפּלאַן איז געפלויגן נידעריק ביים שטראָמענדיקן וואַסער, מיט אַ שיפל הינטער זיך. און אָט גליטשט ער זיך אַרונטער און דאָס שיפל טראָגט זיך עלאַסטיש אויף די זילבערנע כוואַליע־רוקנס. און די כוואַליעס ציטערן כסדר, ציטערן פון זון און פון לופט און פון אינערלעכן אומרו. דער האַדסאָן אָטעמט, רוט נישט קיין מינוט, איז שטענדיק לעבעדיק, זעצט איבער צייט און אומרואיקן זיך טראָגן אין דער ווייט־קייט... אַזוי פאַר די לעצטע צען טויזנט יאָר...

אויפן ברעג שטייען בוימער אין אָקטאָבערס קופער אָנגעטאָן. און מענטשן שפּאַצירן, מערסטנס פּליכטלינגע, אַנטלאָפן פון היטלערס פייער. אָפּגעפליקטע, צעבראָכענע, צעשמאָלצענע, צעשניטענע, אַזוי ווי צעפּיצלטער שפּיאַלטער. זיי ווערן דאָ אַלט אין האַרבסט. אין דעם שטאַרבן פון דער נאַטור דערפילן זיי די קורצקייט פון זייער אייגענעם שטאַרבן. זיי זיינען אַזוי שרעקלעך פאַרגענגלעך, אַזוי שרעקלעך אַלט, אַזוי צעבויגן — ווי זיי וואָלטן דורכגעגאַנגען אַ גרויסן ברען־איוון, אַזוי ווי דאָס פייער אין וועלכן זייערע קרובים זיינען קרעמירט געוואָרן, וואָלט אַריין אין זייערע אינגעווייידן. עס איז געווען אַזוי טרויעריק צו קוקן אויף זיי אין דאָזיקן מאַיעסטעטישן אָקטאָבער־טאָג. און די וועלט איז אַ חלום. די פייגל פליען ווי אין חלום. די עראָפּלאַנען ברעכן דאָס ליכט פון דער זון. דער טייך שוימט און כוואַליעט און שפּילט זיך און עס ווערט מיט אים געשפּילט. נאָר מענטש גייט אויפן ברעג אַלט און געבויגן — מענטש, דער שטאַרבנ־דיקער האַלב־גאָט פון דער ערד.

איך גיי אויפן ברעג פון האַדסאָן. די זון פאַרגייט און זעצט זיך גרויס און מעכטיק אויפן ראַנד פון הימל און ערד — זי קושט שוין מיט איין ליפּ אַן אַנדערן קאָנטינענט. און וואָס מער זי פאַרגייט, אַלץ טרויעריקער ווער איך... איך האָב דערפילט ווי פאַרגענגלעך איך בין אין דער קייט פון דעם וועלט אַלס טאָג און נאַכט — אין דעם קאָסמישן שאַך־ברעט, ווי אָמאַר כאַיאַם, דער פערסישער אַסטראָנאָם האָט געשריבן — און איך האָב געפילט ווי פאַרגענגלעך די אַלע דורות זיינען...

ס'האָבן זיך הויך דערהויבן די וואָלקנס ווי שטיקער פאַרבלוטיקטע וואַטע — פון די גרויסע, טיפע וואונדן פון דער זון באַרירט... און איך האָב הנאה געהאַט אַפילו פון דעם געדאַנק פון מיין אייגענער נישטיקייט, אַבי איך האָב דורך דעם געהאַט די קאָנצעפּציע פון דער גרויסקייט פון אוניווערס... דורך מיין עלעגישן, טרויעריקן ווען, יעדער מאָמענט זיך אָפּברעכנדיק פון דעם גרויסן לעבן, יעדער רגע ווערנדיק אַלץ ווייניקער און קלענער — האָב איך באַנומען די גוואַלדיקייט פון גאָט, די גרויסקייט פון דער נאַטור, די אומענדלעכקייט פון צייט — און איך האָב זיך לסוף געפרייט ווייל איך שווים אַריין צוזאַמען מיט די כוואַליעס פון האַדסאָן אין דעם קעניגרייך פון אייביקייט...

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 25, 1949

פרילינג אין ניו־יאָרק

עס איז היינט געווען דער ערשטער פרילינגס־טאָג. אַ טרויערי־קער טאָג. דען די וואונדן פון דער ערד גייען אויף. עס שרייען צום הימל די טויזנטער קברים, וואָס די משוגענע מענטשהייט, די גאַנצע מענטשהייט — האָט אויסגעמאָרדעט. און דאָס האַרץ ווערט דין. אַ גרויסער טרויער גייט דורך דורכן אייגענעם האַרצן.

אויסקוקנדיק דורכן פענצטער אַז דער פּאָסט־טרעגער זאָל אָנקו־מען, האָב איך געזען ווי אונטן, ביי דער אַלטער געביידע פון דער הויכשולע, מיט די נעמען פון גיוטאָן, לאַוואַזיער, וואָלטעיר, מאָנ־טעסקיו, דידעראָ(ט), העלוועציוס — שטייען די שילער און די שי־לערינס. איינע האָט מיך אָנגעקוקט, ווי איך בין געשטאַנען ביים פענצ־טער, אין גרינעם סוועדער, ווי איינגעהילט אין אַ פעלד פון פייכטן גראָז. ווען איך האָב געפאַנגען איר שאַרפן, איר יונג־מיידלשן בליק, האָט זי זיך צעשמייכלט צו מיר, די צאַרטע יוגנטלעכע. אויך איך האָב זיך צעשמייכלט, ווי יענער איינזאַמער העלד אין נאַמבערגס נאָ־וועלע — דער אינטעליגענט פליגעלמאַן... איך האָב באַטראַכט דאָס מיידל — די האָר ווי ריינע גאָלד. און דער רויטער סוועדער האָט צאַרט און מעכטיק אָפּגעפּרעסט די פאָרם, די שטייף־רונדע קאָנטורן פון אירע יונגע בריסט... זי האָט זיך באַוועגט ווי מוזיק. איר יעדער טריט און זשעסט איז געווען ווי מוזיק. איז געווען אַ וואַלס, אַ טאַנגאָ, אַ גרויסער פרילינגס־טאַנץ דורך דער נאַטור.

די יינגלעך האָבן געשפּילט אין באַלם. געקליידעט אין ווייכע ספּאָרט־קליידער. און די מיידלעך האָבן געקוקט אויף די יינגע מע־נער — אויף זייערע מענלעכע באַוועגונגען און שטאַרקע מוסקולן. יעדעס מיידל איז היינט אַרויס פון בעט, פון הויז, מיטן באַשלוס צו זיין שיין, אָנציענדיק, רייצנד... זיי זיינען אַרויס מיט שטיקער פרי־לינג — ווי אין גרויסע עלעקטרישע דעקאָראַציעס — אין די האָר, אין די אויגן, אין די שטראַלנדיקע יינגע וועזנס זייערע. זיי זיינען גע־ווען קליינע געטינס — קליינע שטראַלנדיקע גרעפינס — וואָס האָבן זיך באַוועגט ווי טענצערינס. זייער גאַנג איז נישט געווען קיין פשוטער. עס איז געווען דער גאַנג פון רייצנדיקע מלאָכים — געהילט אין גאַנצן לאָר פון זון, פון אומשטערבלעכן פרילינג — אַזוי ווי יענע וואונדערלעכע געשטאַלטן פון „פרילינג", פון באָטיטשעלליס באַרימט בילד, וואו די פרויען, שלאַנקע און רייצנדיקע, טאַנצן דורך דער גרינער ערד דעם טאַנץ פון פרילינג... די רייצנדע, די לופטיקע, די טרויעריקע פרויען פון סאַנדראָ באָטיטשעללי — איינגעהילט אין דעם טרויער פון שטאַרבן...

איין מיידל האָט געזען ווי אַ שילער קומט אָן און רויכערט אַ ציגאַרעט. זי האָט געבעטן אַ צי... און דעם יינגלס בלאַסע הענט האָבן געציטערט, בשעת ער האָט איר דערלאַנגט דעם ציגאַרעט... זי האָט גראַציעז אַ צי געטאָן, צונויפשנורעווענדיק אירע רויט־געפאַרבטע, דינע ליפּן, אַריינציענדיק דעם רויך פונם פייכטן ציגאַרעט, פייכט פון דעם יינגלס מויל, אַזוי ווי זי וואָלט געצויגן זיין אָטעם, זיין לעבן... עס איז געווען אַ גרויס גליק אין איר, בשעת זי האָט געצויגן דעם בלויען אָטעם פונם ציגאַרעט...

און די וואָס שמייכלט צו מיר — איז לויטער מוזיק... אַן עלעק־

טרישער ציטער גייט דורך דורך איר ייִנגן לייב. עס פּליצט די זון — ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווי מיט אַ מיליאָן יאָר צוריק — מיט הייסע שטראַלן, מיט שוימיקן ליכט... די לופט איז פריש, איז דורכגעמישט מיט בעז־ריחות, מיט פאַרשיכורנדיקע ריחות... די צייט איז ווי אַ קאָנצערט, ווי אַ וואונדערלעכער קאָנצערט...

איך קוק אַרויס דורכן פענצטער און זען ווי אַ יונגע מיידל גייט דורך די גאַס. די רונדע היפטן אירע, ווייבלעך־פּראָמינענט, וויגן זיך גראַציעז צום טאַקט פון אירע טריט אויף די הויכע אָפּצאַסן, מיט די דינע שיכלעך, שיכלעך פון גאָלד... זי פירט דאָס הינטל, וואָס באַשמעקט די לופט און גייט נערוועז און סענסיטיוו איבערן טראָטואַר.ביידע — הונט און פרוי — האָבן דערפילט דעם כישוף פון פרילינג... און די זון האָט ווי אַ גרויסער גלאָק זיי געשלאָגן איבער די שלייפן, זיי גערופן אין רוים אַריין, אין אוניווערס...

עס גייט דורך אַ מעקסיקאַנערין — די שוואַרצע ראָבן־האָר אַרומגעבונדן מיט אַ גאָלדיקער טאַשמע. זי איז רייכער און שענער ווי די קעניגין יעקאַטערינע, ווי קעניגין וויקטאָריאַ, ווי קעניגין מאַריאַ סטואַרט, ווי מערי אַנטואַנעט... זי איז לעבעדיק — און די גאָלדיקע טאַשמע ציט זיך ווי אַ פלאַם פון זייד אַרום אירע האָר — אַרום איר פלאַמענדיק־שוואַרצן קאָפּ... זי איז שענער ווי אַלע קעניגינס פון דעם געשיכטע־בוך... און ווי אַלע שיינע פרויען, וואָס פראַנסואַ ווילאָן האָט אין זיין באַרימטער באַלאַדע באַזונגען...

און אָט גייט דורך אַן אַנדער מעקסיקאַנערין מיט אַ מאַן — וואָס טראָגט צוויי קוליעס... ער לויפט איר נאָך — דער האַלב־פּאַראַליזירטער מאַן — אויף זיינע שווערע קוליעס... זי גייט שנעל — שנעלער — זי וויל פון אים אַנטלויפן... און מאַן, מאַן וואָס לויפט אייביק נאָך דער פרוי — דורך דער געשיכטע פון דער ערד, דורך עאָנען פון צייט, אומגעענדערט דורך ציוויליזאַציע און קולטור — מאַן לויפט דער שייגער מעקסיקאַנערין נאָך אויף די קוליעס... ערגעץ־וואו האָב איך געזען אַ צייכענונג ווי אַן אַלטער מאַן לויפט נאָך אַ יונגע פרוי... דער אַלטער מאַן פאַלט... און די יונגע דאַמע — מיט אַ נאַקעט־אָפּגעדעקטן פוס — באַוועגט זיך פאַראויס, טראָגט זיך ווייטער — די אייביקע נאַקעטע חוה — נאַקעט ווען אַפילו אונטער אַ טויזנט קליידער... נאַקעט — ווען אַפילו איינגעהילט אין די אורנעפּלען — אין די קאַכעדיקע אורנעבולאַס — אין די פלאַמען פון אורבאַשאַף...

און אַלערליי פרויען און מיידלעך גייען פאַרביי — אין פאַרביקע, זיידענע טיכלעך; אין לופטיקע בלוזקעס מיט צעבליטע בריסטן; אין שמאָלע, קורצע קליידער — מיט מעכטיקע היפטן און מיט נאַקעט־אָפּגעדעקטע קניעס... דער פרילינג האָט אַנגעקלאַפּט אין יעדער טיר; אין יעדן פענצטער — און האָט אַרויסגערופן די פרויען אין דרויסן... האָט מיט זיי אַ שפּיל געטאָן... און די פרויען זיינען די ערשטע צו פאַראַדירן אין דער גאָלדיק־בלויער לופט...

שפּעטער זיץ איך אין פּאַרק. ווי מלאכים ליגן די קינדער אין די קליינע וויגעלעך. איך זע צום ערשטן מאָל אַז קינדער זיינען ערנסט. ערנסט ווי אַלטע, ווי טרויעריקע לייט. נאָר עס זיינען די דערוואַקסענע מענטשן וואָס מאַכן זיי צום לאַכן. וואָס צווינגען זיי צום שמייכלען... באַלד אָבער פאַרשווינדן זייערע שמייכלען — און די קינדער זיינען ווידער ערנסט... אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך שרעקן פאַר דער צוקונפט

וואָס שטייט זיי פּאָר...

און דער פּאַרק איז ווייך און ווייבלעך געוואָרן. אַ גרויסע מוזיק צינדט זיך אָן אין אים. יעדער בוים — אַ וואָרעם, פּולבלוטיק, לעבע־דיק וועזן... דאָס גראָז איז פייכט, אַזוי ווי פון גאָטס טרערן. די ערד גיט אַרויס אַלע ריחות, וואָס זיינען דורכן ווינטער געווען פֿאַרפרוירן. די ערד איז שוואַנגער. און די אַלע קינדער זיינען געשאַפן געוואָרן היינטיקן ווינטער — אין די נעכט פון שניי און ווינט און רעגן און קעלט... מאַן האָט איינגעשלאָסן אין זיינע אָרעמס די פרוי און האָט איר באַפרוכפּערט מיט דורות... און, זי, די פּריסטערין פון ליבע, זי האָט היינטיקן יאָר באַנייט די צוקונפט און האָט פון זיך אַרויסגעשליי־דערט דעם קינפטיקן מענטש... אַזוי — דורך די יאָרטויזנטער... —

און אין פּאַרק זיץ איך אַליין, מיטן שיין־געבונדענעם בוך פון דעם אַלטן חכם־אימפּעראַטאָר, מאַרקוס אוירעליוס. איך קוק אויף אַ פאַרבייגייענדיקע פרוי און קינד — און אויף אַ זאַץ פון דעם רוימישן ווייזן מענטשן... און איך טראַכט אַז איך געהער לויט מיין בטלנות צו דער וועלט־ליטעראַטור — צו פּראָספּער מערימעי, צו מאַריאַ באַשקיר־טסעף, צו אַמיעל און צו בענעדיקט דע שפּינאָזאַ... ווי זיי, בין איך געבליבן איינזאַם... ווי זיי — בין איך געבליבן דער דאָן קיכאָטישער, דער דאָן זשואַנישער בחור — וואָס מעדיטירט און רעפלעקטירט אומעטיק אין די האַרבסטיקע יאָר־סעזאָנען — בשעת דאָס לעבן שטראָמט פאַרביי מיר — און פאַרביי אַלע דאָן קיכאָטן פון דער געשיכטע — אַזוי ווי די שטורעמדיקע כוואַליעס פון אַ גרויסן, פון אַן אייביקן ים... — — — — —

עס איז פרילינג — די גרעסטע, די עכטסטע, און די פּאָעטישסטע קאָמעדיע — אין קייט פון אייביקייט — אויף דער בינע פון אוני־ווערס — ווען מענס אַלמעכטיקער רעזשיסאָר איז גאָט אַליין...

ניו־יאָרק, מערץ 17, 1945.

די בויערי

ווען דו פאָרסט דורך מיטן טראַמווי די בויערי, דערמאָנסטו דיך אין די ראָמאַנען פון דזשים טאַלי, אין די אַנדערע אַמעריקאַנער ראָ־מאַנען, וואָס דו האָסט מיט יאָרן צוריק געלייענט, וועגן די בויערי. און וויפיל מאָל איך פאָר דאָ דורך, קוק איך אויף די איינזאַמע מענטשן־געשטאַלטן, וועלכע וואַנדלען אַרום ווי לונאַטיקער, וואַרפן זיך אַוועק ביי די שוועלן פון אַלטע קירכן.

איינער זעט אויס ווי סטענדאַל, מיט באַקנבערד. דער צווייטער — ווי וואַן גאָג — מיט אַ פאַרברענט פּנים. מיט אַ הוילן שאַרבן. דער דריטער — ווי אַן אַפּאָסטאַל — וואָס האָט ערשט דערזען דעם פלאַמענדיקן געקרייציקטן. דער פערטער — ווי איינער פון די גע־קרייציקטע רויבער, וואָס איז געהאַנגען ביים זייט פון דעם מענטשנזון און דורכדעם אַריין אין דער געשיכטע, אַריין אין די הערלעכע רע־נעסאַנס־בילדער, איז אייביק נאָס פון פאַרבן.

דו קוקסט אויף די מענטשנמאַסקעס; אויף די גאָט־פּנימער; אויף די געשטאַלטן פון דעם אַלמעכטיקן. אויף די אומגליקלעכע און די איינזאַמע. יעדער פון זיי וואָלט געקענט אָנשרייבן אַ ביבליאָטעק פון

זיין לעבן. ער איז נישט אַזוי שמוציק, און מיט אַזאַ פֿינצטערן בליק געװאָרן אויף דער װעלט. ער האָט אויסגעזען װי אַ מלאך, מיט גאָלדענע האָר, אויף לעאָנאַרדאָ דאַ װינטשיס אָדער באָטיטשעלליס אַ בילד. דאָס האָט דאָס לעבן אים אַזוי אויסגעקרימט. דאָס האָט דאָס לעבן אים צעשמאָלצן, װי הייסן מעטאַל אין אַ גרויסן פֿייער. דאָס האָט דאָס לעבן מיט אַן אייזערנער האַנט אים געפּאַטשט. דאָס האָט דאָס לעבן שלעכט און שטיפמוטעריש באַהאַנדלט אירס אַ קינד. און דיר דאַכט זיך אַז דאָס איז אַ גאָרטן פֿון געקרייציקטע. לויטער האַלב־געטער ליגן דאָ אויף די שװעלן — פֿאַרלוירענע געטער און געניוסעס, װאָס האָבן זיך אַלע איבערגעגעבן צום גאָט באַקכוס, װעלכער פּאַיעט זיי אַן מיט שלעכטע געטראַנקען. דאָ ליגן זיי—אַפּיומירטע, פֿאַרחלשטע, דערשלאָגענע פֿון די קלעפּ פֿון לעבן. —

דו קוקסט אַריין אין די שױפֿענצטער פֿון די קאַפֿעען און רעס־טאָראַנען. אָט איז „פּאַפּאַס איין". און אָט איז אַ „בלו־זי"־געװעלב. שלימאַקעס און ראַקעס ראַיען זיך אין די פֿענצטער, ביי פֿייכטע מושלען און אימיטירטע זומפּן און ים־טיפֿענישן. און דו טראַכסט װי ענלעך עס זיינען די מענטשן צו די דאָזיקע זומפּיקע און לומפּיקע באַשעפֿענישן. זיי ליגן איינע אין די אַנדערע איינגעדרייט, אַזוי װי מענטשן, װען עס איז זיי קאַלט און ביטער. און איין גורל דערװאַרט מענטש און שלימאַק. און די פּרוי האָט פֿאַרקױפֿט די ים־באַשעפֿענישן, איז אויך אַזאַ קרומע און אַן אויסגעדרייטע —זי װעט באַלד צוריקגיין אין ים אַריין, זיך איינדרייען מיט די קרומע פּיס אין דעם זומפּ און דאָרט בלייבן שטעקן אויף אַ מיליאָן יאָר.

איך קוק אַריין אין די רעסטאָראַנען און גאָרקיכן, װאו די צע־בראָכענע מענטשן זיצן און זעען אויס װי די מידע באַזוכער אויף דעם קאַפּע־בילד פֿון װאַן גאָג, װאו די לאָמפּן לױכטן געל און רעפֿלעקטירן זייער גאָלדן ליכט איבער די פֿלעגמאַטישע און טרויעריקע. די מענטשן שטייען אין אייביקע רייען, װאַרטנדיק אין די טיפֿע קעלערס אויפֿן װאַסערדיקן שיסעלע זופּ. זיי האַלטן אין די הענט די צינענע טעלערס און הילצערנע לעפֿל, װי אין משוגעים־הייזער. מענטש — אין גאַנס געשטאַלט. אין גאַנס פֿלאַמענד פּנים און אימאַזש באַשאַפֿן...

און דו באַטראַכסט די שױ־פֿענצטער פֿון קליידער. די מאַרינאַר־קעס און די הויזן, איבערגעפּרעסטע, װאָס הענגען שױן דאָ זינט יאָרן און טראָגן דעם שטויב און דעם שפּינװעבס װאָס צייט גיט געבורט. די אַלע אַנצוגן — אין גרויע טענער, װי די בויערי, שטאַמען פֿון פֿאַרשטאָרבענע פֿון די שפּיטעלער און װאַנזין־אינסטיטוציעס; פֿון גע־האַנגענע און פֿון עלעקטריק־טשער־פֿאַרברענטע; די קליידער זיינען אַראָפּגעפּליקט געװאָרן פֿון משוגעים פֿון די רינשטאָקן, פֿון פֿאַר־פּײַלטע און געקרייציקטע, פֿון דערשלאָגענע און פֿון איינזאַמע. זיי שטאַמען אַלע פֿון טרויעריקע און שיכורע מלאכים פֿון דער ערד. פֿון די צעבראָכענע און די אייביק־צום־טויט־פֿאַראורטיילטע פֿון דער ערד. דערקענסט נאָך בלוט־פֿלעקן אויף זיי. און טרערן און יאָמער באַ־האַלטן זיך אין די פֿאַלדן פֿון די קליידער. —

אין די שױ־פֿענצטער פֿון די לאָמבאַרדן שטייען פֿאַרזעצטע און געגנבעטע זאַכן. האַרמאָניקעס מיט העל־פּערלמוטערנע קנעפּ; פּאַונטן־פּענס פֿון גאָלד; אַן אַלטע פֿליט װי דער אויסגעטריקנטער רוקן־ביין פֿון אַ גיבור; פֿאַרזשאַװערטע בריטװעס און מיט שװאַרצע לעדער אי־

בערגעצויגענע שפּאַקטיוון; מעדאַליאַנען מיט קעניגס־אָפּגעהאַקטע קעפּ און רינגען מיט שדלען און מיט סקעלעטן און מיט אַדלערס און מיט קעפּ פון רוימישע קורטעזאַנען און מיט איניציאַלן פון מענטשנגעמען וואָס לעבן שוין נישט אויף דער ערד. און אַנטיקן אַלערליי, וואָס טראָגן זכרונות פון וואָרעמע און געמיטלעכע הייזער און פאַמיליעס, און בעכערס און כוסות וואָס טריפן נאָך מיט וויין־דערינערונג פון סעודות, הוליאַנקעס און טייוולישע אָרגיעס. עס שטייען דאָ האַרפן פון אַמאָליקע צייטן און בראָנזענע און פּאַרצעלייענע סטאַטועס פון ראָמאַנטישע פּרויען, וועלכע, — ווען קיינער זעט נישט — גייען אַרויס פון דער פאַרשאָלטענער פאַרגליווערונג און ציען אויס די בלאַסע הענט פאַרשמאַכטע נאָך די האַרפישע, דיקע, האָניק־ברוינע סטרונעס און פאַרציען אַ ליד אַ ראָמאַנטישס. —

דו קוקסט אויף די הייזער זעלבסט: קרומע און אויסגעבויגענע, ווי די מענטשן. שניי און ווינט, האָגל און רעגן האָבן זיך שווער אויף זיי געלעגט, און אַראָפּגעלעקט דעם טינק פון די ווענט, די פאַרב און דאָס פלייש וואָס באַשמעלצט די קאָנסטרוקציע. די ווענט זיינען אויס־געבויגן און פאַרשריבן פון ווינט און צייט, פאַרשמירט און געפּאַרבט מיט שטיקער צייט. צייט וואָס בייסט איין מיט אירע אייזערנע ציין די זיילן און קאַריאַטידן, די געזימסן און קאַרניזן, די באַלקאָנען און די טרעפּ; די טרעפּ — די אייזערנע ציין פון די הייזער, וואָס עסן אויף די פיס פון די מענטשן, צעמאָלן און צעקייען די איינוואוינער פון די שטיבער, וואָס גייען פינצטערע און דערשלאָגענע אַראָפּ און אַרויף, ביז זיי פאַלן פון די טרעפּ צום אָפּגרונט, צום קעלער, צום נאַסן קבר, וואו עס וואַרטן די ווערים — די קעניגן פון דער ערד. —

און אַלערליי נעמען, אַזוי ווי אַרויסגענומען פון תנ"ך און פון פאַנטאַסטישע מעשה־ביכלעך, זיינען דאָ אויסגעמאָלן. אַלערליי מאָדנע נעמען, וואָס וואָרצלען אין דער טיף פון דער מענטשלעכער אור־געשיכטע. און אַלערליי רעקלאַמעס, ווי „סאַלוט טו קוואַליטי" און ריזיקע קרוינען, פון גאָלדענער פאַרב, מיט שטויב און מיט סאַזשעס אויסגעריסט. און הערבן אַלערליי, און צייכנס פון פירמעס. נאָר ווער לייענט דאָס אַלץ? דער ווינט מישט עס דורך צען טויזנט מאָל דורכן טאָג און די נאַכט באַגיסט עס מיט אויליקער פייכטקייט און ווישט אָפּ מיט אירע סאַמעטענע אַרבל דעם אַלטן שטויב. —

און אָט דערזעסטו אַ קירכע מיט אַ קליינעם הויף, וועמענס ערד איז פייכט און פאַרוואַקסן מיט משוגענע רויטע שוואָמען, ווי שטיקער מעטאַל, און אַ בוים זעצט אַרויס פון דר'ערד — אַ בוים — אַן אַסאַבע, אַ ריזנגעשטאַלט — דער בוים אונטער וועלכן עס זיצט איצט אַ טרעמפּ און קייעט אַ שטיקל אַלטע, גאָלדענע ברויט ביי וועלכן ער צעברעכט זיך די ציין און מיט וועמעס שטיינערנע קרישקעס אַרום עס דערנערן זיך די פייגל, די גרויע ווורובלעס, וואָס גייען אייביק מיט מיטן מענטש און דאָ וואו דער מענטש ציט, אין זיין עלנטן און וויסטן וועג איבער דער ערד — דאָ טאַנצן זיי און זינגען און שפּילן אין דער לופט אויס זייער זאָרגלאָזיקייט, זייער קלוגע און סטאָאישע פילאָסאָפיע. אונטער אַזאַ בוים זיינען אַמאָל געזעסן משה און בודאַ; און דער נאַזאַרענער און מאַהאַמעט, און אַ סך הייליקע, וואָס האָבן אונטער די צווייגן און אונטער די אַלומינום־שטערן מעדיטירט און געטראַכט וועגן דעם מאָדנעם שיקזאַל פון די מענטשן. —

שטענדיק, ווען איך צי פאַרביי אין אַ טונקעלן און טרויעריקן וועטער די געגנט; ווען עס האַלט זיך אין אָפּברעכן דער זומער פונם ווינטערס קייטן אַזוי ווי אַ נשמה וואָס באַפרייט זיך פונם לעבנס־צעגריזשעטן גוף; אָדער אין פרילינג, ווען אַ פאַרנאַכט טאַנצט אַרויס פון דער טורמע פון ווינטערדיקן שניי און ווינט אַ באַפרייטע, מיט גאָלד אויף די ציטערנדיקע אַקסלען — באַמערק איך די געביידע פון „פּיפּלס טעאַטער". דאָס איז די העכסט־פּאַטעטישע געביידע, וועמעס רויטע פאַרב דערמאָנט אין רויט־אָפּגעסמאַליעטע געזיכטער פון סי־פיליטיקער. די געביידע האָט אַ גרויסע געשיכטע צו דערציילן: פון גרויסע, אידישע אַקטיאָרן. דאָ איז געמאַכט געוואָרן טעאַטער־גע־שיכטע. דאָ האָבן געקיניגט מאַסקע, קאָסטיום און גרימאַס. דאָ האָט דאָס לעבן אַרויסגעשטורעמט מיט מוסר־השכל. ס'האָבן אויף דער בינע פאַראַדירט קעניגן און דיכטער. שפּעטער, ווען די געביידע האָט זיך געעלטערט, איז זי געפאַלן צו דער מדרגה פון אַ בורלעסק־טעאַטער.

איך זע אַלע יענע נאַקעטע פרויענגעשטאַלטן, וואָס האָבן דאָ גע־טאַנצט און אויפגעבליצט פאַר שיכורע פּובליקומס מיט זייערע גלענצנ־דע גופים, מיט זייערע מאַרמאָרנע פאָרמען און פרינצעסין־געשטאַלטן. און נאָך שפּעטער איז אַלץ פאַרלאָשן געוואָרן. די געביידע האָט אָפּ־געלעבט איר צייט. זי איז געוואָרן איבעריק, ווי די בידנע מענטשן דאָ, וואָס זיינען איבעריק אויף דער ערד. אין נעפּל איינגעהילט, פלאַמט זי אַרויס, ווי אין פיבער. אין אַ טאָג ווען איך וועל דאָ פאַר־ביי גיין, וועט די געביידע שוין מער נישט שטיין. די ערד וועט זיין ליידיק, רוי, ווי אַן אָפּגעקראַצטע וואונד. אַ טרויער וועט זיך ציען פון דעם ליידיקן, פאַרוואַרלאָזטן שטיק ערד צו מיין האַרצן. און איך וועל אַהיימגיין און אָנשרייבן דאָס ליד אין פּראָזע — די קאָנפעסיע פון אונזער לעבן. פון אונזער שטאַרבן. —

די בויערי איז אַ ריזיקע פרעסקאָ פון מענטשלעכן טרויער; און יעדעס מאָל, אַז איך פאַרבלאָנדזשע אַהער, דערזע איך אין דער גאַנ־צער גרויקייט די טראַגיק, די פינצטערניש פון מענטשלעכן לעבן. די איינזאַמקייט פון די אומגליקלעכע, וואָס שטייען שטענדיק אין רייע, אויף עפּעס וואַרטנדיק, עפּעס בעטלענדיק. (און אפשר טרינקען זיי אַזוי פיל, כדי צו ברעכן די רייע, צו רעוואָלטירן קעגן די שטומע פּראָ־צעסיעס פון אָרעמקייט). איך טראַכט דעמאָלט צו לויפן ערגעץ אין אַ ווייטן לאַנד, זיך צו באַהאַלטן אונטערן שאָטן פון אַ בוים, און זיצן שטיל און שטום, אומבאַוועגלעך, ווי דער פאַרצעלייענער און שמייכ־לענדער בודאָ. שמייכלען דער לבנה און דער זון אַנטקעגן, ווי בודאָ, מיט זיין רואיקן, זיין גליקזעלישן שמייכל, וואָס איז מבטל אַלע ליידן און אַלע פריידן, און ווערט דער שמייכל פון ים, פון הימל און ערד...

אָבער צו אָפּט וועקט זיך אין מיר דער בונטאָר; און אַלץ אין מיר פּראָטעסטירט קעגן אַ וועלט פון שלעכטס און אָרעמקייט. און עס ווילט זיך מיר אויסשרייען אַזאַ מעכטיק געשריי, וואָס זאָל הילכן איבער אַלע ערדן און אַלע הימלען. אַ געשריי ווי פון יענעם גלאַדיאַטאָר, וואָס ברענט און וואָס ווערט צעריסן פון משוגענע לייבן און טיגערן; וואָס שלידערט אַ געשריי פון זיין אויפגעריסענער ברוסט און שטערט דאָס פאַרגעניגן פון די צעזאַרס און זייערע מעטרעסעס.

אַ געשריי רירט זיך צו צו מיין האַרץ, און ווען עס וועט דער־

גרייכן מיין האַרץ, וועל איך אויפציטערן ווי אַן ערדציטערניש און נישט קענען מער איבערלעבן די שרעק און די גרויל פון דעם געשריי און דעם געיאָמער... אַזוי ווי שמשון דער גיבור — וועל איך פאַלן אין דעם געברעך און אין דעם געשטירץ פון די קראַכנדיקע, קעניגלעכע זיילן און זאַלן...

פון עק וועלט ביז עק וועלט — אַזוי ווי ביים געבורט און ביים טויט פון אַ מענטש — וועל איך וואַנדערן — אַ יאָמערנדיק געשריי.

ניו־יאָרק, מערץ 8, 1945

נביא און פובליקום

איך בין היינט געגאַנגען דורך נייַן און פופציקסטע גאַס. איך בין געבליבן שטיין אויף קאָלומבוס פּליים. גרופּעס מענטשן זיינען געשטאַנען און דיסקוטירט. איך האָב באַטראַכט די מענטשן. עס איז דער אייביקער המון — פון ירושלים. פון אַטען. פון פעניקיען. פון מצרים. פון רוים. פון לאָנדאָן און פון פּאַריז. דאָס אייביקע פּעבל. מיר דאַכט זיך דאָס פּעבל איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן. אַז עס שטייט דאָ זינט די צייטן פון דעם נאַזאַרענער; זינט די צייטן פון ירמיהו, ישעיהו, יחזקאל און עמוס. זינט די צייטן פון יוליוס צעזאַר און אָקטאַוויאַן. אמת, עס זיינען דורכגעריטן איבער דער ערד טויזנט שטורעם־קאַוואַלקאַדעס. טויזנט האַגלען און שנייען און פייערדיקע אַרמייען. אָבער מענטש האָט פאַרגעסן צו גיין זיך לעגן אינם טויטנ־בעט — אין זיין קבר. דו האָסט די דאָזיקע מענטשן געזען אויף אַלע מערק־פּלעצער פון דער געשיכטע. עס איז דער אייביקער המון וואָס פירט וויכוחים. וואָס דערהויבט העלדן. וואָס אַפּלאָדירט און שילט ביים אַראָפּהאַקן די קעפּ פון זיינע ערדשט־נעכטיקע אידאָלן. וואָס שרייט ווילד ביי קאָראָנאַציעס און וואָס שימפּט ביטער די עקזעקוטירטע, וואָס זיי האָבן ערשט נעכטן געקרוינט און ביזן הימל געהויבן.

עס איז דער המון פון די קרייץ־צוגן, פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, פון די מיטלאַלטערלעכע מלחמות, פון די הוסיטישע קריגן, פון עקספּעדיציעס איבער ווייטע ימים, פון אַוואַנטיוריסטישע קאַמפּאַניעס און בלוטיקע געשלעגן. דער המון פון געדונגענע קריגער, פון שלאַכטן און מלחמות אויף יבשה און אויף די אָקעאַנען. פון רייזעס אין ווייטע לענדער און פון רעליגיעזע שטרייטן. דער אייביקער המון, וואָס דו האָסט געזען אין די צייטן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט היסטעריש געריסן שטיקער זייד פון דער געשטאָרבענער גרעפין, וואָס האָט אונטערן גיליאָטינע־מעסער געלאָזט ליגן איר וואונדערלעך־געלאָקטן, קלוגן קאָפּ.

אַנטקעגן אַ איד וואָס פּריידיקט קריסטנטום שטייט אַ יונגע שפּאַניערין. אַן אַטעאיסטקע. אירע אויגן זיינען פון שוואַרצן פייער. איר יעדער וואָרט — מוזיק, גראַציע. אירע געדאַנקען — געצנדי־נעריש. אירע זשעסטן — העראָאישע. זי האָט פיינט דעם בלייכן איד וואָס רעדט אַזוי אַנטשלאָסן וועגן דעם סטאָלער־יונג פון נאַזאַרעט. איז דער איד בלינד? אויף אַ מאָדנעם אופן קוקט ער צו די שטערן, ווי זיי וואָלטן זיין פאַרגרעסער־גלעזער אין הימל אַריין. און מיט וועל־כער רואיקייט רעדט ער וועגן דעם „משיח". און עס איז ווי ער וואָלט

זיין דער עוואַנגעלישער לאַזאַרוס, וואָס איז נאָך דריי מעת־לעת זיין באַגראָבן טויטערהייט אין דר׳ערד, אויפגעשטאַנען תחית המתים, און וועלכער צעשמעטערט איצט מיט רייד די פּאַלאַצן און די טעמפּלען פון דער רוימישער אימפּעריע. ער שטייט קאַלט אַנטקעגן דער שפּאַ־ניערין. און ווי מאָדנע פאַרקערט זיינען איצט די ראָלן: אַמאָל האָט דער זעלביקער איד געברענט אויפן שייטערהויפן, אין נאָמען פון דעם „אידישן קעניג״. און זי, די רייצנדע שפּאַניערין, איז געווען אַ הייליקע קריסטין. און איבער אירע פולע בריסט האָט קיל געציטערט אַ גאָלד־צלם. איצט איז זי אַן אַטעאיסטקע, און דער איד רעדט אין נאָמען פון דעם „זון פון גאָט״, וועמענס אַנהענגער האָבן אונדז, אונדזערע עלטערן, געשיקט צום שייטערהויפן. און די רייד פון דעם איד פאַלן אויף טויבע אויערן וועגן דעם „קעניג פון די אידן״. מיר דאַכט אַז אידעען נוצן זיך אָפּ, ווערן אָפּגעבלאַקירט. די קריסטלעכע רעליגיע איז שוין אַזוי אַלט. אַלט זיינען אַלע רעליגיעס פון דער וועלט. אַלט איז דער מענטש. מיליאָנען יאָרן אַלט. און מיטן מענטש צוזאַמען עלטערן זיך זיינע געטער. זיינע מלאכים. זיינע הייליקע אין הימל און אויף דער ערד. —

און דו קוקסט אין דער נאַכט אויף דעם מאָדנעם פּאָרל, דעם דעם קאַטוילישן איד און די אומגלויביקע, יונגע שפּאַניערין. דער פּלאַץ איז פול מיט די שענסטע מיידלעך — הונגעריקע נאָך מאַן. הונגעריקע נאָך נביא. נאָך פּאָעט. נאָך העלד. אַ טייל פרויען — נאָך מיידל, נאָך בלום, נאָך אין דעם זיידענעם קלייד פון יוגנט, ווי אַ בלום איינ־געהילט אין אירע צאַרטע און קאָלירטע פּעטאַלן. איינגעהילט אין אירע רויזנבלעטער. מיידלעך — נאָך ווירגינישע, וועלכע ווייסן נאָך נישט וועלכע פּראָזע און וועלכע פּאָעזיע מאַן שטעלט פאָר. און זיי שטייען פאַר די גרופּן שוואַרץ־מענער, פּעבל־מענער, מיט שטומער שטוינונג. און אַנדערע פרויען, שוין דורכגעלעבטע. אויף זיי שיילט זיך די הויט ווי דער טינק אויף אַלטע הייזער. פרויען, שוין אַליין גרויע ווי מאַן. דעגענערירטע. צעבראָכענע. אָפּגעבלאַקירטע. פאַרזשאַווערטע. און מאַן קוקט זשעדנע אויף די יונגע מיידלעך — ווי מאַן קוקט אויף אַ גאָרטן פון בלומען, גאָלדענע פון זון, פייכטע פון רעגן־טראָפּנס. און עס איז נאַכט. און אויבן, אין דער הויך, ציען די וואָלקנס, שוואַרצע, גרויע, גראָטעסקע — דער מאַרש פון דער אימפּעטיקער נאַטור דורך הימלען אומבאַקאַנטע. עס שפּאַצירט פאַרביי דיר דער וועלטאַל.

און אַזוי צוקריגנדיק זיך מיט דעם בלייכן איד, איז די הייסע, טונקעלע שפּאַניערין צוגעצויגן געוואָרן דורך דעם איד — ווי מאַגדאַ־לענאַ דורך קריסטוסן. זי האָט זיין טרויעריקן אימאַזש שפּעטער אַ פאַרצווייפלטע געזוכט צווישן עולם — אַן אַנגעצונדענע דורך זיינע רייד. ער האָט אויף איר געווירקט. דער אַטעאיסט איז דאָך אַזוי שפּינוועבסטיק־שוואַך אין זיין פאַרצווייפלטן נישט־גלויבן אין גאָט — ווי דער עקסטאַטיקער וואָס גלויבט אין גאָט, דעם אויסגעהאַקטן גאָט אין די באַוועגלעכע פעלזן־וואָלקנס פון די הימלען. אין דעם מאָמענט ווען זי האָט אָנגעהויבן צו שפּירן גאָט אין אירע הייסע גלידער — איז דער איד פּלוצעם געוואָרן באַרירט פון אירע רייד פון צווייפל... און פון דעם זוניקן כישוף פון איר רייצנד פרויענלייב... זי איז פאַר אים

געשטאַנען ווי אַ לעבעדיקע, הייסע געצין... און זי — די זינדיקע — האָט געזוכט דעם איד דעם אַסקעט. דעם האָניק־געלבן, אויסגעדאַרטן איד, דעם פאַרשפעטיקטן אַפּאָסטאָל... עס איז דער אייביקער מאָטיוו פון קריסטוס און פון מאַגדאַלענאַ... דער מאָטיוו פון פאַנפנוטיוס און די וואונדערלעכע טאַאיס...

און אין דער נאַכט טראַכט איך אַז די צייט פון די נביאים איז נישט פאַריבער — פונקט ווי עס איז נישט פאַריבער די צייט פון פּאָע־זיע. אין יעדן פון די דאָזיקע היסטעריש־שרייענדיקע רעדנער שטעקט אַ נביא. אין זיין עקסטאַז, אין זיין פלאַמענדיקן שוים אויף די ליפּן, אין זיינע צעריסענע מלבושים, אין דעם פייער פון זיין וואָרט — שטעקט דער אוראַלטער, ביבלישער נביא. די נביאים־עפּאָכע האָט זיך נישט געענדיקט מיטן תנ״ך. מיט די פלאַמענדיקע בלעטער פון הייליקן ספר. זיי גייען אַרום איבער דער וועלט — די נביאים — אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע — און דאָס וואָרט פלאַמט ביי זיי, און זיי שלאָגן זיך מיטן אייגענעם געדאַנק — און אַרום זיי, אין טיפע נעכט, געבונדן מיט ווינט און מיט ווי און מיט אַלע שטורעמס פון צווייפל — שטייט דאָס פעבל, דאָס אוראַלטע ערדישע פּובליקום, וואָס האָט פאַרגעסן צו שטאַרבן, וואָס איז געשטאַנען ביים באַרג סני צו אָנטפּאַנגען די תורה פון דער הימלישער פייערטראַכט — אין בליץ און אין געדונער — און מיט די וואַלקנדיקע טרעפּ איז משה אַראָפּגע־שטיגן — פלאַמענד פונם באַריר מיט גאָט — שטערבלעך פונם באַריר מיט מענטש, מיטן שטאַרבנדן מענטש... משה — דער באַשיידנסטער פון אַלע מענטשן, וואָס איז פנים על פנים געשטאַנען פאַר גאָט ווי פאַר אַ גלייכן...

ניו־יאָרק, אָקטאָבער 21, 1945

יענע ערשטע רייזע

מיין פאָטער האָט מיך גענומען אויף זיין פאַרביקער בריטשקע, וואָס ער האָט אויסגעגאַליעוועט אין משך פון חדשים שווערער אַר־בעט. די בריטשקע איז געווען אַ לייכטע, אַ שוואונגפולע, און אַזוי ווי פון אַ מעשהלע אַרויס האָט זי געלויכטן. מיין פאָטער האָט איינגעשפּאַנט דאָס קאַשטאַן־ברוינע פערד, דאָס פערד וואָס ער האָט גערייניקט און געפּוצט און געוואַשן ביים סטאַוו. עס איז געווען אַ ציטערדיקער טאָג. איינער פון די פיינסטע טעג אין מיטן חודש אויגוסט. ס׳האָט גאָט שווער געאַרבעט דורך מיליאָנען יאָרן אויפן דאָזיקן טאָג.

אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד מיט זיין פיינער, דינער און שאַרפער בייטש, האָט דאָס פערד זיך אויפגעהויבן ווי אַ פּעגאַז, מיט גילדערנע פליגלען. גאָלד פון דער זון איז געפאַלן אויפן פערד; זיינע פליגלען זיינען געוואָרן אַלץ לופטיקער, העכער און זוניקער. דאָס פערד האָט געאָטעמט האַסטיק און מיך און מיין טאַטן געטראָגן איבער וואונדער־לעכע, איבער אומגעוויינלעכע לאַנדשאַפטן. מיר זיינען אַריין אין אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד, און זיך געטראָגן איבער אַ שמאָלן, וואונדער־לעכן וועג. פון ביידע זייטן האָט עפּעס אַ וואונדערלעכע קאָסמישע האַנט צעשאַרט די ביימער און די בריטשקע איז פריי געלאָפן אין דער מיטן ווי אַ וועג וואָלט אין ים געוואָרן פאַרגליווערט. ביימער — גע־שניצטע קונסטווערק. ביימער — פון בורשטין און פון וואַקס. און פון

ביידע זייטן, מיט דער באַוועגונג פון ביימער, האָבן זיך אויפגעהויבן געשרייען און געצוויטשערייען פון מחנות פייגל. דאָס לעבן אין וואַלד איז געווען פול אין יעדן ווינקל. דער וואַלד האָט געהאַט זיין לעבן, זיין רעאַליזם, זיין אייגענע וועלט. און איך — אַ קליין אינגל — האָב עס כמעט ווי צום ערשטן מאָל דערפילט. מיינע געהירן זיינען אויפגעבראָכן געוואָרן. מיין וויסן איז געוואָרן פרוכטבאַר. דער מענטש, דער פּאָעט אין מיר, האָט זיך מיטאַמאָל געטאָן אַן עפן, אַ צעפּראַל, אַ רייס אויף. ביז דעמאָלט בין איך געווען קינד. אינגל. אומוויסנד. אומסענסיטיוו. שטום. נישט באַוואוסטזיניק פון דעם לעבן אַרום מיר. פון שיינקייט. פון מענטש. פון נאַטור און פון גאָט.

די בריטשקע האָט זיך געטראָגן אין דער וואַלד־אומענדלעכקייט. און אַלץ נייע מחנות ביימער האָבן זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעציטערט און אָפּגעטראָטן דעם וועג. די ביימער האָבן זיך איבערגעשטעלט. און שטיקער וואַלד מיט זיין אַלפאַרב און אַלכעמיע האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּדעקן פאַר מיר מיט אַ מערקווירדיקער קלאָרקייט, ווי באַלויכטן דורך בליצן. ווי שווערע האָניק, ווי דורכזיכטיקע זשיוויצע פון די ביימער, איז גערונען דאָס רייפע און מאַטורע ליכט פון דער זון, ווי שדים וואָלטן אויסגעגאָסן בראָנזענע קרוגן מיט האָניק. און יעדעס מאָל האָט פון אונטער אַ קזשאַק אַ קוק געטאָן אויף אונז אַ מאָדנע פּנים פון אַ פויגל, מיט אוראַלטע אויגן, ווי ער וואָלט זיין אַ פאַרשאָלטענער מענטש און מיילוויטער האָט דאָס זעלבע פּנים אויף אונז אַ קוק געטאָן און עס איז פאַרשוואונדן. עס איז ווי דער אורמענטש, מיט זיין פלאַמענדיק, טרויער־טריפנדיק און צעשניטן פּנים וואָלט אַרויסגעקוקט פון דער אורווילדעניש און פון צוואַנציק טויזנט טויטע יאָרן. וואָלט בלוטיק און בליציק געקוקט אויף אונז אַזוי ווי אַ בליץ מיט זיינע היסטעריש־ווילדע אויגן קוקט פון די הימלען אַרונטער אין דער פינצטערער נאַכט צו דער פינצטערער ערד. און מיר האָבן איבערגעוועקט דעם וועלטאַל. מיר האָבן מיט אונזער פערד און בריטשקע אויפגעריסן שטיקער חלום, שטיקער וואַלדישע פאַרטראַכטקייט, שטיקער בוימערדיקע ערנסטקייט, שטיקער געפאַרבטן פליוש פון אָפּגעוואַשענע לאָנקעס; מיר האָבן מיט אונזער פלוצלונגען אַריינפאָר און אַריינרייסן זיך אין וואַלד אויפגעריסן די פיינסטע שטיקער אָריענטאַליש־טעפּיך און גאָלדענע שטיקער זייד און פאָרהאַנגען דורך יאָרטויזנטער מיט צאַרטע פינגער געהאָפטן און געוועבט און מיר האָבן איבערגעוועקט אין טיפן וואַלד אַ פאַוועס חלום — אַ פאַווע, וואָס איז אַריין אין פאָלקסליד אַזוי ווי זי שטייט און גייט — אָט אַזוי ווי דער געטלעכער שניידער האָט איר צוגענייט די פאַרביקע לאַטעס און פעדערן. מיר האָבן שמערצלעך וויי געטאָן דער גאָלדענער נאַכטיגאַל און דעם קוקו־פויגל האָבן מיר דערשטיקט מיט זיין קו־קו — אין האַלז. מיר האָבן אין שטייענדיקן, פאַרטייעטן וואַלד געמאַכט ווילדע צייכנס און קריצן אַזוי ווי אַ קינד צערייסט מיט זיין פינגער די ברוין־בראָנזענע, פאַרגליוערטע פלאַך פון אַ פינצטערן פאַס האָניק.

איך בין געווען איבעראַשט און דערשראָקן. אויף מיר איז געקומען אַ גרויסע אַנגסט. איך האָב אָנגעפאַנגען צו וויינען. מיין פאָטער האָט מיך באַרואיקט און געזאָגט אַז מיר וועלן באַלד אַהיימקומען. איך האָב מורא געהאַט אַז מיר בלאָנדזשען. איך האָב מורא געהאַט אַז מיר וועלן אַריינבלאָנדזשען אין אומבאַקאַנטע רעגיאָנען פון אין־סוף. איך האָב

אויפגעציטערט ביים אַנרירן דאָס לעבן. איך האָב מורא געקראָגן ביים באַרירן די שטיקער ווילדע ראָמאַנטיזמען־רעאַליטעטן פונם לעבן. אַ סקרוך איז מיר אַדורך איבערן לייב פון דעם אַנריר פונם לעבן. פאַנטאַסטיש־ווילד, ווי אַ שטורעם־ווינט, האָט זיך די דינע בריטשקע געטראָגן און געמאַכט וואונדן אין דער פאַרשלאָפענער וועלט, אין דער ווילדוואַלד לאַנדשאַפט — אין די נישט באַרירטע שטיקער גראָזיקע סאַמעט — אין דעם פייכטן פליוש פון די הויכע גראָזן — אין דעם פייכט־פאַרבן־פייזאַזש וואָס גאָט האָט געהאַלטן אין מאַליעווען — אין די געהיימנישפולע וואַלד־ווינקלען וואו משוגענע שדים זיינען געזעסן און געפלאַסקעט מיט די נאַסע פאַרבנפענדזלען און געשמירט אויף דער קאָרע פון די בוימער, געכלאַפעט מיט שטראָמען בראַנדזיקע קאָלירן און די הענט זיך אויסגעשמירט אין כישופדיקן נאַסן פיי־זאַזש. די בריטשקע איז געלאָפן אַזוי ווי אונטן וואָלטן איר שטויסן משוגענע הענט פון דעמאַנען. און אין יענעם מאָמענט האָט זיך מיין גוף אָנגעצונדן. אַ פענצטער צו דער נאַטור האָט עמיץ — אַ ברענענ־דיקע האַנט — מיר געעפנט. דער פּאָעט איז געוואָרן דערוועקט אין מיר; באַוואוסטזיניק פון זיינע ווילדע כוחות, פון זיינע אוראינסטינקטן און אורזעאונגען און אורקוואַלן. און צוגלייך מיט דער דערקענטעניש וואָס איז אויפגעגאַנגען אין מיין געהירן — האָב איך מורא געקראָגן פאַר דער נאַטור, פאַר דער פּאָעזיע. עפּעס טראַגישעס איז פאַרגע־קומען: צי די אָנהייב אַז איך גיי אַריין אין אַ בית המקדש פון דער־קענטעניש וואו איך וועל אומקומען און פאַרצערט ווערן? צי די שרעק פאַר דער דערקענטעניש וואָס וועט מיך פאַרניכטן? די אימה פאַר דער נביאימשער איבערלעבעניש וואָס פייניקט גהינומדיק? צי דאָס פאַרגעפיל פון אַ לעבן אין וועלכן איך טרעט אַריין מיט אַזוי פיל מורא, ציטערניש און שרעק? וואָס איז דעמאָלט אין מיר פאַרגעקומען? דאָס געשריי, דער פּראָטעסט פונם נביא וואָס נאָך אין זיין מוטערס בויך רעוואָלטירט ער אַנטקעגן זיין מיסיע — זיין קינפטיקן באַרוף — אַנטקעגן זיין נביא זיין, אַנטקעגן זיין קינפטיקן אָנזעטיקן זיך מיט זינד און מיט יסורים פון די מענטשן און גאָטס שטראָפנדיק און צאָרנ־דיק וואָרט??!

די שרעק איז אין מיר פאַרשטאַרקט געוואָרן ווען דער הימל האָט באַקומען אַ פינצטערן קאָליר. די זון — אַ שטיק פייערדיקער וואַקס וואָס אַ קליין נעגעריש אינגל קאָלערט זי איבער די בלוי־הימלישע לאַנקעס — האָט זיך איצט שנעל געגומען אַראָפּלאָזן אין מערב־זייט, און וואָלקנס, אין אַן אימהדיקן געאייל, ווי מען איילט זיך ביי אַ לויה ערב שבת — האָבן שנעל אָנגעהויבן צו מאַכן נאַכט. פינצ־טערע־ אימהדיקע נאַכט, האָט צוגעדעקט די גאַנצע ערד. מיין פאָטער — פאַנטאַסטיש ווי דער ים־גאָט פאָסיידאָן — האָט אָנגעהויבן האַסטיקער צו טרייבן מיט זיין בייטש דאָס פערד, אַזש פונקען זיינען פון דעם פערדס פלייש אויפגעגאַנגען. דאָס פערד איז איצט געלאָפן העגדום־פענדום איבער די פאַנטאַסטישע לאַנדשאַפטן, איינגעהילט אין שטיקער נאַכט און וואָלקן. עס איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם־ווינט און בליצן האָבן מיט זייערע קאַלטע פייערן דורכגעזעגט די ערד. — — — —

ווען איך בין אַהיימגעקומען מיט מיין פאָטער, האָב איך ביי דער שווער אויסגעבראָכן אין אַ ביטער, אַנגסטיק געוויין. עפּעס אומגעוויינ־

לעבעס איז אין דער דאָזיקער ערשטער אָדיסיי אין מיין לעבן מיט מיר פאָרגעקומען. אַ שטיק קאָסמישע רעאַליטעט האָט זיך אָפּגעדעקט צו מיר. איך האָב געמוזט דעמאָלט אַריינקוקן אין דעם פּנים פון די עלעמענטן. און אַ גרויס באַוואוסטזיין — פון דער וועלט אויסער מיר — האָט אין מיר מוראדיק אויפגעלויכטן.

און איך האָב מורא געקריגן פאַרן דאָזיקן געטלעך־טייוולישן, מענטשלעך־נביאימשן וויסן. פאַרן דאָזיקן אַלכעמישן געוואויר ווערן האָב איך אויפגעציטערט. און שטענדיק, בשעת אַ נאַטור־סאַטורנאַליע, בשעת אַן אויסברוך און אַ הוליע פון די עלעמענטן, שטיי איך ווילד און פאַרגאַפט און אין אור־אימה פאַרן רבונו של עולם און זיינע קאָסמישע מעשים. מורא און צוציאונג באַהערשן מיך. פּחד—און אַן אויסערגעוויינלעכער דראַנג אַריינצושטעקן מיין קאָפּ אין דעם מיטן פון דעם קאָכעדיקן כאַאָס. צו באַלויכטן ווערן פון אַ פונק פון דעם פלאַם פון קאָסמישן באַוואוסטזיין, אין וועלכן גאָטס פּנים שטראַלט אויף מוראדיק און הערלעך. — ניו־יאָרק, יולי 28, 1948.

פּ נ י אָ ק ע ס

איך בין געווען קליין און מיין האָק האָט זיך געהויבן אַנטקעגן די פּניאָקעס, די סענקעס, די פאַרדרייטע וואָרצלען פון אַמאָל מעכטיקעביימער. איך בין געווען האַר. איך האָב דאָס פלייש פונם האָלץ געמאַכט צו בלוטיקן. איך האָב זיך איינגעשניטן אין דעם האָניק־געלבן פלייש פון ביימער, און זעענדיק די וואונדערלעכע קאָלירן פון זייערע געדערים, זעענדיק דעם צויבער פון די פּניאָקעס׳ס אינערלעכע קאָלירן, ווי זיי וואָלטן לויכטן מיט פאָספאָר, ווי זיי וואָלטן ברענען מיט געפילן — האָט מיר ווי געטאָן, עס האָט מיר געבלענדט פאַר די אויגן, עס האָט געטריפט פון מיר מיט טרערן.

מיר זיינען געווען אָרעם אין פוילישן דאָרף נאָזאַ־גורא. אין דער פוילישער פראָסט ברענט די אָרעמע די קעלט. אַ גאַנצן וואָגן מיט פּניאָקעס האָט מיין פאָטער איינגעקויפט. פּניאָקעס פון ביימער וואָס זיינען געווען הונדערטער יאָרן אין דר׳ערד, וואָס האָבן זיך אויף אייביק פאַראַנקערט אין דער ערד, האָבן טיף געשליידערט זייערע עקשנות־דיקע וואָרצלען, ווי אָרעמס; האָבן געשפּראָצט מעכטיק צום הימל, ווי טיטאַנען. אַריינזויגנדיק די גאַנצע זון, די גאַנצע לופט, דעם גאַנצן רעגן — אין זייערע לייבער, אין זייערע ברוסטקאַסטנס. ביימער, ווי ביבלישע שטאַמען, טאַנצנדיק אין הימל אַריין, צו גאָט. אָבער קיינמאָל נישט פאַרלאָזנדיק די מוטער ערד, ציענדיק זייער יניקה פון די אונטערערדישע טיפענישן און קוואַלן. ביימער וואָס האָבן זיך איינגעפרעסן אין דער פוילישער געשיכטע, אין פוילישן פאָלק, זיינען געוואַקסן פונם נאָרד פון טויטע, פון דעם געביין פון דורות.

די דאָזיקע שטאַמען האָבן געענטשן אויסגעהאַקט אין די אור־וועלדער, אויסגעגראָבן די שטאַמען פון דער טיפעניש, פון דער פייכטער און גרויסער ערד און, אַזוי אַרום, באַזייטיקט די לעצטע שפּורן פון זייער גרינער עקזיסטענץ, פון ביימער וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געזאָגט תהילים צו גאָט. פון אומגעהוירע פאַרמבולדיקע גיגאַנטן.

און איך, אַ קליין אינגל, נאָך נישט געחלומט פון שרייבן לידער, אין דער שרעקלעכער פוילישער פראָסט, האָב זיך, ווי דער צאַרטער קעניג

דיד, פאַרמאַסטן אויף די מעכטיקע שטאַמען.

איך האָב געוואוסט אַז מיין מוטער הונגערט און פרירט. און מיין קראַנקער פאָטער זיצט אין שטוב ביים אויוון און אויף זיין פּנים שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פייער וואָס קנאַקט און קרעכצט מיט דעם אויסגעטריקנטן האָניק־האַלץ פון די פניאַקעס. אין קוראַזש האָט זיך מיין האַנט מיט דער שטאַלענער האַק געהויבן. אין מעכטיקן שוואונג. די האַק, אַ שאַרפע, האָט ווי אַ קצבס האַק, געבוטשערט די עקשנותדיקע פניאַקעס, ווי ריפּן פון חיות. ווי ביינער פון בהמות, וואָס קצבים צעברעכן אומברחמנותדיק. אַרום מיר — ווי אין אַ יאַטקע — בלוטיקע שטיקער האַלץ־פליייש. אָט איז אַ בלוי אויג פון עפּעס אַ פאַטישער באַשעפעניש, וואָס טראָגט נאָך אין זיך די פאַרגליווערטע אָפּשפּיגלונג פון גאַנצן זומער. אָט איז אַ שטיק רויט האַרץ — פול מיט געפילן, וואָס פאַרבלוטיקט נאָך אין לעצטן אויפצאַפּל פון לעבן. נאָך פול מיט עמאָציעס, וואָס קענען נישט שטאַרבן. אָט איז אַ שטיק ברוין־שוואַרצע לעבער, ווי אַ שוואַרץ־פאַרגליווערטע שטיק באַזאַלט. און אָט זיינען ווייסע שטיקער — ווי שטיקער גלאַנציקע זאַלץ, אָפּגעבראָכן פון אַ זאַלץ־פעלז אין פעלזיקן געבערג. און אָט — שטיקער פאַרבלוטיקטע פליייש, טיילן פון דעם מעכטיקן אָרגאַניזם וואָס שטעלן צוזאַמען אַ חיה אויף דער ערד, וואָס מעסט מיט אירע אייזערנע פיס די טעריטאָריעס פון קוואַלן, שטיינער און ביימער, ביימער וואָס וואַרצלען זינט מיליאָנען יאָרן אין דער קילער טיפעניש פון דער ערד און זיינען מיט זייערע קעפּ שיכור אין דער הייסער לופט פון הימל. אַרום מיר, ווי אין אַ יאַטקע, שטיקער פליייש־פראַגמענט. בלוט און מאַרך און טרערן און — פייער. דאָס אָפּפאַל פון די פאַרגליווערטע לייבער — פון ביימערשע אינטעסטינס.

איך האָב שטומערהייט געטאָן מיין אומברחמנותדיק־קצבישע אַרבעט. נאָר אָפּטמאָל האָב איך געוויינט, קוקנדיק אויף דער פינצטערער אַרבעט וואָס איך טו. איך בין געווען דער העלד אינם לעצטן קאַפּיטל פון אַ גרויסער ביימער־עפּיק. און בשעת מיין מוטער פלעגט צונויפקלייבן אַרום מיר די שפּענדלעך האַלץ, פלעגט זיך מיר דאַכטן אַז אירע הענט בלוטיקן און אַז די זון פלעגט אונטערגיין — פלעגן אירע שטראַלן רויט מאַכן דעם הויף ווי אַ שלאַכט־פעלד. און איך האָב זיך באַמיט צו זיין פאַרזיכטיק און נישט אַרונטערצולאָזן חלילה מיין שטאָלערנע האַק אויף מיין מאַמעס הענט, אויף דעם לייב פון דער זון, אויף די שטראַלן וואָס האָבן ווי שלאַנגען אַרום אַ טיגער, זיך אַרום מיר געדרייט און געקאַרטשעט. און איך בין געווען קעניג און ריטער. מיר פלעגט זיך דאַכטן אַז מיין קאָפּ איז גאָלדן באַקרוינט און מיך טראָגט אַ פניאַק, ווי אַ פערד פון פייער, אויף זיין רוקן און טראָגט מיך אין שלאַכט און מיין שאַרפע האַק פאַלט אויף די שונאים פון מיין לעבן. איך שנייד זיך איין אין בראַנדזענע ריטערס, געהילט אין קאָסטיומען פון קופער און אייזן, אין פאַנצערס פון באַגילדעטן אייזן. איך ברעך איבער לייבער און שטראָמען בלוט גיסן זיך אויס ווי פאָנטאַנען, פאַרפלעקנדיק רויט די וואָלקנס. איך בין בלייכער ריצערזש, און איך קאָסע אויס דאָן קיכאָטיש אַלע מיינע פאַנטאַסטישע שונאים — איך פאַרוואַנדל זיי אין פגרים מיט טריפנדיקע וואונדן ווי וואַקס — שטיקער פאַרב וואָס גליווערן אַנטקעגן דער לבנה — אַ מע־

שענער טראָמפּעט.

***

אַ סך יאָרן זיינען אַדורך, זינט איך פלעג שטיין אויפן הויף און מיט אַ ווילדער פוריע האַקן די פּניאָקעס פאַרן קאַלעכדיקן אויוון פון אונזער אָרעמער שטוב. נאָר וועלכע גרויסע אימאַזשן זיינען פאַרבליבן! מיט וועלכע עמאָציעס פון גרויסקייט איך פלעג טאָן מיין אַרבעט. נישט קיין פּניאָקעס — די לעצטע ערדיקע גלידער פון ביימער — נאָר שטראַלנדיקע וועלדער, אַנגעצונדענע, פון דער טיפעניש פון דער ערד פלעג איך אויסהאַקן. מיר האָט זיך געדאַכט אַז ביימער האָבן מורא פאַר מיר און זיי לויפן ווי ווילדע הירשן איבערן געבירג, אין שוואַרצע מחנות, בלויז דערזעענדיק מיך. מיר פלעגט זיך דאַכטן אַז וועלדער וואַנדערן כדי אויסצומיידן מיין האַק, און די פייגל שילטן מיך און פליען מיט די צווייגן אין אומבאַקאַנטע טעריטאָריעס. איך בין געווען ברוטאַל — און פול מיט מיטלייד. איך בין געווען קעניג און ריטער און באַפאַנצערט פון קאָפּ ביז צו די פיס אין אַ פּאַנצער פון רויטן שטאָל און עס איז נישט געווען קיין איין שוואַכער פונקט אין מיר וואו די טויטלעכע פייל זאָל מיך קענען פאַרוואונדן...

יענע צייט איז שוין לאַנג אַוועק. נאָר דאָס בלוט פון די וואונדן פון די ביימער רינט נאָך רויט און שטראָמענווייז פאַר מיינע אויגן ווי אַ הייסער טייך און איך פאַרשטיי דעם פּיין וואָס איך פלעג טיראַניש אָנטאָן צו די אָרעמע וואָרצלען פון די טויטע ביימער.

און שפּעט ביינאַכט, אין לירישן און דעלירישן ציטער, פלעג איך זיצן ביים אויוון, לייענען אַ פאַרגעלבט מעשה־בוך, קוקן צו דער גרויסער, געקאַלכטער קאַפּע, וואָס פלעגט ווי אַ דאַך אַרונטערהענגען איבערן אויוון, זיך איינהערן אין דעם בייזן, פּוילישע ווינטערווינט, און, זיך איינהערן אין דעם קרעכצן פון דעם קלעפּיקן האָלץ, וואָס פלעגט פאַרצערט ווערן אין פייער, הערן ווי דאָס האָלץ שטאַרבט און דעמאָלט קוקן אויף די קוילן, רויטע, זיך פאַרציענדיק מיט אַ רויטן פּליוש און זיך לעשנדיק אין אַ מאַטן, אַש־בלויען קאָליר... איך פלעג זיך איינהערן אין לעצטן ריטם פון אַמאָליקע וועלדער און זיצן פאַרן אַש פון ביימער וואָס האָבן הויך געבליט פון דער ערד ביז צום הימל, ווי אַלע לעבעדיקע דורות פון דער ערד, וואָס זיינען אויפגעגאַנגען און געפאַלן אין דער טיפעניש, ווי כוואַליעס פון אַ שטורעמדיקן ים...

און לעבן דעם אַש, מיטן געלן מעשה־ביכל אין דער האַנט, פלעג איך איינשלאָפן, אַ קליין אינגל, און ווידער האָבן די ביימער רויט געפלאַמט צום הימל און אַנטיילגענומען אין דער סימפאָניע פון פרילינג...

ניו־יאָרק, מאַי 17, 1945.

אין אַ פּאַרק אין ברוקלין

איך בין אַרייַנגעגאַנגען אין אַ קליינעם פּאַרק אין ברוקלין. עס איז געווען זון־אונטערגאַנג. איך האָב צום ערשטן מאָל הייַנטיקן האַרבסט געזען פאַלן די בלעטער אין גערדיכטע, גאָלדענע מאַסן אויף דער ערד. די זון האָט געכוואַליעט מיט שטיקער האָניק, מיט קילער בראָנדז, מיט פליסנדיקן מעש. די זון — די אייביקע דאַמע, די גע־ליבטע פון דער ערד — אין זייַדענע, באַלאָווע קליידער.

און דאָ, צווישן די פאַלנדיקע בלעטער, האָב איך זיך דערפילט אַלס איד. אין דעם שאָרכן פון די בלעטער האָב איך געהערט די טריט פון מייַן פאָלק. די טריט פון מאַרטירער. די טריט פון נביאים. איך האָב דאָ דערהערט דאָס קרעכצן פון אַ פאָלק אונטערן שווערן יאָך פון געשיכטע. איך האָב זיך דערפילט אַלס איד. איך האָב זיך דערמאָנט אַז איך שטאַם פונעם שטעטל. ווי אַזוי איך קען זיך ניט אַסימילירן אין דער גרויסער וועלט, אַפילו ווען איך זאָל וועלן. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם היימישן שטעטל. אין דעם טרויעריקן, פוילישן האַרבסט. וואָס דאָס איז געווען מייַן וועלט און די וועלט פון מיליאָנען אידן. דאָס איז געווען אַ באַזונדערע וועלט אין דער וועלט. אַ קאָסמאָס אין אַ קאָסמאָס. —

איך האָב זיך דערפילט זייער דערשלאָגן. אַזוי ווי אַן אָרגל־מוזיק פון בית־המקדש האָט אויף מיר געכוואַליעט מיט באַגייסטערונג. איך האָב געטראַכט פון מייַנע עלטערן וואָס ליגן ערגעץ נישט ווייט, אין דער ברוקלינער ערד. איך האָב געזען שטיין מייַן טאַטן פאַר מיר, אַן אָנגעצונדענעם אין זון־אונטערגאַנג.

— טאַטע, איך גיי דורך דייַן גאַנץ לעבן אויפסניי. וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער דערקען איך דיך לויט די געשעענישן אין מייַן לעבן, וואָס זייַנען צו דיר פונקט אַזוי געשען. איך גיי אויף די זעלבע וועגן וואָס דו ביסט געגאַנגען. די בערג, די שטיינער, די גריבער און די טאָלן קומען מיר אויך אַנטקעגן ווי דיר. אַ זון גייט אין זייַן טאַטנס וועגן. די זעלבע ליידן און אומגליקן באַגעגנט ער אין לעבן. אַזוי איז דאָס לעבן אַן איבער׳חזר׳ונג אין דער אייביקייט אַריין.

מייַן טאַטע איז ציטערנדיק געשטאַנען פאַר מיר. בלעטער זייַנען געפאַלן איבער זייַן גוף. ער איז געווען באַלעגט מיט ערד, מיט בלעטער. דער ווינט האָט געריסן די זאַמדן פון זייַן גוף. געריסן די פינצטערע ווערים פון זייַנע גלידער. און איך האָב געזען ווי מייַן טאַטע האָט זיך נאָך מער געעלטערט אין דער פינצטערער ערד.

די בלעטער זייַנען געפאַלן צו דער ערד. און ביי יעדן בלאַט האָב איך אַ ציטער געטאָן. אין דעם שטאַרבן פון דער נאַטור האָב איך דערפילט מייַן אייגענעם שטאַרבן. דאָס שטאַרבן פון די מענטשן. איך האָב אייַנגעאָטעמט די קברים־לופט. איך האָב געטונקען מייַן קאָפּ אין דעם טרויעריקן עטער. איך האָב זיך פאַרטיפט אין דער נאַטורס נאָקטורנער, זשאַלאַבנער, עלעגישער שטימונג. פון יעדער בוים איז געגאַנגען לאַמענט. פון יעדער קוסט איז געריסן געוויין. די ביימער זייַנען געווען ווי אָנגעצונדענע קאַנדעלאַבערס אין אונזער גרויסער שטעטלדיקער שול.

איך האָב געזען שטיין די מתפללים אין זייער ערב יום־כיפורדיקן

טרויער. אין דער גרויסער קאָסמישער ציטערניש צו כל־נדרי, די גאַנצע נאַטור האָט געוויינט. האָט געוויינט מיט די גרויסע אידן פון דער ערד. מיך האָט אָנגענומען אַזאַ בענקשאַפט צו אידן, צו אידיש־קייט, צו אונזער אַלטן אידישן גאָט, צו אונזערע טייערע אָבות. צו אונזער פלאַמענדיקער תורה.

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט. יעדער שטערן — אַן אות. אַן אות פון די מיליאָנען פייערדיקע אותיות פון דער תורה. איך האָב אויף דעם הימלישן פאַרמעט גע־לייענט די תורה. די פלאַמענדע רייד פון די נביאים האָבן אויפגע־לויכטן. איך האָב זיי דערזען אין אַ נייעם ליכט. אַרום מיר האָבן גע־שוועבט נשמות פון מיליאָנען פאַרברענטע אידן. —

ניו־יאָרק, 6 פעבר., 1948.

ר׳ שמואל הנגידס אַ פערז

אין טרויעריקע נעכט, ווען דו ביסט גאַנץ אַליין אין דיין צימער, ווען דו ביסט פאַרלאָזן געוואָרן פון מענטש און ווען די ווענט, די טונקעלע ווענט, האַלטן דיך ווי אַ מויז אין אַ פּולאַפּקע — ווען מוראדיק איז דער שטורעם אין דער נאַכט און קיין הונט זעט זיך נישט אין שטורמישן דרויסן — אין אַזעלכע נעכט פון איינזאַמקייט זוכסטו דעם באַריר מיטן לעבן. דו וואָלסט געוועין גליקלעך אָנצורירן דאָס לעבן. דו ביסט הונגעריק נאָך דער באַוועגונג, דאָס וואַרעמע אָטעמען, דאָס שטראַלן, דאָס ציטערן פון לעבן. דו האָסט אַזוי פיינט די איינ־זאַמקייט און דעם טויט. אַ, די שטיינערנע איינזאַמקייט און דעם שטיינערנעם טויט. איינזאַמקייט איז זיכער אַ קאָרידאָר צום גאָרטן, צו דעם אייזיקן גאָרטן פון טויט.

און פלוצלונג מישסטו אויף אַ בלאַט פון ר׳ שמואל הנגידס גע־זאַנגען. איבער דער שטרעקע פון טויזנט פאַרגאַנגענע יאָר ציטערט אויף פאַר דיר דאָס וואונדערלעכע לעבן. לויכטן אויף הייסע און פלאַמענדע פּנימער. שטורעמט עס אויף מיט לוסטיקע געמיטער און הייטערע געשטאַלטן. דו האָסט מיט דיינע הענט באַרירט הייס־פול־סירנדיק לעבן וואָס איז שוין לאַנג אַריין אין דר׳ערד מיט זיינע גאָל־דענע פּאַלאַצן, מיט זיינע גילדענע כלים, מיט די טייערע קליידער און די ברענענדיקע געפילן. נאָר די דיכטונג האָט איר אייגענע ערד און הימל. די דיכטונג אָנערקענט נישט קיין צייט. זי שטעלט אַוועק די דיכטונג, איר אומצעברעכלעכע וועלט אין דער וועלט פון שטערב־לעכקייט:

„מיט מיר טרינקען איצט פריינט און פאַרטרויטע,
און דער וויין פינקלט גאָלדיק און שיינט.
און אַ אינגל גיסט אָן פול די בעכער,
און דאָס אינגל ביי דער פאָס ווערט ניט מיד;
און די האַנט פון דער שיינקייט דער מיידל
אויף די סטרונעס פון האַרף שרייבט אַ ליד.
און די ערד איז אַ שפּילעוודיק מיידל,
און די וועלט איז צעהוליעט און טאַנצט;
און דער נאַכטיקער הימל — אַ לאַגער,
מיט פייערלעך־שטערן צעגלאַנצט!“

פלוצלונג זע איך די פנימער פון פריינט און פאַרטרויטע, בגלופינדיקע און לוסטיקע. די אויגן—ווי מילגרוימען, טונקעלע און סאַמעטענע. פנימער וואָס ברענען מיט די פלאַמען פון וויין. פנימער וואָס לויכטן ווי אויף די בילדער פון טיציאַן, פראַנץ האלס און רו־בענס. פנימער — שטיקער צעשמאָלצענער בראַנדז. שטיקער שטראַלנ־דיקע, שטירצנדיקע זון; עס איז אַ לוסטיקע געזעלשאַפט פון שטאַטס־מענער און פאָעטן. מענער מיט שוואַרצע בערד ווי שטיקער פעך. מענער — ריזן. אין איידעלן רעספּאַנס צו וויין און צו דאַמען און צו שיינע לידער און מעלאָדיען. און צווישן די ראַפינירטע מענער לויכטן אויף די העברעאישע דאַמען. דעקאָלטעס ברייטע און די בריסטן — ווייס ווי שניי. זיי זעען אויס ווי נישט געוועבט פון אָדערן און פלייש — נאָר פון מאַרמאָר אויסגעהאַקט. די טונקעלע קליידער, גאָלדיקע און זיידענע, ליגן אויף די רייצנדע און גראַציעזע גופים ווי אָפּגעגאָסענע. יענע דאָרטן וואָס שמייכלט פאַרפירעריש — אַ ליבע, אַ רייצנדע געטין, וואָס האָט ליב צו שפּילן מיט אירע אומשטערבלעכע גראַציעס און ווייבלעך־שטערבלעכן פלייש. איר שיינקייט וועט קיינ־מאָל נישט שטאַרבן. פון קבר וועט זי אַרויסגיין ווי אַ נייע שיינקייט און ווי די זון וועט זי עמאַנירן ליכט פון איר האַרצן. איר שמייכל וועט אומענדערן דאָס וועטער. און די יעניקע וואָס שטייט לעבן דעם הויכן, שיינעם ר׳ שמואל הנגיד — זי קוקט אויס ווי אַ קעניגין. זי איז געבוירן געוואָרן פאַר אַ קעניגרייך. אויך זי וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן. די יוגנט אין איר קען נישט וויאַנען. זי איז אַ זון וואָס קען זיך נישט אויסלעשן.

און אין אַ ווינקל שטייען אַ גרופּע פּאָעטן און זיי לייענען זייערע לידער. צווישן זיי — איינזאַם און בלייך, דאָס געשטאַלט פון ר׳ שלמה בן־גבירול. אים קענען די שענסטע דאַמען און בעכערס מיט וויין נישט רירן דעם אייזערנעם טרויער און זיין ברוסט. ער שטייט דאָ אין אַ ווינקל, פאַרגליווערט אין טרויער, אַזוי ווי ער וואָלט גע־שאַפן געוואָרן פון דיליידן פון דער וועלט. אַזוי ווי אים וואָלט גע־בוירן דער טרויער פון דער וועלט.

און דאָרט, ביים פאַס מיט וויין, שטייט דאָס אינגל און גיסט אָן פול די בעכער. זיינע ווייסע, געשניצטע הענט זיינען פעט פאַר־גאָסן מיט וויין. דאָס אינגל איז שיכור. די אויגן — צעלויכטענע ווי רובינען. דאָס אינגל איז שלאַנק און ער איז אָנגעטאָן אין זיידענע קליידער. ער זעט אויס אַזוי ווי אַ פאַנטאַסטישער פּרינץ. ער וואַקלט זיך פון שיכרות. אָבער ער ווערט נישט מיד אָנצופילן די בעכערס מיט וויין. דער וויין פאַרגיסט קלעפּיק זיינע איידעלע הענט. דער וויין גייט אויף מיטן ריח פון שפּאַנישע וויינגערטנער. פון וויינטרויבן אין זיידענע און מאַטע הויטן, וואָס ציען זיך אָן ווי קליינע שוואַרצע זונען און פלאַצן שיר פון רייפקייט אין אינערלעכן פייער. דער וויין שמעקט מיט גערטנער און מיט נאַקעטע פרויען, וואָס לויפן אַרום צווישן די וויינשטאָקן ווי משוגענע געטינס, ווילדע פון לידנשאַפט. פרויען — נאַקעטע זונען. פרויען — שטיקער נאַקעטער, אָפּגעבראָ־כענער בראַנדז פון דער גרויסער בראַנדזענער זון. די וואָרצלען פון זייערע בריסט — שוואַרצבלויע וויינטרויבן, וואָס שמאַכטן געביסן צו ווערן פון מענערשע ציין. זייערע האָר צעוואָרפן ווי כוואַליעס פון אַ שוואַרצן טייך. פליסנדער מאַרמאָר. וואַלקיריעס פון פייער. די

ווײנשטאָקן ברענען בײַם באַריר מיט די הייסע, פלאַמענדע פּרויען. ווײַן, וואָס דערמאָנט אין טעג זוניקע — ווי ריזיקע שטיקער גאָלד, אין ליכטנדיקע ריזיקע זײַלן אַראָפּשטײַגנדיק פֿון הימל ביז צו דער ערד — צעכוואַליענדיק אַ טאָג — אָן אומגעהויערן גאָלדענעם פּאַלאַסט. ווײַן וואָס צינדט אָן ווידער די רײַכע ימים־טובֿים, די ווײַן־פֿעסטיוואַלן, די טאַנצנדע יוגנט, די צעכוואַליעטע מיידלשאַפֿט און מענערשאַפֿט.

און אָט איז דאָס מיידל וואָס ציט אַ ליד איבער די האַרפֿישע סטרונעס. איבער טויזנט יאָר צײַט האָט גאָרנישט אָפּגעבליאַקירט פֿון דער שיינקייט פֿון דעם מיידל. די בלײַכע הענט ציטערן איבער די רויטע, דורכזיכטיקע סטרונעס. מעלאָדיעס כּישופֿדיקע לויכטן אויף אין דער נאַכט. פֿאַרלעך טאַנצן. די שענסטע אידישע דאַמען — די שענסטע אידישע מענער טאַנצן וואונדערלעך. און איבער די סטרונעס טאַנצן הענט פֿון דער איידעלער מיידל —

„מיר זאָל זײַן פֿאַר איר, פֿאַר דער שיינקייט,
וואָס איז אויפֿגעשטאַנען אין דער נאַכט,
צו די קלאַנגען פֿון האַרפֿן און פֿידלען,
וואָס האָבן מיך פֿריילעך געמאַכט.
האָט געזען אין מײַן האַנט דעם בעכער
און געזאָגט אַזוי ליב און גוט:

דו זאָלסט טרינקען בײַ מיר פֿון די ליפּן
דאָס באַרוישנדע ווײַנטרויבן־בלוט.
און מיט גאָלד אויף אַ בלויען ליילעך
איז די לבֿנה אָנגעשריבן ווי אַ יוד“.

מיר איז געוואָרן ליכטיק אין דער נאַכט פֿון דער פֿריילעכער געזעלשאַפֿט. איך בין געווען אַרומגערינגלט פֿון לויטער יוגנטלעכע דאַמען. עמעץ, אַ צאַרטע פֿרויען־האַנט — האָט צוגעטראָגן צו מײַנע ליפּן דעם גאָלדענעם בעכער. איך האָב געזופּט דעם קלעפּיקן שטאַרקן ווײַן און די צײַט איז פֿאַרשוואונדן פֿאַרן כּישוף פֿון פֿרייד און געלעכטער. איך האָב הערלעך פֿאַרווײַלט אין די לידער פֿון ר׳ שמואל הנגיד... לידער וואָס ווייסן נישט פֿון דער צעשטערנדער שליטא פֿון צײַט...

ניו־יאָרק, דעצעמבער, 1947.

שפּאַציר דורך דער נאַטור

(פאַרצייכנונג)

איך בין געגאַנגען לענג־אויס דעם ריווערסאַיד־דרייוו. איך האָב געזען די מאַיעסטעטישע ברייטקייט פון האָדסאָן און פון הימל. דער האָדסאָן האָט אויסגעזען ווי בליי וואָס קאָכט זיך אין אַ גיגאַנטישן קעסל. דער ווינט האָט איבער זיין צעשויבערטער און צעקאָכטער פּנים געצייכנט מאָדערנע מאַלערייען, גראַפּישע סודות. יעדער ווילע האָט דער ווינט מיט אַ מיסטעריעזער האַנט אין אַ ברייטן אַרבל געשריבן אויפן פּנים פון האָדסאָן טיילן פון אַ גרויסן ספר.

איך האָב אויף אַ מאָמענט פאַרגעסן מיינע פּערזענלעכע ליידן און עסקים. איך האָב דערזען די אומענדלעכקייט פון הימל, איך האָב ווידער באַרירט שפּינאָזעס גאָט, איך האָב ווידער אָפּגעטאָטמט מיט דאָס אוניווערסאַלע, דאָס אייביקע. און איך האָב זיך געוואונדערט אויף זיך אַליין פאַרוואָס איך פּראַקטיציר נישט דאָס קאָסמישע. פאַרוואָס איך לעב נישט פילאָסאָפיש, יעדער מאָמענט זייענדיק דורכגעדרונגען מיט דער גרויסקייט פון גאָטס וועלט. פאַרוואָס איך טראָג נישט מיט קיין בוך פון פּסאַלמען אויף מיינע שפּאַצירן. פאַרוואָס איך לעב נישט אין דער אַטמאָספער פון גייסט וואָס שטראַלט אויף די שטערבלעכע פון אייביקן קוואַל. פאַרוואָס איך גיי נישט שפּאַצירן מיט מייסטער, פּאָעטן און נביאים. פאַרוואָס איך רוף נישט אַרויס אין מיר אָפטער די רעליגיעזע עקזאַלטאַציע. פאַרוואָס איך בין אַנשטאָט דעם איבערגעגעבן צו די ליידן פון אַ פאַרגענגלעכן וועלט.

איך בין געגאַנגען לענגאויס דעם הערלעכן פּאַרק און זעענדיק ווי קליין, אַזוי ווי די שמעטערלינגען, עס זעען אויס די פאַרביקע פרויען וואָס שטייען אויפן ברעג און זעענדיק ווי שיין עס זיינען די קופּערנע בוימער — —

האָב איך געטראַכט אַז דאָס שרייבן העלפט מיר נישט אין מיין לעבן. ווארים ווער איז עס אימשטאַנד צו באַשרייבן די שיינקייט פון אַ בוים אין האַרבסט און דערמיט אים אויסצושעפּן, קיינמאָל מער נישט זיין קיין שקלאַף צו דער ווילדער שיינקייט פונם בוים. און אַז איך באַשרייב אים שוין יאָ אין אַ טויזנט שורות, צי ענדערט עס דען מיין באַציאונג צו אים? ניין, ווען איך זע דעם בוים, בין איך אַלץ ווייטער אַ שקלאַף צו אים. ווען איך זע זיינע דיקע, געהאַמערטע בלעטער פון קופּער, בין איך ווייטער דער שיכורער מלאך וואָס פאַלט פאַר זיין שיינקייט און איז גרייט אין זיין שאָטן צו פאַרפאַסן אַ נייע רעליגיע.

אָדער די דאָזיקע האָדסאָנישע לאַנדשאַפט געשמידט פון מאַסיוון זילבער — קען איך זי דען אַרומנעמען? קען איך זי דען באַשרייבן, אויסשעפּן, „פאַרניכטן" אין מיין ווערק? קען איך אויסשעפּן די שיינקייט פון דער וועלט מיט מיין וואָרט? נעכטן געשריבן אַ גאַנצע נאַכט — בין איך היינט ווידער דער שקלאַף פון דער לאַנדשאַפט און ווידער שטיי איך ווי אַ קינד ביי דער מאַמעס שטראַלנדיקן קלייד — ביים ברענענדיקן ראַנד פון זון־אונטערגאַנג וואו עס פאַלן הייסע טראָפּנס בלוט און גאָלד פון דער זונס פאַרבלוטיקטן האַלדז — און איך ווערג זיך מיטן טויזנטסטן זון־אונטערגאַנג פונקט ווי איך האָב אַלס אויפגייענדיק דיכטעריש אינגל זיך געוואָרגן מיטן ערשטן באַ־

וואָוסטזיניקן זון־אונטערגאַנג. אויסגעשריבן צען טויזנט זאַכן, שטיי איך איצט באַשיידן און נאַאיוו פאַר דער פאַבלהאַפטער וועלט וואָס ווערט אַלץ גרעסער צו מיין דיכטעריש אויג פאַראַלעל צו מיין שרייבן. און וואָס מער איך שרייב — אַלץ גרעסער, גיגאַנטישער, קאָפּ־שווינד־לענדיק־העכער ווערט די וועלט. איך קען זי מיט דער פען נישט דעריאָגן. פאַר אַן אָפּגרונט שטיי איך ווען עמעס לאַנדשאַפט נעמט מיך אַלץ שטראַליקער אַרום. איך ווייס אַז איך וועל באַלד אויפגעבן די פען און ווי פּליניוס וואָס האָט פאַרצייכנט ביזן לעצטן מאָמענט די שטורמישע דערשיינונג פון וועזוף, האָט געמוזט אַוועקוואַרפן די פעדער און דאָס פאַרזענקטע פּאַפּיר — אַזוי וועל איך מוזן אַריינפאַלן אין דעם פייער פון וואולקאַן, אין דער ווילד־שטראָמיקער לאַווע — אַריינ־פאַלן אין וואַנזין פון דער וועלט — אַזוי ווי אַ שמעטערלינג פאַרלירט די פליגל ביים טאַנץ פון פייער און ווערט צו אַש און צו רואין. איך קען נישט מער קעמפן מיט די פּראַכטן פון דער וועלט. איך גיב אויף. די שיינקייט און די דראַמע האָט מיך באַזיגט, דעם שרייבער, וואָס האָט די וועלט מיטן וואָרט געוואָלט פאַרשפּילן, ווי מען פאַרשפּילט אַ שיינע דאַמע אין קאָרטן — און, די וועלט האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשפּילן. עס איז געוואָרן טאָג. די הענט און די קאָרטן זיינען בלייך געוואָרן. נאָר די וועלט שטייט פעסט און מאָנומענטאַל. אַלע טויזנט דיכטער פון גילגאַמעש עפּאָס אָן, פון לי־טאַי־פּאָ אָן, שטייען ווי קינדער ביי אירע גראַנדיעזע, פון תהום פון צייט אַלץ מאָנומענטאַלער אַרויס־שטייגנדיקע קאַרניזן און זיילן פון אַלץ נייע, יעדן מאָמענט געבוירן־ווערנדיקע וועלטן.

ניו־יאָרק, 8־טן נאָוועמבער, 1948

ביי אַ אידישער בוכהאַנדלונג

אין דער פינצטערניש בלאָנדזשענדיק בין איך צוגעקומען דורך גויישע גאַסן צו אַ אידישער בוכהאַנדלונג. איך בין צוגעפאַלן צום אַלטן פאַרשטויבטן פענצטער און אַריינגעקוקט צו די ביכער און קונסט־ווערק. איך האָב געזען אַ ריזיק בילד פון משה רבינו. האָב איך זיך דערשראָקן פאַרן דאָזיקן מעכטיקן געשטאַלט. משה גייט אַרויס פון הימל מיט די צוויי לוחות — ווי אַ קאָסמישער מענטש. פון זיין בלאָסן שטערן גייען אַרויס צוויי שטראָמען ליכט. צוויי שטראַלנדיקע הערנער, ווי פון דער זון. ער איז גרויס, פון דער ערד ביז צום הימל איז ער הויך. ער האַלט אין זיינע מעכטיקע אָרעמס די פעלדזיקע לוחות מיט די צען געבאָטן, קעגן וועלכע אַ גאַנצע מענטשהייט קעמפט זינט טויזנטער יאָרן. דאָס זיינען נישט קיין צוויי לוחות — נאָר צוויי פּלאַ־נעטן. ער גייט אַ גאַנג אַן אומערדישן איבער די קאָסמישע טרעפּ. יעדער טרעפּ אַ וועלט. דאָ גייט דער מאַן וואָס איז געווען אַ פערזענ־לעכער פריינט פון גאָט. דאָ גייט גאָטס פאַרטרויטער — דער מיס־טעריעזער נביא פון אַ מיסטעריעזן פאָלק.

קליין און נישטיק שטיי איך פאַר דער ריזיקער געשטאַלט פון משה. יאָרן האָבן באַדאַרפט פאַרבייגיין, בלוטיקע יאָרן וואָס האָבן געקאָסט מיליאָנען אידישע לעבנס, כדי אַ ייד זאָל דורכגיין די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור, די וועלט־פילאָסאָפיע, די וועלט־קונסט, כדי צו־ריקצוקומען צו משהן אַ צעשטראָלטער. דו ביסט דורכגעגאַנגען אַלע

טעמפּלען און טעאַטערן. דו האָסט זיך געבוקט צו ניטשע, שאָפּענהאַוער, קאַנט און וויינינגער. דו האָסט געקעמפּט די רעוואָלוציע און דו האָסט געשטריטן געפּעכטן און דועלן פּאַר באַקונין, קראָפּאָטקין, מאַרקס און ענגעלס. דו האָסט געלייענט מיט ענטוזיאַזם סטרינדבערג, האַמסון און פּשיבישעווסקי. נאָר דו ביסט צוריקגעקומען פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור צו אים. דאָ שטייסטו—אין דער רעגנדיקער נאַכט — געשלאָגן פון אַלע ווינטן פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט — פאַרן דאַזיקן גיבור פון אַ פאָלק. משה — ווי ער דערהויבט זיך איבער אַלע הויכקייטן צו גאָט און ער טראָגט אַרונטער די תורה צו אַ פאָלק — די תורה, וואָס אַלע פעלקער קעמפן קעגן איר אַזוי פאַרביסן און שעכטן אונז אויס, משהס קינדער.

אינעווייניק זע איך אַלטע צוויי אידן, בערדיקע אידן, האַלטן אַ שמועס צווישן זיך. פון די פּאַליצעס קוקן אַרויס שווערע געלע ספרים. די ספרים פון אַן אַלט פאָלק, געטריי זיין תורה. די דאָזיקע ספרים זיינען געמישט געוואָרן דורך דורות. אַ גרויס פאָלק האָט זיי דורך פינצטערע יאָרטויזנטער געלערנט. ווען די גאַנצע וועלט איז געווען ווילד און באַרבאַריש, ביז צו אונזער צייט. געבויגן און קליין שטיי איך פאַר די דאָזיקע אידן און פאַר זייערע מעכטיקע ספרים. דאָס זיינען ספרים וואָס לייכטן ווי די זונען. גרויס איז דאָס פייער וואָס לויכט אין זיי. דאָס פייער פון גאָט.

איך קוק ווידער אַריין אין דער בוכהאַנדלונג: און איך זע אַ גרויס בילד פון דעם כותל מערבי. איך האָב אָנגעפאַנגען צו ציטערן. ווען איך בין געווען אַ קליין אינגעלע, האָט מיין טאַטע אַהיימגעבראַכט אַ לוח מיט אַזאַ בילד. איך האָב ווידער געזען די אַלטע וואַנט, מיט פלאַנצן און מאָך צווישן די שטיינער־שפּאַלטן. און עס שטייען ביי דער הייליקער וואַנט שטראַלנדיקע אידן און זיי יאָמערן און טוען תפילה. הייליקע, בלאַסע אידישע פּנימער. ווי שיין זיי זיינען. מיר דאַכט אַז איך קען זיי גוט. פון די מאַלערייען פון גאָטליב, הירשענבערג, מינקאָווסקי און פון גליצענשטיינס סקולפּטורן. אידן פון דער אידישער געשיכטע. פון גרויסן תנ״ך. אידן וואָס זיינען געשטאַנען ביים באַרג סנאַי און אַנטפאַנגען די תורה. אידן פון אַלע היסטאָרישע סצענעס. און אָט דערקען איך צוויי שטראַלנדיקע פרויען וואָס זיצן אין אַ ווינקל און זיי קוקן אַריין אין אַ גרויסן סידור. דער סידור שטראַלט מיט ליכט. די פּנימער פון די צוויי פרויען זיינען ווי צוויי זונען. די פיגורן — פּרעכטיק מאָדעלירט. שוין אַלס קליין אינגל פלעג איך צוגיין נאָענט צום קאַלענדאַר־בילד און זיך וואַרעמען מיין נשמה אין זייער גרויסן ליכט. איך פלעג קוקן אויף די פרויען און זיך פרייען מיט זייער שיינקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איצט, שוין כמעט אַן אַלטער, גרייז־גרויער, צעבראָכענער איד, קום איך ווידער צום דאָזיקן בילד. אַן אַלטער בחור — פריי איך זיך ווידער מיט די דאָזיקע הערלעכע צוויי פרויען־געשטאַלטן, וועלכע זיצן צאַרט און גאָלדן מיטן גרויסן סידור אויף זייערע קניען ביי דער אוראַלטער וואַנט פון דעם בית המקדש.

אַרום און אַרום גייען פינצטערע וואָלקנס אויפן הימל. די נאַכט איז חושך און מוראַדיק. אומפרייינטלעך איז די וועלט. דער רעגן

פאַטשט אין פּנים. נאָר אינעווייניק, אין דער בוכהאַנדלונג, ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, שטייען די אידן און דיסקוטירן געמיטלעך וועגן אומערדישע ענינים. און איך בויג זיך נענטער צו דער שויב, נאָך יאָרן נע־ונד זיין וויל איך אַריין אינעווייניק אינם בילד, זיך פאַראייניקן מיט די אידן ביי דעם כותל מערבי, צוזאַמען מיט זיי צופאַלן מיטן האַרץ און נשמה צו דער קעניגלעכער וואַנט פונם בית המקדש און אַריינזאָמערן מיין תפילה אַהין און דאָרט אויף אייביק שטיין בלייבן מיט די בלאַסע, מאַלערישע אידן, מיט די שטראַלנדיקע פּרויען.

דרייסיק יאָר שפּעטער שטיי איך ביי אַ אידישע בוכהאַנדלונג און בין שוין אַן אַלטער, גרייז־גרויער איד. אָבער שטאַרקער אין גייסט, נאַציאָנאַלער, געטרייער זיין פאָלק. און איך וואָלט וועלן דריקן צום האַרץ יעדעס אידישע ספרל — יעדעס אידישע אות איז ווי אַ פּנים וואָס יאָמערט אין מיר אַריין זיין שמערץ. איך שטיי ווידער ביי די שמות פון אַ פאָלק וואָס הויבט אָן זיין היסטאָריש לעבן אויף דער ערד אויפסניי, ווי דער נביא זכריה זאָגט:

איך קער זיך אום קיין ציון,
און איך וועל רוען אין ירושלים,
און ירושלים וועט גערופן ווערן די שטאָט פון אמת,
און דער באַרג פון גאָט פון צבאות, דער הייליקער באַרג.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות:
עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פון ירושלים,
איטלעכער מיט זיין שטעקן אין זיין האַנט, פון גרויס עלטער.
און די גאַסן פון דער שטאָט
וועלן זיין פול מיט אינגלעך און מיידלעך
וואָס שפּילן זיך אין אירע גאַסן.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות:
אויב דאָס וועט זיין וואונדערלעך אין די אויגן
פון דעם איבערבלייב פון דעם דאָזיקן פאָלק אין יענע טעג,
זאָל עס אויך אין מיינע אויגן זיין וואונדערלעך?
זאָגט גאָט פון צבאות.
אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבאות:
זע, איך העלף מיין פאָלק, פון דעם לאַנד פון זון־אויפגאַנג,
און פון דעם לאַנד פון זון־אונטערגאַנג.
און איך וועל זיי ברענגען,
און זיי וועלן וואוינען אין ירושלים,
און זיי וועלן מיר זיין צום פאָלק,
און איך וועל זיי זיין צום גאָט,
מיט אמת און מיט גערעכטיקייט.

דאָס אידישע לשון

שפּראַך איז נישט קיין זאַך וואָס מען קען טוישן, ענדערן, אָנ־נעמען אין די רייפע יאָרן, אָנטאָן אויף זיך ווי אַ העמד אַ נייע. אַ שפּראַך וואַקסט מיט מיט דיר פון דער קינדהייט אָן. עס איז אין דיין בלוט. אין דיין נשמה פּלאַטערן די רייד. די ווערטער קלעפּן אין דיין געביין, אין דיינע קנאָכן, פון קינדהייט אָן. די מאַמע האָט די רייד געהאַלטן אין איר מויל, איידער זי האָט די ווערטער דיר אַראָפּגעלאָזט מיט איר וואַרעמען הויך אין פּיסקל. דורות האָבן פאַר דיר גוט געקייט דאָס לשון. ווי טייטלען און ווי פייגן גאָלדענע הענגען זיי אויף די ביימער פון דיינע יאָרן — די ווערטער די אַלט־געבאַקענע, די רייף־געברוינטע, די זון־געבראָנזטע, די אויסגעריבענע ווי אַלטע מטבעות. דו פאַרזוכסט זיי — אַ, זיי זיינען זיס ווי צוקער. זיי שמעקן ווי צימע־רינג. דו פילסט זיי זיס אויף דיין גומען. דו נעמסט זיך מיט זיי אַרום ווי מיט ברידער און שוועסטער. אָן אַלט טייטש־וואָרט וואָס האָט זיך אין דיין פאַלקלאָרישן זכרון פאַרהאַלגערט, מאַכט דיך טאַנצן פאַר פרייד. די ווערטער קלעפּן אין דיין געביין טויזנט יאָר צייט. דו ביסט אויפגעכאָוועט געוואָרן מיט זיי. די ווערטער האָבן ביים וויגל ווי האָניק געטריפט פון די געפאַרבטע ליפּן פון מלאכים, וואָס האָבן דיר דאָס קינדער־ליד געזונגען. דאָס אידיש־לשון — עס האָט זיינע הייליקע און זיינע מאַרטירער. אליהו הנביא האָט דאָך אויף דייטשע שפּראַכע גערעדט. ר׳ ישראל בעל שם טוב האָט געפילט ווי די גראָזן און די ביימער רעדן צו אים אויף היימישן אידיש. ס׳האָט זיך מיט די פרינצן און פרינצעסינס ר׳ נחמן בראָסלאָווער אויסגעשמועסט אויף אידיש. די גאָלדענע חיות האָבן צו דוד המלך זיך געגעבן צו פאַר־שטיין אויף אידיש־לשון. דאָס אידיש האָט זיינע הייליקע און זיינע זינדיקע. זיי זיינען אַוועק און געלאָזן דאָס גאָלד פון דיין לשון צו דיר, צו דיינע ברידער, דו זאָלסט זיך מיט די ווערטער האַלדזן און לאָבן, אַזוי ווי אַ שיינע פרוי מיט איר צירונג און מיט אירע לבנהדיקע קאָרעלן. דו קענסט קיין שפּראַך נישט טוישן, ווי דו קענסט נישט טוישן דיין שיין אָדער דיין אויסגעקרומט פנים. ווי דו קענסט נישט אָנטאָן קיין זיידענע מאַסקע אויף דיין פון פילע פייערן־פאַרזענקטן פנים. עס איז מיט דיר צוזאַמען געבוירן געוואָרן, מיין פריינט. די קליידער וואַקסן אויף משה ואהרן — אַזוי וואַקסט די שפּראַך אויף דיין געביין און אין דיין הארצן. די ווערטער וואַקסן אויף דיר, קינסטלער, ווי די געפאַרבטע פּירות אויפן פשוטן בוים אין גרויסן פרילינג.

ניו־יאָרק, 8־טן יולי, 1947

די הייליקייט פון לעבן

איך בין אַריינגעגאַנגען אויף אַ מינוט אין צענטראַל־פּאַרק. באַלד ביים אַריינגאַנג האָט זיך צווישן מיינע פיס געדרייט אַ פאַרזשאַווערטע בלאַט — אַזוי ווי אַ תפלהדיקע האַנט פון אַ מענטש. איך האָב אויפ־געהויבן דאָס בלאַט און דערזען ווי צעביסן עס איז פון ווערים. מיט טויזנטער ביסן געלעכערט. דאָס בלאַט איז געווען אַ קליין מייסטער־ווערק פון טויט. איך האָב עס געקושט מיט ציטערנדיקע ליפּן.
אַזוי זיצנדיק און קוקנדיק אויפן בלאַט, האָב איך דערזען איבער

מיר אַ בוים. אַ געדיכטער געלער בוים. די בלעטער זיינען אַלע געווען צעביסן, ווי צעבראָכענע, אַלטע שטיקער בראָנז. איך האָב גע־טראַכט: זע וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך בין דאָ נישט געווען אַ קורצע צייט בלויז. און שוין איז די לאַנדשאַפט געענדערט. שוין איז דער בוים אַלט געוואָרן. און עס יאָגט פון די פעלדער אַזאַ אומעט. אַזאַ גרויסער מענטשלעכער טרויער גייט אויף פון דער לאַנדשאַפט פון פּאַרק. אַ טיף רחמנות האָט מיך באַהערשט צום אַלטן בוים. אַ רחמנות צו דער גאַנצער נאַטור האָט מיך דורכגענומען. —

אַ פרוי, אַ צעקלאַפּטע פון לעבן, ווי אַלטע אייזן, איז געשטאַנען, פון הונדערטער טויבן אַרומגערינגלט. די טויבן האָבן געגעסן פון איר הענט. זיי האָבן באַלאַגערט די אַלטע פרוי ווי אַ גוטע באַקאַנטע. מיט די טויבן האָבן זיך אויסגעמישט די פלינקע וועווערקעס. די קליינע פייגל, נישטיקע און באַטעמטע. אויף די אַקסלען פון דער פרוי האָבן זיך געשטעלט די טויבן מיט צעשפּרייטע פליגל, זי האָט אויסגעזען ווי אַ טרויעריקער מלאך וואָס האָט פליגל. וואָס קען זיך יעדער ווילע אויפהויבן אין דער הויך און אַ פלי טאָן צום הימל. די פייגל, די ווע־ווערקעס, אָן מורא, מיט פולן צוטרויען, זיינען געשטאַנען אויף דער פרויס אַקסלען, אַרעמס, קאָפּ און הענט, האָבן איר וואָרעם און מענטש־לעך אַרומגערינגלט. דאָ וואו חיה זעט אַז דער מענטש איז גוט, האָט זי נישט קיין מורא פאַר אים. חיה איז גוט צום מענטש. מענטש איז גוט צו חיה. אַלץ איז שווער און טרויעריק מיט דער לאַסט פון לעבן.

קוקנדיק אויף דעם פרויען־מלאך וואָס פאַרגעסט נישט אין דעם דאָזיקן דזשאַנגל פון מענטשן צו פיטערן די חיות, דערמאָן איך זיך אין איינעם אַ מענטש פון אַנטווערפּן, וועמען איך פלעג זען אין דעם שטאָטישן פּאַרק שפּייזן די פייגל. אַלט און גרוי, זיינען זיינע קעשענעס געווען פול מיט לידער און מיט שפּייז. לידער, גייסטיקע שפּייז — פאַר די מענטשן. פאַר די פייגל — ניס און ברויט. אַ הויכער און אַ דינער, ווי פראַנציסקוס פון אַסיזי, האָט ער זיך שטענדיק אַרומגע־רינגלט מיט דער שוועסטערלעכער ליבשאַפט פון די פייגל. זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ הייליקן. ער האָט געוואוינט מיט וויניקעס זייער פריינטשאַפט.

איך פלעג טראַכטן: טויזנטער מענטשן האָבן געהאַט די גע־לעגנהייט צו זיין גוט צו מענטשן. מענטשן האָבן זיי מיט ליבשאַפט אַרומגערינגלט. טויזנטער האָבן געשמאַכט נאָך גוטסקייט. מיליאָנען וואָלטן זייערע פּיס־טריט געקושט ווען זיי וואָלטן זיין גוט צום פאָלק. און עס איז דאָך אַזאַ גרויסע סאַטיספאַקציע צו זיין גוט. קעניגן און הערשער און פירער האָבן געקענט זיין גוט, אַנשטאָט טיראַנען. ווי גליקלעך וואָלטן זיי געווען. מאָרד, בלוט, שלעכטס פאַרפינצטערט דעם מענטש. זונדערט אים אָפּ. מאַכט אים צו אַ שאָטן פון דער ערד. אָבער גוטסקייט מאַכט דיך פילן אַז דו ביסט אַ טייל פונם קאָלעקטיוו. דאָס לעבן ווערט אַרום דיר אַ יום־טוב — דו ווערסט דער קעניג פון דאָזיקן יום־טוב — גאָט און מענטש האָבן דיך ליב.

איך זיץ אין פּאַרק. עס איז ווי איך וואָלט אַן אַלטן פריינט שוין לאַנג נישט באַזוכט. דער פּאַרק איז צו מיר געוואָרן אינטים, הייליק, טייער. ער עפנט, ווי אַ קינד, פאַנאַנדער זיינע וואונדן. דורך שלייערן, וואָלקן און שפּינגעוועבסן דערזעסטו נאַטורס טיפע וועיטיקן. דער

פּאַרק איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט, אויף דיר וואַרטנדיק, נאָך דיר אויסקוקנדיק. עס איז פאַראַן אַ קאַמוניע, אַ ראָמאַנס, צווישן דיר און דעם פּאַרק. און די מענטשן פון פּאַרק זיינען דיר הייליק. אין די פּאַרקן טרעפסטו נאָך אָן די הייליקע פון דער ערד. די שטומע און קרומע און פאַרשעמטע. אין פּאַרק זעסטו נאָך די גוטע און די איינזאַמע. דאָ דרייען זיך אַרום די העלדן פון ראָמאַנען און פון נאָוועלן. דאָ זיינען די פּיאָנערן פון דער שטאָט און די קעמפער פון לאַנד. דאָ זיינען לעבעדיק די מאָנומענטן און די סטאַטועס אָטעמען מיט האַרבסטיקער לופט. אין פּאַרק באַהאַלטן זיך די אַמאָליקע געטער און מענטשן. די גוטע, ליבע געשטאַלטן פון אַמאָל. און וואו גייען די העלדן פון די קינדערשע מעשהלעך אויב נישט אין פּאַרק, צווישן די קשאַקעס און ביימער און פלאַנצן און בלומען...

דאָס לעבן איז הייליק. עס רינגלען דיך אַרום כוואַליעס לעבן אין קאָסמאָס. זיילן פון לעבן שטייגן פון די הימלען צו דער ערד. זיילן, קאָלומנען ריזיקע פון מיליאָנען לעבנס־באַשעפעניש שטייגן צו גאָט, צו די בלויע הימלען. אַרום גאָט דרייען זיך אין אַווירבלווינט די שטורעמס פון לעבן. ספּיראַליש דרייט זיך דאָס לעבן אַריין אין דער אייביקייט. גאָט איז שיכור פון די מיריאַדן אָקעאַנען פון לעבן. פון די וואָלקנס און כוואַליעס און שטורעמס וואָס טראָגן דאָס לעבן אויף די אייזערנע פּלייצעס און בראָנדזענע פליגל. איך זע דעם קאָסמישן טאַנץ פון לעבן אין אייביקן עליפּטישן שוואונג אַרום גאָט — די זון פון אַלע וועלטן.

און העכער ווי קונסט שטייט דאָס לעבן. און העכער ווי קונסט און ווי ליטעראַטור — איז די גוטסקייט פון לעבן. דאָס העלפן דעם לעבן. גאָט וויל אַז די מענטשן זאָלן אים צוהעלפן צו דער ראָטאַציע פון די לעבעדיקע וועלטן. מענטש זאָל זיין אַ ברודער און אַ שוועסטער צו מענטש. מענטש זאָל אויפגיין אַ געלייטערטער ביזן הימל ווי אַ זייל פון זון און פון גאָלד. קונסט דאַרף העלפן דעם מענטש. די הייליקייט פון לעבן איז וויכטיקער ווי קונסט. די הייליקע וואָס האָבן אין אַלע צייטן געזאָרגט פאַר דער לעבנס־פאַרלייכטערונג, אָנצוטאָן דעם פאַרוואונדעטן אין באַנדאַזשן, אַרויפצולעגן א גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ פונם ליידנדיקן — די דאָזיקע שטייען העכער ווי קינסטלער. זיי זיינען גאָטס באַדינער. זיי זיינען די הייליקע פון דער ערד. זייערע קעפּ באַרירן די הימלען.

ניו־יאָרק, 5־טן אויגוסט, 1948.

דער גייסט פון דער פלאַש

אין די טיפענישן פון אָקעאַנישע זומפּן איז די פלאַש טויזנטער יאָרן צייט געלעגן. פאַרשטאָפּט און פאַרשלאָסן איז געווען איר האַלדז. און טיף אין די זומפּן פון ים זינקט זי אַלץ טיפער. אין דער פלאַש איז איינגעפּאַנצערט אַ גייסט. אַ גרויסער מענטש איז דאָרט באַהאַלטן. אַ געניע פּרעסט זיינע פליגל אין שמערץ. אַ גייסט גריזשעט זיינע ביינער. עס איז גרויס די פינצטערניש פון ים. אין צייטס אומענדלעכקייט שטראָמען די כוואַליעס פון ים. די אייביקייט כוואַליעט איבער דער פלאַש אַריבער. קיין מענטש שטעלט זיך ניט אָפּ אַריינצוקוקן אין דעם אָפּגרונט, צו דערזען די גאָלדענע בליק־אויגן פון דעם גייסט אין דער פלאַש. אָ, ווי ער בענקט נאָך פרייהייט. ווי ער לעכצט נאָך די בלויע רוימען. ווי עס קומט פאָר אַ שטורעם אַזוי ווי אין דער לופט, ווען דער שטורעם קען אויפהויבן זיינע שוואַרצע פליגל איבער דער גאַנצער ערד. און ער קען דעם שאַרבן פון זיין קאָפּ אַריינטורעמען אין די וואָלקנס און זיך צעזעצן אין דעם סופיט פון די הימלען. עס זעט קיין מענטש נישט דעם געפּענטעטן גייסט; דעם געצוימטן פּראָפעט מיט פלאַמענדן שוים אויף די ליפּן. דעם טרוימער וואָס קען מיט דער מאַכט פון זיינע חלומות אומענדערן דעם וועלט־אַל.

ווען די זון פאַרגייט, און די וואָלקנס ווערן פייערדיקע טרעפּ אין אַן אומגעהויערן קאָסמישן פּאַלאַסט, דער גייסט אין דער פלאַש דעמאָלט פאַרבלוטיקט זיך זעלבסט. ער רייסט זיך פון דער גלעזערנער, פאַרברודיקטער פלאַש — עס צינדן זיך אָן זיינע פיס פון דעם גאַנג אויף די וואָלקנדיקע טרעפּ. ער עפנט אויף זיינע פליגל וואָס קענען צודעקן אַ האַלבע וועלט, און ער גייט צום אַלמעכטיקן אָן שרעק אין די שוואַרצאַפּלען. די טרעפּ די פייערדיקע אונטער זיינע אייזערנע פיס ברעכן זיך און קראַכן. אים טראָגט פאָראויס דער שוואַרצער פליגל — ברייט צעפּאָכעט איבער די קאָסמישע דיסטאַנצן. אָ, אין זון־אונטערגאַנג — ווי פאַרגיסט זיך אין טרערן און אין בלוט דער גייסט פון דער אייזערנער פלאַש.

און ווען די זון גייט אויף; ווען אירע שטראַלנדיקע שווערדן רייסן אויף די נעפּלען און די וואָלקנס צערייסן די פינצטערניש מיט זייער אַטאַקירנדיקער מאַכט, ווען דער זונס גילדערנער קאָפּ אויף אירע גאָלדענע אַקסלען גייט אויף נאַקעט פון ים און עס רינט דאָס קאָכנדיקע וואַסער איבער אירע שולטערן און אַלע לאַנדשאַפטן פון ערד און ים ציען זיך איבער מיט אַ דיקער פלאַטע פון צעשמאָלצענעם גאָלד — אָ, ווי עס ציט זיך דעמאָלט איין אין שמערצן דעם גייסט פון דער פלאַש. ווי זיינע טויזנטער וואונדן ברענען אים. איצט, אין דער פרישער, פרימאָרגנדיקער לופט, ווען עס עפענען זיך אויף אַלע בלומען און בוימער און פלאַנצן און טייכן און כוואַליעס פון ים — איצט, ווי וואָלט ער וועלן אויפטאַנצן ביזן הימל הויך און שליידערן זיין לאַסט פון טיליאָנען יאָרן צו דער ערד. ווי וואָלט ער אַמאָל זיך וועלן אויסגלייכן די גלידער — זיך וועלן אויסציען ביז צום הימל הויך, זיך אַ שטעל אַוועק געבן פעסט אויף דעם ערד־פּיעדעסטאַל און מאָנומענטאַל זיך אויסציען איבער אַלע טייכן און פעלדער, איבער אַלע וועלדער און לאַנדשאַפטן אויפהייבן הויך דעם קאָפּ און באַרירן דעם הימ־

לישן פאַרהאַנג מיט זיין בראַנזענעם קאָפּ.

נאָר נאָך האָט דער גייסט פון דער פלאַש זיין האָפענונג נישט פאַרלוירן. עס קען קומען אַ מאַן און אויפשטאָפּן די פלאַש. ער הערט עמיצנס טריט אין דער אייזערנער נאַכט. אַ משוגענער מענטש דער־בענטערט זיך, וואַקלט זיך, שליידערט מאָדנע פסוקים און קען מיט זיין אָפּגעבערענטער האַנט אַ רייס טאָן דעם קאָרק פון דער פלאַש וואָס שווימט אַרום אין די זומפּן. אַ נאַרניינג, אַ ווילדער טיילאוילנ־שפּיגל, אַ לץ פון שעקספּירס אַ טראַגעדיע, אַ צעבראָכענער אַקטיאָר קען אין אַ טאָג צוקומען צום געבענטשטן אָרט און אויסציען זיין נאַ־רישע האַנט און געפינען די פלאַש, אויפהייבן די פלאַש פון די פינצ־טערע אָפּגרונטן, און אַרויסציען דעם אייזערנעם קאָרק. עס קען פאַרבלאָנדזשען מיט די וועגן אַ געניאַלער אידיאָט און, אומשולדי־קערהייט, אָנרירן די הייסע פלאַש וואָס ברענט מיטן גייסט און אים באַפרייען פון זיין געפאַנגענשאַפט.

און אין אַ טאָג איז עס געשען. דער נאַרניינג, דער קלאָון מיט דער רויטער באָרד האָט וואַנדערנדיק אין די זומפּן די פלאַש געפונען און זי אויפגעשטאָפּט. און ווי נאָר ער האָט זי אויפגעשטאָפּט, גייט צום ערשט אַ רויך, עס זעצט אַ דאַמף, און באַלד נעמט זיך אַרויסציען דער גאַנצער אומגעהויערער גייסט פון דער טיפעניש פון דער פלאַש. ערשט איז דער גייסט פאַר מיליאָנען יאָרן געווען געפאַנגען — אַריינ־פאַרשאָלטן דורך אַ בייזן כישוף — און איצט גייט ער אַרויס פורכט־באַר און געוואַלטיק פון דער פלאַש. צום ערשט דער רויך, דער דאַמף, די שוואַרצע סאַזשעס ווי פון אַ קוימען, און שפּעטער—זע, עס רייסן זיך דיקע, בלייענע פלאַמען, עס ברעכן זיך אַרויס גאָלדענע שטראַמען גייסט, ווי שטיקער זון פּלאַצן אַרויס אין ווילדער איילע־ניש גאַנצע שטיקער פייערדיקע לאַווע, עס ברעכן זיך אַרויס ריזיקע געפילן, אורבענקשאַפטן, שטורמישע פאַנטאַזיעס און גאָלדענע פאַר־שטעלונגען. און דער רויך און דער שטראָם פון פייער און די בראָנ־זענע לאַווע און אַנגעצונדענע כוואַליעס פון גייסט ציען זיך, ציען זיך, ברעכן זיך, וואָרפן זיך, שטראָמען און שטירצן זיך אַרויס מיט אַזאַ עלעמענטאַרן געוואַלט, מיט אַזאַ קאָסמישער סטיכיע — — ביז — ביז — עס בלייבט פלוצלינג שטיין פאַרן קליינעם, צעשראָקענעם נאַרניינגל אַ מענטש — אַ גיבור — אַזוי געוואַלדיק ווי אַ באַרג, אַזוי שטאַרק ווי אַ פעלז, אַזוי פלאַמענדיק ווי אַ זון.

אין זיין גאַנצער גרויס אַרויסגעבראַכט, טוט בלויז דער גייסט איין עלעקטרישן בליק אויפן נאַרנייגל, זיין באַפרייער. און עס דויערט ניט קיין מינוט — דער ריזיקער גייסט טראָגט זיך איבער בערג און איבער שטיין — איבער שטעט און לענדער — ער טראָגט זיך ווי אַ לויז־געלאָזטער עלעמענט, וואָס האָט זיך פון טויזנט קייטן אָפּגעריסן, ער טראָגט זיך אָן אויפהער איבער ריזיקע קאָסמישע שטרעקעס — ער איז הונגעריק נאָך רוים — ער איז דורשטיק נאָך דיסטאַנץ — ער איז פאַרליבט אין דער אומענדלעכקייט — איינמאָל באַפרייט פון זיין געפאַנגענשאַפט — קען ער קיין איינציקע מינוט ניט רוען מער — ער קען זיך ניט מער אָפּשטעלן — אומגעהויער איז דער רוים און אומבאַפרידיקט איז זיין הונגער צום וואַנדערן אין די אומענדלעכע אוניווערסאַלע דיסטאַנצן.

ניו־יאָרק, 16־טער אַפּריל, 1948

פּאָרטרעט אין וויין

קליינערהייט, ווען איך בין געווען אַ יינגל, האָב איך ליב געהאַט צו לייענען „מגילת אסתר“. און צווישן טויזנט שיינקייטן האָב איך געלייענט וועגן דעם גרויסן כוס, וואָס איז געוואָרן אָנגעפילט מיט וויין און מען האָט אים געמוזט אויסטרינקען ביזן פינצטערן און שוואַרצן דנאָ, און ווער עס איז נישט געווען אומשטאַנד אים אויסצוטרינקען, האָט מען פאַראורטיילט צום טויט. דער האָט געמוזט אויסטרינקען דעם בעכער מיטן ביטערן גיפט.

איך האָב מיט מיינע קליינע פינגער געמישט די בלעטער, די געלע, די האָניקדיקע בלעטער פון דער מגילה, פון וועלכער שטיקער זיסע און גאָלדיקע האָניק האָבן זוניק געטריפט. דאָ האָב איך גע־בלאָנדזשעט, ווי אַ בין וואָס טאַנצט אין עקסטאַז פון בלום צו בלום און זויגט פון דעם פאַרשיכורנדיקן געשלעכטס־וויין פון די אָנגעצונדענע רויזן — צווישן דער טרערנפייכטער און וואונדערלעך־דערשראָקענער מיידל אסתר, וואָס וואַרט צווישן די טויזנט דערשראָקענע מיידלעך אויף צו ווערן געוואויגן און געמאָסטן איבער אירע בריסט, היפטן און לענדן — כדי אויסגעוויילט צו ווערן פאַר די קעניגין. דאָ האָב איך געטאַנצט אין הויז פון ושתי, וואו אַ קעניגין איז געגאַנגען שטאַרבן ווייל זי איז מיט איר שיינקייט דערעסן געוואָרן אַ קיסר. דאָ האָב איך פאַרבראַכט אין דעם גרויסן גאָרטן, וואו פירשטן און פרינצעסינס זיינען געזעסן און געפרעסן שטיקער בלוטנדיקע פלייש און גע־טרונקען וויין — און קלאָונס טאַנצן מיט געוויין אויף די טישן און זיי ציטערן ווי זיי וואָלטן טרעטן אויף פייער־אָנגעגליטע בלעכן — און די לבנה — אַ שטיק געשוועכט זילבער — קריכט ווי אַן אינסעקט צווישן די בלעטער פונם סאָד — בלעטער ווי גראַווירטע פּנימער פון גאָלד — און איך פאַרנעם ביז אין שפּעטער נאַכט דאָס קרעכצן און דאָס פרייען זיך פון דעם מידן פאָלק — פון קעניגן און פון בעטלער. פון פרינצעסין און קורטעזאַנע. זייד ציטערט אין דער קילער פרימאָרגן־לופט. עמיצנס האַנט — ווי אַ שטיק קופּער — רוט אויף אַ מיידלס ווייסער ברוסט. און לאָזט אין צאַרטן פלייש דעם צייכן פון זיינע נעגל — — —

איך געדענק דאָס אַלץ זייער שוואַך. שפּייזן, צירונג, געווער און קליידער — אַן אָרגיע פון פאַרבן און קאָלירן. נאָר מיר איז געבליבן אין זכרון דער ריזיקער באָקאַל. נאָך איצט ראַנגל איך זיך מיט אים. זיין גאָלד איז געווען שווער אַזוי אַז איך האָב קוים געקענט אים האַלטן אין דער האַנט. ער איז געווען ווי אַ שטערן פון הימל געפאַלן — כדי דיכטער און פאַרשאָלטענע זאָלן זיך מיט אים שטיקן און ווערגן. שטאַרק איז געווען דער וויין. געדיכט אַזוי ווי וואַקס. און ער האָט געהאַט אַ קאָליר אַזוי פלאַמיק ווי אַ זאַנדערבאַרער זון־אונ־טערגאַנג — אינמיטן ווינטער, און שפּעטן נאָכמיטאָג, ווען מיט גאָל־דענע פעסער וויין רינט און גיסט זיך פון אַלע ווענט פונם האָריזאָנט. און ווען איך האָב אַריינגעקוקט אינעווייניק, אין דער טיפעניש פונם באָקאַל — האָב איך קיין דנאָ אין אים נישט געזען. איך האָב בלויז געזען זיך אַליין — אַ פאָרטרעט אין וויין געמאָלן — פון אַ געהיימען געניוס געקריצט און געשניטן — ווי אין רויטע בערג — און איך בין

געוועזן פֿאַרגאָסן אין פֿלאַמען אַזוי ווי אַ נביא, ווען גאָט הילט אים איין אין מאַנטל פֿון זון־אונטערגאַנג — ווען גאָט לאָזט פֿאַלן אויף זיין קאָפּ זיינע פֿלאַמענדע קושן — שווער ווי גראַניטן — שאַרף ווי פֿיילן — און דער נביא לויפֿט וואַנזיניק — פֿאַרוואונדעט פֿון גאָטס קושן — —

אַזוי האָט אַ געהיימער מאָלער געמאָלן אין ווייַן מיין פּאָרטרעט. דער מאָלער — דער שיקזאַל פֿון יעדן מענטשן. דער שר פֿון יעדן קינד אויף דער ערד. און איך האָב זיך ביטער געראַנגלט מיטן באַ־קאַל — איך האָב געזופּט זיינע זיס־גאַליקע ווייַנען און מיין האַרץ איז פֿאַרגאָסן געוואָרן פֿון הייסע כוואַליעס און יעדעס מאָל בין איך געוואָרן וועלט־שיכּור. מיך האָט פֿאַרגאָסן דער שיקזאַל מיט פֿייער־דיקער לאַווע — און דאָס גאָלד האָט פֿאַרוואונדעט מיינע הענט — דער שאַרף פֿונם באָקאַלס ראַנד האָט פֿאַרבלוטיקט מיינע ליפּן — זיין גאָלדענער אויער האָט געשווערט מיין אָרעם צו דער ערד — און איבער מיר שטייט דער טייטער און פּאָכעט מיט דער שווערד איבער מיין קאַרק — נאָך איין מינוט און אויב איך טרינק נישט אויס דעם בעכער ביזן גרונט — ביזן טיפֿסטן דנאָ — ביזן אָפּגרונט — טויט ער מיך מיט זיין שאַרפֿן שווערד און מיין קאָפּ וועט שיכּור פֿאַלן צו דער גרינער פּאָקשיווע — צו די פּייכטע פֿיילכן — צו די רויזן פֿון אײדעלן גאָלד — צו דער ערד וואָס איז אַלט און היימיש און נאָענט צו מיר ווי עס איז נאָענט מיין פֿלייש צו מיין געביין — צו דער ערד וואָס איז דאָס קבר פֿון מיינע טויזנט אורעלטערן — — — — — — — — — — —

ער פּאָכעט מיט דער שווערד איבער מיין פּאַראַליזירט־שיכּורן קאָפּ — און דער באָקאַל ווערט אַלץ נישט מינער — זיין ווייַן ווערט מערער און מערער, וואָס מערער איך טרינק פֿון זיינע ברענענדיקע טראָפּנס. און טרינקענדיק — וויל איך אַזוי שטאַרק לעבן. אָ, גאָט, איך וויל נישט אַז דעם הענקערס שווערד זאָל איבער מיין קאַרק זיך אַראָפּלאָזן — און עס ווינקען צו מיר ווי פֿון מחמדנישן גן־עדן די יונגע מיידלעך — זייערע אויגן — קליינע, בלויע בלומען. און די האָריזאָנטן פֿון הימל — ווי בלויער זייד — און די טיפֿענישן פֿון ווייַן — כאַאָטיש. מיין גאָלדענער פּאָרטרעט איז פֿאַרשוואומען געוואָרן. נאָר דעם טייוולס ציניש מאַסקע קוקט פֿון דאָרט אַרויס — זיין צונג איז לאַנג און פֿייערדיק און שפּיציק ווי אַ פֿייל, און זיינע ברעמען — רויט און לאַנג און ער קוקט מיך אָן מיט אַזוי פֿיל האַס און ער שלייַ־דערט אין מיין פּנים אַריין די רויטע טראָפּנס ווייַן — שטיקער פֿייער! —

איך ווייס נישט וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב דערפֿילט אין קאַרק אַ שווערן, טעמפּן קלאַפּ. און באַלד האָט מיין קאָפּ מיד און שווער זיך געקילט אין דער קילקייט פֿון דער ערד. איך האָב געזען די גרויסע שטערן אין הימל — אַזוי נאָענט — אַזוי גרויס — אַזוי ווי גיגאַנטישע רובינען — און זיי אַלע האָבן פֿאַרגעשטעלט דאָס פּנים פֿון גאָט — גאָטס פּנים האָט מיט מיליאָנען פֿייער־אויגן אַראָפּגעקוקט צו מיר. — — — — — — — — — — — — — —

אָבער, ווייזט אויס, אַז איך בין ווידער און ווידער געקומען אויף דער וועלט כּדי אויסצוטרינקען ביזן דעק — ביזן אָפּגרונט — דעם סאָקראַטעס־בעכער — איך מוז פֿאַרענדיקן דאָס שיקזאַל־טרינקען —

איך מוז ביזן אָפּגרונט אויסטרינקען די גאַל — אויף דער טויזנט־יאָריקער סעודה פון וויין, ווייב און געזאַנג... און איבער מיין קאַרק שטייט פייערדיק דער טייטער — מיט טויזנט אויגן פון פייער, מיך צו געפינען אין אַלע אָפּגרונטן פון דער וועלט, אין אַלע וויסטענישן — ווי דער מלאך מיט זיין שווערד איבער די פאַרטריבענע פון גן־עדן אדם און חוה — און פון בעכער וויין שמייכלט ציניש אַרויס דער פלאַמיקער סאַטאַן. זיין צונג — אַ שווערד. און אין יעדן דור ראַנגל איך זיך מיטן אייביקייטס־בעכער פון שיקזאַל.

ניו־יאָרק, 20־טער פעברואַר, 1948.

דער גילדענער פאַרהאַנג

אַ, דער גילדערנער פאַרהאַנג. איך וויל שטענדיק דורכקוקן דורם אים צום גרויסן ספעקטאַקל וואָס וועט זיך באַלד עפענען. איך וויל דורכקוקן צו דער פּאַנאָראַמאַ פון שפּיל — צו די אַקטיאָרן, וואָס טראָגן פלאַמענדע מאַסקעס — וואָס זעען אויס ווי פאַנטאַסטישע מלאָכים — צו די אַקטיאָרן, וואָס ערשט זיינען זיי נאָך שטום און קאַלט ווי עמבריאָנען און באַלד וועלן זיי אָנפאַנגען צו לעבן זייער גרויס לעבן. באַלד וועלן אויפשפילן פלאַמענד די מענטשלעכע עמאָציעס. באַלד וועלן צאָרן, ליבע, כעס, אייפערזוכט, וואַנזין, נאָסטאַלגיע, פאַראַט, הערןאיזם אויפפלאַקערן אויף דער בינע. דו וועסט פאַרגעסן אַז עס איז פאַראַן אַ גילדענער פאַרהאַנג. די וועלט איז אָפן— די וועלט שפּילט — די וועלט איז פול מיט דראַמע — מיט אַקטיוויטעט — די וועלט פלאַמט. זי איז שטענדיק אָפן צו דיין אַלץ־פאַרצערנדיקן בליק.

דאָס שפּיל פון ענערגיע דויערט נישט לאַנג. מענטשלעכע כוחות שעפּן זיך אויס. מיטלעבנדיק מיטן שפּיל — שעפּן זיך אויס דיינע אייגענע כוחות. שטומער אָבסערוואַטאָר וואָס דו ביסט — שפּילסטו מיט. ביסטו אַקטיאָר. בלענדסטו מיט אין דעם שימער, אין דעם ראַדיומאַרטיקן אויסשטראַלן זיך פון די כוחות. דו ווערסט אויסגעמאַטערט צוזאַמען מיט די אַקטיאָרן. דאָס פייער ברענט אין דיר — נעמט אַרום מיט גילדענע הענט דיין האַרץ...

באַלד זיצסטו ווידער צווישן פובליקום — אַ דור. צווישן פובליקומס — פילע דורות. דו זיצסט אין דעם גרויסן טעאַטער — אין דעם געוואַלטיקן בית־המקדש. אין דעם ווירבלווינט פון נשמות פאַרנעמסטו דעם יאָמער פון די מיליאָנען און מיליאָנען זעעלן און מאַסקעס און אומצופרידענע קרעאַטורן, וואָס האָבן געלעבט און פאַרגאַנגען אָן סאַטיספאַקציע — אָן באַפרידיקונג. דו זעסט ווי זיי פאַלן צו צו די אַקטיאָרן און רייסן פון זיי שטיקער און מאָנען דערמאָנונג — מאָנען סאַטיספאַקציע — מאָנען קינסטלערישע דערפילונג — מאָנען חשבון — מאָנען דאָס אַריינגלידערן זיי אין קונסט — אין דראַמע — וואו זיי וועלן ווידער אויפגיין אינם עליפּטישן גאַנג פון לעבן — וואו זיי ווילן ווידער זיך צינדן — ווידער זיין — ווידער לייכטן אין זייער שמערץ פאַר גאָט — ווידער זיך אָנצינדן צום גרויסן גאָט פון דיכטונג — אָ, זיי ווילן נישט אונטערגיין — פון אַלע גרונטן פון דער וועלט רייסן זיך באַליידיקטע זעעלן צום הימל — פון אַלע אָפּגרונטן ציטערן מיליאָרדן זעעלן צום הימל אין אַ טראַגיש, אין אַ גרויס ציטערניש. די אומבאַפרידיקונג פון דורות רייסט זיך צום פאַרשיין. רייסט זיך

אַנצוקלעפּן די טרערנפאַרגאָסענע מאַסקע אויפן פּנים פון אַקטיאָר — רייסט זיך אויפצוגיין אין דעם פּראָזשעקטאָר פון טעאַטער — צו ציטערן ווידער אין דעם הייליקן בית־המקדש פון מענטשנשפּיל. —

איך זיץ אין טעאַטער — אין טויזנטער טעאַטערן — דורך פילע דורות — וואַרטנדיק. דער פאָרהאַנג הענגט קאַלט און שטאַר אין דער הויך — פאַרדעקט די אומגעהויערע רעאַליטעטן פון וועמענס אמת יעדער קינסטלער פילט און ווייסט.

איך וואַרט דער פאָרהאַנג זאָל זיך אויפהויבן ביז צום הימל־ראַנד — און דאָס גרויסע שפּיל זאָל זיך אָנהויבן. דער פאָרהאַנג — אַלע וועטערן פון דער וועלט שטעלט ער מיט זיך פאָר. ווירבלווינטן וואָס וואַרפן מיט מענטשן־זעעלן ווי שפּענדלעך אין שיקזאַל פון דער וועלט. שניי און האָגל וואָס שלאָגט און שמייסט די אָרעמע קרעאַטורן פון דער ערד. רעגן וואָס פּאַטשט די פאַרוואָגלטע און פאַרשאָלטענע און פון גורל ביז בלוט און בלויע פלעקן־געשלאָגענע קרבנות. דעמערונג וואָס פאַרווישט די קאָנטורן פון אַלע זאַכן און שלאָגט אַלע ליידנדע זעעלן — דער פאָרהאַנג שטעלט פאָר מיט זיך גאָר די וועטערן פון אַלע צייטן פון דעם מענטשנס עקזיסטענץ.

מיר דאַכט אַז עס לויכט זיך דורך דעם פאָרהאַנג. דער פאָרהאַנג נעמט אָן אַ ספּיריטועל, יענע־וועלטיקע קאָליר. אַ ליכט שטראַלט אַזוי ווי פון דעם האַרץ פון גאָלד. עס צינדן זיך שווערע גאָלד־קאַנדעליאַברעס. עס שטראַלט מיט גאָט און מיט גאָלד דאָרט. אָ, די בלומען אויפן פאָרהאַנג צינדן זיך אָן. אָ, עס צינדן זיך אָן אויפן פאָרהאַנג אַלע לאַנדשאַפטן — אַלע פּאַנאָראַמעס — אַזוי ווי פון אַן אומגעהייערער זון באַזעלט. אָט זע איך טריט אונטער דעם פאָרהאַנג — פרויען און מענער אין סאַנדאַלן — קעניגן און קנעכט — די זון פאַרגייט — ביי די ברעגן פון די אָקעאַנען פאָרען זיך אָרום די דורות — עס איז גרויסער זון־אונטערגאַנג — דאָס גרויסע שפּיל פון דער שעפערישער נאַכט הויבט זיך אָן — דאָס שפּיל פון דער אומגעהויערער נאַכט, וואָס גיט געבורט צו וועלטן.

אָ, גאָט, איך זיץ אייביק צופוסנס פון דעם פאָרהאַנג — אין פערמאַנענטן עקסטאַז פאַרחלשט ביים אומגעהויערן ערב־שפּיל — ביי דער וויזיאָן פון דער קאָסמישער דראַמע — איך, אַ קינד אינם וועלטנווירבל...

ניויאָרק, יולי, 2, 1947.

דער טייוול

איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַן איינזאַמע גאַס, אַן איינזאַמער, ווי שטענדיק, אין ווינט געגאַרטלט, אין וואָלקנס געהילט, אין שטיקער זון־פאַרגאַנג פאַרפלעקט, איינגעריסט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. ערשט איך הער אַ הייטערע מוזיק פון אַ סאַלון. איך זע ווי פּאָרלעך דרייען זיך אינעווייניק, דרייען זיך אַזוי ווי שאָטנס, מאַן און פרוי אין קיש פאַראייניקט, מאַן און פרוי, וואָס גאָט האָט ווי צוויי מלאכים אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, זיי פאַרבלוטיקן זיך דאָ אין ביטערן געשלעג. מאַן און פרוי — טאַנצנדיק. זיך שלאָגנדיק. זיך צערייסנדיק. מאַן און פרוי — די אומגליקלעכע פון דער ערד.

פלוצלונג דערזע איך אויפן שילד דעם טייוול. דער טייוול האַלט אין זיינע לאַנגע, בייניקע הענט אַ גלאָז וויין. ער שמייכלט בגלופין, מיט ביטעהן חוזק, איבער די פּאַרלעך וואָס טאַנצן ביי אים אין סאַלון. ער ווינקט מיט אַן אויג. ער מיינט צו זאָגן: זיי זיינען שוין פאַרפאַלענע. זיי וועלן שוין אין מיין קעניגרייך פאַרטאַנצן און פאַרשיכורן זייער לעבן. אַן גאָלד האָב איך געקויפט זייערע נשמות. איך האָב נישט מיט זיי די פּראָבלעמען וואָס איך האָב געהאַט מיט דר. יאָהאַננעס פאַאוס־טוס, מיטן געשעצטן צדיק איוב, מיט פאַן טוואַרדאָווסקי, דעם פוילישן כישוף־מאַכער. יענע האָבן מיך כסדר געפּייניקט מיט פילאָסאָפישע פראַגן. איך האָב נישט קיין צייט פאַר די דאָזיקע אינטעלעקטועלע לייזיקגייערס. מיר איז נישט קיין אונטערשיד צי איך פיר אַריין אין די אַנגעצונדענע טויערן פון גהינום די נשמה פון אַ דענקער אָדער פון אַ פּאַעט. אַ נשמה איז אַ נשמה. גאָט קוקט נישט אויף דער גרויס פון אירע פליגל. אויף דעם פלאַם פון איר האַרצן. גאָט ציילט זיי בלויז — די צאָל, אַט דאָס איז עס וואָס רעכנט זיך. גאָט קוקט אויף די צאָלן וואָס פּייניקן זיך אין גהינום אַ דאַנק מיין מי...

קאַלט און שטייניק איז דאָס פּנים פונם טייוול. מען קען פאַר־שטיין פאַרוואָס זיין פּנים איז האַרט און פעלזיק. איז עס נישט דער טייוול וואָס הערשט איצט אויף דער וועלט? אַנטקעגנאיבער דעם טייוול איז אויסגעמאָלן דער פאַרטרעט פון אַ פרוי — בלייך, אויסגע־מאַטערט, אַנעמיש. זי האָט נישט קיין כוח. קיין ווידערשטאַנדס־קראַפט. זי איז שיכור. דער קאָפּ אַרונטערגעפאַלן אויף די אַקסלען — מיד. טויט. דער גילדערנער כוס ציטערט אין אירע בלייכע פינגער. אירע ליפּן — נאַס פון דעם טייוולשן עליקסיר.

אין דער נאַכט קוקן מיר זיך ביידע אָן — איך און סאַטאַן. אַזאַ ביטערער חוזק איז אין זיינע מויל־ווינקלען. ער שיינט צו זאָגן:

— דו טרוימער, דו דיכטער, דו ענטוזיאַסט, דו ביסט נישט קיין מאַטעריאַל פאַר מיר. איך האָב דיך נישט נייטיק. עס איז מיר היינט לייכט צו קריגן נשמות אין די מיליאַנען. די גאַנצע וועלט איז איצט פאַרצווייפלט. אַמאָל האָב איך זיך געטומלט אין דער באַהעמע, צווישן קאַמעליענדאַמען. צווישן אַרעמע פילאָסאָפן און רעוואָלוציאַנערן. מען האָט מיר אָפט אַנגעבראַכן די ביינער. איך האָב געמוזט צאָלן מיט ריינע גאָלד פאַר יעדער פיצל זינד. מיט דר. פאַאוסטן צום ביישפּיל האָב איך זיך לאַנגע יאָרן ביטער געמאַטערט און געראַנגלט. אַ שווערער חברה־מאַן געווען. ער האָט זיך דעם רוקנביין נישט געלאָזט צעברעכן. אָבער איצט איז די וועלט אַ מחיה. פון לאַנד צו לאַנד שפּרייט איך אויס מיינע שוואַרצע פליגל. זיי טאַנצן צום ריטם פון מיין מוזיק, אַט אַזוי ווי די שפּעפּעלעך דאָ, אינעווייניק, ביי מערין אין סאַלון. איך דאַרף זיך היינט נישט פאַרשטעלן. נישט אָנטאָן קיין מאַסקע. אַלע דערקענען מיך גלייך און דרייען זיך אַרום מיר גוטברודעריש. און דו, דו ביסט צו פרי אָדער צו שפּעט געקומען. גיי אַהיים און לעג דיך אַוועק שלאָפן אויף אַ יאָר־טויזנט. איך צווייפל צי ווען דו וועסט דערוואַכן, וועסטו געפינען אַ בעסערע וועלט.

— — — — — — — — — — — — —

די פּאַרלעך האָבן זיך שקלאַפישע און פאַרכישופטע געדרייט צום טאַקט פון דער מוזיק. ציניש האָט אויפן שילדל דער טייוול גע־

שמייכלט, אַנגעטאָן אין אַ רויטן סוועדער. און אויבן, אין פאַרזשאַווערטן הימל, איז געשוואומען אַ צעראַצטע לבנה — אַ לישיי אויפן פּנים פון גאָט.

ניו־יאָרק, 18־טער אַפּריל, 1948.

דער פּאַרק — סוף סעפּטעמבער און האַראַץ

האַראַץ: געבוירן — 65 פּ. ק.
" געשטאָרבן — 8 פּ. ק.

אָ׳ די טעג די גאָלדענע טעג פון סוף סעפּטעמבער — זיי רינען אויס אין קרוגן פאַרב אינם צענטראַל־פּאַרק. מלאכים — אויף אַ ווילע, אויפן בלויזן נאָכמיטאָג אַרויסגעלאָפן פון די רענע־סאַנס־מאָלערייען, מיט גאָלדענע, מיט בראָנדזענע, מיט פאַרבנפאַר־שמירטע פליגל — גיסן און ליאַפּען מיט גאַנצע פּעסער גאָלד איבער דער לאַנדשאַפט — איבער די גרינע גראָזן, גרין ווי רויע אוגערקעס — איבער די שטיקער רויטע ליים — איבער די טוי־טריפנדיקעביימער. ווי קליינע, וואַנזיניקע מוזיק־שיכורע אינגלעך, פאַרשמירן זיי זיך די פּליישיקע, פעטלעכע הענטלעך, די גרינע באַקן, די גאָלדענע לאָקן. שפּעטער נעמען זיי פאַרגילדעטע פליטן און שפּילן צווישן די קרזשאַ־קעס, צווישן די אָנגעצונדענע ביימער — כישופדיקע לידער.

די בלעטער ברענען. די ביימער זיינען שיכור פון דער זונס אויס־געגאָסענעם ליקער. די פערד לויפן גרינגע און גראַציעזע איבער די רייט־אַלייען. קינסטלער וואָלטן קיין שענערע, קיין לייכטערע, קיין גראַציעזערע פערד נישט געקענט אָנצייכענען אויפן ערדישן קאַנווע. די פערד זיינען בלייך און ברוין. מיט מילך־ווייסע פּלעקן. די מיידלעך וואָס רייטן אויף זיי זיינען די שענסטע פרויען אין דער וועלט. מייד־לעך, ווי אַמאַזאָנקעס, ערשט אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד, געפאַרבט אין שטיקער פאַרנאַכטיקער און צעריסענער זון.

דאָס זייד פון די קליידער פלאַמט. מיידלעך — געשלאָגן פון געהיימנישפולע, ליידנשאַפטלעכע, שרעקלעכע קריגער אויפן שלאַכט־פעלד. מיידלעך — אין די פיינסטע ריטער־קאָסטיומען, געהיימנישפול ווי גרעפינס פון דיקע, אַלטע ראָמאַנען, ווי לעגענדאַרע גרעפינס פון דער קינדהייט — וואָס זיינען פאַרבייגעריטן דיין גאָלדענע, דיין קינ־דישע, דיין זוניקע לאַנדשאַפט. זייערע פאַרבן צינדן אָן דעם פּאַרק אַזוי ווי אַ זאַנדערבאַרער כישוף. דער פּאַרק איז באַלעבט דורך זיי. ניטאָ קיין שענערס אין אַ האַרבסטיקן פּאַרק ווי די באַוועגונג פון יוגנט, פון פערד פּעגאַזישע, שוועבנדיקע, קניענדיקע אויף די שוועלן פון וואָלקנס און — דער פּאַראַד פון פאַרביקע, פון זון־צעצונדענע, פון מעלאַנכאָליש־יונגע פרויען.

איך גיי אין דעם ווילדן פאַרבנפאַרגאָסענעם פּאַרק און איך לייען דעם קליינעם פאַרגילדעטן באַנד פון האַראַץ. דאָס לעדער — געלב און גאָלדיק — שיילט זיך פונם דיקלעכן באַנד אַזוי ווי די הויט פון אַ פאַרוויאַנעטער פרוכט. דאָס גאָלד פון די פאַרגילדעטע ברעגן־בלעטער קריכט אָפּ ווי ווייכער שטויב און פאַלט אין טראָפּנס אויף די קליינע, דינע, גראָזיקע בלעטער. די דינע זיידענע בלעטלעך פונם באַנד ברעכן זיך פון טריקעניש און שטויב און זון. אַזוי ווי זיי וואָלטן

איינגעזאַפּט טויזנטער יאָרן שטויב און זון און טריקעניש. נאָר די פּאַלמען לייכטן אויף אין דאַזיקן קלאָרן וועטער, אין דער דאָזיקער סעפּטעמבערדיקער לופט, אויסגעפּילט מיט מענטשלעכער בענקשאַפט און פּאָעזיע. איך לייען די לידער — די אָדעס, די וואונדערלעכע וואָרט־ציטערנישן און פּרעכטיקייטן, און זיי לעבן ווידער אויף. פון אַ ליד שטעקט אַרויס אַ דאַמע דעם קאָפּ — אַזוי ווי זי וואָלט זיך באָדן אין אַ גילדן וואַסער. וואַסער, פּאַל איין, זינק אַרונטער — איך וויל זען אָפּגעדעקט, גענעדיקע דאַמע, דיין צאַרטן אַקסל, דיין בלייך־בלייער־נעם אַקסל. איך וויל זען ציטערן ביים זינקען פונם וואַסער דיינע צווי גילדערנע בריסט. פון אַ ליד גייט אַרויס אַ געליבטע פון האָראַץ — נאָך צווי טויזנט יאָר זיינען אירע ליפּן נאָך פייכט פון וויין און פון דעם קוש וואָס דער גראַציעזער, עלעגאַנטער, קלוגער האָראַץ האָט איר געגעבן. פון אַ ליד גייט אויף אַ פרייליכע כאַליאַסטרע — די אויגן ברענען ווי גאָלדענע רויזן — ווי ברעקלעך פון בליצן — די אויגן שפּיגלען זיך אין שטיקער סאָליד גאָלד פון קעניגלעכע באָקאָלן —. דער וויין שימערט אויף די ליפּן פון די דאַמען — די בלייכע הענט, די שטערבלעכע הענט, די קראַנקע הענט אין זיידענע מאַנקעטן — פון די הענט טריפט מיט קלוגשאַפט, מיט חכמה, מיט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן, מיט ערדיש־געאײדלטן פיין, מיט ראַפינירטער ליידנשאַפט. און צווישן דער טרויעריק־פרייליכער גרופּע זיצט האָראַץ, מיט אַ בלאַסן פּנים, דאָס פּנים פון אַ ראַפינירטן פּרינץ וואָס ווייסט די פאַר־געגנגלעכקייט פון אַלע זאַכן — וואָס בלייבט ניכטער אין דעם שיכורסטן צושטאַנד — וואָס איז חכם און נאַבלמאַן אין זיין יעדן זשעסט און וואָרט — און וואָס מיטמאַכנדיק דעם גאַנצן שפּיל פון וויין, ווייב און גאָלדענע מיידלעך גייט ער שפּעט ביינאַכט אהיים, צינדט אָן דאָס חלבנע ליכט, וואָס באַלייכט די קניען פון דער טרויעריקער אַפּראָדיט, וואָס לייכט איבער די וויינטרויבן געלבע און אָנגעצויגענע פון באַק־כוס׳ס איראָנישן פּנים פון בראָנדז, און ער פאַרצייכנט שפּעט אין דער נאַכט די סעודה, די שפּייזן, די וויינען, די פרויען מיט זייערע פיל־קאָ־לירטע קליידער, די פרויען, וואָס ציטערן אַריין אין לוסט, אין פליושע־נער און געשפּענסטערדיקער נאַכט, אין וואַקסענער מידקייט, אין רוי־כערנדיקן נעפּל פון באַגינען, אין די אָרעמס פון אָנגעגליטע געליב־טע, אין די אייזיקע הענט פון טויט — האָראַץ ווערט נישט מיד מיט זיין געענדזענער פעדער צו צייכנען דאָס דינע רוימישע כתב — אויס־צוצירן אַ ליד וואָס איז פּולקאָמער ווי די זון — וואָס צווי טויזנט יאָר צייט וועט עס אַלץ זיין פריש ווי אַ צירונג פון אַ רוימישער קור־טעזאַנע — ווי דער בלויער הימל אין פרילינג, ווען גאָט פּוצט מיט נעפּל און מיט זאַמד די צינענע שטערן און רייבט מיט וואָלקנשמאָ־טעס אָפּ דעם שטויב פון די ריזיקע שמעטערלינג־פּלאַנעטן וואָס צירק־לען אַרום די זון־קעניגן אין אַן אייביקער אַרביטע פון עקסטאַז, ווי אין אַ קאָסמישן טאַנץ — — — — — — — — — — — — — — — —

האָראַץ שרייבט ביז אין בלייך־זילבערנעם באַגינען זיין אויס־געצירקלטן כתב, זיין געשניצט ליד, ביז אויפן הימל ווערט בלייך די לבנה, ווערט אַנעמיש, אַזוי ווי איר בלוט וואָלט אויסגעזויגן געוואָרן דורך דער נאַכטיקער, טונקעלער שלאַנג. פייגל הויבן אָן די ערשטע צו זינגען צווישן די קוסטן פון האָראַצ׳ס גוט. אין די וועלדער וואָס רינגלען אַרום האָראַצ׳ס באַשיידענע היים, וואָס זיין פריינט מעצענאַס

האָט געקויפט פאַר אים אַ מתנה. די זון הויבט אָן צו לייכטן אין רויטן, צעשמאָלצענעם גאָלד איבער די בערג — און וואוהין זי גייט, וואו עס רייטן אָן די ערשטע גאָלדענע פעגאַזן, מיט גאָלדענע, לופטיקע מלאכים אין האַניק און אין זייד, בלאַזנדיק אויף קליינע, גאָלדענע טראָמפּעטן גאָלדענע מעלאָדיען — וואוהין די ערשטע גאָלדענע ריי־טער לאַנדן, עפענען זיך רייכע פאַנטאַזיעס אין קאָלירן, די שלאָפנ־דיקע בלומען קריגן אַנגעקלאַפּט אין די קעפּלעך און וועקן זיך אויף פול מיט בלומיקן שלאָף, צוריקפאַלנדיק דעם ערשטן מאָמענט צו זייערע ערדישע בעטלעך — שווער פון דער לאַסט פון דער זונס ערשטן, צעשמאָלצענעם גאָלד, ביז זיי קומען צו זיך און שטייען שטאַרקערע, מונטערע, צו ווידערשטיין גרייט דאָס צאַרטע שלאָגן פון דער זונס אַקטיוויזירנדיקן ליכט. האַראַץ איז איצט מיד. ער גייט אַריין אין זיין שלאָפצימער און טרינקענדיק אייז־קילע וואַסער פון אַ בלייערנעם קווערטל וואָס ער שעפּט אָן ביים ברילייאַנטענעם פאַנטאַן אויפן הויף — לעגט ער זיך צו און פאַלט שנעל אַריין אין אַ טיפן שלאָף. — — —

אין די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער רייטן די גאָלדענע פרויען אויף גאָלדענע פערד. איך מיש — ניין, דער ווינט טוט מיר אַ טובה און ער מישט יעדעס מאָל איבער מיט זיינע גילדערנע און זילבערנע פינגער אַ בלעטל פון זייד פון האַראַצ׳ס פּרעכטיקן וואָלום. און מיר דאַכט אַז האַראַץ האָט וועגן דעם פּאַרק געשריבן — האָט וועגן די פרויען געזונגען — האָט געפילט אויף זיין נאַקן דעם קאָנצענטרירטן ברען פון דעם זוניקן פאַרגרעסער־גלאָז — האַראַץ, האַראַץ, ער פליט איבער מיין קאָפּ ווי אַ גאָלדענע בין — ער פאַרלאָזט קיינמאָל נישט די ערד. ער האָט ליב געהאַט די ערד. בעסער ווי לוקסוס און אַרגיע, האָט ער פאַרגעצויגן אַ באַשיידענעם גוט, אין דער שטילער, דאָרפיש־אידילישער געגנט. ער האָט ליבער געהאַט די קרומע, אומאויסגע־טראָטענע וועגן פון פשוטער, ליימיקער ערד ווי די גאַסן פון רוים, באַפּעלקערט מיט סענאַטאָרן און טריאומף־דורשטיקע בירגער פון דער אימפּעריע. ער האָט ליבער געהאַט די געזעלשאַפט פון פּראָסטע, היי־מישע ביימער, נישט שטאָלצער ווי די בוימער־ברידער פון די אונ־טעריאָכטע פעלקער אונטער רוימס הערשאַפט — ווי די געזעלשאַפט פון געקרוינטע קעפּ און פּוסטע קאַריעריסטן און גלאַטע צינגער־מענטשן. אָ, דער פּאָעט! דער חכם! ער לעבט שטענדיק איינזאַם און אָפּגע־זונדערט — אין זיין צייט און אין זיין לאַנד. — רום, ווען עס קומט צו אים — מאַכט אים נישט שיכור און פאַררייסן ווי אַ פערדס קאָפּ און גריווע. אין אַ וועלט פון קאָרופּציע האָט האַראַץ געוואוסט ווי אַזוי טייער צו האַלטן פריינטשאַפט און צו שעצן גוטסקייט. דען עס איז דער. פּאָעט וואָס בלייבט ריין אין געמיינע און שטורעמדיקע עפּאָכן, ווען די הערשנדע קלאַסן זיינען פאַרטאָן אין זנות און אין פּראַפּיט. עס זיינען די דיכטער וואָס בלייבן ווי גאָטס ריינע און ציכטיקע געוויסן אויף דער ערד — און אין זייער זכות קומט די וועלט נישט אום — ווערט די ערד נישט פאַרגאַסן מיט דיקע פייער־לאַווע — מיט פלאַ־מענדע רעגנס. די פּאָעטן — דאָס זיינען די קינדער פון דער וועלט, צוליב וועלכע גאָט לאָזט די ערד נישט פאַרברענט ווערן פון זיין פייער־דיקער שטראָף. — — — — — — — — — — — — —

פאַרנאַכט. די זון נייגט זיך צו דעם גאָלדענעם האָריזאָנט פון מערב. שטיקער זון באַרירן דעם קליינעם גאָלדיקן באַנד האַראַץ. אַ מור־

זיק, מיר דאַכט, טראָגט זיך פון טעמפּלען און רענעסאַנס־פּאַלאַצן, וואו מען האָט האַראַצן געזונגען און רעציטירט מיט גראַציע און מיט ריטם. אינם קליינעם באַנד לעבט די וועלט פון רוים — די לוסטיקע געזעלשאַפט — דאָרט פאַרגייט קיינמאָל נישט די זון — דאָרט לויכט עס כישופדיק און געהיים — דאָרט איז סעקרעט פון אייביקער פּאָעזיע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער פּאַרק איז שיכור אין די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער. די זון פּלייצט אויף אים מיט שטראָמען גאָלדענע וויין. עס כוואַליעט מיט טייכן וויין אין אַלע ווינקלען און לאַנדשאַפטן...

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1947.

דער אידישער בעטלער

ווען ביאַליק וואָלט דאָ פאַרבייגעגאַנגען, אויף 57־טע סטריט, די בערזע פון קונסט, און ער וואָלט דערזען דעם דאָזיקן אַלטן, מאָנו־מענטאַלן איד, אַזוי ווי משה איז פון אַ ריזנפעלז אויסגע־האַקט געוואָרן דורכן סאַנעטענשרייבער מיקל־אַנדזשעלאָ — וואָלט ער געבליבן שטיין דערשטוינט. ער וואָלט פאַרן דאָזיקן הויכן, געוויקסיקן, פעלזיקן איד געעפנט די טויערן פון אַ פּאָעמע. ער וואָלט אים אַרויפ־אַרבעטן אין זיין מעכטיקער פּאָעזיע. ער וואָלט אים איינגעלאָדן און פאַרשלאָסן אין דעם לעבעדיקן מוזעאום פון זיין ליד און וואָלט אים פאַרכישופט אין דעם רינג פון אידישער טראַגיק.

ווייל יעדעס מאָל וואָס איך גיי פאַרביי דעם איד און איך קוק אויף זיין צעאַקערט, צעשלאָגן און צעבראָכן פּנים, אויף זיין דורותדיקער באָרד, אין וועמענס קרויזן ווי אין כוואַליעס עס איז פאַרצייכנט צער־און־צאָרן פון פינצטערע אידישע שטיקער געשיכטע — טראַכט איך: דער איד איז איינגעטונקען פון קאָפּ ביז צו די פיס אין קאָסטיום, גרים, מאַסקע, פאַרב און דעקאָראַציע. ער איז אַרויס, אַנטלאָפן פון שעקספּירס אַ דראַמע. ער האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך שיילאָקס שמערצ־פול פּנים — זיין ביטערן אויסדרוק פון ווייטיק און באַליידיקונג. עס איז דער זעלביקער איד פון די מיטלאַלטערלעכע ווענעציאַנער גאַסן. נאָר יענער האָט שטאָלץ געפּאָדערט פּאַר דורות באַליידיקונג און אומ־גליקן. און דער בעטלט מיט זיין לאַנגער, אויסגעצויגענער האַנט אַמעריקאַנער מטבעות. יענער שיילאָק האָט אַנטקעגן די היסטאָרישע מערדער געהאַלטן דאָס סימבאָלישע מעסער — זייער אייגן מעסער — און דער שטייט קאַלט און פרעמד און בעטלט גראָשנס. אַ מאָדנער איד אַזאַ! אַנטלאָפן פון שעקספּירס טרויערשפּיל. אַראָפּגעלאָפן פון דער בינע מיט אַ נאָס, גרימירט פּנים. אַט באַוועגט זיך פונדערווייטנס אַ שלאַנקע, צאַרטע געשטאַלט. עס קושט איר אַ שלאַנקער, שטייפער אָפּיצער. יעסיקאַ זעט נישט ווי איר טאַטע ציטערט אויף אין היסטאָ־רישן ווייטיק — און פאָטערלעכן קרעכץ.

ווינטערצייט, ווען די טעג זיינען קליין, האָט זיך דער איד מיט־געבראַכט אַ לאָמטערנע. און אין די גרויע שנייען, ווען נאַכט פאַלט צו און די דעמערונגס־אָוועָרטיורע אָן די פּאָעטישע פליטעכצן פון דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע, אָן דער געלער לבנה־לאַטע אויפן הימל— צינדט זיך אָן זיין גלעז, זיין ליכט ווי האָניקדיקע וואַקס טריפנדיקע לאָמטערנע.

די מענטשן גייען אַדורך און זיי קוקן אויפן מאָדנעם איד, אין דער געשטאַלט פון אַ פּאַרצייטיקן דיאַגנעס. צי זוכט ער אַ מענטש אַ ריינעם אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע? קען עס דען מעגלעך זיין אַז דאָס איז אַ צופעליקער, ביליקער בעטלער, וואָס האָט פון זיין אַלטן, גרייז־גרויען פּאָלק אויסגעבאַרגט די הייליקע צורה, אַראָפּגעריסן פון דורות אידן דעם קאָסטיום, די צייגענע קאַפּאָטע, דעם טלית־קטן מיט די זיידענע ציצית, די יאַרמעלקע פון אַ רבס הייליקן און געבענטשטן קאָפּ, די באָרד וואָס צירט דאָס אידישע פּנים — פון משה רבינו ביז דר. הערצל, און ער האָט זיך דאָ אַוועקגעשטעלט, אויף דער שיינער גאַס פון קונסט, צו בעטלען גראָשנס, צו פאַרשוואַרצן דאָס אידישע פּנים? קען עס דען זיין אַז דער דאָזיקער בעטלער, וואָס די לאָמטערנע וואַרפט אויף אים אַ מיסטישן שיין, ווי ער שטייט דאָ אויסגעהאַמערט פון אַ פעלז — אויסגעהאַקט פון דעם אידישן דורותדיקן קינסטלער — אַז ער שטייט דאָ גלאַט אַזוי, איינער פון די מאָדנע, ביזאַרע בעטלער — אָבער דאָך נישט מער ווי אַ בעטלער?

שטענדיק ווען איך גיי דאָ פאַרביי, פאַרטראַכט איך זיך ביים מאָדנעם געשטאַלט פון דעם איד וואָס נוצט אויס די אידישע טראַכט כדי זיין פאָלק צו פאַרשעמען. פון דעם נביא־געשטאַלט, פון דעם מאַיעסטעטישן פּרינץ ישעיהו, פון דעם ערדיקן און פייערדיקן עמוס, פון דעם צעבראָכענעם נביא ירמיהו, פון דעם פון די פיס ביז צום קאָפּ אָנגעצונדענעם יחזקאל — פון די אַלע הערלעכע נביאים־גע־שטאַלטן, וואָס דורותדיקע פאַנטאַזיע האָט זיי געהאַמערט און געשניטן — אויסגעגאָסן אין הייסן בראָנדז — ווערט צו איין געשטאַלט — יודאָס, וואָס האָט זיין הער פאַרקויפט פאַר דרייסיק גרויסע, אָפּגעריי־בענע זילבערנע מטבעות. און מיר דאַכט אַז דער דאָזיקער איד איז אַנטלאָפן פון די בליצנדע אויגן פונם געניאַלן לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. ס'האָט יאָרנלאַנג דאַ ווינטשי, צווישן פינצטערן המון פון רענעסאַנס, צווישן באַזויפטע קאַרניוואַל מאַסן, געזוכט דאָס אייזערנע פּנים פון אַ מאָדעל פאַר יודאָס, פאַר זיין באַרימטן „דאָס לעצטע מאָלצייט". קינסט־לער און מאָדעל האָבן זיך אַרומגעזוכט און זיך שיקזאַלהאַפט אויסגע־מיטן. דער איד וואָס האָט געדאַרפט אין דער פרעסקאָ אַריינגעשטעלט ווערן אַלס יודאָס — האָט אויסגעמידן ביז איצט דעם מייסטערס בליציק אויג. דאַ ווינטשי האָט אים נישט געקענט געפינען. און דאָ שטייט ער נאָך אַלץ — אָנגעטאָן אין אידישער מאַסקע און קאָסטיום — פאַרשעמענדיק זיין אַלטן פאָלק — און די הענט נאָך אַלץ אויסגע־שטרעקט ציטערנדיקע און זשעדנע נאָך די דרייסיק זילבער־שווערע שקלים. ער שטייט און ער פאַרשעמט אונז. ער זוכט נאָך אַלץ בלינ־דערהייט אַ תיקון ביי די פאַרביגייענדיקע מאָלערס און קינסטלער פון דער ניו־יאָרקער קונסט־בערזע.

און איינמאָל איז צום אַלטן מאַן צוגעקומען זיין אייניקל, אַ וואונדערלעכע אידישע טאָכטער.

— זיידע, — האָט די ליבע מיידל מיט טרערן אין די אויגן גע־שריגן, — פאַרשעם אונז נישט! ווער אויס בעטלער! זיץ אין שול און זאָג תהלים. דער טאַטעשי וועט דיר געבן יעדער וואָך געלט. קום אַהיים, עס איז נישט שיין צו זיין אַ בעטלער!

דער אַלטער איד האָט געפּלוצט זיין זיידענע אייניקל, זי אָנגערופן

מיט מיאוסע נעמען און זי פאַרטריבן פון זיך. אַ פאַרשעמטע איז די אידישע טאָכטער אַוועק — זיך באַגאָסן מיט טרערן.

אָט אַזוי שטייט דער איד, אַ היסטאָרישער איד, אַרויסגעגאַנגען פון די גרויסע, עפּישע בלעטער פון תנ״ך, אַ געשטאַלט ווי אַ נביא גרויס, און ער בעטלט מיט אַ בעטלערישער האַנט גראַשנס אויף אַ שיינער ניו־יאָרקער גאַס און ער פאַרשעמט אונזער אידיש פּנים. ער פאַרשעמט אונזער טראַדיציאָנעלן טראַכט! אונזער העראָאישן אָפּ־שטאַם פון די נביאים. ער נעמט אונזער היסטאָרישע, מאָנומענטאַל געשטאַלט, משה רבינוס געשטאַלט, וואָס איז געשטאַנען פאַרן רבונו של עולם אַליין אין די אומגעהויערע הימלען — און ער פאַרקריפּלט אים ביז לעכערלעכקייט און זעלבסט־חוזק...

ניו־יאָרק, 10־טן יולי, 1948.

ביי אַ אידישן מיטינג

איך בין געגאַנגען צום מיטינג אין „מאַנהעטן סענטער". ווי שטענדיק, וויל איך זיין צווישן די יעניקע וואָס שטייען אונטערן פרייען הימל, נענטער צו גאָט. נענטער צו דער ערד. ווי אָפּט האָב איך געוויכט פון פּוץ און דעקאָראַציע. דער ווינט פון צייט האָט אַרונ־טערגעריסן טעמפּלען און פּאַגאָדאָס. די וואָנט־ריפּן פון הייזער זיינען אָפּגעגעסן געוואָרן פון זייער צינק און פון זייערע פרעסקאָס. ווי גע־לע קנאָכן, זיינען שטיין געבליבן פּאַלאַצן צווישן דעם זאַמד און שטויב פון פאַרגאַנגענע קעניגרייכן. איינזאַם שטיי איך אין דער פינצ־טערניש פון דער נאַכט. דורכן „לאָוד־ספּיקער" הערן זיך פאַרשיידענע רעדנער; אידן און קריסטן; עס איז דאָס אוראַלטע געריידן וועגן פאָלק ישראל. דאָס אַש פון היטלערס קרבנות ליגט נאָך אויף די פּוילישע פעלדער — פריי פאַר ווינט און הינט און זינד פון די מענטשן. און שוין דערהויבט זיך איבער אונז אַ נייער שונא — דער פאַרגייענדיקער בריטישער אימפּעריאַליזם, דער דזשענטעלמען־מערדער, דער דר. דזשעקיל און מר. האַיד; שוין דערהויבן זיך פון מדבריות אַראַבישע פעלקער מיט זייער גאַנצער ברוטאַליטעט. עס איז נישטאָ אין הימל נישט קיין שטערן, נישט קיין לבנה. אונזערע עדות זיינען נישטאָ. גאָט האָט זיך באַהאַלטן פאַר חרפּה אין דעם זיבעטן — אָדער אַכטן הימל. מענטשלעכע שטימען. שטערבלעכע הערן זיך צו צו די שטערבלעכע שטימען. אין די שטימען איז פאַראַן גוט־רעדנערישקייט, געשולטקייט, אַראָטאָרישקייט, אינטעליגענץ. מען קומט פון עראָפּלאַנען און שיפן, פון לענדער און פון פעלקער — צו אונז רעדן. אָן איינזאַמער שטיי איך אין דעם שניי און ווינט און ביי־טערער קעלט. אָ, די אייביקע, אייזיקע קעלט פון דער וועלט — פון דער אייביקייט אָן. עס זיינען בלויז און נאָר מענטשלעכע שטימען. ווי אין די אַלטע צייטן, נויטיקן מיר זיך אין אַ שטאַרקן גאָט. גאָט זאָל שיקן זיינע פלאַמענדע אַרמייען פאַראויס פון אונזערע מחנות. מיר זיינען — לויט דער געשיכטע, היסטאָריקער, חכמים, פּאָעטן און שריפטשטעלער — אַן אייביק, אַן אומשטערבלעך פאָלק. נאָר וועלכעס פאָלק שטאַרבט נאָך אַזוי ווי מיר? יעדן טאָג? יעדער שעה?

אונזערע געשאָכטענע פּילן אויס די מינוטן — יאָ, איינצלנע רגעס פון די לעצטע הונדערט יאָר. אויף יעדער רגע — אונזערס אַ

קרבן. דער מזבח איז די גאַנצע ערד. מיר לעגן אונזערע העלדזער פון לאַנד צו לאַנד — פון פאַל צו פאַל — מיר זיינען אומשטערבלעך, לויט דער געשיכטע. נאָר מיר שטאַרבן בלוטיק יעדן טאָג. יעדער שעה. יעדע מינוט. מיר שטאַרבן יעדע רגע.

איך שטיי איינזאַם אין דער נאַכט. אָט גייט פאַרביי דער שלאַנ־קער יעקב אָבינו — מיט געשלאָסענע אויגן. ער איז נאָך פול באַ־קלעפּט מיט חלום. מלאכים פאַראַדירן ווי אין אַן אַפּערע. און ער שמייכלט איראָניש איבערן גרויסן צוזאָג: „ווי די שטערן וועלן זיך מערן דיינע אידן!" און איך האָב אין דער טונקלקייט אַלעמען דער־קענט: דאָס גייט פאַרביי די אידישע געשיכטע. נביאים מיט צע־ברענטע פּנימער. אידישע טעכטער פון די קרעמאַטאָריעס — אין בלויען אַש. ניטע, ריר זיי נישט אָן! זיי זיינען פּרינצעסינס פון אַש. דו וועסט זיי אָנרירן, וועלן זיי זיך צעפאַלן... אָט זיינען מאַמעס מיט קינדער — שענער ווי זייערע קריסטלעכע „אַבראַזן" (בילדער). די מאַמעס זיינען אַש. די קינדער זיינען אַש. אָ, ביטע, ריר נישט אָן דער מאַמעס ראַפאַעלישן אָרעם — ער וועט זיך צעפאַלן און אַרויסלאָזן דאָס בלויע קינד... אָט גייט דורך מיין שוועסטערנטאַכטער חיהלע. זע, זי איז נישט גרוי געוואָרן פון שרעק — פון גרויל — ווי ס'לויכט דער קליינער קאָפּ אירער אַזוי ווי אַ האַניקדיקע לבנה.

אָט גייען דורך די אידן ווי די שטערן אין הימל — אַלע זיינען בלוי, ווי אין דעמערונג געהילט. — די אידן וואָס זיינען געשטאַנען ביים באַרג סיני, ווען משה האָט געוואָרפן די שטיקער גראַניט — די לוחות — און אָט שלייכן דורך אידן מיט לאַנגע בערד און זיי דריקן צו די הערצער זייערע געשטאַלטן אין זייד און אין סאַמעט. ניין, דאָס זיינען נישט זייערע ליבע פרויען, זייערע צאַרטע ווייבער — ניין, דאָס זיינען נישט די שלאַנקע טעכטער. דאָס זיינען צעבערענטע תורות. און אָט ברומט עמעצער אַ ניגון אין דער שטיל — דו—דו—דו—מזרח דו—מערב דו—צפון דו—דרום דו—יאָ, עס איז דער אַלטער גרויסער ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער — מיט וועמען גייט ער אינטים פאַרביי? ווער איז דער אַלטער איד מיטן קרומען שטעקן? (אַ שטעקן, אָפּגעבראָכן פון אַ פּוילישן בוים), עס איז דאָך אונזער טייערער אליהו הנביא. — — דער שניי מאַכט פייכט די שיך. עס פרירן די פיס. רייד פאַלן ווי ראַקעטן אין דער פינצטערער נאַכט — רייד ווי בלעטער פון גרויסן האַרבסט. איך שטיי אין מיטן דעם אַלטן העברעאישן פאַלק פון אַלע צייטן. עמעצ — דער אַלטער ווינט — מישט די שמות פון דער אידישער ביבליאָטעק: פון יעדער ספר גייט אַרויס דער מחבר און זיינע העלדן. ווער איז אָט דער „טערק"? דאָס איז דאָך דער רמב"ם... און ווער איז עס דער הויך אינטעליגענטער דאָקטאָר מיט דער זיידענער באָרד? אַוודאי, דאָס איז דאָך דר. עמנואל הרומי. ער גייט געאָרעמט מיט ר' יהודה הלוי... אויך אַ דאָקטאָר־מעדיצין... און אַזוי דערשיינען געשטאַלטן נאָך געשטאַלטן — — — —

שפּעט ביינאַכט קום איך אַהיים. איך פיל אַז איך האָב היינט געזען הימל און ערד. עפּעס איין פּנים פלאַמט מיר אין האַרצן — איך קען נישט פאַרשטיין ווער עס איז געוועזן... אַ גרויסער איד וואָס זיין הויך האָב איך מיטן בליק נישט געקענט דערגרייכן. האָט זיין קאָפּ געטורעמט אין די שוואַרצע וואָלקנס? מיר דאַכט אַז עס איז געוועזן גאָט — דער ערשטער איד אין אוניווערס...

ניו־יאָרק, פעבר., 1948.

דער גאָט פון פאָעזיע

ווען דו גייסט דורך מיט דיין אויג טויזנטער אַלטע ווערק, עפּישע לידער, די פּאָעזיע וועגן העלדן און שלאַכטן, עפּאָפּייען פון גראַנדיאָזן פאַרנעם, ווערק פון געוואַלטיקן קאַליבער — וואַרפט זיך דיר אין די אויגן ווי אַזוי די אַלטע פּאָעטן, האָמער, אַריאָסטאָ, דאַנטע, ווירגיל, מילטאָן און שעקספּיר —ווענדן זיך מיט די ערשטע פערזן צום גאָט פון דיכטונג, צו דער מוזע זייערער, זי זאָל העלפן דורכגיין די דערנערדיקע וועגן — זי זאָל זיי באַשיצן אין ים פון געפאַרן און הינדערנישן — זי זאָל זיי געבן כוח צו דיכטן ביזן סוף דאָס גרויסע ליד. און צום סוף פון ליד דאַנקט דער מחבר פון זיין עפּאָס דעם גאָט אָדער די געטין פון דיכטונג, וואָס ער (אָדער זי) האָבן אים בשלום דורכגעטראָגן דורך דעם בייזן און באַלאַדישן וואַלד פון שרעק, געפאַר און שטרויכלונגען.

ווען דו ביסט נאָך יונג, נאָך גוטער, נאַאיווער לייענער, ווען דו ביסט נאָך אומקריטישער און ראָמאַנטישער גימנאַזיסט־ענטוזיאַסט און דו שלינגסט ביכער אַזוי ווי דו שלינגסט מיט דיין אויג די מיידלעך און פאַרבן, וואָס גייען פאַרביי דורך דער לאַנדשאַפט ווי אַן אָפּעראַ־דעקאָראַציע — שענקסטו נישט קיין באַזונדערע באַדייטונג די דאָזיקע אַלטמאָדיש־אָפּגעלעבטע, סענטימענטאַל־פּאַטעטישע ווענדונג צו די מוזעס. איז דאָך די מוזע זעלבסט אין אונזערע צייטן אַן אָפּגעלעבטע, אָפּגעלאָכטע און אָפּגעבלאָקירטע געטין. האָט מען דאָך שיעור גע־פּרוּווט דערקלערן אַז דיכטונג איז בעל־מלאכה׳שאַפט. אַז דער פּאָעט איז אַ פאַכמאַן. אַז דער אַרבקאַר (אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענט) שטייט שיעור נישט אַזוי הויך ווי פּושקין און טאָלסטאָי. אַז טעכניק איז די הויפּטזאַך, און אַז טעכניק קען מען זיך אויסלערנען. הכלל, מען האָט געפּרוּווט פאַרלייקענען די געטלעכע אַספּיראַציעס פונם דיכטער. מען האָט זיין נביאישע מיסיע פאַרפּושט. מען האָט אין זיין הייליקן באַרוף געלייקנט. מען האָט אַראָפּגעריסן פון אים דעם פלאַמענמאַנטל און געוואָלט אים אָנטאָן די הויזן פון אַ פאַבריקס־אַרבעטער.

מיר האָט שטענדיק ווײ געטאָן ווען איך פלעג לייענען אַ סך מאָל ביי אַזאַ פּאָעט ווי משה נאַדיר ווי אַזוי ער מאַכט חוזק פון זיין שריי־בערישער מיסיע און באַרוף. ווי אַזוי ער פּרוּווט אויסלאַכן זיין ראָלע און זיין צוועק אַלס שרייבער. לויט אים איז אויסגעקומען אַז יעדער מענטש קען אין אַ טאָג באַשליסן צו ווערן אַ שרייבער אָדער אַ שוסטער... און דווקא האָט דאָס געזאָגט אַ מענטש, וואָס איז געווען דורך און דורך ריינע פּאָעזיע. וואָס, הגם ער האָט געצאָלט אַ צו גרויסן צינז דער טאָג־פּרעסע, דעם זשורנאַליזם, דעם וואולגאַרן הומאָר — איז ער אָבער געווען אַ געניאַלער פּאָעט און הומאָריסט, אַ פּאָסיקער ברודער פון היינריך היינע, דעם אומשטערבלעכן פּאָעט און טראַגישער ראָמאַנטיקער.

דו האָסט אַלזאָ קיינמאָל קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשאָנ־קען צום בלינדן האָמער׳ס רוף צו די געטער זיי זאָלן אים ביישטיין אין זיין דיכטערישער אָנשטרענגונג. נאָר ערשט אין יאָרן אַרום, ווען דו באַגעגנסט דיך פּנים אל פּנים מיט שטיקער גראַניט פון שנאה און האָס וואָס פאַלן אויף דיין קאָפּ; ווען אין דער רייע פון די דיכטער זעלבסט טרעפסטו אָן אויף דיינע יודאָסעס, וואָס זיינען גרייט דיך

צו פאַרקויפן נישט פאַר קיין דרייסיק גרויסע זילבער־מטבעות — נאָר פאַר פערזענלעכער שנאה־סאַטיספאַקציע; ווען דו טרעפסט אַן אויף אַ וועלט וואָס איז לויטער אַנטי־דיכטונג; און ווען די שווערקייטן אין דעם קאָנטינענט פון דיכטונג דעקן זיך פאַר דיר אָפּ צוזאַמען מיט די אַמביציעס וואָס דו עפנסט אויף אין דיין שאַפונגס־ווערק־שטאַט. ווען דיר ווערן קלאָר די אומגעהויערע געפאַרן, די בערג און פעלזן און שלוכטעס און וואַסערן וואָס לויערן אויף דיין גוף־און־געביין; ווען דו פילסט אַז דו האָסט פאַר זיך אַ ספינקס וועמעס שאלות דו מוזט פאַרענטפערן — און זיך ברעכנדיק אויף די פעלזן פון די שאלות קאָסט דיך שטיקער לעבן און געזונט יעדן טאָג; ווען דו פילסט אַז דיכטער זיין מיינט מאַרטירער זיין; אַז דיכטן מיינט איינזאַמקייט און מ׳זוערע; מיינט פאַרצערט ווערן, ווי דאַנטע, וואָס זאָגט צום סוף פון זיין ווערק אַז דאָס ווערק האָט אים דאַר און קראַנק געמאַכט — ערשט דעמאָלט, אין שפּעטערע יאָרן, דערפילסטו דעם װ ו ע ר ט און די באַדייטונג פון דער ווענדונג צו דער מוזע, פון דער תפילה צום גאָט פון דיכטונג. פון דעם געבעט צו דער גרויסער געטין. דער פּאָעט, ווען ער הייבט אָן זיין עפּישע פּאָעמע, פילט זיך ווירקלעך הילפלאָז און איינזאַם. ער איז אַפילו נישט זיכער מיט די עטלעכע יאָרן לעבן וואָס עס דאַרף דויערן אָנצושרייבן זיין ווערק, זיין גרויסע דיכטונג. אַן איינזאַמער שטייט ער, אין טיפער געבראָכנקייט, פאַר זיין גרויסן גאָט. גרויסע טרערן שטראָמען פון זיין נפש. און ער בעט ביי גאָט קראַפט און מוט זיין ווערק צו אומפאַסן — די העלדן אין פולער קראַפט און געשטאַלטיקונג אַרויסצופירן — צו האָבן כוח גענוג אויף אָנצוגורטן זייערע לענדן און זיי פירן דורך אַלע געפאַר־פולע וועגן פון קאַמף, געראַנגל און טריאומף. ווי אַ קליין קינד ביים קלייד פון זיין מוטער — שטייט איינזאַמער דיכטער ביים ראַנד פון די הימלען אין דעם ריינעם און טויאיקן באַגינען און בעט פאַר זיין לעבן, פאַר נאָך מיליאָנען פולס־שלאָגן פון זיין האַרץ — און פאַר אימאַזש, פאַר זעאונג, פאַר דער מאַכט פון וואָרט, פאַר כוח פון געשטאַלטיקונג און פאַרמירונג, פאַר קרישטאָלענער קלאָרקייט, פאַר מעגלעכקייט אָנצוצינדן דאָס וואָס עס איז פ י ז י ש ט ו י ט צום מעכטיקן רעאַליזם פון דער דיכטונג.

ערשט אין שפּעטערע יאָרן פאַרשטייסטו די דאָזיקע ווענדונג און די אַלע פּאָעטן ווערן דיר נאָענט און טייער ווי ברידער. ווי גרויסע ברידער מיט צעקלאַפּטע פּנימער — אין געשלעג מיטן ביטערסטן פון אַלע שיקזאַלן — פון דער דיכטונג. ווי גרויסע ברידער פון איין וואונדערלעכער מאַמען — די גהינומדיקע און די גן־עדנ׳דיקע דיכטונג. און דו דערמאָנסט דיך אַז אונזערע נביאים, וועלכע דו האָסט געלערנט אין חדר, האָבן דירעקט זייערע רייד גערעדט אין נאָמען פון גאָט. האָבן זייערע ווערטער אָפּגעבראָכן פון די הימלען ווי שטיקער גראַניט. האָבן זיך אָנגעטאָן אין מאַמענטן פון נבואה — אין גאָט. זיינען באַ־פאַלן געוואָרן פון גאָט. זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פלאַמען פון גאָט און האָבן גערעדט פון די פלאַמען אַרויס — ביז צום פאַרברענט ווערן — אַזוי ווי פאַרמשפּטע מאַרטירער, אַזוי ווי העלדן שרייען אַראָפּ פון די תליות אַרונטער די לעצטע רייד, די לעצטע דערוואַר־גענע אויסגעשרייען, די לעצטע שטומע קרעכצן ווען דער געניק ברעכט

זיך איבער. אַזוי האָבן אין פלאַמען די נביאים געגעבן גערעדט צו דער מענטשהייט — צו אַלע דורות. און אונטער זייער דיכטונג איז געשטאַנען גאָט אַליין — דער העכסטער איבער אַלע דיכטער פון דער ערד; גאָט — דער דיכטער פון הימל. צום דאָזיקן אומגעהויערן דיכטער זייִנען אַלע אמתע דיכטער־קינדער פון דער ערד שולדיק זייער גרויסע שאַפונג.

ניו־יאָרק, 4 מאַי, 1947.

דער סוד פון קונסט

עס איז געווען פאַרנאַכט. מיר זייִנען געגאַנגען איבער אַ גרויסע בריק, איבער דער בריק פונם קליינעם שטעטל, איבער דער היימישער ווייכסל. עס איז געווען אַ בריק וואָס די עסטרייכישע מיליטערישע מאַכט האָט אויסגעבויט. און עס איז געווען די ווייכסל, די פוילישע ווייכסל, מיט אירע קלאָרע, זילבערנע וואַסערן. מיט די אינזלען פון רויטע זאַמד. מיט די ברעגן פון פשוטע ערד, גרין באַצויגן. מיט קרומע, פוילישעביימער, מיט כאַטעס מיט שטרויענע דעכער, מיט וועגן וואָס ציען זיך פאַרטראַכט אין פוילישן לאַנד אַריין.

איך בין געגאַנגען מיט אַ גרופּע פריינט איבער דער בריק. עס האָט די נאַכט נאָכאַנאַנד געשפּונען אַרום מיר אַ בלויען שפּינגעוועבס, אַ צאַרטן זייד, אַ וואונדערלעכן זייד פון די דינסטע פעדים. און איך בין געווען פאַרשטריקט אין דעם דאָזיקן איידעלן, פאַנטאַסטישן זייד. עס האָט מיר ווײי געטאָן. די דינע פעדים האָבן מיך געוואָרגן, און מיך אינגאַנצן איינגעהילט.

און פון דער טיפעניש פון דער ווייכסל קומען אַרויס אַלערליי גייסטער. עס קומען אַרויס משוגעים און קעניגן, מיט פאַרקרימטע פּנימער פון שמערץ. עס דערשייִנען דערטרונקענע מיידלעך און אינגלעך, וואָס האָבן זיך דאָ אין די פאַרגאַנגענע יאָרן געבאָדן און זיך געפרייט מיטן זומער, מיט דער נאַטור, מיט דער קילקייט פון די כוואַליעס. עס דערשייִנען בעטלערס און פּרינצן, שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט. און מענער אין מיליטערישע מונדירן, געפאַלן אין אַ סך שלאַכטן. און דו טראַכסט אַז אונטערן וואַסער, איידער דער טייך האָט זיך דאָ באַזעצט, איז פאַראַן אַ פּוילישע לאַנדשאַפט, די גרינע לאַנדשאַפט, פון בערג און טאָלן, און ביימער גרינען נאָך דאָרט אונטן, מיט זייערע גרינע און אויסדרוקספולע בלעטער, און פשוטע בלומען וואַקסן אַרויס פון דער ערד ווי גאָלדענע צירונג. דו דערקסט אָפּ פון דער טיפעניש פון וואַסער די געוויינלעכע לאַנדשאַפט פון פוילישער ערד, אַזוי ווי זי איז געווען זייט דורות דאָ. און די ווייכסל אָטעמט פאַר דיר אויף מיט געשיכטע. מיט מלחמה און שלום. מיט צייטן פון בלוטיקע שלאַכטן און מיט צייטן פון רו, ווען צו די פעלדער קערט זיך אין פרילינג צוריק דער פּויער מיט זיין אַקער און ער שניידט זיס־און־שמערצפול איין אין דאָס ווייבלעכע, דאָס קרעפטיקע לייב פון דער ערד. און עס זינגט דער פויגל זיין היימיש, זיין הייזעריק געזאַנג ערגעץ צווישן די צווייגן פון אַן אין דער ערד אויף טויזנט יאָר פאַראַנקערטן דעמב און ביינאַכט קלינגט אויף די נאַכטיגאַל איר רייך און הערלעך ליד פון ליבע...

איבערן הימל, בשעת די בלויע נאַכט, געוועבט מיט רויטע און

מיט פורפורנע פעדים, איז צוגעפאַלן — האָט זיך געצונדן אַן אילומי־נאַציע פון שטערן, אַזוי ווי אַ שמש פון דאָזיקן אומגעהייערן קאָסמאָס־בית־המקדש וואָלט זיי אָנגעצונדן. און אַ שטיק לבנה איז אויפגעגאַנגען — אַן אַלטע, אָפּגעריבענע, קופּערנע מטבע — אויף דער העלפּט איבערגעבראָכן.

עס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך־זיידענע, צאַרטע לאַנדשאַפט, דאָ געוועבט פון זייד, דאָ געשמידט פון קופּער, דאָ אויסגעהאַמערט פון גאָלד, פון גענאַלע, וואַנזיניקע הענט פון אַ גאָלדשמידט, וועמענס פלאָם־פינגער האָבן נאָך געלאָזן פלעקן אויף די שטערן, אויף דעם שטיק לבנה. און עס איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג פון וואָלקנס. און וועזנס האָבן זיך הויך אויפגעהויבן, אומגעהייערע וועזנס, פון דער ערד ביז צום הימל, און זייערע פליגל זיינען געווען ווי בלויער סאַמעט, דורכגעמישט מיט דינע פעדים פון גאָלד. און ביי אַ טייל האָבן די פליגל אין דעמערונג געברענט, ווי גרויסע שרפות פון בענדזין־קוואַלן. און מלאכים מיט זיס־עקסטאַטישע פּנימער זיינען געווען אין דער לופט — וואונדערלעכע פּנימער — פון ריינע גאָלד...

און בשעת מיר זיינען אַזוי געגאַנגען אין דער נאַכט, רופט זיך אָן איינער פון דער גרופּע, אַ מאַלאַרזש, מיט אַן אָפּגעברענטן פּנים, אַזוי ווי אַ הימלישע האַנט וואָלט אים אַ גלעט געטאָן און פון דעם צאַרטן גלעט וואָלט זיין פּנים אויף אייביק אָפּגעברענט געוואָרן:

— גיט מיר עטלעכע זלאָטעס זילבערנע, און איך וועל אייך מאָלן אַן „אָבראַז" (בילד) פון דער גאַנצער לאַנדשאַפט, פון דער לבנה וואָס איר באַוואונדערט אַזוי שטאַרק.

די רייד זיינע זיינען געפאַלן ווי אויפן וואַסער. קיינער האָט זיי נישט געהערט. נאָר איך האָב זיי גוט פאַרנומען. און זיי זיינען מיר זינט דעמאָלט אַריין אין האַרצן. איך האָב געשטוינט אויף דער אַמביציע פון דאָזיקן אָפּגעברענטן מאָלער, מיט זיינע קרומע, פינצטערע און צעבויגענע הענט, וואָס האָבן געהאַט די אַמביציע צו מאָלן די דאָזיקע לאַנדשאַפט, צו אריינקלעמען אין רויען, האַרטן לייוונט — די דאָזיקע אומגעהייער־דינע, זיידענע און לירישע לאַנדשאַפט. דער מאַן שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן — מיט זיין געהיימען, אַלכעמישן סעקרעט. איך האָב אין דער נאַכט געקוקט אויף זיינע הענט און זיי געוואָלט קושן. די הענט וואָס קענען דעם דאָזיקן געוואַלטיקן פירמאַמענט אַ טראָג איבער געבן אין דעם רוים פון אַ בילד, קענען אים איבערציען מיט אַלע קאָלירן און שטימונגען, אָט אַזוי ווי גאָט האָט אים מיט זיין אָטעם אויפגעבלאָזן אין דעם קאַלטן און ליידיקן רוים, און אויף אייביק אַוועקגעשטעלט אין קאָסמאָס, צום שטיין בלייבן דורך אַלע דורות און דורך אַלע צייטן.

ווען איך וואָלט געהאַט די עטלעכע זילבערנע זלאָטעס, וואָלט איך זיי אים געווען דערלאַנגט, און אים איינגעלאַדן צו דער אַרבעט. איך בין געווען נייגעריק צו זען ווי אַזוי ער טוט עס — דעם דאָזיקן גרויסן סוד פון רעפּראָדוקציע, ווען דער מענטש, דער שטערבלעכער מענטש, ציט אַרונטער צו דר'ערד די הימלישע פּאַנאָראַמאַ און ער שטעלט זי אַוועק, אַזוי ווי ער וואָלט זיין אַ קליינער גאָט, אויף דעם קאַנוועז. ווי אַזוי טוט ער עס? ווי אַזוי ווערט די קאָסמישע לאַנדשאַפט איבערגעבוירן אין זיין ווערק? וואָס קומט פאָר אין אים, אין

מענטש, זוען ער שאַפט ? וועלכע געטלעכע כוחות פאַרזאַמלען זיך אין זיין געביין — ווען פאַרבן קושן אים דעם מוח, קושן און ברענען זיין האַרץ, און כוואַליען און טריפן פונם הייסן פענדזל ווי בלוטס־טראָפּנס אויפן לייוונט — אימיטירנדיק און זיך פאַרוואַנדלענדיק צו שטערן און צו לבנות און צו געהיימנישפולע מלאכים...

דער דאַזיקער סעקרעט, די דאַזיקע געהיימניש, דאָס ברענענדיקע רעטעניש, האָט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. און ווידער און ווידער קער איך זיך אום דורך די צייטן צום דאַזיקן איינזאַמען מענטש, דער ערשטער פּרימיטיווער קינסטלער וואָס איך האָב געטראָפן אין מיין לעבן, וואָס האָט געהאַט די געטלעכע אַמביציע צו שאַפן קונסט און וואָס האָט פון הימל געוואָלט גנב׳ענען די לבנה און די שטערן, פעסט־צוגענאַגלטע צום הימל, ווי צוגעקרייציקטע, כדי זיי צוצושפּילעוון צו זיין קאַנווע. פאַרן דאַזיקן ערשטן קינסטלער פון שטעטל — וואָס איז אַוודאי פאַרלוירן געוואָרן אין שטעטל, אין זיין גרויסן חלום — שטיי איך אין שטוינונג און איך זוך צו אַנטפּלעקן דעם געהיימניש פון זיינע הענט, און דורך אַ טויזנט עסייען האָב איך אים שטודירט און אין טיפע נעכט, ווען די לבנה שטראַלט און טריפט מיט פלאַם־גאָלד איבער מיין געלעגער, וואַך איך אויף אין שרעק און אין וואונדער.

דער דאַזיקער מאָלער, ער וואוינט אין מיר, ער איז אַריין אין מיר מיט זיין לייב און לעבן און מיט אַלע זיינע אַמביציעס און ער זוכט דורך אַלע צייטן די לבנה אַראָפּצוציען אויף דער ערד — און די שטערן צו פאַרכישופן און צו פאַרטרינקען מיט זיין מענטשלעכן טרויער, און אַנצוצינדן אויפן קאַנוועז פון דער ערד די גאַנצע אומגעהויערע הימלישע פּאַנאָראַמע... ניו־יאָרק, יולי, 25, 1945.

די ערד

איך בין היינט דורכגעגאַנגען דעם פּאַרק. אַלץ איז געווען אונטער שניי. אונטער דעם זיך שמעלצנדיקן, שטויביקן, ערדישן שניי. הגם עס איז געווען אַנהויב פעברואַר, האָב איך שוין געפילט דאָס הער־לעכע, דאָס דינע און צאַרטע געפיל פון פרילינג, וואָס איז דורך אַלעם דורכגעגאַנגען ווי אַ גרויסע געטלעכע ליכט. וואָס האָט אַלעמען באַרירט מיט זיין געהיימער, ספּיריטועלער האַנט. דאָס אייז האָט זיך געשמאָלצן, זיך געבראָכן, ווי אַלט גלאָז.

די קינדער האָבן זיך געשליטלט באַרג אַראָפּ און עס איז געווען אַזוי שיין זיך צו שליטלען, צו באַרירן די רויע, די קאַלטע ערד. מאַנכע פרויען — נאָך איינגעהילטע אין די פוטערס, נאָך איינגעהילטע אין שטיקער ווינטער־וואַטע, זיינען געזעסן אין די שטראַלן פון דער זון, זיינען געזעסן אויף די בענק, ווי פאַרכישופטע געטינס. עס איז זיי געווען קאַלט. ווי שיין זיי וועלן פאַראַדירן אין פרילינג — ווי זיי וועלן זיך איינהילן אין גאַטס קאָלירן — אין די הערלעכע קאָלירן פון דער נאַטור.

נאָר איך שטיי אויף אַ בערגל און קוק אַרונטער אין טאָל. עס שמעקט פון אַלעם — מיט ערד. מיט רוי־ערד. מיט פאַטענטער ערד.

איך טראַכט פון די דורות וואָס די ערד האָט שוין איינגעשלונגען. און די דורות מיט געזיכטער — ווי מיינס, צו דער זון אויפגעהויבן אין פרייד, און צו דער ערד געזונקען אין טרויער. די ערד — זי עסט אַלץ אויף. די אור־חיות וואָס האָבן זיך מאַיעסטעטיש אויסגע־שפרייט איבער די רויע, די ווילדע לאַנדשאַפטן. די חיות פון אַלע צייטן. און די פייגל אין די וועלדער, אין דער לופט, צווישן די צווייגן וואָס טראַפיען זון־פייער ווי מיט גליענדיקן האָניק. די פיש, טיף אין די וואַסערן, מיט אַלערליי פאַרבן און ליכטער און לאַמטערנעס. די ווערים פון דער ערד — די וואָס פויזען אייביק אַרום אין דער טי־פעניש און וואַרטן אויף זייערע מתים.

גאַר דאָס לעבן — אַפילו ווען עס הויבט זיך הויך און כוואַליענ־דיק אויף, ווי בעעטאָוון, ווי איזאַדאָראַ דונקאַן, ווי איקאַרוס, אָדער ווי לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי — גאַר דאָס לעבן הויבט זיך אויף הויך און פאַלט צוריק אַרונטער צו דער ערד, ווי די כוואַליעס צום ים־שויס...

די ערד ברענגט אַרויס זייט טויזנטער יאָרן דאָס לעבן — און נעמט עס צוריק צו. די ערד איז פול מיט די קנאָכנס פון דורות. פול מיט גאַר דעם לעבן. וואָס האָט אַמאָל געבלעדעט צו די הימלען. די ערד פאַרצערט אונזער פלייש, אונזערע ביינער, אונזערע קנאָכנס און אונזער בלוט. אַלץ, אַלץ פאַלט אַרונטער אין דעם טיפן טאָל פון דער ערד. די ערד עסט אונז לעבעדיקערהייט. אָן רחמנות. מיר מאַכן מלחמות און מיר זויגן זי אָן מיט אונזער בלוט. מיר פויען זי אָן, ווי אַ ריזיקן מאָנסטער — מיט אונזער הייס־זודנדיקן, נביאימדיקן בלוט.

איך שטיי דאָ ווי דער צעשויבערטער נביא יחזקאל, פאַרן טאָל מיט אויסגעטריקנטע ביינער. פאַרן טיפן טאָל מיט די בערג פון קנאָכנס — דאָס איבערבלייב פון גרויזאַמע מלחמות. איך לייען ווידער דורך גאַר די פּאָעזיע פון טויט. פון ט. ס. עליאָט, עדגאַר עללען פּאָו, א. מ. דילאָן, דעם תנ"ך און דאָס אוראַלטע עגיפּטישע טויטנבוך. איך לייען דורך די וועלט־פּאָעזיע פון טויט — און איך ווער איבערגעשלאָגן פון דעם פריילעכן געשריי פון קינדער. פון דעם רופן פון די יונגע מוטערס, וואָס קוקן פאַרזיכטיק נאָך יעדע באַוועגונג פון זייערע קינדער. איך טראַכט: אונזער גאַנצע לעבנס־קאָמעדיע קומט פאָר אויף דער ערד. מיר ווערן דאָ געבוירן. מיר שפּייזן זיך פון שויס פון דער ערד. מיר קומען דאָ אום. מיר שטאַרבן אַלט אין יאָרן — שווער פאַלנדיק צו דער ערד, ווי אַ שטיק פאַרטריקנט ערד וואָס פאַלט ביים זייט פונם שאַרפן אַקער, ווען דער אַקערער שניידט איין דאָס לייב פונם פּלאַנעט. אַלץ קומט דאָ פאָר. און ווען מיר פּרוואוון זיך הויך אויפהויבן, שטראָפט אונז די נאַטור. מיר טויטן זיך דעמאָלט אויס קעגנזייטיק. מיר פאַרניכטן זיך. מיר עסן זיך אויף איינע די אַנדערע. מיר בייסן זיך איין. דאָס איז אונזער גורל, ווען מיר רעוואָלטירן קעגן דער אוניווערסאַלער ערד־גראַוויטאַציע. — — — — — — —

— —

די ערד איז רוי און פייכט. אין אָנהויב פעברואַר־טאָג הילכט שוין אַ געוואַלטיקער גלאָק פון פרילינג; דער גלאָק — די זון מיט אירע פלאַמען, וואָס קלאַפּט מעכטיק און שטורמיש אינם קופּער פון דעם

Vogel

הימל־דאַך. איך שטיי, ווי יחזקאל הנביא איז געשטאַנען, אין טרויע־ריקער מעדיטאַציע — פאַרן אוניווערסאַלן פאַקט: אַלע דורות גייען שלאָפן אין דאָזיקן געוואַלדיקן האָטעל — אין דער ערד. און עס הערשט ניט קיין טרויער אין דער נאַטור איבערן פאַקט פון טויט. יעדער אַקצעפּטירט סטאָאיש זיין גורל. נאָר דער פאַרשאָלטענער, נערוועזער, זיך שרעקנדיקער און בייראָניסטיש־אומרואיקער מענטש, ער גייט אַרום מיט טרויער איבער דער ערד. ער, וואָס זעט די יאָרטויזנטער פאַר זיין דערשיינונג און וואָס קען אַ בליק טאָן איבער די יאָרטויזנטער פאָראויס. נאָר ער, דער בלאַסער מענטש, דער וואָס האָט זיך דער־הויבן צום נביא און צום געגעכטיקייטס־זוכער, איז טרויעריק...

אַלץ גייט צום טויט אָן רעוואָלט — אין אָן אומענדלעכער פּראָ־צעסיע. נאָר מענטש האָט די געטלעכע און טראַגישע אייגנשאַפט אַריבערצוקוקן איבער זיין טויט — איבער זיין קבר — יאָר־טויזנטער פאָראויס. מענטש איז טראַגיש, ווייל ער פאַרשטייט זיין טראַגעדיע...

ניו־יאָרק, 4 פעברואַר, 1945.

פאַרנאַכט אין לאַנג-איילאַנד

דער ווינט האָט געשפּילט אויף די ביימער ווי אויף פידלען. עס איז געווען אַ ווינטיקער טאָג, אַ מיט גאָלד און מיט האַרבסט־בלעטער און מיט לעצטע אַדיעיען און מיט נאָסטאַלגיע אָנגעפילטער טאָג — איינער פון די לעצטע טעג פון דעם אומשטערבלעכן חודש סעפּטעמבער. איך בין אַן איינזאַמער צוגעקומען צום טאָל פון גרינע גראָז און זיך אויסגעצויגן איבער דער ערד. און פּלוצלונג האָב איך זיך געזען אַליין און איך בין גערירט געוואָרן פון מיין אייגענער פּאָזע.

איך בין געלעגן נידעריק אויף דער ערד אַזוי ווי אַ קליין אינגל. אַזוי ווי אין די טעג פון מיין קליין אינגלשאַפט, ווען איך פלעג, ליגנדיק, פאַרגעסן אין דער גאַנצער ערד און אַריינקוקן מיט שרעק אין דעם שטורמישן אַבראַז פון די וואָלקנס. עס איז ערגעץ וואו געבליבן שטעקן דאָס פּוילישע שטיקל ערד און דאָס קליינע אינגל וואָס מאַכט די ערד נאָס מיט טרערן. עס האָט געמוזט זיין אַ מאָמענט ווען איך האָב דערפילט די שווערקייט פון דער צוקונפט. ווען איך האָב דערזען מיין גאַנג אין לעבן — שווער און פינצטער און געקושט פון בליצן. איך קוק איצט אַריין אין הימל. עס גייט אַ ריזיקער הימל מיט זיינע אומגעהייערע וואָלקנס. עס גייט אַ ים איבער מיר אַ שטורמישער און איך ווער נישט פאַרגאָסן פון זיינע כוואַליעס. און ווי אין יענע ערשטע טעג ווען איך האָב דעם הימל דערזען, דערשרעק איך זיך אויך איצט פאַר זיין שטורעם. פאַר זיין אומגעהויערקייט. איך זע ווי דער הימל קומט אַלץ נענטער צו מיר. פאַלט אַרויף אויף מיר. און איך טראַכט: פעלקער האָבן דאָ אַריינגעקוקט. די דאָזיקע וואָלקנס זיינען געלאָפן ביים געבורט פון די פעלקער. פון די אורפעלקער פון דער ערד.

נידעריק צו מיר שטייען די ביימלעך. דאָס קינד מיט דער מו־טער וואָס זיינען דאָ מיט אַ ווילע צוריק געשטאַנען, האָט זיך גע־שפּילט מיט די דאָזיקע קליינע, קינדערשע ביימלעך.

איך בין שוין לאַנג נישט געווען אַזוי נידעריק צו דער ערד. אַזוי נאָענט צו די ביימלעך. ווען דו ביסט קליין אינגל, ביסטו נאָענט צו דער ערד. דו שפּילסט זיך מיט דער ערד. דאָס קליינע אינגל שפּילט זיך מיט דער גרויסער ערד. ווי מיט אַן אומגעהייערער פּילקע. שפּעטער וואַקסטו אויס און דו פאַרגעסט אין דער ערד. דו טורעמסט דיין קאָפּ אין די הויכקייטן. דיינע בראָנזענע פליגל גרייכן ביז צו דער זון. נאָר עמעץ שלאָגט דיך די גאַנצע צייט. און פּלוצלונג קומט אַ מאָמענט ווען דו ביסט ווידער נאָענט צו דער ערד. ווען דו דערמאָנסט דיך דיין קינדהייט. ווען דו ביסט ווידער קליין פאַר גאָט ווי אַ קינד.

און אָפן ליגט אין גראָז דאָס בוך פון לידער. איך האָב געהאַלטן אין לייענען אָמאַר כאַיאַמס לידער, ווען פּלוצלונג האָט די זון גע־נומען אונטערגיין און אָנצוגיסן מיר געשליפענע גלעזער מיט רויטן וויין.

די פרוי מיטן קינד זיינען אַוועק. זיי זיינען אַוועק פון מיר. איך בין דאָ געבליבן ליגן אַן איינזאַמער. פאַרגעסן פון מענטש און פון גאָט.

דער פּערסישער שאַך

עס איז געווען דאָס ערשטע בוך וואָס האָט מיך אינטריגירט, וואָס האָט מיך געמאַכט צו טראַכטן וועגן דעם מענטשלעכן שיקזאַל. איך האָב ביי אונזערס אַ שכנה געפונען דאָס דיקע בוך פון מעשות. עס איז געווען געבונדן אין לעדער און די בלעטער זיינען געווען פאַרגעלט און אויסגעריבן ווי אַן אַלט סידורל, אין וועלכן דורות האָבן געדאַוונט צו גאָט. צווישן די פילע ביכלעך, איינגעבונדענע אין דעם דיקן באַנד, איז געווען איין דין ביכעלע וואָס האָט געהייסן „דער שאַך פּערסקי״.

אין דאָזיקן ביכעלע איז געווען דערציילט וועגן דעם ווי דער פּערסישער שאַך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פויגל און ער האָט געמוזט אַ פאַרשאָלטענער וואַנדערן איבער דער מדינה, אין ווייטע מרחקים. די דאָזיקע דערציילונג האָט מיר צעבראָכן דאָס האַרץ. איך געדענק שוין נישט געגעבוי די איינצלהייטן פון דער דערציילונג. אויך ווייס איך ניט צי איז די מעשה געווען אַרויסגענומען פון דעם בוך מעשות פון טויזנט און איין נאַכט, צי פון אַן אַנדערן קוואַל פון אַלטע מעשות.

מיין טאַטע איז דעמאָלט נישט געווען אין דער היים. די מאַמע איז געווען קראַנק. עס האָט געמוזט זיין אין קאַלטן, שפּעטן האַרבסט. איך בין געזעסן אין אַ ווינקל און איך האָב איינגעזאַפּט צוזאַמען מיטן טרויער פון האַרבסט די אומהיימלעכע באַשרייבונגען פון דעם פּערסישן שאַך. זיין גורל האָט מיר צעבראָכן דאָס האַרץ. האָט מיך געשראָקן און אַנגעזאָגט וועגן מיין צוקונפט. ווען איך פלעג אַרונטערגיין אין שטעטל, און איך האָב געטראָפן מענטשן און פייגל, האָב איך זיי אַנגעקוקט מיט אַ מאָדנעם טרויער. מיר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס זיינען פאַרשטעלטע מענטשן. אַז די מענטשן זיינען אַרויס פון די אַלטע, פאַרוואַקסענע קברים מיט ערדישע פּנימער, באַקלעפּט מיט ווערים. אַז די פייגל זיינען רחמנא לצלן פאַרשטעלטע פייגל — אַמאָליקע קעניגן און פּרינצן; פּרינצעסינס און פירשטינס, וואָס וואַנדערן אויף דער טרויעריקער ערד, פול מיט זכרונות פון זייער אַמאָליקער גלאָריע. די דאָזיקע מכלומרשטע ריאַלע וועלט איז אין דער אמתן געווען אַ פאַרשטעלטע, אַ מאַסקירטע, אַן אַנגעטוענע און פאַלשע, פאַרביקע פּעדערן.

דער קעניג פלעגט זיך טראָגן איבער ווייטע דיסטאַנצן, אין אַלע בייזע און שטורעמדיקע וועטערן. דער קעניג איז געשלאָגן געוואָרן פון ווינט און פון וויי. פון אַלע שטורעמס פון דער וועלט איז ער ביטער געפּאַטשט געוואָרן. די פליגל — מידע און צעבראָכענע. די אויגן — פאַרוויינטע און פאַרטרערטע. דער קעניג ווערט פאַרפאָלגט פון דער נאַטור און פון שיקזאַל. פאַלשע, געמיינע מענטשן האָבן פאַרכאַפּט דעם קעניגס טראָן, זיינע פּאַלאַצן, רייכטימער און שיינע פרויען. ביינאַכט יאָמערט דער קעניג־פויגל אויף זיין שיקזאַל אין אַן איינזאַמער קרעטש־מע. דער טרויער פונם פויגל איז אומענדלעך.

די דאָזיקע געשיכטע איז מיר אַריין אין האַרצן. דורך אַלע בלע־טער פון דער וועלט־ליטעראַטור וואָס איך האָב געלייענט, איז פאַר מיינע אויגן דורכגעגאַנגען די דאָזיקע ווייסטע דראַמע פון דעם קעניגס גורל. דער קעניג איז אַ געפאַנגענער אין כישוף. דער כישוף פרעסט אויף די יאָרן, דאָס לעבן פונם קעניג. דער קעניג איז געפאַנגען אין די קייטן פון כישוף. און איך בין געווען געפאַנגען אין זיין כישוף. שטיקער כישוף זיינען געפאַלן, ווי פאַרהאַנגען־שטראַלן פון אַ גרויסן זון־אונטער־

גאַנג, אויף מיין אינגלעריש פּנים און נשמה. דער בייזער כישוף האָט מיך פאַרבלענדט. ווי אַן אומגעהייערער פאָרהאַנג האָט מיך דעם קעניגס שיקזאַל געהאַלטן געשפּאַנט אין זיינע פאַלדן. דער פאָרהאַנג האָט מיך איינגעהילט אין זיינע זיידענע שלייערן, וואואַלן און בענדער. אומענדלעך איז געווען דער פאָרהאַנג, ווי די אומענדלעכקייט. אָ, דער גאָלדענער כישוף האָט זיס און ביטער אַריינגעטריפט אין מיין האַרצן. דעם קעניגס שיקזאַלס־געשיכטע איז אַרונטער אין מיין האַרצן.

און איך בין זינט דעמאָלט אַ באַזעסענער פונם טיפן מוסר השכל. איך בין זינט דעמאָלט אַ פאַרשטעלטער און אַן איינזאַמער אין דער וועלט.

ניו־יאָרק, יאַנואַר 24, 1949

מיין טרויער

מיין טרויער — אַ שוואַרצע בלום, וואָס עפנט פֿאַנאַנדער אַלץ נייע שוואַרצע בלעטער. די בלעטער הילן מיך איין. איך בין אַ גע־פּייניקטער פֿון דער ברוטאַלער בלום. איך ווער דער אינסעקט אין די טיפֿענישן פֿון דער בלום. די בלום בויגט זיך אַריבער מיר מיט אירע שוואַרצע בלעטער — ווי מיט שוואַרצע הימלען.

⁂

גייענדיק ביינאַכט אַהיים, האָב איך געפֿילט אונטער מיר און פֿאַראויס פֿון מיר — אַ שלעכטן שאָטן פֿון אַ מענטש. דער שאָטן האָט זיך איבער דער ערד געדרייט ווי אַ שלאַנג. איך האָב אינסטינקטיוו דערפֿילט געפֿאַר. דער שאָטן איז געוואָרפֿן געוואָרן אין דער נאַכט־אומענדלעכקייט פֿון אַ פֿינצטערן מענטש, אַ מערדער. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך פֿאַר זיך דערזען אַ רשע, אַ ביטערן מענטש, מיט אויפֿגעפֿלאַמטע אויגן. אין זיין שאָטן האָב איך דערפֿילט זיין פֿינצטערן כאַראַקטער.

⁂

אַ וואַזאָן מיט בלומען אין אַ פֿענצטער מאַכט גליקלעך דאָס האַרץ. אַ שמייכל אויפֿן פּנים פֿון אַ אַ מענטש מאַכט ציטערן דיין געמיט. פֿון ווייטנס אַ קלאַנג פֿון אַ ליד — און דו ביסט נישט אַליין אין דער וועלט. אין הימל די לבֿנה מיט אַ זיידענע מאַסקע פֿון גאָלד־קאַליר — און דער פּאָעט איז שיכור פֿון שמערץ און פֿון פֿרייד.

⁂

איך האָב היינט ביינאַכט געזען די שטערן אין הימל — צעוואָרפֿן ווי די שטערן פֿון גאָרטן, וואָס שיכורע הענט האָבן איבערן הימלישן פֿירמאַמענט צעוואָרפֿן. שיכורע מלאכים האָבן געשפּילט אויף די משוגענע קאָרטן פֿון די שטערן...

⁂

געזען אין סאָבוויי ווי אַ מוטער האַלדזט איר קינד. ביידנס קעפּ שטויסן זיך אָן אין ליבשאַפֿט. מוטער ווערט ברייטער, לענגער, מו־טערדיק־אַרומנעמענדיקער איבערן קינד. זי ציט זיך אויס איבערן קינד ווי אַ גרויסער וואַרעמער מלאכס פֿליגל. זי וואַקסט אויס איבערן גאַנצן קינד. און קינד ווערט קלענער, קינדישער, קליינטשיקער, ערנסטער. קינד ווערט צוריק פּיצעלע קינד — פּיצינקע עמבריאָן — זי וויל ממש אַריין צוריק אין דער מוטערס בויך — פֿילן אַרום זיך דער מאַמעס הייסער אינגעווייד. מען פֿילט ווי מוטער און קינד זיינען אין מאַטעריאַל, איין שטאָף. פֿון איין ליבשאַפֿט געמאַכט. אַזוי ליבט די זון די פּלאַנעטן וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון איר פֿייערדיקער אינגעווייד.

⁂

איך בין אויף אַ מאָמענט אַריינגעגאַנגען אין צענטראַל־פּאַרק, כדי אָפּצואָטעמען פֿון דער שרעקלעכער שטאָט, פֿון דער בייטאָגיקער היץ, פֿון בענקשאַפֿט נאָך גליק, פֿון טויזנט אַנטוישונגען אין די מענטשן. עס האָט געשמעקט מיט אלולדיקער שטימונג. די גרילן האָבן צווישן די פֿייכטע גראָזן געזעגט. די גרילן האָבן געזעגט אין מיין

האַרץ. פון דער רייפקייט פון פּאַרק איז אויפגעגאַנגען אַזאַ רייפער, האָניק־גאָלדענער טרזיער. דער נעפּל איז געוועזן געדיכט. די גרילן האָבן איבערגעשלאָגן מיינע רעיונות מיט זייער הייזעריקן זעגן. די יאָרן גייען, די יאָרן קומען, די זומערן גייען, די ווינטערן קומען — און קיין גליק נעמט מיך אַלץ נישט אַרום. און דער שמערץ גייט צו ביזן האַרץ. און דער פּאַרק איז פול מיט שטאַרבן.

***

פאַר מיר זיינען די ווערטער ווי די נאַסע פענדזלען ביים מאָלער אין ערדענעם טאָפּ. איך וואַרף מיינע ווערטער ווי פאַרבנפלעקן. זיי קלעפּן זיך אָן צום פּאַפּיר ווי די הייסע פאַרבן צום קאַנוועז. איך וויל מיט ווערטער מאָלן — נישט שרייבן. איך לייג קיינמאָל מיינע ווערטער־פענדזלען נישט אַוועק. איך טונק זיי שטענדיק איין אין הייסן האַרץ פון דער זון.

***

איך האָב היינט פרי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער — דער גאַנצער הימל איז געווען ווי אַ גיגאַנטישע בלום וואָס שפּרייט פאַנאַנדער אירע גרויסע, דורכזיכטיקע, בלויע בלעטער. און ווען איך האָב אַרויפגעקוקט צום הימל, איז די ערד אונטער מיר פאַרשוואונדן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז איך פאַרליר די שווערקייט אונטער מיר. אַז מיין קערפּער טראָגט זיך אין דער לופט מיט דער לייכטקייט פון עטער אַז מיינע פליגל זיינען — דער גאַנצער הימל, אַלע זיבן הימלען זיינען מיינע פליגל. איך האָב אויפגעאָטעמט מיט דער גאַנצער לופט פון קאָסמאָס.

***

די מוטער מיטן קינד זיצן אין גאָרטן. גרויסער טאָג עפנט זיך ווי אַן אומגעהויערע פּאַנאָראַמע. די זון פליצט שווער מיט גאָלד. די בלומען בליען ווי מיניאַטור־זונען אין גאָרטן. אַ קליינע מאַרמאָרנע סטאַטוע פון אַ שמייכלענדיקער גאָטין. דאָס קליינע מיידעלע איז שיכור פון לופט און זון. זי פריידט זיך מיט זיך אַליין. זי האָט הנאה פון איר קינדישקייט. מוטער דעקט אָפּ אירע נאַקעטע קניעס צו דער זון. אונטער איר שפּראָצט אויס אַ וואַסער. זי באָדט זיך אין אַ וואַסער פון גאָלד.

***

עס איז שפּעט ביינאַכט. דער קאָנגרעס איז געענדיקט. אַלע רעדעס זיינען שוין געהאַלטן געוואָרן. אַלע רייד אויסגערעדט. דאָס וואָרט איז אַזוי שטאַרק עקספּלואַטירט געוואָרן. אַלע גייען אַהיים. שטייט אויפן גאַס דער בלינדער שפּילער און ער שפּילט אויף אַ פידל. זיין מעלאָדיע דערמאָנט אין אַלטע ציטן. זיינע הענט זיינען געלע ווי וואַקס. די רויטע פידל ציטערט אין זיינע הענט. דער מאַן איז אַלט. און אַלט איז די פידל. און אַלט איז דאָס ליד. און איבער מענטשן און הייזער פאַלן די טענער. און עפּעס ווערט דיר טרויעריק אויפן האַרצן פון אַלע מענטשלעכע רייד, וואָס זיינען דער אויסדרוק פון כבוד־זוכעריי, פון פאַלשקייט, פון באַרימעריי און חניפה. איינזאַם שטייט דער מאַן מיט דער רויטער פידל און ער זאָגט מוסר דער וועלט. אַ פידל — אַ פייער. דעם מאַנס הענט — ווי וואַקס. די מע־

לאַדיע — אַן אַלטע, אַן אוראַלטע, פון גרויע פּאַרציייטנס. אָבער איר קהלת־טאָן איז פּריש און פאַלט איבער די קעפּ פון די מענטשן מיט דער שווערקייט פון אייזן.

***

איך זיץ אין גרויסן, געריימען זאַל. פייערלעך איז דעקאָרירט די טריבונע. פייערלעך די מענטשן. עס איז אַ מאַניפעסטאַציע פון לעבן. נאָר איך זיץ אַ טרויעריקער. איך פיל דעם פּאַרפיום פון האַרבסט. דורך די פענצטער ריפּעט אַריין דער ווינט, ווי ער וואָלט אויסקרעכצן זיין טרויער, ווי ער וואָלט שפּילן אויף אַ באַס. עס שמעקט מיט פוילנדיקע בלעטער. עס ווייעט מיט האַרבסטיקן טרויער. אַ מחשבה גייט דורך — די אַלע מענטשן דאָ, אַזעלכע פייערלעכע, וועלן אויפגעגעסן ווערן פון צייט. זיי וועלן אין הונדערט יאָר אַרום דאָ נישט זיין. אַלץ וועט ווערן אויפגעגעסן פון ווערים. די געביידע וועט ווערן אַלט און זינקען צו דער ערד. און מיטן זעלבן ענטוזיאַזם וועט אויפגיין אַ נייע מענטשנכוואַליע און ברויזן אין פרייד ביזן הימל. און אויך זיי וועלן אַלט ווערן. אויך זיי וועלן פאַלן. וועלן אויפגעגעסן ווערן פון צייט און פון ווערים. און איבער די בית עולמס וועלן רוישן די מחנות רויטע בלעטער. אַ ווינט וועט הייזעריק ריפּען צווישן די קברים...

***

שפּעט ביינאַכטיקע מחשבה: די ערד וועט ווערן מיד און אַלט. דער לעצטער מענטש וועט שטאַרבן. עס וועט זיין אדם, דער לעצטער און עלטסטער מענטש וואָס וועט שטאַרבן, און מיט אים וועט זיך ענדיקן די מענטשהייט. און די ערד וועט ווערן באַזעצט פון אינסעקטן. די אינסעקטן וועלן אויפעסן די ביינער פון אַלע מענטשן־דורות. זיי וועלן אַטאַקירן די חיות און זיי פאַרניכטן. זייער צאָל וועט זיין אַזוי גרויס אַז זיי וועלן אַטאַקירן לייבן און טיגערן און זיי אויפעסן. זיי וועלן זיך מערן אויף דער ערד אָן אַ צאָל. און צום סוף וועלן זיי אין הונגער אויפעסן די ערד. זיי וועלן אויפעסן זיך אַליין, איינע די אַנ־דערע. בלויז דער סקעלעט פון דער ערד וועט וואַנדערן אין רוים, ביז ער וועט זיך צעפאַלן און ווערן שטויב אין דעם ריזיקן רעגנשטויב פון קאָסמישע וועלטן.

***

פון אַלע פייערלעכקייטן קומסטו אַהיים אין דיין קליינעם צימער. דו קושסט צאַרט אין דעם בראַנדזענעם מויל פון דער סטאַטועטישער מעטרעסע, וואָס שטייט בייז אין אַ ווינקל. דו עסט אין איינזאַמקייט די רויע, קילע און זאַפטיקע פרוכט. דו קוקסט אַרויס דורכן פענצטער און דו זעעסט אין פליסנדיקן בראַנדז די לבנה, וואָס האָט געזען ווי דו האָסט געקושט הונדערט פרויען. דו לעגסט דיך אין אייזערנעם בעט מיטן וואונדערלעכן באַדלער־בוך „די בלומען פון שלעכטס". און דו לייענסט ליד נאָך ליד — ווי געקריצט אין מאַרמאָר. ווי געגאָסן אין בראַנדז. און דיין טרויער ווערט געפּאַסט אין אַ ראַם פון גאָלד.

***

שפּעט ביינאַכט גיי איך אַהיים מיט אַ מידן מוח און מיט צעבראָ־כענע פיס. און פּלוצלונג דערזע איך די לבנה און איך האָב אַזאַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו זיין אַ גייסט און צו שוועבן מיט בראַנדזענע פליגל אַרום

איר. איך וואָלט וועלן זיך אויפלייזן פון דעם מידן גוף.

איך וואָלט וועלן זיך באַהאַלטן פון דער ערד. איך וואָלט וועלן פאַרבלייבן איינזאַם אויף די אייז־פאַרפרוירענע, קאַלטע לאַנדשאַפטן פון דער לבנה. איך בין מיד פון מיין ערדישער עקזיסטענץ. —

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 18, 1948.

הייטיקער טאָג

דער הייטיקער טאָג איז געווען אַ וואונדערלעכער. אַזאַ טאָג איז, ווי אַפּעראַ, אַ קאָמבינאַציע פון פאַרשיידענע קונסט־עלעמענטן. דער טאָג איז נישט געווען פולקאָם. נאָך האָט ער געטראָגן שטיקער שניי פון ווינטער. און שוין איז ער געווען איינגעהילט אין שטיקער גאָלד פון פרילינג. עס איז שוין געווען פאַר די סענסיטיווע און אידעלע — אַ וויזיע פון זומער. ער איז געווען אומפאַרענדיקט — אומפולקאָם — ווי אַ נאַסע מאָלעריי. דערפאַר איז ער געווען פון אינדערפרי ביז טיף אין דער נאַכט — אַזוי רירנד. אַן אמתדיק קונסטווערק. יעדער מאָמענט איז געווען אין אים אַ שטימונג, אַזוי ווי ביי אַ נערוועז־קאַפּריציעזער פרוי. איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען דעם טאָגס דינער — און כ׳האָב מיט אים מיטגעפילט גאָר דאָס באַשאַף פון דער ערד.

***

עס איז נישט פאַראַן קיין פּאָעזיע לשם קונסט, לשם פּאָעזיע. פּאָעזיע איז וועלט־פאַרענדערונג. פּאָעזיע מאַכט געשיכטע. פּאָעזיע איז רעוואָלוציע. עס ענדערט דעם סדר פון דער וועלט־אָרדענונג. פון קאָסמישער אָרדענונג. עס קריטיקירט גאָט. פּאָעזיע איז געשלעג מיט גאָט.

רעוואָלוציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אין איינזאַמע מאַנסאַרדעס, וואו ליכט האָבן מיט הייסן חלב געטריפט. דאָרט, וואו בלייכע מענער זיינען געזעסן און געציטערט מיט זייערע בלייכע, סענסיטיווע הענט מיט געגנדזענע פעדערס. פּאָעזיע — אָט דאָס צויבערהאַפטע שפּיל מיט געדאַנקען און געפילן — האָט באַווירקט דעם גאַנג פון דער מענטש־לעכער געשיכטע. אויב נישט דעם גאַנג פון די שטערן.

***

געזען הייגט, אין גאָלדענעם טאָג, אַ פרוי אויף קוליעס. זי האָט זיך זייער שמערצלעך באַוועגט איבער דער גאַס. זי האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ געטין וואָס וואָלט זיך באַוועגט אויף דער ערד מיט פיס ווי צווייַ רעגנבויגנס... איך האָב געטראַכט: זי וועט נישט לאַנג לעבן. זי לעבט קוים. נאָר די קוליעס אירע — זיי וועלן שטיין אין אַ ווינקל און נישט וויסן וואוהין צו גיין...

איר פּנים איז געווען פריש ווי אַ בלום. און דער ווינט און די זון האָבן זיך וואונדערלעך געפרייט מיט איר פּנים און האָבן עס געקושט. איך האָב געטראַכט פון דער שרעקלעכער אומגערעכטיקייט. די ערד איז פול מיט אומגערעכטיקייטן.

***

יעדער פרוי וואָס דו באַגעגנסט אין לעבן, לאָזט איבער אין דיין האַרץ אַ פייער. זי טאַטואירט זיך אַריין אין דיין האַרץ־פלייש ווי גיפט

אָדער ווי אַ זיסער האָניק. זי בלייבט שטעקן אין דיין געביין — ווי די פייל, וואָס מען געפינט אין אַלטע סקעלעטן. דו קענסט זי פון זיך נישט פאַריאָגן. זי עסט זיך איין אין דיר מיט אירע ציין. זי לאָזט צייכנס פון קניפּן און קושן אויף דיין לייב. זי לאָזט קושן פון פייער אין דיין אינגעווייד.

יעדער פרוי לאָזט איבער אַ פייער אינם דיכטערס האַרץ. זיין פּראָזע ווערט דיכטונג. זיין דיכטונג ווערט וויזיאָן. זי בלייבט אין דעם דיכטערס ווערק. זי איז אַריינגעבויט מיט איר לייב אין דער געביידע וואָס ער בויט. אין דער קאַטעדראַלע פון זיין קונסט. ער איז מיט איר פאַרקנסט אין זיין קונסט. זי לעבט דאָרט איר לעבן.

אַלע פרויען גייען אַוועק מיט זייער טרויעריקן גורל אינם לעבן. יעדער איינע — מיט איר וועג און איינזאַמקייט. דאָס לעבן — דער גרויסער קאַניבאַל — עסט זיי אויף. דאָס לעבן קרומט זיי אויס. דאָס לעבן פאַרענדערט זיי. נאָר דער דיכטער באַלזאַמירט זיי. און קיינער האָט צו זיי נישט קיין שליטא. ער באַשיצט זיי פון די שנייען און ווינטן פון לעבן. זי לעבט אין אים. זי ווערט די העלדין פון זיין לעבנס־ווערק. זי ווערט די קעניגין פון זיין דראַמע. זי בלייבט לעבן איינציק און אַליין אין זיין גרויסער דיכטונג.

***

יעדער מענטש האָט אַ מאָמענט פון וואַנזין. פון גרויסן וואַנזין. אין דאָזיקן מאָמענט קען ער באַגיין גרויסע טאָטן. ער קען בויען געביידעס — הויך ביז צו די הימלען. ער קען טורעמען זיין קאָפּ אין אוניווערס אַריין. ער קען בויען אַ ליבע — ווי אַ מייסטערווערק. יעדער מענטש איז אַ מאָמענט דיכטער־וואַנזיניקער אין זיין לעבן. אין זיין ערשטער ליבע. אין זיין באַגעגעניש מיטן טויט. אין זיין גרויסן ציטער — ווען ער דערזעט אין זיך אַ פרעמד פּנים. אין זיי־נע אַטאַוויסטישע כּוחות וואָס באַפאַלן אים ווי אַ חיה.

נאָר דער דיכטער — ער איז מיט וואַנזין אָנגעפילט זיין גאַנץ לעבן. דער דיכטער — אים הילט אַ געטלעכע וואַנזיניקייט איין. אַלע טירן זיינען פון גאָלד געגאָסן און פעסט געשמידט. ער איז געפאַנגען אין דאָזיקן רויטן פּאַלאַץ זיין לעבן לאַנג.

***

אַנומלט געזען ווי אַ פרוי אויף בראָדוויי האָט געטראָגן בעז. עס איז נישט פאַראַן קיין שענערע זאַך ווי בעז. דו זעסט זיי קיינמאָל נישט, די בוקעטן פון בעז. נאָר פּלוצלונג, ווען די זון דערשיינט, רייסט זי אויף אַלע בעז־אָדערן. זיי עפענען זיך ווי פּורפּורנע אָרטע־ריעס פון גאָט. זיי בליען אויף אויף די איידעלע, אָבער שטאַרקע בעז־ביימער. בייגעוודיקע און דינע — קענסטו דאָך דעם בעז־בוים נישט אומברענגען. קענסט אים נישט פאַרטיליקן. ווי דאָס אידישע פאָלק. בעז איז אַ געטלעכע בלום, וואָס סימבאָליזירט ליבע און פרילינג.

און די פרוי וואָס האָט געטראָגן דעם בעז, איז געווען איידל און צאַרט. און דער בעז איז געווען דאָס שענסטע צירונג אויף איר געשטאַלט. קיין גאָלד איז נישט שענער. די פרוי האָט שפּאַצירט ווי אַ געטין אויף בראָדוויי — טריאומפאַל מיטן פרילינג־בעז...

***

איך דערמאָן זיך די טראָפּישע פלאַנצן פון קאַליפאָרניע. פלאַנצן — שטעכיקע, בייזע, טיראַנישע.

עס איז ווי זיי וואַלטן, אַזוי ווי דער מענטש, געמוזט אומענדלעך ליידן און קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ. זיי זיינען אַ שטענדיקער קריג. זיי האַלטן שטענדיק גרייט זייערע גרוילהאַפטע וואָפן. דער קריג האָט זיי מיאוס געמאַכט. זיי זאָרגן זיך נישט צו זיין איידל, קאַלירפול און גראַציעז, ווי אונזערע צאַרטע און ווייבלעכע פלאַנצן און בלומען. דערקענסט אין די דאָזיקע טראָפּישע פלאַנצן — יאָר־טויזנטער פון ביטערער עקזיסטענץ אין דעם מדבר. הויבסט אָן צו פאַרשטיין פאַרוואָס זיי זיינען שלעכט און שטענדיק גרייט זיך צו שלאָגן פאַר זייער עקזיסטענץ. זיי זעען אויס ווי חיות. נישט פאַראַן אין זיי קיין סימן פון דער ליבער און פאָעטישער פלאָראַ־וועלט. אַזעלכע פלאַנצן האָט אדם אָדם געזען אין זיין וועלט־קעניגרייך. און עס איז אים דערפאַר געווען שרעקלעך איינזאַם אויף דער גרויסער און קאַלטער ערד.

***

איך קוק אויף דער לבנה — אַ שטיק ליים. ווי אַ ליימיקער זייגער אויף אַ דאַרפישער לאַנדשאַפט. עמעץ האָט אויסגעריסעוועט אַ פּנים פון אַ מענטשן אינם געלן ליים. מיט וואָנסעס — ווי ווייזערס. די ערדישע צייט רינט פון איר ציפערבלאַט — מיד. צייט — וואָס רינט אַפּ פון דער לבנהס ליימיק פּנים, פון אירע אויגן — ווי טרערן.

***

איך זע מענטשן — אין טרומנעס. אַרום יעדן מענטשן זע איך אַ טרומנע, אַזוי ווי אַ ריזיקער אָרעאָל פון פייער אַרום זיין גאַנצן קערפּער. אַזוי ווי הייליקע — איבער וועמענס קעפּ עס ברענען אָרעאָלן פון ריינע גאָלד. דאָס יינגסטע און שענסטע מיידל — זי גייט אַרום אין גאָס — איינגעהילט אין אַ טרומנע. און ווען איך זע אַ קינד אין וויגל — זע איך די פאַרטיקע טרומנע...

***

שפּעט ביינאַכט, ווען איך פאָר אין סאָבווי, באַטראַכט איך מאַן און פרוי — אדם וחוה — ווי זיי פאָרן שוין מיליאָנען יאָרן דורך דער ערד. איך זע זייערע קופּערנע — הילצערנע — גאָלדיקע און ליימיקע מאַסקעס. אָפּגעריבענע — ווי די קעפּ פון דעם צעזאַר און דער צעזאַרינע אויף גרויסע, צעקלאַפּטע, קופּערנע מטבעות. איך זע די מאַסקעס פון אַלערליי פעלקער.

איך זע די מאַסקעס — אַזוי ווי אַ בית עולם וואָלט אַ ציטער געטאָן און זיי אויסגעשאָטן פון די קברים — די מאַסקעס און די סקעלעטן. און זיי פאָרן אונטער דער ערד, אין סאָבוויי — אין האדעס, ווי די שאָטנס, וואָס אָדיסיי האָט געזען און אַזוי טיף באַדויערט...

***

עס איז אומעטיק צו גיין אויף פערטער עווענין און צו באַטראַכטן די אַלטע ביכער. דער שטויב עסט מיך אויף. דער צושטאַנד פון די ביכער באַליידיקט מיך. עס איז ווי אַ גאָס פון פּראָסטיטוטקעס. דו האָסט דיין גאַנץ לעבן געחלומט פון אַ וואונדערלעכער פרוי. דו

דער האָסט פון דעם מאַטעריאַל פון דיינע טרוימען זיך אויפגעשטעלט אַ פרויען־אידעאַל — אַ מאָדעל. און דאָ זעסטו פּראָסטיטוטקעס — פון לעבן צעפּרעסענע. און פאַרשעמטע. אַלטע און מידע. יעדער פון די דאָזיקע פרויען האָט געקענט זיין די געליבטע פון אַ דיכטער. און די בעל־הביתטע פון אַ הויז.

יעדער פון אָט די ביכער האָט געקענט שטיין אין אַ ביבליאָטעק. איינזאַם און שטאָלץ. נאָר דאָ איז עס צום מאַרק געוואָרפן. דער רעגן ווייקט זיי אויס. דער ווינט מישט די בלעטער. דורות פון קולטור און גייסט — וויאַנען.

***

זי טראָגט אַ רויטן פוטער — און הגם עס איז פרילינג אין דרויסן, פיל איך אַרום מיר האַרבסט. דער רויטער פוטער איז ווי אַן אַקטאָבער־לאַנדשאַפט. און רויט שפרייט ער זיך אין דער אומענדלעכקייט אַריין. און דער טרויער פון דער שוישפּילערין איז ווי אַ ווינט, וואָס יאָגט איבער דער רויטער, דער האַרבסטיק־אָנגעצונדענער לאַנדשאַפט.

***

דער ערשטער פּאָעט — ער איז צוגעפאַלן צו דער דיכטונג, ווי אַ הונגעריקער וואָס פאַלט צו צו אַ קוואַל מיט סאָק. ער שטעקט אַריין זיין מויל אינם קוואַל מיט סאָק — ערשט עס איז פייער. דאָס מויל ברענט. די ליפּן — קויל. אָבער ער טרינקט דאָס פייער. ער שלינגט דאָס פייער. דער ערשטער פּאָעט — ער האָט אויפגעריסן די בתולה פון דער דיכטונג מיט אַזאַ שטורעם — און ער איז געבליבן פאַרחלשט אויף איר ליגן.

***

עס איז שפּעט ביינאַכט. עס רעגנט. און זוכנדיק אַ הויז, בין איך אַריין אין אַ פרעמדן הויף. אַלץ שלאָפט. נאָר אַ שטיינערנע נוד נעמט מיך אויף. איז עס אַ גריכישע געטין — אָדער אַן איינזאַמע פרוי, וואָס וואַכט ווען אַלע שלאָפן? דער האַרבסט און דער פרילינג וויקלט זיך אַרום איר. עס טאַנצן און צירן איר בלייכע, קראַנקע בלעטער. איך בלייב דאָ שטיין. אַזוי לאַנג אינם רעגן שפּאַצירט, אַ געשלאָגענער, אַ געשמיסענער, אַ מאַרטירער. איך שטיי לעבן דער טרויעריקער סטאַטוע, אַן איינגעהילטער אין ווינט און רעגן, אין וואָלקן און אין האַרבסט־פרילינג. די פרוי האָט געדולד צו מיר. דער טרויער ווייעט פון איר. ווי שיין זי איז! אין דעם מאָמענט וואָס איך דערזע איר טרויעריק, שיין געשניצט פּנים, דעם אומעט פון אירע פיין־געשניטענע אויגן, איר איידעלע נאָז און מויל — בין איך פאַרליבט אין איר. אין אַ וועלט פון איינזאַמקייט און אומעט — האָט זיך דאַן קיכאָט פאַרליבט אין זיין אויסגעטראַכטער דולציניייען און איך — אין דער שטיינערנער פרוי... און עס איז אונז געווען אַזוי גוט — אַזוי גוט און שמערצפול אין דער האַרבסטיק־פרילינגדיקער נאַכט...

***

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט ווען איך בין אַהיימגעגאַנגען. איך האָבן געזען די פרויען פאַרבייגיין ווי קעניגינס — יעדער אין איר גאָלד און זילבער. און יעדער פרוי איז געווען אַ קאָנטינואַציע פון פילע

דורות פרויען — פון חוהן אָן. און זיי האָבן אַרויסגעלויכטן פון דער נאַכט מיט זייערע רייצנדיקע, זייערע פאַרפירנדיקע אויגן. און פּלוצ־לינג בין איך שטיין געבליבן פאַר אַ טרויעריק בילד.

פאַר אַ גאַרבעדזש־וואָגן איז געשטאַנען אַ מאַן אין שמוציקע קליידער. און אַרויסנעמענדיק אַ רידעל, האָט ער אים אַרונטערגעשטעקט אונטער דעם טויטן קערפּער פון אַ הונט. ווי אַזוי איז דער רויטער הונט געשטאָרבן? האָט אים אַן אויטאָמאָביל געטויט? איז ער אויס־געגאַנגען פון אַ בלוט־שטורץ? דען זיין מויל איז געווען פאַרבלו־טיקט. און ציניש האָט אים דער מאַן אַריינגעוואָרפן אין דעם ריזיקן, מעטאַלענעם „גאַרבעדזש־קען“.

איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ סך דערינערונגען וועגן הינט. און דער שיקזאַל פון אָט דעם הונט איז געווען אַ זייער פינצטערער. איך בין נאָכגעגאַנגען אין דער נאַכט דעם וואָגן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע טרומנע. ווי אַ ריזיקע, בלייערנע טרומנע. איך בין נאָכגע־גאַנגען אַן איינזאַמער אין דער נאַכט נאָך דעם רויטן הונט — אין דער טרומנע. מיין קאָפּ איז געווען אָפּגעדעקט. און מיין האַרץ — אָפן — אין רעספּעקט צום טויטן, רויטן הונט — וואָס איז געווען טויט — אָבער ווי אַ שטיק פייער האָט ער אַרויסגעלויכטן פון דער בלייערנער טרומנע.

⁂

ער זאָגט צו מיר:

— נאָך אַ ליבע בין איך מיד. אָבער וועלכע קוואַלן פון דיכטונג עפענען זיך אין מיר. איך ווער אוראינסטינקטיוו. איך זע פאַנטאַס־טישע אימאַזשן. אין מיר עפענען זיך געהיימע קוואַלן. דער נביא און דער וויזיאָנער וואַכן אויף אין מיר. איך ווער אָנגעצונדן מיט אוראינסטינקטן. גאָט־געפילן שמעלצן אויף אין מיר. איך קוק אַריין אין דעם געזיכט פון גאָט. פון דעם וואַנזיניקן גאָט פון דיכטונג.

⁂

מיר זיינען אַלע פלאַמענדיקע דיכטונגס־ברידער. איין וואַנזיניקער גאָט פון דיכטונג איז אונזער פאָטער. און דורך די יאָרטויזנטער זינגען מיר דאָס גרויסע ליד פון דיכטונג. מיר קומען און מיר גייען. מיר פאַלן און מיר שטייגן. מיר צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס. מיר זיינען איין מענטש — איין דיכטער — דורך יאָרטויזנטער. קיי־נער קען אונז נישט פאַנאַנדעררייסן. קיינער קען אונז נישט פאַ־נאַנדערשיידן. די דיכטונג — דאָס איז אונזער מיסיע.

מיר זיינען אַ סך פּנימער און פילע מאַרטירערישע גופים פון דעם איינעם גאָט פון דיכטונג. מיר זיינען די ברידער אין דעם גרויסן בית המקדש פון דיכטונג. איין גאָט פון פייער גיט אונז געבורט און פאַרצערט אונז צוריק אין זיין האַרץ אַריין. מיר שפּאַנען אויף די מאַרמאָרנע רוקנס פון יאָרטויזנטער.

⁂

איך טראַכט אָפּט פון יענע זינדיקע־הייליקע אין דאַנטעס „גהינום“. זיי זיינען איינגעהילט האַלב אין שניי — האַלב אין פייער. אַזוי ווי איך — אין אייז געשמידט און אין פלאַמען צעשמאָלצן. איך טראַכט אָפט פון די דאָזיקע הייליקע — וואָס טראָגן קרוינען אויף די קעפּ און זיינען אין שלאַנגען געבונדן. ווי ענלעך מיין גורל איז צו זייערס!

האַלב אין שניי — און האַלב אין פייער... האַלב אין ווינטער — האַלב אין זומער... האַלב אין ליבע — האַלב אין טרויער...

***

אדם, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט צו חוהן, איז געווען דער ערשטער פּאָעט, דער ערשטער ראָמאַנטיקער. ער פאַלט צו צום ווייב מיט אַ שרעקלעכן יאָמער. די געוואַלטיקע כוואַליע פון איינזאַמקייט שטראָמט אויף אין אים. ער וויינט אַריין זיין מענלעכן שמערץ אין איר שויס. די נאַכט פאַלט מיטאַמאָל צו. איבערן קערפּער פון חוהן ציטערט אדם אויף — און די מענטשהייט איז אין יענעם מאָמענט געבוירן געוואָרן — מיט איר אומגעהייערן געבורט — מיט איר אומגעהייערן שטאַרבן.

***

קונסט איז אינסטינקט. די אור־כוחות פון קאָסמאָס — נאָך אין הייסן, אין קלעפּיקן צושטאַנד. ווען דו רייסט זיך אָפּ פון בערג וואָס ברענען און רויכערן זיך. ווען דו געדענקסט לעבן דיין באָק — די נאַסע, הייסע באָק פון אַ דינאָזאַור. קונסט איז דאָס פאַרגעסן די קעגנוואַרט און דאָס אויפגיין אין אורצייטן — ווען דו הערסט די מוזיק פון דזשאַנגל — דאָס קרעכצן פון געבורט און פון טויט. דו זעסט פעלזן — מיט וואַרעם בלוט פאַרגאָסן פון צעריסענע חיות. דו הערסט דאָס געשריי פון אור־מענטש. קונסט איז אינסטינקט און אינטעלעקט. מאָדערנער מענטש טראָגט דורך אין זיך די אורמענטשהייט. ער שטייט, דורך זיין קולטור, אויף אַ פּיעדעסטאַל — זיין צייט — און שטראָמען ברעכן און ריזלען דורך אים און עס רייסן זיך אויף גרויסע, טיפע כוחות אין אים. ער קוקט אַרונטער — צום טאָל פון יאָרטויזנטער — און ער זעט לייבן און טיגערן — ווערים און שלאַנגען — פייגל און אינסעקט. און שטורעמס דרייען זיך אַרום אים און וואָלקנס באַקליידן אים, און קאַלטע, רויע וואַסערן בריען אים די פּיאַטעס. אָט דאָס איז — קונסט.

***

דער גרויסער קינסטלער איז בי־סעקסועל — ער טראָגט אין זיך ביידע מענטשנגעשלעכטער — אַזוי ווי גאָט. ער נעמט אַרום — דורך מאַן און פרוי זיין, דורך אדם און חוה זיין — גאָר די גאַמען פון מענטשלעכע עמאָציעס. ער טראָגט אין זיך דעם אייביקן געראַנגל פון מאַן און פרוי. ער אומפאַסט אין זיין ברוסט אַלע זייערע ליידן און תענוגים. דער מענטשלעכער געניוס איז קיינמאָל נישט צעטיילט געוואָרן אויף מאַן און פרוי. קיין שפּאַלט איז נישט דורך זיין ריפּ. און חוה שלאָפט נאָך אין אים איר גוואַלטיקן שלאָף. און אדם איז איינזאַם אין געבירג פון דער וועלט. אין גרויסן און איינזאַמען וועלט־געבירג.

ניו־יאָרק, אַפּריל, 7. 1945.

אין פארק

אויף אַ מאָמענט אַריינגעגאַנגען אין פּאַרק — און די נאַטור האָט מיך אַרומגענומען צאַרט, אַזוי ווי גרינע אָרעמס פון גאָט וואָלטן מיך פעסט געהאַלטן. איך האָב שפּאַצירט איבער אַ זוניקן וועג, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט זון. איך האָב געזען ווי מיידלעך און אינגלעך שפּילן אין טעניס. די מיידלעך האָבן געטראָגן קורצע קליידער — און מען האָט געקענט זען זייערע פיס — מעכטיקע, שיין־געשניצטע, ווי זיילן פון זון. די צוקונפטיקע מוטערשאַפט האָט געלויכטן אין זייער יעדן גליד. דאָס זיינען פריסטעריענס פון לעבן! — האָב איך געטראַכט. אין זייער יעדער באַוועגונג איז געווען מוזיק און פּאָעזיע. איך בין געגאַנגען אויפן וועג, אַראָפּ אויף די זייטיקע פעלדער. יעדער גרעזעלע האָט מיך געקענט זייט די לעצטע פּאָר מיליאָן יאָר. יעדעס שטיינדל האָט פון דער ערד אַרויסגעלויכטן ווי אַן איידלשטיין. איך האָב זיך געזעצט און געלאָזט די זון גיסן אויף מיר גאַנצע קרוגן מיט קאָכעדיקן ווייַן. און די ערד צו מיינע פיס איז געווען ווייך. איך האָב געפילט ווי אַריינצוזינקען אין דער ערד. זיך אויפצולעזן אין איר. צו ווערן אַ טייל פון דער ערד. און אַזוי זיצנדיק האָב איך דערפילט אַז די ערד רעדט צו מיר מיט מיליאָנען צעפוילטע מיילער. אַז מענטשנ־ווּפים זיינען אין איר פאַרזייט זייט יאָרטויזנטער. אָט די געלע, לייי־מיקע ערד — ווי פלייש האָט זי אויפגעלויכטן פאַר מיר, ווי טרויעריק פלייש פון דורות. און איך האָב דערפילט די גאַנצע הייליקייט פון דער ערד. און איך האָב געטראַכט אַז די גאַנצע ערד איז פון פלייש פון פאַרגאַנגענעם לעבן אויף דער ערד... איך האָב אויפגעציטערט פון דאָזיקן געדאַנק.

נאָר די נאַטור באַרואיקט. די נאַטור דערשרעקט זיך נישט פאַרן טויט פון אַן איינצלנעם, אָדער פון טויזנטער. זי בלייבט שטיין אידיליש און פאַרטרוימט און זי הילט דיך איין אין אַ גרין־זוניקער פעלערינע פון שטילקייט און פּאָעזיע.

אַפּריל, 8, 1945.

Chaim Gross

פעברואַר

עס פֿאַלט דער זוניקער שטראָם אויפֿן שרייבטישל. איך האַלט אין שרייבן אַ דערציילונג וועגן אַ וואונדערשיינער פֿרוי. אַט שילדער איך דעם בלענדנדיקן שימער פֿון אירע האָר און אויגן... דער שטראָם ליכט גיסט זיך אויס איבער מיינע ציטערנדיקע הענט ווי אַן ערדענער קרוג מיט אויסגעגאָסענע גאָלדענע פֿאַרבן. דאָס זון־ליכט מישט זיך אַריין אין דער דערציילונג און פֿאַרכלאָפּעט מיט קאָלירטע פֿלעקן דער פֿרויס אויסגעטראַכט פּנים. איך וויל נישט געבן קיין אויפֿמערק־זאַמקייט צו דעם זוניקן שטראָם ליכט. נאָר עס בריען מיינע פֿינגער פֿון די שטראַלן. עס שפּילט זיך מיט מיר דאָס ליכט ווי אַ טייוולישׁ, צאַפּלענדיק, לאַכנדיק באַשעפֿעניש. עס רייצט און עס מאַכט מיט מיר אַלערליי קאַטאָוועסן. און אַט דערזע איך מיין האַנט ווי דורך אַ פֿאַר־גרעסער־גלאָז. אַ לאַנדשאַפֿט איז ליכטיק געוואָרן פֿאַר מיינע אויגן. פּלוצלונג: רחמנות צו מיין האַנט. ביסט גרייט צו קושן דיין האַנט אויס חרטה וואָס דו האָסט זי כמעט פֿאַרזען דאָס גאַנצע לעבן דיינס. דאָס ליכט ריינט ווי האָניק אויף די אַלטע ספֿרים. עס באַרירט דעם טינ־טער און וויל אים אָפּפֿאַרבן. דער טינטער איז שוואַרץ ווי אָפּגרונט:

— פֿון מיר גייט אַרויס די פֿינצטערניש און ווערט צו ליכט, צו געדאַנק, צו וויזיע! — זאָגט דער טינטער פֿינצטער מיט זיין פֿינצטערן מויל.

דעם שטראַלנשטראָם געלינגט דאָך אַפֿילו דעם טינטער צו פֿאַר־וואַנדלען אין אַ בלויען אָקעאַן. דאָס זייגערל אויפֿן טיש לויפֿט האַס־טיק מיט זיין ריטם — אַ פֿריילעכער און אַ צעמישטער וואָס די זון האָט אים באַרירט אין בעקל.

אַלטע מאַרקעס אויף בריוו לויכטן אויף מיט אַ נייעם גלאַנץ. פֿון די העלדזער פֿון די געקעפּטע קעניגן און קעניגינס רינט פּריש דאָס בלוט ווי ערשט גיליאָטינירט. די גרינע פֿעדער איז ווי אַ לאָנקע מיט פּייכטע גראָז וואָס גייט אויף פֿון דער פּייכטער קינדהייט. די מילך איז ווייס ווי שניי. ווי האָניק איז די גומי־ראַביקע אין פֿלעשל.

אַ גאָלדיקער באַנד האַראָץ ווערט לעבעדיק. עס קלינגט מוזיק פֿון די לידער. דאַמען לאַכן ליבלעך. אַ שטיק וואַזאָן ציטערט אויף אַ באַרירטער פֿון דער זון אַזוי ווי אַ בוים וואָס ווערט פֿון אַ בליץ געטראָפֿן בשעת דער כלאָפּענדיקער רעגן לעשט דאָס פֿייער. די רויטע בלייפֿעדער איז איצט אין איר עלעמענט און די פֿרוי — די הייליקע פֿרוי פֿון דער דערציילונג איז איצט שוין אַזוי אַרומגענומען פֿון זון ווי אַ דאַמע אויף טיציאַנס אַ פּאָרטרעט, ווי די געטין אַפֿראָדיטע אין ים־שוימען אַרומגענומען אויף די מאָלערייען פֿון סאַנדראָ באָטי־טשעללי. עס איז דער ערשטער טאָג פֿון חודש פֿעברואַר. די זון עפֿנט אַ ריזיקע פֿאַרפֿלייצונג פֿון האָניק איבער אַלע קאָנטינענטן, אויף אַלע פּלאַנעטן. זי טרינקט אָן דעם רוים ווי אַ באָקאַל פֿון גאָלד מיט גילדערנעם וויין.

נעו־יאָרק, 1 פֿעברואַר, 1949

שפּעט ביינאַכט-מאַטיוון

1

אין סאָבוויי — שפּעט ביינאַכט. מוטער און טאָכטער פאָרן אין וואַגאָן. עס שלאָפט דער אייביקער שיכור, דער אייביקער חוני המעגל, אין ווינקל פון אייזערנעם וואַגאָן. אַ בוקעט מיט פּייכטע בלומען שטאַרבט אויף די קילע קניען פון אַ פרוי וואָס איז איינגעהילט אין טונקעלן, ווי אין וואָואַלן, ווי אין אייזערנעם שפּינגעוועבס. מוטער און טאָכטער פאָרן צוזאַמען. און אַט נעמען זיי זיך אַרום. מוטער פּרעסט אַפּ איר וואַרעמען קוש אויף איר טאָכטערס טרערנבאַגאָ־סענעם פּנים. אויף צאַרט־געשניצטן און בלייכן פּנים פון אַ קינד.

—וואו איז אייער מאַן און פאָטער? — בליצט אויף אין מוח אַ געדאַנק. איז ער אַ קראַנקער כוליגאַן, וואָס ליגט אין אַ כינעזישער קנייפּע און זעט אין אָפּיום־וויזיע אַ לויכטנדע פּאַגאָדאַ פון מאַסיון גאָלד געשמידט? אָדער קניט ער צו אַ דאַמע אין געהיים — אַ צי־טערנדיקער קושנדיק דעם ציטערנדיקן זוים פון איר ברייטער קרי־נאָלינע? צי ווערט ער איצט געפירט אין קילקייט פון טויאיקן באַ־גינען צום עלעקטרישן שטול און עמעץ טוט אים אָן אין אייזערנע רצועות, מיט אַן אייזערנעם געוויכט איבערן קאָפּ, און פאַר זיינע אויגן שטייט גאָט מיט אַל׳ זיין גענאָד און נעמט אים אויף אַ דורכגע־ברענטן און ער קושט פון אים אַרויס דעם שרעקלעכן טשאַד?!..

שפּעט ביינאַכט. דו וועסט אַרויסגיין פון דער סאָבוויי און די לופט די פייכטע וועט דיך היימלעך אָנרירן. די שטערן וועלן זיך אַרום דיר פאַרזאַמלען מיט תהלים־לידער אויף זייערע זילבערנע ליפּן. די לבנה וועט אַרונטערגיין פון דער וואָלקנדיקער לייטער און וועט דיך פירן פאַרליבט צום אַלטן הויז — צו דער הילצערנער טיר וואָס געדענקט נאָך גוט ווען זי איז געווען אַ בוים און גערוישט אין מיטן וואַלד מיט אַלע אירע בלעטער...

2

שפּעט ביינאַכט. די איינדרוקן פון טאָג זיינען צעשוואומען. אַן אומגעוויינלעכער טרויער האָט דיך אַריינגענומען אין זיינע לאַפּעס. דו פאָרסט אַהיים מיט טונקעלע, מיט אייזערנע סאָבווייען. טראַכסט: ווי אַזוי אַנטלויפט מען אין אַ וויסטעניש? ווי אַזוי קען מען זיך איינ־הילן אין גרינס און ווערן אַ בוים. וואָרצלען מיט די וואָרצלען אין דער פייכטער ערד און מיט די צווייגן אין די הימלען. טרעטסט אַפּ אין אַ קאַפּע — און אַ טרויעריק געזיכט פון אַ פרוי באַגעגנט דיך. די האָר — שוין גרוילעכע. דאָס פּנים פאַרשמירט מיט פאַרב, ווי דאָס פּנים פון אַ קלאָון. עפּעס וויעט עס פון איר מיט אַ שוואַרצן שניי. און איבער איר לינקן אויער, איבער די גרוילעך־טונקעלע האָר הענגט אַ גרדיסע, אַ פלאַמענדיקע רויז. אַ, ווי דו טוליעסט זיך צו דער פלאַ־מענדיקער רויז. עס איז די נשמה פון דער פרוי, עס איז איר יוגנט, וואָס האָט אַמאָל געפלאַמט. עס איז גוט אַהיימצונעמען דעם אימאַזש פון אַ פרוי. אין דער שפּעטער נאַכט — אין טונקעלע סאָבווייען — אַן איינגעהילטער אין טרויער; טשעפּע איך אַפּ די טרויעריקע מאַסקע מיט דער רויטער נאָז. איך נעם זי אַהיים. איך קוש זי פאַרליבטערהייט. איך הענג זי אויף ווי אַ פּאָרטרעט אויפן וואַנט. דאָרטן פלאַמט די

רזיטע רויז — איר יוגנט...

איך שלאָף איין מיט אַ מידן שלאָף, און די מאַסקע קושט מיך און זי דערציילט אַ גאַנצע נאַכט געשיכטן... די רויז פלאַמט ביזן גרויען, ביזן זיידענעם באַגינען... ביז די ערשטע זון־שטראַלן באַרירן איר... ביז דער טאָג צעבערעכט אַלע בראַנדזענע מאַסקעס; אַלע רויזן פון גאָלד; אַלע אימאַזשן, וואָס אַ טרויעריקער פּאָעט טראָגט אַהיים אין דער שפּעטער, מיסטעריעזער נאַכט...

3

ביינאַכט איז די וועלט פול מיט מיסטעריע. די שפּינוועבסדיקע נאַכט־נוצן אויס אַלערליי דעמאַגאָגן, מיסטיפיקאַטאָרס און פאַלשנמינצערס. אין דער נאַכט ווערן פאַרפּאַסט פּאָעמען און אין די טיפע קעלערס ווערן געבוירן פּלענער פון רעוואָלוציעס און פון אויפשטאַנדן — אין די מוחות פון פלאַמענדיקע, פון היציקע מענטשן. ביינאַכט מישן זיך אויס די מלאכים מיט די מענטשן און דאָס הימלישע ווערט ערדיש און דאָס ערדישע — הימליש. אין דער נאַכט הילט זיך איין אין טרויער די לוסטיקע ווי אין די וואָלקן און די טרויעריקע נעמט אָן די לוסטיקייט און פריילעכקייט, ווי פון אַ קינד. אַלע שאָטנס שפּאַצירן ברייט אַרויס אין אַלייען פון פּאַרק — אויף גאַסן ווי אויף געמאָלטע בילדער. אַ קלאַון, אַ קעניג, אַ רויבער און אַ קאָרטנשפּילער מישן זיך אויס מיט די מאַסן. עס לויכט אין לבֿנה־ליכט די ביזשוטעריע פון דער מאַרקיזין און דער גרויסער פאַלשער שטיין אויף דער האַנט פון דער גאַסן־פרוי. עס גלאַנצט אַ פּערל־האַלדזבאַנד אויפן דעקאָלטירטן האַרץ פון אַ פאַלשער פרוי — און אַ פּעטליע פאַרציט דעם גאַרגל פון אַ באַנקראָטירטן זעלבסטמערדער. אין דער נאַכט נידערט אַראָפּ די ראָמאַנטיק און דאָס מיסטעריעזע. אירע שוואַרצע פּאָרטאַלן עפֿנט די נאַכט און עס בליצן אויף די אויגן פון דער סאָווע מיט אַן אורטרויער, און אַ נאַכט־איילע פליט גערדישלאָז ווי אַ וואָלקן פאַרביי דיר. אַ נאָנע שטייט נאַקעט נעבן אַלטאַר און נעמט אַרום די סטאַטוע פון קריסטוס און דער שיכורער מאַטראָז האַלדזט אַ לאַנטערנע און ער קושט איר אייזערנעם, איר פאַרזשאַווערטן גוף. אָ, די נאַכט איז די פּאָעזיע פון די גרויסע שטעט. אינסטינקטן און וואַנזיניקייטן פאַראַדירן אין גראָטעסק — און יעדער מענטש אימיטירט דעם העלד פון אַ ראָמאַן. דאָן קיכאָט און פּרינץ האַמלעט און דאָריאַן גריי גייען פאַרביי דיר ווי שאָטנס, און מאַנכער שלימזל פּאַראַדירט אַלס דער אימפּעראַטאָר פון סאַנקט העלען־אינזל. „ליידי מאַקבעט“ האָט קוים אַ בליק פאַר דיר אין איר שוואַרצן קלייד און אַ צעזאָרס ווייב גייט פאַרביי אין שטאָלצער פּאָזע. אָ, גאָט, צי לענגער אויס די שוואַרצע צייט־קאָרידאָרן פון דער נאַכט! זאָל זי דויערן ביז אַ שטיק אינם טאָג — כּדי די שאָטנס פון דער ערד זאָלן ניט פאַרשעמט ווערן אין שטורעם פון דער זון וואָס טרייבט פאַראויס אירע העראָלדן מיט טראָמפּעטן פון גאָלד — אויף בראָנדזענע פערד — אָנצוזאָגן דעם אָנקום פון טאָג, פון אַרבעט און פון טויט; פון סוף פון טרוים און פון דעם ראָמאַנטיזם וואָס עפֿנט זיך ביינאַכט ווי אַ קאָסמיש־ברייטע, שוואַרצע בלום איבער דער גאַנצער ערד.

ניו־יאָרק, יוני 21, 1946.

4

שפעט ביינאַכט. דו גייסט פאַרביי אַ גאַס, און פאַר אַ פענצ־טער בלייבסטו שטיין. אַ פענצטער פון אַ קעלער. די פאַרביקע פאַר־האַנגען, פול מיט אַ געהיימניספולן ליכט אין זייערע שטילע שטאָפן, זיינען טיף אַרונטערגעלאָזן. נאָר דו זעסט ווי מענטשן זיצן אַרום אַ טיש. דו זעסט זייערע פיס — קאַלט און אומבאַוועגלעך. דו וואונ־דערסט זיך: ווען זיי וואָלטן שפּילן אין קאָרטן, וואָלט געווען נערוועז־זיטעט, אומרואיקע באַוועגונג אין זיי. ווען זיי וואָלטן טרינקען מעד — וואָלט געווען לוסטיקייט און גערזאַנג אין הויז. דו הערסט דאָ נישט קיין שאָרך. זיי זיצן אומבאַוועגלעכע אין דעם צימער, אַזוי ווי דער טויט וואָלט זיי געקושט אין די ליפּן. וואָס קומט פאָר אין דעם גע־היימען צימער? אפשר האָבן זיי אַ מאָדנע רעליגיע און זיי דינען שטומע צו אַ געץ וואָס שטייט אויפן טיש, אין מיטן שטוב אַ געץ פון בראָנדזע וואָס שמייכלט ווי אַ בודאַ־מאַסקע? אפשר קוקן זיי עקזאַלטירטע אויף אַ פּאָרטרעט פון אַ דאַמע, וואָס לויכט אַרויס מיט דער בלייכקייט פון איר לייב פון אַ גילדערנער ראַם? דו פּרואווסט שרייען אין דער נאַכט. דו פּרואווסט זיי איבערשרעקן. נאָר קיין ציטער זעט זיך נישט אין זייערע פיס. און די לבנה לויכט ווי אַ רונדער כינעזער־קאָפּ פון פאַרצעליי. פון די צווייגן פון די בוימער ציט זיך אַ מידיקייט. ווי די מידע מענטשן, בענקען זיי צו קעלער, צו דער פייכטער ערד... און די פיס פון די מענטשן — זיי פאַרראַטן נישט די מינדסטע באַוועגונג. און אונטער זייערע שיך שלאָפט דער גאָלדענער דראַגאָן — אויפן אָריענטאַליש־אומעטיקן, פלוש־אַנגע־צונדענעם באַלדאַכין...

5

ווען דו פאָרסט אַהיים שפּעט ביינאַכט, טרעפסטו אין די סאַב־וויס טאַנצן פאַרלעך. זיי קומען פון טאַנץ־זאַלן און פון שמחות און פון חתונות. זיי קומען פון קאַבאַרעטן און קאַפעטעריעס. און פון קנייפּעס און גרעניטש־ווילעדזש־קעלערן. זיי קומען פון פריילעכע געזעלשאַפטן. זיי ווילן ניט אויפהערן צו טאַנצן. פאַרביקע קאָנפעטי ליגן נאָך אין זייערע ווייך־פייכטע האָר, צעוואָרפענע און צעקנייטשטע פון דער נאַכט. און דו דערקענסט לויט די צעקנייטשטע געזיכטער פון די מענטשן, ווי אַזוי זיי האָבן די נאַכט פאַרבראַכט. צי איז איינער ברוטאַל אָפּגעשלאָגן געוואָרן פון זיין געליבטער; צי איז ער פון איר מיט אַ מויל מיט פלאַם־קושן געקושט געוואָרן און פאַרכישופט געוואָרן פון איר צאַרטער פערזענלעכקייט. מענער ווילן נישט אָפּ־ווישן פון זייערע באַקן די ליפּסטיק־פלעקן פון די ווייבלעכע ליפּן... די נאַכט איז מיד. מיד פון איר אייגענעם שאַמפּאַניער, פון איר אייגענעם ראָמאַנטישן טאַנגאָ, פון אירע טרערן און פון איר זיפצן... די סאַבוויי־וואַגאָנען זיינען פול מיט פאַרליבטע. זי לייגט דעם קאָפּ מיט זיידענע האָר אויף זיינע בראָנדזענע אַקסלען... אָ, זי ציטערט פון פאַרליבטקייט. אירע האָר האָבן דעם קאָליר פון קאַשטאַנען. דו דערמאָנסט דיך אַ האַרבסט פון דיין קינדהייט. עס פאַלן פון גרויסן בוים די וואונדערלעך־געפאַרבטע קאַשטאַנען. זיי פאַלן אין דער רעגנ־פייכטער ערד... זיי פאַלן צוזאַמען מיט טונקל־גרינע בלעטער. זיי פאַלן אויף די שטיינער פון ברוק. די קאַשטאַן־ביימער זיינען ריזיקע און שווערע און ווען אַ ווינט גייט דורך זיי דורך, רוישט עס ווי דער ווינט וואָלט באַרירט אַן אימפּעריע. — — איצט וואָלסטו געגעבן אַ שטיק

פון דיין לעבן צו שטיין ביים דאזיקן בוים, ערגעץ אין א דארף אין פוילן. עס איז שפעט ביינאכט. אויגן קלעפן זיך. דער שיכור זינגט איבער דעם ראמאנס וואס די שפאנישע מיידל האט געזונגען: „בעסא מע מוטשא" — קוש מיך א סך, א, בראנדזענע געטין, הער קיין מאל מיך נישט אויף צו קושן. א, געליבטער, קוש מיך, קוש מיך א סך — קוש מיך אייביק, אפילו ווען איך וועל אלט זיין...

און יעדער איינער וואלט וועלן זיין וואס פריער אויף זיין גע־לעגער — מען וויל פאלן — מען וויל זינקען אין די ארעמס פון שלאף — די אוווערטיורע צום טויט...

אויף מאנכע קני ציטערט אין ריטם פון סאבוויאישן מארש א בו־קעט מיט בלומען. אן אקטריסע פירט איינזאם אהיים איר בוקעט מיט בלומען. די בלומען ציטערן אין איר מידער האנט, אויף אירע צארטע קני... זיי רינען אפ מיט זייער בלייכן בלוט אויף דער דאמעס מידער און ציטערנדיקער קני. זיי אטעמען ארויס זייערע פארפיומירטע זעעלן אין דער לופט...

יעדער בלום — א מענטש. דער בוקעט — א פובליקום פון מענטשן... טרערן אין זייערע אויגן. זי האט זיי אלע גערירט מיט איר טראגיש שפילן. זי האט געשפילט זיך אליין, איר אייגן לעבן... — —

— —

ווען מען קומט ארויס פון דער סאבוויי — רעגנט. עס גייט א מיאוסער רעגן איבער גאטס ערד. עס יאגט א קאלטער, נאסער ווינט. יעדער איינער ווערט אפגעגאסן מיט צעבערס. ווי קאלט און גרוי איז די נאטור.

6

פון דער נאפט־בלויער, פייכטער נעפל־נאכט ביסטו ארויסגע־קומען — און איך האב דיך דערקענט. מיט דיר איז קעניג סאלאמאן געשלאפן, ווען ער האט דיך אויסגעווילט פון צווישן טויזנט פון די שענסטע אריענטאלישע פרויען. איך האב דיך דערקענט, דו אין גאלד־געצירטע שעכערעזאדע — אויסמאטערנדיק דעם סולטאן ביז באגינען, און דו אליין א טויט־ פארשמאכטע אין דעם פורפורנעם זייד פון מארגנרויט. איך בין דיר אין געהיים נאכגעגאנגען און מיינע אויגן האבן זיך בליציק איינגעשפיזט אין דיינע — ווי צווי בראנדז־בינען האלדזן זיך, שיכורע פון דעם וויין פון רויזן, באזוי־פענע פון ארכידעען. איך האב גוט געקענט דיין פיגור — די פולע היפטן, בורלעסקיש זיך וויגנדיק צום טאקט פון דיינע טריט — וואס האבן קאסטאניעטיש אפגעקלונגען אויפן שטיינערנעם וועג. איך האב דיך געזען אין יענעם הארבסטיקן אוונט, ווען דו האסט זיך געטריי געבויגן צו קריסטוסעס פיס און מיט טרערן זיי געוואשן און מיט קושן אפגעקושט דעם מדברדיקן שטויב. דיין נאמען מאגדאלענא האט ארויסגערופן חוזק. נאר דער מענטשנזון האט געזען ווי טרערנפול דיינע וויעס גלאנצן און ווי דיינע בריסט זיך הויבן שנעל — צום ריטם פון דיינע געפילן — צו דער סערענאדע פון דיין פארבלוטיקט הארץ. און איך, אנשטאט א שטיין — האב דיר א בונטע רויז געווארפן — א שטיק פייער פון פליוש...

איך גיי דיר נאך, געהיימניספולע פרוי. די אמניבוסן און די אוי־טאמאבילן לויפן דורך — די מאדערנע פארמבולדיקע חיות. די לבנה לייכט ווי א ציקלאפיש אויג. א שטערן לויכט עלעקטריש אין לאנץ

פון גאָטס הימל־סמאָקינג. דו קוקסט דיך אָרום, דער ווינט טוט אַ שטיף מיט דיינע קילע, גאָלדענע האָר. אויב דער קאָליר פון דיינע האָר איז נישט פאַלש, דעמאָלט ווייס איך גענוי ווי עס לייכטן גאָלדיק די האָר פון דיין גאָלדיק־טונקעלן קערפּער־צענטער. איך קוק זיך בעסער איין אין דיר — און איך דערקען דיך גוט, די בלייכע בעאַטרישע ביסטו, וואָס האָט פאַרנאַכט שפּאַצירט איבער די פלאָרענצער גאַסן און דיר איז אַנטקעגנגעקומען אַ יונגערמאַן, דער בלאַסער פּאָעט דאַנטע אַליגיערי, וואָס האָט דיך אויף אייביק באַזעצט אין גן־עדן. די זון טוט אַ באַריר מיט גאָלדענע הענט דיין נאַקן — דו ציטערסט אויף — דו ביסט גרייט צום שטאַרבן — כדי דאַנטע זאָל זוכנדיק דיין נשמה דורכגיין אַזש ביז צו די טויערן פון הימל — ביז צו די ליידנדיקע מאַרטירער־מאַסקעס פון רויבער און פאַררעטער. דו שטאַרבסט, כדי דעלאַקרואַ זאָל מאָלן דאַנטעס אַסקעטיש־בלייכן פּנים — וואָס רעפלעקטירט די פלאַמען פון אינפערנאָ.

אָבער פאַרוואָס ביסטו אַזוי אָראַגאַנט? דו, ווי מען רופט דיך דאָרטן מיט אַלע צאַרטע און גילדערנע נעמען — לאַוראַ, סאָפיע קין, דעזדעמאָנאַ, נאָראַ און מאָננאַ וואַננאַ און רחל און לאה און רבקה? שטעל דיך אָפּ, דער זינדיקער מאַן, דער אוראַלטער אָדם, טוט דיך סיי ווי אויס נאַקעט אין מיטן גאַס — אין אַט דעם וועלט־און־נאַכט־באָרדעל. ביסטו נאָך שעמעוודיק? דו, וואָס אַ טויזנט פּאָעטן זיינען מיט דיר געשלאָפן — הייליקע און פּראָסטיטוטקע, מעטרעסע פון ווילאָן און באָדלער. צי דאַרף איך פריער הענגען אויפן קרייץ, כדי דו זאָלסט קומען מיטן שטילן, ווייסן שטעג, אַ באַלויכטענע פון דער לבנה, און דו זאָלסט קושן מיינע וואונדן און מיך אַרונטערנעמען פון דער תליה. פאַרוואָס לאָזטו זיך נישט דערקענען? דיין איצטיקער בויגיקער קערפּער וועט דאָך פון ווערים צעפרעסן ווערן, אויב ער וועט נישט אויפלויכטן נאַקעט און שטראַלנדיק אין מיינע לידער. אויב איך וועל דיין פאָרם פון כישוף אין וואָרט נישט פּרעזערווירן. אויב איך וועל דיך נישט באַלזאַמירן אין מיין טראַגישער פּראָזע! —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניו־יאָרק, מאַי 2, 1944

די מומיע וואָס מאָנט גערעכטיקייט

דאָ זיצט די פריילעכע געזעלשאַפט. דאָ זיצט די אַק־טריסע אין איר טונקעלן קלייד, אַזוי ווי זי וואָלט אָפּגעשניטן אַ שטיק טינט־שוואַרצע נאַכט און וואָלט איר פאַרוואָרפן אין פאַלדן אויף איר מאַסיוון גוף. עס ציטערן אירע ראָבנטונקעלע לאָקן, עס ציטערן צום טאַקט פון איר געלעכטער — אירע שווערע בריסטן. די הענט — ווי שטיקער בלייכער מאַרמאָר. דאָס פּנים — אַ מאַסקע פון ליידנשאַפט. אַ געטין — לויז געלאָזט אין אירע ליידנשאַפטן... דער בעכער ציטערט אין איר אײדעלער האַנט. דער בעכער, פול מיט ווײַן, נעבן אירע פײַכטע ליפּן — פײַכט פון ווײַן און קישן. מיט אַ ווײַלע צוריק האָט זיך אַרטעמידאָראַ באַוועגט אויף דער שטיינערנער בינע, אין אַמפיטעאַטער. זי האָט געטראָגן די לאַסט און דעם טרויער פון אַנטיגאָנאַ. זי האָט אין טויזנט טרויערן געעפנט די טראַגעדיע פון קעניג עדיפּוסעס טאָכטער. דאָס ליכט האָט נאָכגעפאָלגט איר יעדע אויסדריקספולע, פּלאַסטישע באַוועגונג.

דאָס פּובליקום — דאָס אור־אַלטע פּובליקום, וואָס זיצט שוין דאָ זייט דורות — איז געווען פאַרשטיינערט פון איבערלעבעניש. פאַרשטיינערט ווי די שטיינערנע טרעפּ, ווי די נאַטירלעכע פעלזן־דעקאָראַציע, ווי אָוועקגעשטעלט פון די געטער. דער ווינט האָט אָנגעטראָגן קופּערנע בלעטער, ווי פאַרקרומטע, פײַנפולע מאַסקעס פון אַקטיאָרן.

אַרטעמידאָראַ האָט געשפּילט אַנטיגאָנאַ. און איצט וויל זי זיך צעשטרייען און זי דערציילט אירע פרײַנט — פּאָרנאָגראַפישע וויצן. און דאָס שוואַרצע קלייד אויף איר איז שווער. זי וואָלט עס וועלן צערײַסן.

עס איז די נאַכט אויף איר, וואָס פאַרשטעלט דעם העלן טאָג פון איר לײַב.

און דאָ זיצט, אין שאָטן פון אַ פּאַלמע־וואַזאָן, דער רוימיטער פּאָעט העליאָדאָרוס — אַ גריכישער שקלאַף. ווי שנעל דער דאָזיקער ראַפינירטער גריך האָט איבערגענומען די מאַניערן פון די צעהויליעטע רוימער. באַטראַכט זײַן פיגור — זי וואָלט געקענט אַ שטאָלצע און אַ מאַיעסטעטישע שטײן בײַם אײַנגאַנג אין קאָלאָסעאום. דער מעכטיקער ברוסט־קאַסטען — ער איז שטאַרקער פון אַ פעלזן. גאָט האָט אויף אים מיט עפּישער קראַפט באַשריבן זײַן אײַזערנעם כּוח. אַ מאָנומענטאַלע געשטאַלט — קען ער אַרײַנטרינקען גאַנצע פעסער ווײַן, אָן אַ שפּור פון שיכּרעס. נאָר זײַנע אויגן שוואַרצע בריליאַנטן — לויכטן פלאַמענדיק. דאָס דאָזיקע קינד פון גריכנלאַנד, אין וועמענס אָדערן עס גליט דאָס בלוט פון אַנאַקרעאָן און פּינדאַר, פון סימאָנידעס און אַריסטאַרכאָס, פון די אַלטע ווײַן־ווײַב־ און געזאַנג־פּאָעטן — דער דאָזיקער פײַנער,

אידל געשניטענער און ראפינירטער גריך איז א מייסטער אין רוימישן פערז. ער האָט אָווידיוסעס מוזיק און ליבע־צווי־בער; די פילאָזאָפישקייט און גוט־דערצויגנקייט פון האָראַץ; דעם אידיליע־חן און שווונג פון ווירגיל; און אפילו עטוואָס פון דעם ווייבלעך־מענלעכן חן פון סאפאָ, פון דער קליינער, גראציעזער סאפאָ, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען שענער ווי אין די כוואליעס פון העלעספּאָנט, ווען זי האָט זיך שטערב־לעך מיט זיי געשלאָגן און פארטרונקען זיך אויף אייביק. זע זיינע איידעלע, זיידענע לאָקן־קרויזן, ווי ביי א פרוי. דער דאָזיקער יונגלינג איז די סינטעזע פון צוויי ראסן — צוויי קולטורן — צוויי געשיכטלעכע פּעריאָדן. און עס זענען נישט אין זאָל פאראן גענוג פּעסער וויין כדי אויסצולעשן אין זיין הארץ דאָס פייער פון ליבע צו ארטעמידאָראַן....

און דאָ זיצט דער קלאָון, וואָס שפּילט גענֿיאַל אין די קאָמעדיעס פון אריסטאָפאנעס. (אָרעמער אריסטאָפאנעס! ווי־פיל מער וואָלט ער אין מיינע יידישע אויגן געווונען ווען ער וואָלט נישט געשריבן קיין סאטירע — אויף מיין פּערזענלע־כען, אינטימען פריינט, דעם מארטירער מר. סאָקראַטעס!...) דער דאָזיקער קלאָון, וואָס ווייסט ווי אזוי דאָס פארשטיינער־טע פּובליקום לאַכן צו מאכן. וואָס ווייסט ווי אזוי צו ברעכן דאָס פאטאלע שווייגן פון דורות — דער קלאָון זיצט דאָ און ער גיסט אריין אין זיך טייערן, קלעפּיקן און גאָלדענעם שאמפּאניער. גיסט אריין אין זיך אלערליי ליקערן — לויטער ווי קרישטאָל, שוימיק ווי דאָס זון־ליכט אויפן ים, מעכטיק ווי דער באפעל פון טייוול. דער קלאָון — וואָס איז אוראלט ווי די מענטשהייט. וואָס האָט פרייליך געמאכט פעלקער — דער פּיעראָ — דער סטאנטשיק — דער לץ — דער, וואָס קריגט די פּעטש — דער, וואָס פארשמירט זיין געזיכט מיט רויטע, בלוטיקע און בלויע פארבן און ער לאכט אזוי, אז אלע וויינען און ער וויינט אזוי, אז אלע לאכן — דער בלוט־טענדיקער קלאָון — אָנגעטון אין א שאַד־ברעט, אָנגעטון אין טאָג און נאכט־קעסטלעך — אָנגעטון אין ארלע קינישע קאָלירן — דער, וואָס דערשיינט אין יעדן דור כדי צו צינדן דאָס געלעכטער ביי די ליידנדע — דער קלאָון זיצט איצט, אין דער שפּעטער נאכט, ביים אקטיאָרישן באנקעט, מיט זיין אייגן געזיכט — גרוי און קאלט. אלע מאסקעס, אלע גרי־מאזשן, אלע אימאזשינערע געזיכטער — אויסגעטון. דאָ זיצט ער איינזאם און אליין און גיסט אין זיך אריין דעם טייוולאָנישן עליקסיר — דעם עלעקטרישן געטראנק — און זיין פּנים בלייבט איינזאם און טרויעריק אין ליכט פון דער לבנה — אין גאָלדענעם ליכט פון דער לבנה...

עס איז א גרויסער באנקעט. און רעדעס פייערלעכע, עלאָקווענטע, ווערן געהאלטן. און דער עולם — דער רוימיש־

דעגענערירטער עולם טרינקט און פרעסט. ציינער קייען די געהירן — די צונגען — די לעבערס — די לונגען — די הערצער — די געדערים — די פיס — די פופיקעס — די בייכער פון טויטע קרעאטורן. און דאָס צעקייעטע פלייש ווערט פארטרונקען מיט קאָלירטע ווײַנען, מיט שארפע געטראנקען, וואָס העלפן צו פארצערן דאָס פלייש און דאָס שמאלץ פון קעלבער, אָקסן, שעפּסן, הינער און טויבן.

נאָך אין א ווינקל פון זאל, צווישן סטאטוען פון בראנדז און מאַרמאָל — שטייט א יונגע פרוי, וואָס נעמט נישט אנטייל אין דער דאָזיקער פייערונג. וואָס דינט נישט צום מיט גאָלד־טונקעלע טרויבן־באַקרוינטן באַקכוס און נישט צו דער געטין אפראָדיטע און די שארפע ליבע־פּיילן פון אמאָר קענען מער נישט טרעפן איר פארזשאַווערט הארץ. איר שטום און פארשטיינערט הארץ.

די יונגע פרוי — איז א מימיע. זי לעבט שוין נישט הונדערטער יאָרן. מיט איר בלאַסן געזיכט, אויסגעקרומט פון אינערלעכע ליידן, שטייט זי דאָ — אין איינגעוויקלטע אין לייווענט. זי איז א פרינצעסין. זי איז א צוואַנציק־יאָריקע, שווינדזוכטיקע פרינצעסין. אין שלאָס פון פרייד און פארגעניגן — איז זי געווען די איינציקע וואָס האָט געליטן. און בשעת אלע האָבן געהוליעט אין אָרגיעס, איז זי ביסלעכווייז אויסגעגאנגען אין יסורים. איר איינזאמקייט שרעקט די וואָס פארגעסן זיך און גיבן זיך אָפּ צו אויסטערלישע פארגעניגנס. איר אָפענער בליק פון שמערץ שטערט די אויסגעלאַסענע. און אויך איצט שטייט זי דאָ — אין רייכן שלאָס — און מאָנט גערעכטיקייט.

זי דערציילט פון טויזנטער אָרעמע פּלעביי‌ער, וואָס האָבן נישט אויף קיין ברויט, בשעת דאָ שוימט און שטראָמט ווײַן ווי וואַסער. זי דערציילט פון די שענסטע רוימישע טעכטער, וואָס שטייען אין שאָטן פון דעם קאָלאָסעאום און גיבן זיך איבער צו טרעמפּישע מענער ,אויפן ברעג פונם טיבער, אונטער די אלטע בריקן. זי דערציילט פון פעלקער, וואָס שמאכטן אונטערן אייזערנעם קנוט פון רוימס בלוטיקע צעזארן. וואָס גייען אוים אין קנעכטשאפט און וועלן דערוואַכן אין טאָג פון גרויסן, היסטאָרישן משפּט. זי דערציילט פון די העלדן אין דר׳ערד, וואָס ווערן געגעסן פון ווערים.

און יעדער איינער פון די אנטיילנעמער, וואָס וואַרפט זיין בליק אויף דער יונג פארשטאָרבענער פרינצעסין — אים ווערט דער בּיסן ווי אייזן און די געדערים און דער ווײַן — ווי אייז. יעדער איינער מוז אויפציטערן ביים אָנבליק פון דער בלאַסער נביאיטע... פון דער „טויטער פראָפעטין... — — — — — —

און אין באַגינען ,ווען אָוועקגעוואָרפענע ווי מתים, ליגן די אַנטיילנעמער פונם באַנקעט, און ווען אויף די קאָלאָנען פונם שלאָס ברעכן זיך שוין די שטראַלן פון דער זון ווי שטיקער גליענדער בראָנדז אין באַגינען שטייט איינציק און אַליין די פרינצעסין, די טראַגישע פרינצעסין — און די זון הילט איר איין אין גאָלד און דאַנקט איר פאַר איר טרויעריקער ראָלע אין דער רוימישער צעהוליעטער געזעלשאַפט —

די ראָלע פון דערמאָנען און וועקן דאָס געוויסן, די ראָלע פון צוימען די רייכע און זיי דראָען מיטן פינגער פון גערעכטיקייט. די ראָלע פון זיין אַ פּראָפעטין — פאַר די אָרעמע, מאָנענדיק געוויסן ביי די רייכע..



נאָכוואָרט

ווען איך קוק צוריק אויף דער צייט, ווען די מיניאַטורן זיינען געשאַפן געוואָרן, הייב איך אָן צו טראַכטן פון וועלכע קוואַלן די מיניאַטורן קומען, וואָס האָט מיך באַוואויגן זיי אָנצושרייבן, און וואָס שטעלן זיי פאָר אין מיר, אין מיין לעבן?

קודם כל זיינען די מיניאַטורן אויטאָביאָגראַפּישע. די דעראינערונג, וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויסן פּלאַץ אין יעדן קינסטלער׳ס שאַפן. יעדער באַוועגונג פון אונדזער לעבן דערמאָנט אונדז אין אַ פריערדיקן עפּיזאָד, אין אַ געשטאַלט, אין אַ נאָענטן מענטשן. עס גייט אויף די קינדהייט, ווען אונדזער פּערזענליכקייט האָט זיך אָנגעהויבן אויס־צופורעמען. ווען די ערשטע איינדרוקן זיינען אַריין אין אונדזער האַרצן און פּסיכיק. און די הערלעכע געשטאַלטן פון טאַטע־מאַמע, וואָס ווערן אַלץ קלערער און צו אונדז פאַרשטענדיקער מיט די יאָרן. ווען מיר זיינען קליין, איז אונדזער באַציאונג צו די עלטערן אַ מעכאַנישע, אַן אויטאָמאַטישע. מיר טראַכטן נישט וועגן זיי. ערשט ווען מיר ווערן עלטער, הייבן מיר אָן צוריקצוקוקן אויף אונדזערע עלטערן. מיר דערזעען זיי, און זייערע מעשים, אין אַ נייעם ליכט. מיר זעען ווי שווער זיי גייען דורך דעם לעבנסוועג. מיר זיינען מבינים אויף זייער העלדישן גאַנג דורכ׳ן פּיינפולן לעבן. מיר שטייען אין שטוינונג פאַר זייערע יסורים און פאַר זייער מוט.

דורך אונדזער אייגענעם שווערן לעבן ווערן מיר באַוואוסט־זיניק פון זייער שווערן לעבן. אַמאָל גייט אויף די חרטה אויפ׳ן מעגלעכן שלעכט האָבן געהאַנדלט אַנטקעגן טאַטע־מאַמע. אַ׳ין אַ רעגנדיקער נאַכט לויפסטו צו זייער הויז, וואו זיי האָבן אַמאָל גע־וואוינט, צו קוקן אין די פענצטער, צו זוכן אויף די טרעפּ זייערע טריט. די טרעפּ דערמאָנען דיך אין זייער שווערן באַרג אַרויפגיין פון לעבן. די ברודיקע שויבן פון די פענצטער דערמאָנען דיך אין די שווערע, ווינטערדיקע שנייען, רעגנס, זאַווערוכעס, דורך וועלכע טאַטע־מאַמע זיינען העלדיש געגאַנגען. ביסטו אין אַ טאָג קראַנק, פאַרקילט, זעסטו דיך אין דעם טאַטנס מעמד; ווי דער טאַטע האָט אַ גאַנץ לעבן מיט קראַנקהייטן געקעמפט; ווי ער האָט זיך ביטער געראַנגלט מיט זיינע שלאָפלאָזיקייטן. אָפטמאָל, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, אָפּגייענדיק אין בלוט פון דעם יעגער׳ס פייל, איז ער דורכ׳ן לעבן קראַנקערהייט געגאַנגען, זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון שטוב, אין אַ ווינקל פון בעט; זיך חיה׳ש איינגעקאָרטשעט און דאָרטן געלעגן — אַ בערגל שמערץ, אַ באַרג מיט וואונד און מיט ווייטיק, ביז ער איז געקומען צו זיך און ווייטער געטראָגן אויף זיך די שווערע לאַסט פון פּרנסה, די שווערע משא פון זיין אַ איד אין פּוילן, די שווערקייט פון דעם אידישן לעבן.

ווען דו אַליין ביסט אָרעם אין דיין לעבן, דערמאָנסטו דיך ווי דו ביסט קליינערהייט געגאַנגען מיט דער מאַמען אין וואַלד, צו זוכן גאָלענזשעס (צווייגן), וואָס דער ווינט רייסט אַרויס פון דיביימער אין וואַלד. דערמאָנסט זיך ווי פּלוצלינג שטעלט זיך אָפּ די מאַמע ביי אַ בוים, ווישט אָפּ מיט איר אויסגעאַרבעטע הענט דאָס אַלטע, דאָס יונג־אַלט־געוואָרענע, טרויעריקע פּנים, און זי צעוויינט זיך. שפּעטער גייען מיר מיט בינטלעך צווייגן אויף די פּלייצעס

דורך שניי און דורך ווינט. די מאַמע גייט איינגעבויגן ווי אַ פאַרמשפּט'ע. די לאַסט איז שווער: אין אָונט זעסטו זי ביים אויוון. זי בלאָזט אויס אירע לונגען אין די צוויגלעך, זיי זאָלן זיך אָנצינדן: דאָס נאַסע האָלץ וויל זיך נישט דערברענען. זי בלאָזט אויף די פונקען מיט דער הילף פון קינעלעך (אַזאַ מין פעטע האָלץ). און יאָרן שפּעטער וועסטו גיין אויף אויסשטעלונגען און באַוואונדערן די מאַדאָנעס פון ראַפאַעל און זשירלאַנדאַיאָ. דו וועסט נישט טראַכטן אַז דיין מאַמע איז געווען שענער פון זיי, נאָר דאָס לעבן האָט איר צעבראָכן.

אין חלום קומען זיי צו דיר, פון די פינצטערע קברים אַרויס, וואו זיי ווילן נישט רוען. ווי נאָר דו מאַכסט צו די אויגן, קומט דער טאַטע מיט זיין אָנגעצונדענער באָרד; קומט די מאַמע, וואָס האָט דיך איינגעוויגט אין הונגער און אין שרעק פאַר פּאָגראָמען. עס קומען אין חלום די הייזער וואו דו האָסט זיך אויפגעהאָדעוועט אַלס קינד. דערקענסט די ברודיקע און פאַררעגנטע שטרוי־דעכער, די פענצטער דורך וועלכע דער דרויסן מיט דער זון האָבן וואונדערליך אַריינגעקוקט, די אויוונס אין וועלכע דאָס פייער האָט פאַר דיר געטאַנצט און געקרעכצט, די גאַנעקעס וואו דו האָסט געוואַגט אַרויסצוגיין צום ערשטן מאָל און צו קוקן אויף גאָט'ס וועלט, די באַלקענס איבערן פולאָפ זיך ציענדיק. עס קומען דיר אַנטקעגן דער פלומפּ און די קליינשטעטלדיקע וואַסער־טרעגער, די באַרעליעפן פון היסטאָרישע געביידעס. די גוטע, גרויסען קאַשטאַנבוימער פון דיין קינדהייט. די הייליקע סטאַטועס פון די פּוילישע, קרומע וועגן; אַפילו דער אויסגעקרומטער צלם ביים קרייץ פון די וועגן, דער צלם פון געלע, צעפוילטע האָלץ, אויף וועלכן אַ איד פון נאַזאַרעט הענגט אין שניי און רעגן, אַזאַ פאַרבלוטיקטער. און אָפּטמאָל, אַן איינזאַמער איד אין וואָגל, ווילסטו רעדן צום אויפגעקרייציקטן איד אַ אידיש וואָרט...

און פּיצלעכוויז פאַרצייכנסט דו, נאָכדעם ווי דו שרייבסט אָז די מכלומרשט וויכטיקע אַרבעט וועגן אַ פּאָעט, די אויסגעטראַכטע דערציילונג, דעם ראָמאַן — פאַרצייכנסט דו אויך די „אומוויכטיקע" שטיקלעך דעראינערונג. דאָס אָרעמע, שטילע, גרויסע שטעטל, מיט משוגענעם, וואָס גייט אַרום ווי אַ צעזאַר איבערן חושך פון שטעטל, אין תמוז־היצן; מיטן קרומען, מיטן לעבעדיקן העלדנמאָנומענט וואָס עס פאָזירט אַ מאַניאַק; מיט די פאַנטאַסטישע, טעאַטראַלישע בדחנים, שדכנים, זעלבסטמערדער, געהאַנגענע, קאַלעקעס, פאַרליבטע, אומגליקלעכע כלות, פילאָסאָפן, זייגערמאַכער וואָס רעדן וועגן אַסטראָנאָמיע, בטלנים וואָס רעכנען נאָך דעם גאַנג פון די שטערן, אומרואיקע זוכער, זעער, טרוימער, בעלי־חלומות, שטרייטער, קעמפער, נאַאיווע און אומגליקלעכע מענטשן.

עס קומט דיר צו חלום דאָס גאַנצע שטעטל. דאָרט איז געווען ראָמאַנטיק, פילאָסאָפיע, הערעאיזם, דאָן קיכאָטיזם. דאָרטן זיינען געווען פּאַרטייען, וועלט־אָנשויאונגען, סיסטעמען. און אַזוי ביסטו גליקלעך פּיצלעכווייז, אויב נישט אין אַ גרויסן ראָמאַן, איז אַן עפּישן ווערק, צו פאַרשרייבן די זכרונות, דאָס אויטאָביאָגראַפישע, די ערשטע איינדרוקן פון דער גרויסער וועלט — דאָס קליינע שטעטל — וואו ס'האָט זיך געפורעמט דיין קינדהייט, די פּסיכיק פון דיין גייסטיקער פערזענליכקייט.

נאָכן שטעטל קומט די שטאָט, די וועלט, די וועלט־ליטעראַטור,

דער וועלטאַל. עס גייט אויף, ווי אין אַ גרויסן חלום, צו וואָר געוואָרן, די וועלט מיט איר גרויסן קאַמף און גרויסע ליטעראַטור. עס גייען אַריין אין דיר שטיקער בוך־בלעטער פון קלאַסישע ווערק; אָנגעצונדענע עווענױס פון אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט; נישט־דער־קענטע פּנימער פון כאַראַקטערן; איינזאַמקייט אין דער וועלט. די לויפסט, אַזוי ווי אַן אַרויסגעריסענער „קאַרזשען" (וואָרצל), פון דער געדיכטער, פּוילישער שוואַרצערד. עס אַרבעט אַלץ די דעראינערונג. וואָלסט צו יעדער צייט אויסגעטוישט די צענטראַל־אייראָפּייאישע וועלט־שטאָט פאַר׳ן פּוילישן שטעטל. נאָר נייע אינטערעסן באַפאַלן דיך: דו זוכסט די קונסט; די פרוי; די געזעלשאַפט; דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם; דעם וועלט־ציל; דו זוכסט דאָס מיידל לויט דעם אייביקן מאָדעל, וואָס דו טראָגסט אין דיר ווי אַן אידעאַל, ווי אָדם טראָגט חוה׳ן אין זיין גוף און געביין. אין אַ קונסט־בילד אין אַ מוזעאום בלייבט שטיין פאַר דיר אַן אַנטבלויזטע די פרוי — אָנגעטאָן אין גאָלד פון איר שיינקייט. די זון גייט קיינמאָל נישט אונטער אויף איר בראָנדזענעם לייב. דו באַקאָנסט דיך מיטן גרויסן טרויער פון דער וועלט — דעם טויט. דו זעסט ווי איינציקווייז שטאַרבן אָפּ דיינע פריינט. פּלוצלונג, אין אַ טאָג, געפינסט דו זיך אין רייפן עלטער. דו ווערסט געוואויר אַז דער וועקער־זייגער מיטן צעבראָכענעם ציפערבלאַט־פּנים — און דער קאַלענדאַר וואָס לאָזט יעדן טאָג פאַלן אַ ווייס ברעטל ווי אַ פיצל שניי — האָבן דיך אָן קאָנטאַקטוועס אַריינגעפירט אין די שווערע מעטאַל־רייפע יאָרן. דו ביסט שוין אין די צוואַנציקער, שוין אין די דרייסיקער. שוין באַלד אין די פערציקער. עס גייען אויף נעכט פון בענקשאַפט נאָך זינד. נאָך גיהנום. דו טרעפסט אָן אין אַן אַלייע דעם טייוול. דו גייסט אַריין מיט אים טרינקען וויין אין אַ פאַררויכערטער קרעטשמע. דער טייוול פירט דיך צו, אָנשטאָט צו דיין אויסגעטרוימטע כלה, צו אַ גאַסנפרוי. דו קויפסט ליבע. שפּעטער, מיטן כלאַפּענדיקן רעגן אין דער פינצטערער נאַכט, גייסט דו, אַ זיד־וואַקלענדיקער, אַהיים. דער כאַראַקטער פון דיין געליבטער באַגעגנט דיך ביים אויפמאַכן די טיר: זי מאַכט דיר אַ פאָרוואורף . . . דו פאַלסט אויף דיין האַרטן, שטיינערנעם געלעגער אַ שווערער ווי אייזן — מיט דיינע זינד. אין די שויבן קלאַפּט דער רעגן מיט בלייערנע פינגער. דאָס געוויסן קלאַפּט מיט פאַרזשאַווערט־רויטע פינגער איבער דיין שאַרבן. דו גייסט אין חלום נאַקעט אַרויס פון בעט, שטעלסט זיך אונטערן רעגן מיט אַ גרויסן יאָמער און אויפגעבראָכענעם האַרצן. רעגן, וואַש אַראָפּ מיט אַלע דיינע מיליאָנען קאַלטע טראָפּנס די זינד. גאָט, איך וואַש זיך אין אייגענע טרערן דעם קאָפּ און דאָס האַרץ. אין פייער און אין שניי וואָלט איך באַרפוס געגאַנגען, כדי זיך צו רייניקן פון זינד, און צופאַלן פאַר גאָט אין גרויס חרטה און געוויין...

אין דעם דאָזיקן פעריאָד פון דיין לעבן גייסטו אַדורך טויזנט שטרויכלונגען. דאָס שטעטל לעבט און ווירקט אין דיר אַזוי, אַז דו זאָלסט זיך נישט פאַרקויפן צו זינד. עס ברענט א גרויסע מאָראַל אין דיין געביין. אין צייכן פון ראָמאַנטישע געפילען שטייט דיין לעבן. —

און צוזאַמען מיט די ראָמאַנטישע געפילן גייט אויף אין דיר דער שריפטשטעלער. דו זוכסט די געזעלשאַפט פון קינסטלער. דו באַזוכסט טעאַטערן, מוזעאומס, אויסשטעלונגען, סאַלאָנען און סאַלונס,

דו זעסט צווישן די פעלקער, צווישן וועלכע דו וואַנדערסט, מענער און פרויען, ווי אויף די בילדער פון ברויגלס, רובענס, רעמבראַנדט און מאַטייקאָ. דאָס פּנים פון פאָלק, געהאַמערט אויף אייביק לויט זיינע שטאַם־פאַטערס, גייט נישט אונטער. דער גייער דור טראָגט פלאַמענדיק דאָס פּנים פון דעם דור מיט אַ טויזנט יאָר צוריק. אין ברויגלס בילדער זעסטו ווי אויף אַ ברענענדיקן פעלד ליגן פויערן אונטער דער זון, און זיי רוען מידע נאָכן אַרבעטס־פּרימאָרגן. דיזעלבע פלעמישע פויערן יונגען באַגעגענסט דו אויף די גאַסן פון אַנטווערפּן און גענט. —

עס גייען אויף אין דיר אַליין אור־אינסטינקטן, אור־זעאונגען. דו זעסט אַז אין דיר אַרבעטן נאָך עלטערע כּוחות: די אור־אינסטינקטן פון דיינע עלטערן, פון דיינע ווייטע אָבות, פון די מיטאַ־לאָגישע געשטאַלטן, וואָס גיבן נישט אויף זייער ווירקונג אויף דיר, אויפן זון פון פאָלק. עס אַרבעטן און עס ריזלען אין דיר אַטאַוויס־טישע שטראָמען פון טויזנט דורות צוריק. דו זעסט, אַז דו ביסט אַ רעזולטאַט פון מיליאָנען יאָרן לעבן. דו הערסט אין די שפּעטע, שלאָפלאָזע נעכט דעם גערויש און דעם געכליאָפּ פון די ערשטע רעגנס אין דיין געביין. דו מאַכסט צו די אויגן ביינאַכט — און דו שווימסט אין אומבאַקאַנטע וואַסערן און שטראָמען פון אורצייטן אָן. דו טאַפּטשעסט אין אַ פייערדיקער בלאָטע, אין אַ הייסן זומפּ פון דער נאָך פייערדיקער, ווייכער ערד. דו זעסט, אַז די חיות וואָס מענטשן האָבן געמאָלן מיט צוואַנציק טויזנט יאָר צוריק אין די היילן פון אַלטאַמירא, פאַרפאָלגן דיך נאָך אַפילו איצט. דו הייבסט אָן נאָכצוקוקן אין פּאַרק אַ ווערובעל, אַ קוקאַווקע, אַ פּאַווע, אַ סאָווע, אַ הונט, אַ מוראַשקע, אַ גאָלדענעם, אויסגעצטראַיעטן מאָטיל. ביי־נאַכט, נאָכן רעגן, גייסטו אַריין אין פּאַרק ספּעציעל צו זען ווי מען פירט די הינט אויף שפּאַציר. דיך ציט צו דער חיה. צום אור־פריינט פון דעם אורמענטש אין דעם זומפּ־און־דזשאָנגל. דו קוקסט אויף מענטשן און דו זעסט אַז דער דאָזיקער איז מיט זיין פּנים ענלעך צו אַ הונט. און דער צו אַן אייזל. און דער צו אַ שלאַנג. און דער צו אַ הויקערדיקן קעמל. און דער צו אַ באַציאַן (שטאָרך), מיטן לאַנגן שנאָבל. און די דאָזיקע צו אַ דזשאַבע (פראָש), צו אַ הון, צו אַ קאַטשקע. און זייערע כאַראַקטערן, טועכצן און תּנועות זיינען ענלעך צו די פון חיות.

עס נעמען דיך איבער אַטאַוויסטישע כּוחות אין אָנוגען און פאַרגעפּילען און אורשרעקן און אור־אימה. אין האַרבסט פּאַראַיי־ניקסט דו דיך מיט דער גאַנצער נאַטור. דו ווערסט אַ נאַטור־קינד: אַ פּחד באַפאַלט דיך. כאַטש לעג דיך אַוועק מיט די געלע בלעטער צום שטאַרבן. דיך נעמען דורך נאַטור׳ס געפילן. דו קוקסט אַרויף אין פינצטערע נעכט צו די שפּיציקע שטערן און דו ביסט איי־פערזיכטיק ווי זיי ענדערן נישט זייערע פּאָזיציעס אין משך פון מיליאָנען יאָרן, כאָטש זיי באַוועגן זיך אומגעהויער־שנעל. נאָר מחמת דער ווייטקייט באַמערקסט דו נישט אַפילו דעם מינדעסטן אונטערשייד אין זייערע קעגנזייטיקע פּאָזיציעס. דו זעסט, אַז דו ביסט אַ מילב אין גאַטס גיגאַנטישער קאָנסטרוקציע — און גלייכ־צייטיק אַליין אַזאַ גיגאַנט פון עמאָציעס, פון איבערטראַכטונגען, פון רעפלעקציעס, פון גרעסאַנגלען, צווייפלען, סקעפּטיציזמען, גלויבנס, שרעקן און האָפנונגען. דער טויט פון איין מענטש וואָס האָט זיך

אַריינגעשניטן מיט זיין פּערזענליכקייט אין אַלעמענס מוחות און הערצער, מאַכט אַמאָל טרויעריק אַ גאַנצע וועלט. דו לייענסט אַמאָל דאָס טאָג־בוך פון אַ מיידל וואָס האָט בקיין שום אופן נישט געוואָלט שטאַרבן, און איר טרויער נעמט אַרום דיין האַרץ. נישטאָ קיין גרענעץ צום מענטשלעכן טרויער. דו ווילסט מאַכן אַ סיסטעם. צוזאַמענבינדן אַ קייט פון אידעען צו איין וועלט־סיסטעם. נאָר יעדעס מאָל ברענט זיך איבער אַ רינג אין דער קייט. די נאַטור זעלבסט דערלאָזט נישט צו קיין פאַרבינדונג. דער קינפטיקער דור פאַרלייקנט די אייזנפעסטע סיסטעם. גרויסע אויטאָריטעטן ווערן אָפּגעפרעגט. גיגאַנטישע פאַרמעסטער פון וועלט־לאָגיק. אָבער אַ שטאַרקערע קאָסמישע אויטאָריטעט וואַרפט אַלץ אום. אַפילו דאָס אַבסאָלוט־זיכערע ווערט אומגעוואָרפן. דו ביסט רעוואָלוציאָנער און דו מיינסט אַז דו דאַרפסט נאָר פיינט האָבן. נאָר גלויבן דעם דיקטאַטאָר. דאָס פאַנאַטישע פייער פון רעוואָלוציע באַהערשט דיך. דו דינסט צו די כוחות פון רעוואָלט, צום אויפשטאַנד, צום צעברעכן, צעשטערן. דו ווייסט נאָר איין זאַך: מיט געוואַלט אומענדערן. קיין זאַך איז דיר נישט טייער גענוג עס צו לאָזן שטיין. דו ביסט אַ דינאַמישער כוח. דו לייענסט דיך אָן מיט רעוואָלוציע. לייענסט וועגן פאַרגאַנגענע רעוואָלוציעס. דו ווערסט אַ באַוואונדערער פון די מענטשן וואָס האָבן געפיטערט דאָס מעסער פון דער גילאָטינע מיט מענטשלעכע לעבנס. אין אַ צייט אַרום זעסטו אַז דו האָסט בלינדערהייט געדינט צו מענטשלעכער אַמביציע, צו צעשטערונג. דו ווערסט מיט דער צייט מעסיק, קאָנסערוואַטיוו. דיינע פריערדיקע געטער: ראָבעספיער, מאַראַט, דאַנטאָן, דזשיערזשינסקי, טראָצקי — זייערע פנימער ווערן בלאַס פאַרן אמת׳ן איינזאַמען זוכער פון ערדישן, פון קאָסמישן אמת: סאָקראַטעס, שפּינאָזאַ, דאַ ווינטשי, פּאַסקאַל, ר׳ שלמה בן גבירול, דער רמב״ם. דו הייבסט דיך אָן צו בויגן טיף פאַר די מענער פון גייסט, וואָס האָבן אין דער שטיל געליטן און געבויט זייערע פּיראַמידאַלע ווערק; האָבן געהיילט די ליידענדע פון דער ערד מיט זייער גייסט און מיט זייערע נאָבעלע מעשים.

אַנשטאָט אַלע פעלקער, ווערט דיר נאָענט דיין אייגן פאָלק. דו דערזעסט אָן צו דערזען דייז ענגע קרובה׳שאַפט מיטן דאָזיקן פאָלק. די געשיכטע פון דיין פאָלק ווערט דיין אייגענע געשיכטע. אירע קעמפער און העלדן ווערן דיינע באַליבטע כאַראַקטערן. די פרייהייט פון דיין פאָלק ווערט פאַר דיר אַ לעבנס־וויכטיקע זאַך. דער היימיש פאַר דער פרייהייט פון דיין אייגן פאלק איז דער אמת׳ער קאַמף פאַר דער פרייהייט פון דער מענטשהייט. און, אין דיינע רייפע יאָרן, טרעט איין אַביסל רעזיגנאַציע, פילאָסאָפישע רויקייט. אַנשטאָט רעוואלוציע — די פרוי, דער געוואַלטיקער כוח פון אור־אינסטינקטן, ליטעראַטור. כאָטש זיי באַגלייטן דיך ביזן לעצטן טאָג פון דיין לעבן — טרעט איין דער גרויסער, קאָסמישער בליק. דו ביסט איצט גרייט צו פאַרגעבן דיין שונא. דיין באַליידיקער מילד צו באַהאַנדלען. דו זעסט אַז די רעוואָלוציע איז געווען אַ קאָכן זיך פון הייסע עלעמענטן, פון העראָאישע כאַראַקטערן, פון דעם מענטשנס רעאַקציעס אויף בייזע מעשים. דו זעסט ווי די שיינקייט פאַר וועלכער דו ביסט נעכטן אויסגעגאַנגען פון ליבע, וויאַנעט היינט. זי ווערט אַלט. איר פרילינג נעמט זיך אָנטאָן אין געלן האַרבסט. און דו האָסט זי, ווען הייס געליבט, באַשאַפן פון זיך

אַרויס, אָפּגעבראָכן פון זיך ווי אַ שטיק בראַנדזע, אַרויסגעבראַכט פון דיר דיין אידעאַלן מאָדעל, דיין אונערלעכע, אויסגעבענקטע שיינקייט. ווען דו פאַרבלייבסט אין איינזאַמקייט, גייט אויף פאַר דיר קלאָר דיין גאַנץ לעבן. פון דעם אור־כאַאָס ברעכט זיך אַרויס אַ וואונדערבאַרע קלאָרקייט. די קלאָרקייט האָט דאָס לויכטנדיקע פנים פון גאָט, פון אייביקייט.

און דו הייבסט אויך אָן צו טראַכטן, אַז העכער ווי ליטעראַטור שטייט דאָס לעבן. דעם מענטשנס טראַגישער שיקזאַל. די העלדישע אָנשטרענגונג. דו טראַכסט אַז מענער ווי טאָלסטאָי, ווי ר׳ ישראל בעל שם טוב, ווי ר׳ נחמן בראַסלאָווער, ווי משה רבינו, ווי פראַנציסקוס פון אַסיזי, ווי בודא, זאַראַאַסטער, זיינען געווען גערעכט. דאָס לעבן שטייט העכער ווי די שענסטע און העכסטע קונסט. און די קונסט דאַרף דינען צו דערהייבן די קוואַליטעט פון לעבן. און די יעניקע וואָס האָבן זיך געבאָדן אין זון און אין ווייך, ווי בודא, ווי אָסקאַר ווײַלד, האָבן ביים ערשטן קרעכץ פון אַ מענטש, ביים ערשטן אָנבליק פון אומגליק, דערזען דאָס אמת׳ע פנים פון מענטש און פון זיין אומגעהויערן ווייטיק. העלפן די ליידנדע איז וויכטיקער ווי מאַכן גוטע ליטעראַטור. און די אויפגאַבע פון מאַכן גוטע ליטעראַטור איז אין העלפן די מענטשן. אין דעם געדאַנק פון גוטסקייט און פריהייט. און די מענטשן וואָס האָבן אין איינזאַמקייט געהאָלפן די מענטשן, זיינען פאַר מיר געוואָרן די אמת׳ע העלדן, די אמת׳ע הייליקע. און פאַרטונקלט זיינען געוואָרן צו מיר די גלענצענדע גענעראַלן אַלעקסאַנדער, האַניבאַל, צעזאַר און נאַפּאָלעאָן. און די פירער פון דער פראַנצויזישער און פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן אָפּגעטראָטן זייער פּלאַץ צו די אמת׳ע העלדן פון גייסט, די הייליקע, די פילאָסאָפן, די דערלייזער און די משיחים, די אַרכיטעקטן פון מענטשלעכע אידעען און מענטשלעכן האַרץ. —

די דאָזיקע עוואָלוציע — פיזיש, גייסטיק, אינטעלעקטועל, נאַציאָנאַל, קינסטלעריש — גייט מסתמא אַדורך יעדער אינטעליגענטער מענטש. נאָר עס איז דער קינסטלער וואָס דערנערט איר מיט זיין איינזאַמקייט. וואָס איז וואַך און סענסיטיוו צו איר, און וואָס פאַרצייכנט. עס איז דער שריפטשטעלער וועלכער פאַרצייכנט זיינע איבערלעבונגען און רעאַקציעס, זיינע עמאָציעס, חלומות, טראַכטונגען און גייסטיקע יסורים. עס איז דער קינסטלער וואָס פאַרשרייבט זיין לעבן, און דאָס לעבן פון מענטשן און נאַטור, אויף טויזנטער זייטן. עס איז דער דיכטער וואָס נעמט זיך אַליין אַלס מאָדעל פון אַלע מענטשן און זעט און קוקט דורך זיך אַליין צו אַלע מענטשן אויף דער ערד, צו גאָר זייערע עקזיסטענצן. דורך זעלבסטשטודיע דערקענט ער די פעלקער, די מענטשהייט. אין אַלע זיינע ווערק פיגורירט איין גרויסער כאַראַקטער — זיין אייגענע פערזענליכקייט.

דאָס איצטיקע בוך „אין גאָט׳ס געשטאַלט״, איז אַן אָפּקלייב פון די טויזנטער פאַרשריבענע זייטן מיט מיניאַטורן, נאָטיצן, פאַרצייכנונגען און אָבסערוואַציעס. דאָס בוך איז אַן אָפּקלייב פון מיין טאָג־בוך, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר. אַ טאָג־בוך וואָס ציילט איבער דרייסיק טויזנט זייטן און וואָס איך האָב געשריבן מערסטנס אין די אָוונטן, אַהיימקומענדיג אַ מידער, אַ צעבראָכענער, אַ טרויעריקער. עס איז פאַקטיש מיין אינטים טאָג־בוך. און, ווי איך האָב שוין דאָ געזאָגט, איז עס דער

רעזולטאַט פון מיינע פערציק יאָר לעבן. פון די ערשטע קינדהייטס־רעפלעקסן, ביז צום איצטיקן טאָג, ווען די האַנט פירט ציטערנדיק די פעדער אויפן שרייב־פּאַפּיר. דאָס בוך איז, ווי געזאָגט, אויטאָ־ביאָגראַפיש, אינטעלעקטועל, פילאָסאָפיש און ליטעראַריש.

. . . איבעריקנס, איך גיב עס איצט איבער אין די הענט פונם אַלמעכטיקן לייענער צום לייענען און צום משפּט׳ן . . .

* * *

ביים שליסן דאָס בוך „אין גאָט׳ס געשטאַלט״, וויל איך ערשטנס אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צום דיכטער יצחק ליבמאַן, רעדאַק־טאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״, אין וועלכן עס זיינען דערשינען די זאַכן פונם דאָזיקן בוך, אין אַ משך פון די לעצטע צוויי יאָר, און וועלכער האָט מיר דערלויבט זיך מיט די זאַכן צו באַנוצן פאַרן דאָזיקן בוך. —

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צום מאָלער יהודה טאָפּעל, וועלכער איז געווען אַזוי פריינטליך צו צייכנען דאָס שער־בלאַט, די אונטערקעפּלעך, עטלעכע צייכנונגען און וויניעטן. —

עס גייט מיין האַרציקער דאַנק צום סקולפּטאָר, חיים גראָס, וועלכער האָט ספּעציעל אילוסטרירט עטלעכע פון מיינע מיניאַטורן. —

אַ נישט קיין קליינעם דאַנק שיק איך איבער צו אַלע יענע אידע־לע מענטשן, ליבהאָבער פונם אידישן וואָרט, וועלכע האָבן געהאָלפן און געמאַכט מעגלעך דאָס דערשיינען פונ׳ם בוך.

ניו־יאָרק, 11 יאַנואַר, 1950.

פאַרשירנס



די הגדה אין ליכט פון וויסענשאַפט

אַ נייע אינטערפּרעטאַציע פון דער הגדה. — יהושע בן נון שטעלט אָפּ די זון. — דער טויט פון סנחריב׳ס אַרמיי. — רעליגיע און וויסנשאַפט. — „וועלטן אין צוזאַמענשטויס״, פון דר. עמנואל וועליקאָווסקי. —

שוין זינט יאָרטויזנטער ווי עס גייט אָן אַ קאַמף צווישן רעליגיע און פרייַדענקעריי. עס איז דער אייביקער קאַמף צווישן די דאָזיקע וואָס גלויבן, וואָס זייַנען גרייט אָנצונעמען פאַר אמת אַלע מיטן, מעשה־לעך און דערציילונגען פון די רעליגיעזע ספרים, פון די הייליקע שריפטן, פון תורה און תלמוד; און צווישן די מכלומרשטע סקעפּטיקער פרייַדענקער, אַטעאיסטן און ראַציאָנעלע אויסטייַטשער פון תנך און פון די אַלטע, עזאָטערישע ווערק.

די מאַיעסטעטיק פון דעם רבונו של עולם; די גרויסקייט פון גאָט, די אומגעהייערקייט פון זייַן מאַכט און שעפערישן כוח איז אָפּט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער אַפּיקורסישער ליטעראַטור, אין דער פילאָזאָפיע; די אַפּיקורסים, די צווייפלער, די אָפּלייקענער, די אַפּטרי־ניקע, די פילאָזאָפן און ביבל־קריטיקער האָבן אָפּט געפּרוּווט אָנ־ווייזן אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט און אַז עס איז נישט גאָט וואָס באַוועגט מיט זייַנע בליציקע הענט דעם גאַנג פון די שטערן און האָלט געשפּאַנט אין זייַן פויסט די אייזערנע פעדים פון מיליאָנען שיקזאַלן: נאָר עס איז די נאַטור, וואָס איז דער אמתער „גאָט״ פון הימל און ערד. זיי האָבן געערדט וועגן דער נאַטור מיט אַ נייעם עקסטאַז, מיט אַ נייעם רעליגיעזן ציטער, מיט אַ פאַנאַטיזם און ליידנשאַפט וואָס האָט זיי פאַרוואַנדלט אין נייע רעליגיעזע עקסטאַטיקער און נביאים פון נאַטור. די באַרימטע אַטעאיסטן אַאויגוסט קאָנט, ברעדלאָו, העגעל, ניטשע און ראַסעל, אפשר מיטן אויסנאַם פון בערטראַנד ראַסעל, זייַנען געווען פאַנאַטישע און ליידנשאַפטלעכע אַנט־געטערער פונם קאָסמאָס; די וועלט־באַרימטע פרייַדענקער, ווי שפּינאָזע, וואָלטער, סאָקראַטעס, אינגערסאָל און האַקסלי, האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעמישט מיט די גרינדער און פונדאַמענט־לייגער פון גרויסע רעליגיעס, ווי משה, בודאַ, מאַהאָמעט, קריסטוס און זאַראַאַסטער; וואָלטער איז געווען אַ דעאיסט; שפּינאָזאַ איז געווען, צו באַנוצן נאָוואַליסעס אַן עפּיטעט — אַ גאָט־באַטרונקענער מאַן; סאָקראַטעס האָט געגלויבט אין דער אומ־שטערבלעכקייט פון דער נשמה; האַקסלי האָט געקעמפט קעגן דאָג־מאַטיזם און פאַלשקייט, וואָס איז אַ געפאַר צו ביידע, צו רעליגיע און וויסנשאַפט; אינגערסאָל האָט מיט זייַן מעכטיקער אָראַטאָריע

באווירקט דעם פרייען גייסט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און טאָלעראַנץ; האָט געקעמפט פאַר פרייהייט פון געדאַנק און איז אַליין געווען אַ פאַנטעאיסט, אַגנאָסטיקער און גלויביקער אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה; די מערסטע גרויסע אַטעאיסטן, וואָס האָבן גיכער געקעמפט קעגן דאָגמאַטיזם, טיראַניע און שימל פון דער רעליגיע, האָבן זיך שוין לאַנג אויסגעמישט מיט די גע־שטאַלטן פון די שעפער פון גאָט־סיסטעמען, ווי ישעיהו, דער רמב״ם, אַכנאַטאַן, אַסאָקאַ און פאַולוס. די אַטעאיסטן האָבן געשאַפן נייע רע־ליגיעס — רעליגיעס אָן געטער. אָבער מיט געטלעכע עסענצן, ווי אמת, גערעכטיקייט און טאָלעראַנץ. זיי האָבן געשאַפן טעמפּלען אָן היילקן־בילדער. דורך די אָפענע דעכער און סופיטן פון די דאָ־זיקע אַפּיקורסישע רעליגיעס האָט אַ בליץ געטאָן גאָטס האַנט אין דער נאַכט, און עס איז געווען ווי גאָט וואָלט אַ טרייסל געטאָן די פונ־דאַמענטן פון דער ערד; און די פריידענקער פלעגן זיך היפש דער־שרעקן; און זייערע נייע טעמפּלען האָבן געציטערט מיט אַ גרויס צי־טערניש פאַר צאָרן פון גאָט.

די אַטעאיסטן האָבן געזוכט צו אַלע צייטן אָפּצולייקענען די ניסים פון תנך און פון אַנדערע אַלטע ווערק; דאָס וואָס האָט זיך זיי אויף אַ מאָמענט נישט געלעגט אויפן שכל, האָט מען געפּרואווט איינגאַנצן פאַרוואַרפן און אָפּלייקענען. אָבער רעליגיעזע, טעמפּע־ראַמענטפולע מענטשן, מיט אַ פּאַטעטישן שטאָלץ, האָבן אַלץ אָנגענו־מען פאַר אמת. עס איז ממש צו באַוואונדערן זייער געטריישאַפט צום רבונו של עולם; זיי האָבן גאָט ניט פאַרלייקנט; און ערגעץ וואו האָבן זיי געפילט אַז די גאַנצע קאָסמישע סטרוקטור; אַז אָט דאָס אייזערנע געוועלב און געוועב פון דער נאַטור באַקומט ערשט איר ריכטיקן קאָליר, איר מאַיעסטעטישע גרויסקייט, פאַרנעם און באַדייטונג, ווען עס ווערט געזען דורך גאָט ווי דורך אַן אומגעהייערן פאַרגרעסער־גלאָז. זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז די נאַטור, ווי דער געהיימער, קעניגלעכער מחבר פון תהילים האָט זי געזען, איז נישט קלענער ווי די נאַטור וואָס עס זעט דער מאָדערנער נאַטור־וויסנשאַפטלער, דער ביאָלאָג, דער אַנטראָפּאָלאָג. און סוף־כל־סוף זיינען די דאָזיקע וויסנשאַפטלער, זאָט מיט זייער אַטעאיזם און זאָט מיט זייער נאַטור־דערקענטעניש, אויף דער סאַמע העכסטער שטופע פון זייער פאָרשונגס־אַרבעט, אַליין דער־גאַנגען צו גאָט.

אַדורכגעגאַנגען אַלע היילן, טונעלן, אָפּגרונטן, טיפקייטן און צעלן — איז מענטש אַרויסגעקומען אויף אַזאַ פוסטער, סטראַטאָספּע־רישער הויך, אַז ווען ער נעמט נישט גאָט צו הילף, וואָלטן די שאַרפע ווינטן אַראָפּגעשליידערט זיין קאָפּ ווי פון אַ סטאַטוע. אַן אומהיימ־לעכקייט און אַ שרעק איז דעם פריידענקער באַפאַלן. אין דער אומענד־

לעכקייט פון די וועלטן איז געוועז שרעקלעך קאַלט. אַז אייזיקע קעלט באַהערשט זיינע ביינער. די קאָסמישע לאַנדשאַפט שפּרייט זיך מאַיעסטעטיש אויס אין דער אומענדלעכקייט. די וואונדערשטראַלן אַרויס ווי פלאַמען. די שטערן דרייען זיך אין אַ ווירבל ווינט ווי גי־גאַנטישע בריליאַנטן. אויב נישט אַרום גאָט, די גרעסטע ספּיריטועלע זון אין רוים, טאָ צו וואָס און אַרום וואָס דרייען זיך און ווירבלען די וועלטן אינם וועלט־ווירבל? דרייען זיך נישט די וועלטן סוף־כל־סוף אַרום אין אַן עקסטאַטישן טאַנץ אַרום גאָט. און עס איז גאָט, וואָס זיי האָבן שליסלעך דערזען ביים סוף פון זייער פאָרשונגס־רייזע, ביים ברעג פון זייער לעבן, אין דעם מאָמענט ווען מענטש פאַרטראַכט זיך איידער ער פאַלט אַרונטער אין אָפּגרונט. —

עס איז דעריבער מיט גרויס אינטערעס וואָס איך האָב די וואָך געלייענט אין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל אַ פּרעוויו צו אַ מערקווירדיקן בוך פון דר. אימאַנועל וועליקאָווסקי, אונטערן אומגעווייגלעכן טיטל: „וועלטן אין צוזאַמענשטויס". יאָרנלאַנג האָט דר. וועליקאָווסקי אין איינזאַמקייט געזאַמלט אַ וועלט מיט מאַטעריאַל פון דער ביבל, פון אוראַלטע כראָניקעס, עזאָטערישע ווערק, פון די מעשות און לע־גענדעס פון אַלטע פעלקער און, ער האָט אויפגעבויט אַ סיסטעם וואָס וועט האָבן, ווי דער שרייבער זאָגט, אַ טיפן איינפלוס אויף מאָדערנע וויסנשאַפטלער, דענקער און פאָרמירער פון דעם מענטשלעכן גע־דאַנק. דר. וועליקאָווסקי, אין זיין דערמאָנטן בוך, „וועלטן אין צוזאַ־מענשטויס", האָט זיך געשטעלט נישט קיין פּשוטע אויפגאַבע צו באַ־ווייזן אַז די ניסים וואָס דער תנך באַשרייבט, זיינען נישט קיין פּוסטע מעשות, נאָר זיינען גענויע, כמעט וויסנשאַפטלעכע פאַרצייכענונגען פון געשעענישן וואָס האָבן ווירקלעך זיך אָפּגעשפּילט אויף אונזער אַלטן פּלאַנעט. די מחברים פון די הייליקע שריפטן זיינע אַלזאָ קיין אויסטראַכטערס נישט געווען. די געשעענישן וואָס זיי פאַרצייכע־נען, האָט געקאָסט דאָס לעבן פון הונדערטער טויזנטער מענטשן. מענטשן האָבן געגלויבט אַז די דאָזיקע זאַכן זיינען צייכנס פון גאָט: זיינען דאָס לשון אין וועלכן דער אַלמעכטיקער רעדט דירעקט צו די פעלקער פון דער ערד, אַן דער פאַרמיטלונג פון פלינק־צינגלדיקע טריבונען און דעמאַגאָגן: זיינען די שריפטן אין וועלכן גאָט שרייבט זיין וואָרנונג צו די מענטשן. און דאָס איז אַן אומגעהייערע שריפט. דאָס איז אַ שפּראַך, וואָס די אַלטע פעלקער זיינען פאַרציטערט געוואָרן, ווען זיי האָבן געהערט ווי גאָט רעדט צו זיי דורך דונערן און דורך שטורעמס, דורך בערג און ימים. דער מענטש האָט בוכשטעבלעך געזען ווי עס נעמען גיין ריזיקע בערג איבער דער ערד. ווי אָקעאַנען הויבן זיך אויף אין דער הויך, אַזוי ווי אַרויסגעצויגן פון זייערע בעטן דורך אַ מעכטיק־געהיימנישפולער קראַפט, און זיי גיסן זיך אויס איבער

קאָנטינענטן. זיי האָבן געזען ווי אַ קייט פון פייער נעמט אַרום די ערד. ווי עס פאַלט פון די הימלען אַ רעגן פון שוועבל און שטיינער, פון אַש און פייער. ווי די ערד בלייבט שטיין צוזאַמען מיט דער זון און ביידע קוקן זיך אָן אויג אויף אויג. אַזעלכע קאָסמישע סצענעס אין דעם הימלישן טעאַטער האָט מענטש נישט געקענט פאַרשטיין אַנדערש ווי איבערנאַטירלעכע, הימלישע צייכנס. ער האָט זיי אויך נישט געקענט פאַרגעסן. ער האָט שרעקלעך מורא געהאַט טאָמער חזרן זיי זיך ווען עס איז איבער. און ער האָט געפונען פאַר געזונג וויכטיק און ווירדיק זיי צו רעקאָרדירן אויף שטיינערנע טאָוולען, אין גראַניטענע לוחות, אין שריפט איבערן געבערג, אין פאַפּירוסן און אין ליים, כדי די שפּעטערדיקע דורות זאָלן וויסן וואָס זיי האָבן אַליין געזען און אויף וואָס דער אַלמעכטיקער איז „פּעאיק"...

די געשיכטע מיט יהושוע בן נון וואָס האָט „אָפּגעשטעלט די זון", שיינט צו זיין צו די אַפּיקורסים אַן ערשטקלאַסיקער ליגן, אַן אומבאַגרייפלעכער פאַקט, וואָס די וויסנשאַפט איז נישט אימשטאַנד צו דערקלערן. שטעלט אייך פאָר, אַז די ערד הערט זיך אויף צו באַוועגן אין איר עליפּטישן גאַנג אַרום דער זון. שטעלט אייך פאָר, אַז דער אומגעהייערער כוח און ריטם וואָס טרייבט דורך די אייביקייטן די הימלישע ריזן, שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ. ווי קען אַ מענטש, אַ שטערבלעכער מענטש, אָפּשטעלן דעם גאַנג פון דער וועלט, דאָס ראָד פון ראָטאַציע וואָס דער באַשעפער האָט אָפּגעלאָזט פון זיין האַנט מיט אַ ריזיקן שוואונג? אַלערליי אַטעאיסטן האָבן אין משך פון דורות געבראַכט אַלס ביישפּיל דעם דאָזיקן „אַבסורדאַלן" פאַקט פון אָפּשטעלן די זון דורך אַ מענטשן.

לאָמיר דאָ ציטירן די שטעלע פון ספר „יהושוע":

„און עס איז געווען, אַז זיי זיינען געלאָפן פאַר ישראל, ווען זיי זיינען געווען אויף דעם אַראָפּגאַנג פון בית־חורון, האָט גאָט אַראָפּגעוואָרפן אויף זיי פון הימל גרויסע שטיינער, ביז עזקה, און זיי זיינען געשטאָרבן. מער זיינען געווען די וואָס זיינען געשטאָרבן פון די האָגלשטיינער, ווי די וואָס די קינדער פון ישראל האָבן געהרגעט מיטן שווערד.

„דענסטמאָל האָט יהושוע גערעדט צו גאָט — אין דעם טאָג וואָס האָט איבערגעגעבן דעם אמורי צו די קינדער פון ישראל — און ער האָט געזאָגט פאַר די אויגן פון ישראל:

„זון, שטיי שטיל אין גבעון,
און לבנה, און טאָל פון אַילון!
און די זון איז שטיל געשטאַנען,
און די לבנה האָט זיך אָפּגעשטעלט,
ביז דאָס פאָלק האָט זיך נוקם געווען אָן זיינע פיינט.

דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון ישר. און די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האַלבן הימל און האָט זיך ניט געאײַלט אונטערצוגיין אַרום אַ גאַנצן טאָג. און אַזאַ טאָג ווי יענער איז ניט געווען, פאַר אים אָדער נאָך אים, אַז גאָט זאָל געהאָרכן דעם קול פון אַ מענטשן; וואָרום גאָט האָט מלחמה געהאַלטן פאַר ישראל" (יהושע־איבערזעצונג).

דר. וועליקאָווסקי, ווי געזאָגט, האָט שטודירט צען יאָר די געשיכטע און די ליטעראַטורן פון אַלטע פעלקער און שבטים פון גאַר דער ערד. ער האָט שטודירט עגיפּטישע פּאַפּירוסן און בבלישע אַסטראָנאָמישע טאַבעלן; קאַלענדאַרן פון די אַצטעקישע פּריסטער און פון די מאַיאַס; דעם פאָלקלאָר פון אַראַביע, אינדיע, נאָרד־אַמעריקע, טיבעט, כינע און פּערו. און ער דערציילט אַז צו דער זעלבער צייט וואָס יהושע בן נון האָט „אָפּגעשטעלט די זון", דערציילן אַ סך פאַרגאַנגענע פעלקער וועגן אַן ענלעכער געוואַלטיקער געשעעניש. וועגן פינצטערניש וואָס האָט געדויערט אַ טאָג מיט אַ נאַכט אויפן אַנדערן זייט קאָנטינענט, בשעת טאָג־ליכט האָט געהערשט אַ גאַנצן מעת־לעת אויף אונזער זייט קאָנטינענט. אין אַן אַלטער מעקסיקאַנישער כראָניק, וואָס גיט די געשיכטע פון דער אימפּעריע פון קיסר קאַלוּאַקאַן, ווערט דערציילט אַז די נאַכט האָט זיך נישט געענדיקט פאַר אַ לאַנגער צייט. דר. וועליקאָווסקי ווייזט אָן אַז אַ גרויסער קאָמעט איז פאַרבייגעגאַנגען די ספערע פון דער ערד אין די צייטן פון יציאת מצרים (אַרום 1500 פאַר דער נייער צייטרעכענונג). אַרום 52 יאָר שפּעטער, אין דער צייט פון יהושע בן נונס מלחמות, האָט זיך אַן ענלעכע געשעעניש איבערגעחזרט. 700 אָדער 800 יאָר שפּעטער זײַנען ווידער פאָרגעקומען קאַטאַסטראָפעס אויף דער ערד, אַלס רעזולטאַט פון אַ נאָענטקייט צווישן מאַרס און די ערד.

ווען אַ גרויסער קאָמעט זאָל קומען אין די רעגיאָנען פון דער ערד, ווייזט אָן דר. וועליקאָווסקי, וואָלט געשען דאָס זעלביקע וואָס אין יהושע בן נונס צייטן. דער קאָמעט, מיט זיין ריזיקער מאַסע, אַזוי גרויס ווי די ערד, צום בײַשפּיל, וואָלט געמוזט אָפּציען די ערד פון איר שטענדיקער אָרביטע, אָדער ווייניקסטנס פאַרלאַנגזאַמען איר שטראַליקן וועג אַרום דער זון. מענטשן וואָס דענקען אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, ווי ס'האָט אין אַלטערטום געלערנט דער גריכישער אַסטראָנאָם פּטאָלאָמעאוס, וואָלטן געזען די זון און די לבנה אַזוי ווי זיי וואָלטן געבליבן פּלוצלונג שטיין אין די הימלען. אַלס רעזולטאַט וואָלט געווען אַ ריזיקער טאָג אויף אונזער זייט וועלט. און אַ ריזיק־לאַנגע נאַכט פאַר די פעלקער פון דער אַנדערער זייט וועלט.

דאָס איז לײַכט פאַר מיר צו קאָפּירן פון אַן אַרטיקל אין אַ

זשורנאַל. אָבער עס איז שוין גאַרנישט לייכט איבערצולעבן אַזאַ מין קאַטאַסטראָפע. צו זען מיט די אייגענע אויגן ווי די זון און די לבנה בלייבן מוראדיק שטיין איינע אַנטקעגן די אַנדערע אויפן אומהיימלעכן הימל. עס איז פשוט ערב וועלט־אונטערגאַנג. איך וואָלט נישט געוואָלט לעבן אין אַ דור וואָס איז אַן עדות פון אַזאַ קאָסמישער סצענע. און עס איז נאַטירלעך אַז מענטש האָט זיך מיט אויפגעהויבענע הענט געווענדעט צו גאָט נאָך הילף, אַנשטאָט צו פאַלן צו די פיס פון וועלכן עס איז הערשער און דיקטאַטאָר. און ווי ציטערן די קעניגן אין דעם דאָזיקן אומגעהייערן מעת־לעת. ווי צאַפּלען די מעכטיקע פון דער ערד ווען דער פאַרהאַנג פון נאַכט שפּרייט זיך אויס מוראדיק און פינצטער אויף איין זייט וועלט און דער פאַרהאַנג פון טאָג עפנט זיך אויף פיר און צוואַנציק שעה צייט אויף דער צווייטער זייט וועלט. אַ פורכטבאַר און אימהדיק בילד וואָס די הענט פון גאָט האָבן באַשאַפן.

די אַסטראָנאָמען גלויבן אַז אונזער סאָלאַר־סיסטעם איז געבוירן געוואָרן אין יענעם שיקזאַלהאַפטן מאָמענט אין צייט, ווען די זון און אַ צווייטער ריזיקער קערפּער האָבן זיך באַגעגנט אין אַ גיגאַנטישן פאַרמעסט. יענער קערפּער, דורך זיין אומגעהויערער גראַוויטאַציע־כוח, האָט אַרויסגעריסן אַזעלכע מעכטיקע מאַסן פלייש פון דער זונס פייערדיקע ריפּן, און האָט זיי אַ שליידער געטאָן מיט אַזאַ שוואונגפולער באַוועגונג אין רוים, אַז זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום דער מוטער־זון אין אַן אייביקן עליפּטישן טאַנץ. אָבער די וועלט, אונזער סאָלאַר־סיסטעם, קען דורך אַזאַ דועל פון צוויי גיגאַנטן אויך אונטער־גיין. עס איז שטענדיק פאַראַן די געפאַר פון אַ באַגעגעניש צווישן דער ערד און אַ צווייטן פּלאַנעט אָדער אַ קאָמעט, וואָס קען צעשטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער ערד און קען זי אינגאַנצן צעשמעטערן און צוריק פאַרוואַנדלען אין תוהו ובוהו, אין כאַאָס.

דר. וועליקאָווסקי ווייזט אָן אין זיין בוך, וועגן וועלכן מיר שרייבן אַגב נישט דירעקט, ווייל דאָס בוך האָלט ערשט ביים דערשיינען — נאָר פון אַ פּרעוויו וועגן דעם בוך — אַז קיין איינציקער פון די גרויסע אַסטראָנאָמען, ווי קאָפּערניק, גאַלילי, קעפּלער און ניוטאָן, האָבן נישט געגלויבט אַז שטיינער קענען פאַלן פון הימל, אַ זאַך, וואָס מיר געפינען קלאָר פאַרצייכנט אין תנ"ך, אין די אויבנציטירטע שטעלע פון ספר יהושע און אין אומצייליקע אַנדערע ענלעכע שטעלן. ערשט אין יאָר 1803, ווען אַ שטראָם פון מעטעאָריטן זיינען געפאַלן אין אַ געגנט אין פראַנקרייך, און מען האָט זיי אָנגעהויבן צו פאָרשן, האָט דער מענטש דערזען אַז שטיינער קענען טאַקע פאַלן פון הימל. עס האָט געמוזט זיין עפּעס פון אַ געוואַלטיקער נייס וואָס האָט יענעם יאָר אַ שלאָג געטאָן איבער די שאַרבנס פון די מענטשן: אַז פון הימל

קען פאַלן אַ רעגן פון פייערדיקע שטיינער. אַז אַ רויטער האָגל קען אַריינקראַכן דירעקט פון די הימלישע רעגיאָנען אויף די דעכער פון אַ שטאָט. אַז די לופט איז נישט באַשיצט פון אַן אייזערנעם שניי. אַז גאָט קען לאָזן באַהאָגלען אַ נייע סדום מיט אַ פייערדיקן רעגן. אַז די ערד, די היימישע געגענט, קען צוגעדעקט ווערן דורך אַ שרויט פון די שטערן. אָבער, עס איז געווען אַזוי פשוט ווי אַ רעגן וואָס פאַלט פון די וואָלקנס און צו וועלכן מיר זיינען שוין צוגעוואוינט זינט קינדישע יאָרן אָן.

אין ניו־יאָרקער מוזעאום פון נאַטור־געשיכטע ליגן די דאָזיקע מעטעאָריטן. עס איז פאַראַן עפּעס אומהיימלעכעס אין זיי. זיי צע־שמעלצן זיך נישט ווי די בערג מיט שניי אין די פרילינגדיקע טעג. מען זעט אין זיי די בלייענע לעכער פון קאַכן און זידן און טאַנצן און בלאָזן זיך ווי אין לוצקיס אַ ליד וועגן דעם קאָכן זיך פון די פּאַ־סאַליעס. ריזיקע שטיינער, ווי גיגאַנטישע שוואָמען, זיינען זיי איינגע־לאַדן געוואָרן אין די מאַרמאָרנע זאַלן פון מוזעאום, כדי דאָרט צו שטיין ווי עדות פון דעם געטלעכן כוח. פון דעם צאָרן פון דער נאַ־טור. אַסטראָנאָמען האָבן נישט געגלויבט אַז פון הימל קענען פאַלן די דאָזיקע גראַניטן. אָבער זיי זיינען געפאַלן מיט אַ בלינדער קראַפט איבער ערדישע מדבריות און שטעט. זיי האָבן צוגעדעקט אין סיביר אַ גאַנצן וואַלד. בלויז איין גיגאַנטישער מעטעאָריט איז אַריין אין דר׳ערד און האָט פאַרוויסט די יבשה אויף מיילן אַרום. ווען אַזאַ גראַניט פאַלט, חלילה, איבער ניו־יאָרק, דעקט ער צו די וואָלקנ־קראַצערס, מאַכט פלאַטשיק זייערע טורעמס און שטעכט צוריק אַריין אין דר׳ערד דעם „עמפּייער־סטייט־בילדינג" ווי אַ „טוט־פּיק". די וויסנשאַפטסמענער האָבן נישט געגלויבט אין זיי, אָבער די שטיינער זיינען אייביק געפאַלן. זיי פאַלן יעדן מעת־לעת אין די טויזנטער און ווערן ס׳רוב צעריבן דורך דער אַטמאָספערע איבער דער ערד. אין פינצטערע נעכט זעט מען ווי גיגאַנטישע פונקען גייען דורך די לופט. זיי טוען אַ שטראַל אויף, אַזוי ווי אַ פרוי וואָלט אין דער נאַכט אַ שאָט געטאָן אירע גאָלדענע האָר אין דער לופט און מיט זיי הערלעך דעם הימל פאַרלויכטן...

אין דער צייט ווען פרעה האָט געהאַלטן פאַרשקלאַפט די אידן אין מצרים, שרייבט וועליקאָווסקי, האָט אַ גיגאַנטישער קאָמעט אָנגע־רירט די ערד מיט זיין רויטן, גאַזיקן עק. „מיר זיינען געווען שקלאַפן פון פרעה אין מצרים. און גאָט, אונזער גאָט, האָט אונז פון דאָרטן אַרויסגענומען. מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם" — דערציילט די הגדה. די מצרים האָבן אונז פאַרשקלאַפט. זיי האָבן אונז געצוואונגען צו טאָן שווערע אַרבעטן אויף זייערע שטעט, אויף

זייערע פּאַלאַצן, פּיראַמידן און ספינקסן. די מצרים האָבן זיך גע־שראָקן מיר זאָלן זיך נישט מערן, מיר זאָלן נישט ווערן אַ מאַכט אין זייער אייגן לאַנד, אַ שטומע, רעוואָלטירנדיקע מאַסע אַנטקעגן דער עגיפּטישער אימפּעריע. זיי האָבן אַפילו אונזערע פרויען און קינ־דער געצוואונגען צו אַרבעטן שווער. און די געשרייען פון די אידן, זייערע תפילות און קרעכצן, האָבן אַנגערירט גאָט. און גאָט האָט דערהערט דאָס געשריי און ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים מיט אַ שטאַרקער האַנט, מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, מיט אַ סך שרעק און אימה, מיט וואונדער און מיט הימלישע צייכנס. און גאָט, דערציילן די בלעטער פון דער הגדה, האָט די אידן נישט באַפרייט דורך קיין מלאך, נישט דורך קיין שרף, נישט דורך קיין שליח, נייערט ער האָט זיי אַרויסגענומען דורך זיין אייגענעם כוח, דורך זיין פּער־זענלעכער אָנוועזנקייט. גאָט אַליין איז געווען איבער מצרים און ער האָט אויסגעפירט זיין שטרענגן אורטייל איבער די פילע געטער פון מצרים. און ער האָט דערשלאָגן יעדן בחור אויף דער עגיפּטישער ערד. און גאָט אַליין וועט דורכגיין די פינצטערע נאַכט פון עגיפּטן. גאָט אַליין, און נישט קיין מלאך. און גאָטס אייגענע האַנט דערשלאָגט די פי אויף די פעלדער. די פערד און די אייזלען. די קעמלען און די שעפּסן. מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, מיט דער שווערד דער פּלאַ־מענדיקער איבער עגיפּטן. מיט טעראָר און מיט צייכנס און מיט וואונדער; מיט בלוט און פייער און מיט זיילן רויך בייטאָג און ביינאַכט.

אַזוי מאָלט די הגדה יציאת מצרים.

און דר. וועליקאָווסקי ווייזט אָן אַז צו דער זעלביקער צייט האָט אַ גרויסער קאָמעט אַנגערירט די ערד. אַז די דאָזיקע הגדה־שילדע־רונג שטימט מיט די אַסטראָנאָמישע געשעענישן וואָס ווערן דערציילט אין אַנדערע כראָניקעס ביי אַלטע פעלקער. אין דער הגדה ווערט דערציילט אַז דאָס לאַנד, דער ים, די טייכן, די ברונעמער, אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט. דר. וועליקאָווסקי זאָגט אַז דער ערשטער צייכן פון דער באַגעגעניש מיטן קאָמעט איז געווען אַ פייערדיקער רעגן. דאָס איז געווען אַ רעגן פון פייערדיקע שטיינער, פון פאַרזשאַווערטע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרהיילט־דאָס לאַנד אין אַ רויטן טעפּיך און האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ וויסטעניש פון זשאַווער. די אָקעאַנען און די טייכן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט. די גאַנצע לאַנד איז געוואָרן פלאַמיק־רויט. פאַרזשאַווערט.

אין אַ מאַנוסקריפּט פון די מאַיאַס, אויך אין אַן אַלטן עגיפּטישן פּאַפּירוס ווערט דערציילט „אַז דער טייך איז בלוט״. דער מחבר פון דאָזיקן פּאַפּירוס האָט אַליין צוגעזען די קאָסמישע קאַטאַסטראָפע. ער איז געווען אַ צייט־גענאָסע פון משה רבינו.

די טייכן האָבן געשטונקען פון די געפּגרטע פיש דערינען, ווייל זיי זיינען פאַרסמט געוואָרן פון די פאַרגיפטעטע וואַסערן. די מענטשן האָבן נישט געקענט טרינקען פון די וואַסערן, דערציילט די הגדה. דער עגיפּטישער מחבר שרייבט: „מענטשן האָבן געשוידערט פון פאַרזוכן (דאָס וואַסער). מענטשן האָבן ברענענדיק געדורשט נאָך וואַסער. וואָס זאָלן מיר טאָן? אַלץ איז חרוב!"

זיבן טעג האָט געדויערט די פינצטערניש, און די ערד־ציטער־נישן און קראַנקהייטן און טויט און פאַרוויסטונג. דער קאָמעט האָט זיך איצט דערנענטערט צו דער ערד. אַ רעגן פון פייערדיקן שטויב האָט פאַרוואונדעט די הויט פון די מענטשן. פון קראַצן זיך זיינען גע־וואָרן מכות אויף מכות. די ערד האָט אָנגעפאַנגען צו ציטערן. בערג און פעלזן האָבן געקראַכט. די ערד איז פאַרלאַנגזאַמט געוואָרן אין איר גאַנג אַרום דער זון. די דאָזיקע פאַרלאַנגזאַמונג האָט געדויערט זיבן מעת־לעת. די פינצטערניש איז געווען אַ זיבן־נאַכטיקע פינצטער־ניש. די דאָזיקע פינצטערניש, לויט וועליקאָווסקי, איז באַריכטעט געוואָרן אין פינלאַנד, בבל, פּערו; דורך די אַמעריקאַנער אינדיאַנער איז זי פאַרצייכנט געוואָרן. די דעמאָלטיקע מענטשהייט האָט פאַר־לוירן צענדליקער טויזנטער מענטשן דורך דער דאָזיקער קאַטאַ־סטראָפע.

דר. וועליקאָווסקי ווייזט אָן אַז די אידן זיינען טאַקע בשלום אַריבערגעגאַנגען דעם ים סוף. שטאַרקע ווינטן האָבן אָפּגעטיילט וועגן אינם ים. די אַטמאָספערע איז געוואָרן געענדערט אַלס רע־זולטאַט פון דעם קאָמעטס גאַזיקע פליגל; די ערדישע אַטמאָספערע, די לופט, וואָס איז צוגעצויגן געוואָרן דורכן קאָמעט; דאָס אָפּגע־שטעלט ווערן פון די ערד אין איר ראָטאַציע אַרום דער זון; דאָס אַלץ האָט פאַרשאַפט מעכטיקע, ווילדע ווינטן וואָס האָבן דעם ים פאַנאַנדערגעטיילט און אַרויסגעהויבן די יבשה פון דעם ימס טיפעניש. אַזעלכע קאָסמישע הוראַקאַנען זיינען באַריכטעט געוואָרן אין מעקסי־קאָ, אינדיע, פּערסיע און אין די זידלעכע ימים.

דער קאָמעט האָט מיט זיין מעכטיקער צוציאונג אויפגעהויבן די וואַסערן פון די אָקעאַנען אויף מיילן הויך. דאָס איז געווען אַ וויזיע וואָס די דעמאָלטיקע פעלקער האָבן געזען, פון יאַפּאַן ביז פּערו, צווישן די טשאָקטאַ־אינדיאַנער און שבטים פון דער אַנדערער זייט וועלט. די פעלקער זיינען פאַרציטערט געוואָרן זעענדיק ווי געהיימע גראַוויטאַציעס ציען אַרויס די וואַסערן און הויבן זיי שטורמיש אויף אין דער לופטן מיט אַ געוואַלטיקן כישוף און מאַכט. די הימלען האָבן אויסגעזען ווי רויטע, פאַרבלוטיקטע שלאַכטפעלדער. דער קאָפּ פונם קאָמעט, פאַרבייגייענדיק נאָענט צו דער זון, האָט איצט גענומען

ווערן איינגעהילט אין פלאַמען. און בשעת די אידן האָבן אין דעם שטורעם פון די עלעמענטן געצויגן איבערן לאַנד, איז זיי פאַראויס־געגאַנגען דער דאָזיקער פייערדיקער זייל ביינאַכט און אַ זייל פון רויך בייטאָג. דערווייל איז דער קאָפּ פונם קאָמעט אַריינגעצויגן גע־וואָרן אין זיין פלאַמענדיקן עק און ס'האָט אויסגעזען ווי אויפן הימל קומט פאָר אַ פירכטלעכע שלאַכט צווישן אַ גיגאַנט פון פייער און אַ גיגאַנט פון רויך.

ווען דער קאָמעט איז שוין געווען אַמנאָענטסטן צו דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן זייער הויך, צום העכסטן פונקט, האָט אַ געוואַלדיקער פלאַם געטאָן אַ זעץ איבער די הימלען. אַ סך פעלקער געדענקען דעם דאָזיקן פלאַם ווי אַ בליציקן שפּיז וואָס איז געוואָרפן געוואָרן דורך אַ גאָט אויף דער ערד וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ מבול פון פייער און וואַסער.

די אידן האָבן זיך צווישן די דאָזיקע קאָסמישע קאַטאַקליזמעס באַוועגט מיט אַ געוואַלטיקן ענטוזיאַזם ווי באַפרייטע שקלאַפן. פון ביידע זייטן האָבן זיך אויפגעשטעלט די וואַסערן ווי גיגאַנטישע בערג. אין מיטן — אַ פרישער וועג, אויסגעשניטן ווי מיט אַ שווערד פון פייער. אַפילו קינדער זיינען געווען וואַך צו דער וואונדערלעכער גע־שעעניש. אַפילו די עמבריאָנען פון די שוואַנגערע פרויען האָבן געזען די וואונדער. די בערג האָבן געטאַנצט ווי יונגע לעמער. דער ים האָט געזען און איז אַנטלאָפן.

די עגיפּטער, זעענדיק ווי די אידן באַוועגן זיך פריי, האָבן איצט חרטה געהאַט וואָס זיי האָבן באַפרייט די אידן. פרעה האָט באַפוילן זיינע אַרמייען נאָכצויאָגן די אידן. אָבער איצט איז שוין די ווירקונג פון דעם קאָמעטס גראַוויטאַציעס געווען שוואַך. און דער ים איז צוריק אַריין אין זיין בעט און האָט די מצרים פאַרשלונגען ווי שטויבן צוזאַמען מיט זייערע פערד און רייטוועגן פון אייזן. די אידן זיינען דעמאָלט שוין געווען אַריבערגעגאַנגען דעם ים. זיי האָבן בלויז געקענט זען ווי זייערע עגיפּטישע הערשער ווערן דערטרונקען און שרייען מיט אַ ביטער געשריי. זיי האָבן געהאַט אַ רעכט אָנגעפילט צו ווערן מיט שטאָלץ אויף זייער אייביקן גאָט.

איך האָב כסדר ציטירט דעם שרייבער, וואָס רעצענזירט דר. עמנואל וועליקאָווסקיס מערקווירדיק בוך. איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט ווי נאָכצוגיין שקלאַפיש זיין געדאַנקען־גאַנג. וואָרעם דאָס זיינען וויסנשאַפטלעכע פאַקטן, וועלכע פאָדערן אַ געלערנטנס יאָרנ־לאַנגע שטודיעס. דר. וועליקאָווסקי, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען אומדערמידלעך אין זוכן און נישטערן אין די ליטעראַטורן און כראָני־קעס פון אַלטע פעלקער. און ער געפינט אויס ווי זיי זאָגן עדות וועגן איין און די זעלביקע געשעעניש. זיי באַשטעטיקן קעגנזייטיק דעם

אמת. דער מחבר האָט זיך געעצהט אין זיין אַרבעט מיט געלערנטע און ספעציאַליסטן אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטן. ער האָט שטודירט נאַטור־וויסנשאַפט אין דעם עדינבורגער אוניווערזיטעט; געשיכטע, געזעץ און מעדיצין אין מאָסקווע; ביאָלאָגיע — אין בערלין; די אַרבעט פון די געהירן — אין צוריך; פּסיכאָאַנאַליז — אין ווין; אין יאָר 1939קומט דר. וועליקאָווסקי קיין אַמעריקע. „וועלטן אין צוזאַמענשטויס", ווי געזאָגט, האָבן מיר נישט געקענט קריגן, ווייל עס דאַרף עס געדרוקט ווערן. מיר האָבן זיך געמוזט נאָר באַנוצן מיט דעם אַרטיקל וועגן דעם בוך.

געזעצגעבער, נביאים, רעליגיע פירער, וועלכע זיינען אין די אַלטע צייטן געווען גוטע אַסטראָנאָמען, האָבן זיך שטענדיק באַנוצט מיט קאָסמישע צייכנס אויף צו געווינען דעם צוטרוי פון פעלקער און מאַסן. די דאָזיקע פּרימיטיווע, אָבער מעכטיקע כאַראַקטערן, נאַאיווע ווי קינדער און איינזאַמע ווי די שטערן, שטייען נאָענט צו דער נאַטור. נאָך נישט דעגענערירט פון ציוויליזאַציע, אָבער מיט אַ הויכער קולטור, הערן זיי זיך איין צום הימל און ערד. זיי הערן אין ביטערער און קאַלטער איינזאַמקייט די שטימע פון גאָט. זיי בייגן צו דאָס אויער צו די אָפּגרונטן פון דער ערד. ריזיקע, פּרימיטיווע נאַטורן, שטייען זיי נאָענט צו גאָט און צו נאַטור. זיי קענען דעם גאַנג פון די שטערן און זיי וויסן די מזלות פון די מענטשן און פעלקער לויט דעם ריטם און דעם שוואונג פון די הימלישע קערפּערס. אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע זיינען דעמאָלט נאָך געווען ענג־געקניפּט, ווי צוויי שוועסטער־וויסנשאַפטן. און די געשיכטע פון די דאָזיקע ניסים, קאָסמישע דערשיינונגען, איז די געשיכטע פון אַלע רעליגיעס און גלויבנס. די וויסנשאַפט איז דעמאָלט געווען כישוף. און כישוף איז דעמאָלט געווען דאָס וויסנשאַפטלעכע וויסן פון די געזעצן פון דער נאַטור. די נאַטירלעכע געזעצן זיינען דערשינען ווי וואונדערווערק. גאָט און נאַטור זיינען געווען איין כוח, איין קערפּער, ווי עס זעען עס די פּאַנטעאיסטן. ווי עס זעען דאָס די מחברים פון תהילים און פון ספר איוב. מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט פון דעם אַפּיקורסישן קאַמף קעגן גאָט מכלומרשט דורכן לייגן דעם הויפּט־געוויכט אויף דער נאַטור, וואָס אַרבעט ווי אַ מאַשין, קאַלט און מעכאַניש, ווי עס זעען דאָס די מאַטעריאַליסטן.

דער פּרימיטיווער מענטש האָט אומגעהייער שענער און דראַמאַטישער געזען די נאַטור ווי דער מאָדערנער אַפּיקורוס, דער מאַטעריאַליסט און אַטעאיסט, וואָס נאָך דעם ווי איינשטיין האָט ממש אַרויסגענומען פון זיינע הענט די מאַטעריע און זי פאַרוואַנדלט אין ענערגיע — איז ער אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. דער פּרימיטיווער מענטש האָט די נאַטור נישט אַנטקעגנגעשטעלט מיט ציניש ער גרינג־

שעצונג אַנטקעגן גאָט. פאַרקערט, דורך דער נאַטור האָט ער געזוכט צו דערקענען גאָט. זיין גאָט, פרימיטיוו אויפגעפאַסט, איז געווען אין זיין נאַטור־דראַמע.

אין ספר „ישעיה" שטייט געשריבן: „און אַ מלאך פון גאָט איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט געשלאָגן אין דעם לאַגער פון אַשור הונדערט און פינף און אַכציק טויזנט; און אַז מען איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי ערשט זיי זיינען אַלע טויטע פגרים".

דר. וועליקאָווסקי שטעלט פעסט דאָס דערשלאָגן פון סנחריב׳ס ריזיקער אַרמיי דורך פייערדיקע גאַזן וואָס זיינען באַפאַלן דעם לאַגער. אין דער פרי, נאָך אַ שרעקלעכער נאַכט פון צוגרייטונג צו דער שלאַכט, זיינען די אידן פון יהושע בן נונס אַרמיי געווען איבערראַשט צו זען ווי אַזוי דעם שונאס מעכטיקע אַרמיי ליגט דערשלאָגן צום טויט. דאָס איז געווען אַן אַנדער קאָסמישע קאַטאַסטראָפע וואָס פעלקער פון דער ערד, ווי די מאַיאַס און די כינעזער געדענקען און האָבן געגוי פאַרצייכנט אין איינשטימיקייט מיטן תנ"ך. אַלע אַלטע שריפטן שטימען איין אַז דאָס איז פאַרגעקומען אין חודש מערץ, דעם 23טן, אין 687טן יאָר פאַר דער נייער צייטרעכענונג.

דר. עמנואל וועליקאָווסקי וויזט אָן די שייכות צווישן וויסנשאַפט, לעגענדע און רעליגיע. ער באַשטעטיקט אין זיין מערקווירדיקן ווערק דעם תנ"ך, די מיטאָלאָגיעס, די מעשהלעך, די כראָניקעס און אוראַלטע עפּישע געשיכטן. און מיר ווילן צום סוף אָנווייזן אַז וואָס שייך גאָט, אָדער וועלכע עס איז געטלעכע סיסטעם, צי רעליגיע, האָט אויף אונז די דאָזיקע מעכטיקע כראָניק פון קאָסמישע ספעקטאַקלען בלויז מער באַוואויגן צו באַוואונדערן דאָס ווערק פון גאָט. אין דעם מכלומרשטן כאָאָס פון קלימאַטישע און געאָלאָגישע ענדערונגען און קאַטאַסטראָפעס לויכט אויף פאַר אונז גאָטס פייערדיקע האַנט. די קליינקייט און נישטיקייט פון מענטש הויבט זיך אַרויס אַנטקעגן דער געוואַלטיקער גרויסקייט און מאַיעסטעטישער פראַכט פון דער הילמישער באַוועגונג. און עס איז אויך, נאַציאָנאַל גערעדט, פאַראַן עפּעס אַן אומגעהייערער שטאָלץ אין דעם געהערן צו אַ פאָלק וואָס איז געשטאַנען ביים אָנפאַנג פון דער וועלט־געשיכטע. וואָס האָט געטיילט זיין גורל צוזאַמען מיט די עלטסטע פעלקער, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרמירן דאָס געשטאַלט פון דער מענטשהייט און האָט אויך געהאַט דעם קאָסמישן שכל, די געוואַלטיקע הימלישע קלוגשאַפט, טאַנצנדיק זיך צו קענען באַוועגן אין מיטן אַ וועלט־צעפאַלונג, אין מיטן פייערדיקע רעגנס און שטייגנדיקע אָקעאַנען און ציטערנדיקע בערג און זיילן פון פייער און רויך — צו גיין זיין אויסדערוויילטן וועג צווישן צוויי פאַנאַנדערגעטיילטע ימים. און דאָס

נישט בלויז ביי יציאת מצרים — נאָר דורך אַלע יאָרטויזנטער פון אונזער עקזיסטענץ.

עס איז נישט קיין פּשוטער, קיין געוויינלעכער עפּיזאָד — אָט דער עפּישער גאַנג פון אַזאַ פאָלק דורך כסדרדיק־אויפגעברויזטע פעלקער; צווישן שטורעמדיקע און משוגענע אינסטינקטן; צו גיין און צו דערטאַנצן דורך פייער און בלוט, דורך צאָרן און שחיטות צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און צו דער אַלט־נייער אידישער מלוכה. דער פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון די אידן ביזן היינטיקן טאָג — דורך אומצאָליקע היסטאָרישע קאַטאַסטראָפעס און קאָסמישע קאַ־טאַקליזמען — דער דאָזיקער פאַקט איז פון אַזאַ געוואַלטיקן קאַליבער, היסטאָרישן פאַרנעם און אויסערגעוויינלעכן כאַראַקטער, אַז ער שטייגט אפשר איבער אַלע ספּעקטאַקולערע געשעענישן פון דר. וועליקאָווסקיס בוך — און ער פּילט אונז אָן, די אוראייניקלעך פון אַ זייער אַלט פאָלק, מיט אַ געוואַלטיקער רעליגיעזער אימה און הערלעכקייט פאַר גאָט.

ניו־יאָרק, 12טער מערץ, 1950.

ר׳ משה אבן עזרא

(דערציילונג)

(1138—1070)

עס איז געווען פֿאַרנאַכט. די זון איז רויט פֿאַרגאַנגען און גע־צונדן איבערן הימל פֿלאַמענדיגע אימאַזשן. וואָלקן האָט אָנגעשטעקט וואָלקן מיט פֿייער און די ערד איז פֿול געוואָרן מיט קופּערנע שאָטנס, מיט גרויען, קאַלטן אַש, מיט רעמיניסענסן פֿון גרויסן פֿאַרגאַנגענעם טאָג. און איינזאַם, אויף אַ פֿעלז, ווי יעקב אין באר־שבע, איז ר׳ משה אבן־עזרא געזעסן. פֿונדערווייטנס האָבן זיך געצונדן פֿייערן פֿון דער גרויסער שטאָט גראַנאַדאַ. און ר׳ משה אבן־עזרא איז איצט געווען מיד און אַלט. דעראינערונגען פֿון דער קינדהייט זיינען אויפֿ־געגאַנגען. פֿאַסירונגען איינע נאָך די אַנדערע. און ער האָט איינגע־דרימלט מיד. דער פֿעלז איז צו אים געוואָרן אַ וואַרעם געלעגער. פֿון פֿעלז אויס האָט זיך אָפּגעטיילט אַ וועזן, אַ ווייבלאַך וועזן. דאָס איז געווען רחל, זיין געליבטע. און ווי וואונדערלאַך דאָס איז: זיין מידקייט און זיין עלטער איז פֿאַרשוואונדן. די לאַנגע, גרויע און פּראָפֿעטישע באָרד איז זיך צעפֿלאָסן ווי רויך. ר׳ משה אבן־עזרא איז אַ מעכטיגער, אַ געזונטער בחור און עס גייט אויף אַ פֿרילינג. אַ וואונדערלאַכער פֿרילינג . . .

יענעם פֿרילינג איז ער געווען רייך אין געדאַנקען און אין גע־פֿילן. ער האָט צום ערשטן מאָל דערקענט די רייכע לאַנדשאַפֿט פֿון שפּאַניע. די ביימער, וואָס לייכטן ווי די מנורות אין בית־המקדש, לייכטן ווי בראָנזענע מנורות — ווען די זון גייט אויף, די יונגע זון, פֿון יאָר טויזנט נאָך דער קריסטלאַכער צייט־רעכענונג. יענער פֿרי־לינג איז געווען וואַנזיניג־רייך אין בלומען, וואָס האָבן פּאָעטיש און איידל אַרויסגעשפּראָצט פֿון דער ערד, און האָבן די ערד איינגעהילט אין קאָלירן און אין פּאַרפֿיומען, וואָס האָבן פֿאַרשיכורט דאָס האַרץ. אין יענעם צויבערהאַפֿטן פֿרילינג האָט אַ וואונדערלאַכע מעלאָדיע, אַ גרויס געפֿיל זיך באַזעצט אין זיין האַרצן. די נאַטור אַליין, די זיסע פֿייגל און דער ווינט און די ביימער האָבן צו זיינע אויערן דערטראָגן געהיימניספֿולע ריימען! וואָסאַראַ אָרקעסטער די נאַטור האָט צו אים געעפֿנט. און ווי אַלץ האָט זיך געבעטן: פֿאַרוואַנדל מיך אין ליד . . . יאָרטויזנטער וועלן פֿאַרביי — און מיר וועלן מער נישט עקזיסטירן... נאָר אין דיין ליד וועלן מיר בלייבן. אין דיין וואונדערלאַך ליד . . .

און ר׳ משה אבן־עזרא פֿלעגט זיך פֿאַרטראַכטן און זיך איינ־הערן אין די מעלאָדיעס פֿון דער נאַטור. ער איז געווען יונג און איידל. און די וועלט איז געווען יונג און איידל. אַ גרויסער ענטוזיאַזם פֿאַר קונסט און קולטור איז אויפֿגעגאַנגען אין די מאַרישע לענדער. די אַראַבישע קולטור האָט געבליט און ר׳ משה אבן־עזרא האָט גע־לייענט מיט אַ פֿאַרכאַפּנדיגן אָטעם די אַלט־אַראַבישע פּאָעטן, וואָס האָבן געזונגען וועגן ליבע און ווין, וועגן נאַטור און שיינקייט. אונ־טער דעם קילן שאָטן פֿון פּאַלמען האָבן זיי געטרוימט און רעפֿלעק־טירט וועגן די צויבעררייען פֿון פֿאַרגאַנגענע טעג. און ער האָט גע־

לייענט די געשיכטן פון טויזנט און איין נאַכט, וואָס די בלייכע און לירישע שעכערעזאַדע דערציילט צום מעכטיגן קעניג . . . די נאַכט פאַרשווינדט ווי אין אַ חלום און דער טאָג, ווי אַ בלויער זייד, וויקלט זיך אויף שנעל איבער די בערג. עס קומען אָן רייטער אויף גילדערנע פערד מיט גילדערנע טראָמפּייטן און צעבלאָזן העראָלדיש דעם גרויסן טאָג. און דער קעניג איז נייגעריג צו הערן די געשיכטע . . . און שעכערעזאַדע בלייבט לעבן — אויף נאָך איין טאָג, כדי צו ענדיגן די געשיכטע . . . די געשיכטן פון אלי באַבא און די פערציג רויבער, וועגן סינבאַד דעם ים־פאָרער, אַלאַדין און דעם צויבער־לאָמפּ. פיל פון די דאָזיגע געשיכטן שטאַמען פון פּערסיע, ווען די קאַליפן פון באַגדאַד זיינען געווען אין זייער גלאָריע. און לייענענדיג די געשיכטן, האָט דער העברייאישער פּאָעט זיך באַקאַנט מיט די מאַכמעדאַנישע וועלטן זייט דורות, מיט זייערע מנהגים און אייגנאַרטיגן לעבן.

מער פון אַלע האָבן אים באַווירקט די אַראַבישע דיכטער מיט זייערע הייטערע טענער און טראַגישע מעלאָדיעס. און ר׳ משה אבן־עזרא פלעגט מיט אַ פינגער אין זאַמד צייכענען זיינע ערשטע לידער. די ערשטע לידער וועגן דער וועלט. וועגן גרויסן פרילינג אין זיין לעבן. אָבער דער ווינט פלעגט די דאָזיגע יוגנט־לידער פאַרווייען. און די ריימען פלעגן זיך פאַרלירן אין זאַמד, ווי די כוואַליעס גייען צום אָפּגרונט פון ים . . . ווי די מענטשלאַכע דורות זינקען צום אָפּגרונט פון דער ערד . . .

אָבער ר׳ משה אבן־עזרא׳ס גורל איז נישט צו בלייבן פאַרוויסט ווי די לידער אין זאַמד. ער ווייסט אַז צייטן וועלן קומען און פאַרווייען. באָר זיין ליד — עס וועט דורך זיין געניוס געשריבן ווערן מיט פייער אויפן לייב פון זיין פאָלק. עס וועט אויסברענען זיך ווי וואונדן — אין דער אייביגקייט.

יענעם פרילינג איז ר׳ משה אבן־עזרא שיכור געוואָרן פון אַ גרויס געטראַנק: פון דער ליבע . . . פאַר אים איז אין איר גאַנצער יוגנט און שיינקייט אויפגעגאַנגען דאָס געשטאַלט פון רחל — זיין עלטסטן ברודער יצחק׳ס טאָכטער.

פון צייט האָט זי אַרויסגעבליט אין איר שיינקייט. אַ באַשיידענע און אַ בלייכע, ווי קעניגין אסתר, געוואַשן אין אַ טויזנט טויען. ער פלעגט קוקן אויף איר, ווי זי וועבט אויס מיט אירע דינע, איידעלע און טאַלאַנטפולע הענט אַ פאָרטרעט פון אַן אַראַבישן דיכטער — אין זייד. און ער פלעגט וואונדערן ווי אַזוי גאָט ברענגט אַרויס אַזאַ צאַרט, ליריש, פּאָעטיש וועזן. רחל האָט אויסגעזען ווי די ביבלישע רחל — אַזוי שלאַנק און אַזוי בלייך, מיט אויגן — גרויסע, טונקעלע איידלשטיינער. און די הויט פונם געזיכט — ווייס ווי שניי. און עס איז אַרום איר געווען זוי אַן אָרעאָל — ווי זי וואָלט זיין אַ ווידער־געבורט פון רחל, דער גרויסער, יונג־פאַרשטאָרבענער רחל, וואָס איז די מוטער פון די ליידנדיגע, וואָס באַשיצט די אָרימע, וואָס איז די געליבטע פון די הימלאָזע און די וויבלאָזע און זי ברענגט די זיסעסטע חלומות צו די אומגליקלאַכע און צו די וואָס שטאַרבן אין איינזאַמקייט . . .

אין יענעם גרויסן פרילינג איז ער נאָענט געוואָרן צו רחל׳ען. און בשעת ער האָט זי געקושט און געדריקט צו זיין האַרצן, אין דער לבנה׳ס ליכט — האָט ער געאַנט די שרעקלאַכע אַנונג פון איר

פריען טויט. ער האָט געפילט אַרום איר דאָס שטאַרבן . . . און ער האָט וואָס מער געוואָלט געניסן פון דעם אויגנבליק, ווען זי, רחל, אַ שווייגנדיקע, שפיגלט זיך אין זיינע אויגן און ער אָטעמט אַריין דעם ריח פון איר לייב — דעם פּאַרפיום פון אירע האָר. דעם צויבער פון איר פּאָעטיש געשטאַלט. און זי, רחל, ווי אַן אידעלע פלאַנץ, פלעגט פילן אַז עס אין דאָזיגן בלאָסן, ראָמאַנטישן פּאָעט, אין וועלכן זי וועט בלייבן לעבן. דען דאָס שטערבלאַכע אין איר וועט פרי פאַרווייעט ווערן, ווי דער שניי אין פרילינג, ווי די בלומען אין האַרבסט . . .

זי האָט איינגערלאַך געזאָגט אַז איר תּיקון קען זי געפינען אין דער דיכטונג פון דאָזיגן יונגנמאַן, וואָס וועט זי אין זיינע פערזן דורכ־טראָגן דורך די יאָרהונדערטער — וועט איר אָוועקשטעלן איבם פּאָנטעאָן, וואו עס רוען אַלע געליבטע פון באַרימטע דיכטער, אַלע בעאַטריטשעס, אַלע לאַוראַס, אַלע אַפּעליאַס, אַלע סימאָנעטאַס . . . אין זיין דיכטונג וועט זי לעבן — בשעת אין איר פיזישן לעבן — וועט זי שטאַרבן.

ר׳ משה אבן־עזרא פלעגט פיבערן, ווען ער פלעגט גיין צו זיין ברודער, יצחק׳ס הויז. ער האָט געוואוסט די געגנערשאַפט פון זיין משפּחה געגן זיין ווילן צו הייראַטן רחל׳ען. ער איז באַטראַכט גע־וואָרן ווי אַ טרוימער, אַ פאַנטאַסט, אַ ראָמאַנטיקער. זיי האָבן גע־האַסט זיין שפּילן זיך אין ריימען, אין פּאָעטישע פערזן. און זיי האָבן געלאַכט ווען זיי האָבן געהערט פון די צויבערהאַפטע ריימען מיט וועלכע דער פּאָעט באַזינגט זיין געליבטע, רחל. און ר׳ משה אבן־עזרא, אַ באַזיגטער פון זיין פאַמיליע — מיטן גרויסן פלאַם פון ליבע אין זיין האַרצן — האָט געמוזט וואַנדערן, האָט געמוזט ציען אין מרחקים, כּדי פון האַרצן אַרויסצושלאָגן די ליבע, כּדי צו פּרוּוון פאַרגעסן דאָס פּנים פון דער געליבטע, וואָס האָט ווי אַ פייער אים געבריט — וואָס האָט ווי אַ פלאַם אים אַרומגעהילט — וואָס האָט אים געצונדן צו אַ זון וואָס שפּרייט ליכט אין רוים — שלייִדערט איר ליכט אין רוים . . .

פיל יאָרן, די מערסטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט משה אבן־עזרא געוואַנדערט אין קאַסטיליען און פּאָרטוגאַל. יענע יאָרן גייען אויף פאַר אים אין דעם גאַנצן גרויל און שיינקייט פון די לענדער. אין אַ גרויער פּעלערינע, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, פלעגט משה אבן־עזרא גיין איבער די וועגן, פון קרעטשמע צו קרעטשמע . . . ער פלעגט באַגעגענען די לבנה ביינאַכט און די זון אין באַגינען. און אין אַלע וועטערן — אין בליץ און אין דונער, אין רעגן און אין ווינט — וואַנדערט משה אבן־עזרא, אַן איינזאַמער טרובאַדור . . .

און זי, רחל, גייט אים נאָך. ווען ער ליגט אויף זיין געלעגער פון שטיינער, און ווען ער דערוואַכט אין באַגינען — זעט ער אין פרימאָרגן איר געשטאַלט. עס פאַרשווינדט מיט די שאָטנס פון דער נאַכט. עס איז געווען לעבן אים — עס האָט זיך געטוליעט צו אים, ווי חוה האָט זיך דורך די יאָרטויזנטער געטוליעט צום גרויסן, שטו־מען אדם, וואָס איז נאָך געווען שטומע מאַטעריע, נאָך באַרג און פעלז און לופט און וואַסער . . . און אין די נעכט, ווען אַ האַלב־באַטרונ־קענער פלעגט ער זיצן אין די קרעטשמעס, און שפּאַניערינס, מאַרישע טעכטער פלעגן אויפגיין פאַר אים און ריידן מיט זייערע גלידער, מיט זייערע עראָטישע טענץ — פלעגט דער ראָמאַנטיקער אַלץ זיצן

פּאַטראַכט און אים האָט איינגעהילט אַן אימאַזשינער געשטאַלט . . . די וואונדערלאַכע געשטאַלט פון דער בלייכער רחל. דער שלאַנקער שמעקנדיקער רחל, זיך איבער אים אַריבערבויגן און קושן זיין זע־לע, זיין האַרץ . . .

און די פּרויען פון די קרעטשמעס האָבן אים נישט געקענט פריילאַך מאַכן. פון זיינע גרויסע, בלויע אויגן פלעגן רינען טרערן — ווען ער פלעגט טראַכטן וועגן זיינע ברידער, וואָס האָבן אים נישט דערלאָזן הייראַטן זיין געליבטער, זיין אויסדערוויילטער . . . און אויף דער נידערטרעכטיגקייט פון זיינע פריינט, וואָס האָבן אים גע־נאַרט און צו איינזאַמקייט געוואָרפן, ווי זיי האָבן איוב'ן געוואָרפן צו איינזאַמקייט און צו פּיין. און אין דעמערונגען, איינגעהילט אין דעם זון־אונטערגאַנג, פלעגט ער דיכטן:

„איך באַשווער מיט מיין ליבע, אייך טויבן,
אייך טויבן ווי וואָלקנס וואָס יאָגן,
צו מיינע דערוויטערטע פריינט און באַקאַנטע
פון מיר אַ גרוס ברענגט צוטראָגן.
אַ גרוס צו מיין ליבסטער, וואָס האָט אין מיין האַרצן
אַן אייביגן נעסט זיך געפונען,
אַן איר וואָלט איך לאַנג שוין מיין לעבן פאַר'מיאוס'ט,
וואָלט ליבערשט דעם טויט זיך געפונען.
איר האָט צוליב איר זיך דורך פּיין
און דורך אַנגסטן
אליין אין דער פרעמדקייט פאַרטריבן;
אַ, טראָגט אַ גרוס פון אַ וואַנדערער, טויבן,
צו דער וואָס מיין זעלע טוט ליבן" . . .

דער פּאָעט האָט געוואַנדערט און מיטגעטראָגן מיט זיך זיין גע־ליבטער — בשעת אין דער היים האָט זי געהייראַט מיט זיין אינגערן ברודער. אין קימפּעט איז זי דערנאָך געשטאָרבן.

משה אבן־עזרא איז איצט געווען איינגאַנצן צעבראָכן. צום ערשט — ווען ער האָט געהערט אַז זי האָט חתונה געהאַט — האָט ער פאַרלאָרן אַלע האָפענונגען. אָבער ווען זי איז געשטאָרבן — און פאַרן טויט, האָט ער געהערט, האָט זי דערמאָנט זיין נאָמען — איז איבער אים אויפגעגאַנגען אַ געוואַלדיגער שמערץ און — אַ דער־קיקונג. איצט איז זי אויסגעליקט פון אירע ליידן. זי איז געוואָרן צו־ריק נאָענט צו אים. זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער זון, די וואָלקנס, פון דער בלויקייט און דעמערונג, פון דער ערד באַדעקט מיט בלומען, פון דעם פרילינג און דעם האַרבסט . . . רחל איז אויפגעגאַנגען צום פּאָעט אין דער גאַנצער נאַטור.

און וואו משה אבן־עזרא איז געווען — האָט ער געפילט די אַנוועזנקייט פון רחל . . . אין דעם טוי אויף די פעלדער, אין די פלאַנצן, גראָזן, בלומען און שווערע, צו דער ערד זינקענדיגע צווייגן — האָט ער געפילט אירע טרערן . . . און האָט זיי באַרירט מיט זיין מויל, מיט די ברוין־לעדערנע, אויסגעטרוקנטע ליפּן, מיט זיין האַרץ... און ווען די זון האָט אין גרויסן באַגינען אויפגעשיינט — און אַ גרויס פייער האָט אַראָפּגענידערט אויף דער וועלט — האָט רחל אויפגעלויכטן, אויפגעשיינט און אויפגעשמייכלט צו אים פון דער זון אַרויס . . . רחל האָט ווי אַן אומגעהויערער שמעטערלינג געשוועבט

אין רוים — און דאָס גאָלד פון אירע פליושענע פליגל האָט אים באַרירט און ער איז געווען איינגאַנצן איינגעהילט אין גאָלד, אין פלאַמענדיקן גאָלד . . . און בייַנאַכט, ווען דער הימל איז געווען ווי דער קערפּער פון גאָט — וואָלקנס אויף וואָלקנס געלייגט — ווי ריפּן, ווי געדערים, ווי אָדערן און ווי נערוון — בייַנאַכט האָט משה אבן־עזרא דערפילט דאָס קול פון רחל. זי איז געווען לעבן אים — האָט אים באַרירט מיט אירע וואַרימע הענט — און איז געווען ווייט פון אים, אין דער בלויער אומענדלאכקייט . . . זי האָט צו אים גע־רעדט, אריינגעשעפּטשעט אין זיין אויער די צערטלאַכסטע אויסדריקן — אריינגעמורמלט צו אים דורכן פלוס פון טייכן, דורכן פליסטער פון כוואַליעס, דורך דער מעלאָדיע פון ווינט, דורך דער מוזיק פון פייגל . . . רחל האָט פאַר אים אויפגעלעבט. דורך איר טויט — האָט זי זיך באַפרייט פונם קערפּערלאַכן, פונם צייטלאַכן — און זיך פאַר־בונדן מיטן צייטלאָזן, מיטן אייביגן, מיטן גרויסן אומענדלאכן גאָט.

משה אבן־עזרא איז איצט געווען איינגעהילט אין רחל׳ען. זי האָט איצט צו קיינעם מער נישט געהערט, אויסער צו אים, צו זיין ליבע, צו זיין פיבער און קאָסמישן ענטוזיאַזם . . . ער האָט זיך איצט איינגעהילט אין איר, ווי אין אַ זון — און אים איז געווען ווי די וועלט ווייבלאכקייט וואָלט אים געקושט . . . און אַ טיפע רעליגיעזיש־קייט האָט אים באַהערשט. רחל׳ס טויט איז געווען זיין נס — זיין אַנטפּלעקונג — זיין קוואַליגן עפּענען זיך צו גאָט . . . רחל זיצט ביי דער רעכטער האַנט פון גאָט — און צו רחל און צו גאָט האָט זיך איצט געעפנט זיין גרויס, זיין דיכטעריש האַרץ . . . די דיכטונג האָט זיך געעפנט אין אים ווי אַ זון — און מיט דער דיכטונג — גרויסע אידייען, וועלט־אומפאַסנדיגע געדאַנקען, דאָס באַנעמען דעם קאָס־מאָס און מענטש אין איר. די דיכטונג אין זיין האַרץ — די דיכטונג פון זיינע פריינט, ר׳ שלמה אבן גבירול, ר׳ יהודה הלוי — און דער קאָסמאָס — די דיכטונג פון דעם גרעסטן פון אַלע דיכטער — גאָט — האָט איצט זיך געעפנט צו אים ווי אַ ים מיט זיינע מאַרשירנדיגע כוואַליעס אין דער אייביגקייט אריין — עפנט זיך אין חלום צו דעם וואָס זיצט אויפן ברעג, פאַרזונקען אין אַ טיפן, אַן אומענדלאכן חלום...

— — — — — — — — — — — — — — —

מיטן טויט פון רחל איז ווייכער געוואָרן משה אבן־עזרא׳ס האַס אויף זיינע ברידער. דער טרויער האָט זיי פאַראייניגט. און משה אבן־עזרא איז איצט געווען אַ מאַן פון צווי און פערציג יאָר. מיטן טויט פון רחל — האָט זיך זיין האַרץ ווי אויפגעלייזט און די שנאה צו זיינע ברידער איז שוואַך געוואָרן. איצט קערט ער זיך אַהיים פונם קאַטוילישן קאַסטיליען, וואו אויף אַלע וועגן און קרייצוועגן האָט אויף אים געוואַרט אַ צלם מיטן געמאַטערטן קערפּער פונם איד פון נאַ־זאַרעט. ער קערט זיך אַהיים, אין מאַרישן שפּאַניען, וואו עס בליט די קולטור און קונסט. וואו עס קלינגען אויף מעלאָדיעס — ווי אַלט־העברייאישע לידער, ווי תפילות פון סידור אויסגעריסן. און, אַ צע־בראַכענער פון פיזישע פיינען, אָבער אַ צו־גאָט געעפנטער, ווי אַ נאַקעטע כוואַליע — אײדער זי זינקט אין אַפּגרונט אַריין, ציט ער אַהיים.

די ברידער דערפרייען זיך מיט אים. עס איז געווען פרייטאָג

פאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך אַהיימגעקערט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין הויז פון זיין אינגסטן ברודער, בנימין. בנימין איז געזעסן ביים טיש און אין שיין פון די שבת'דיגע ליכט האָט משה אבן־עזרא געזען זיין בליק, טרערנפול געזיכט . . . זיי האָבן זיך צעקושט . .

דאָ האָט רחל געגעבן געבורט צו איר קינד. — דאָ איז זי אויסגעגאַנגען, אָן איינגעהילטע אין דעם פייער און בענקשאַפט צום פּאָעט, וואָס האָט געוואַנדערט נע־ונד אין דער פרעמד. דאָ האָט זי זיין נאָמען פאַרן טויט געשעפּטשעט . . . די הייליגע, די מאַרטירערין . .

פיל יאָרן זיינען דורך. זיינע אַלע ברידער זיינען אויסגעשטאָרבן פאַר אים. אים איז נאָר געבליבן צו שרייבן הספדים וועגן זיי. ער ער האָט יעדן איינעם באַגלייט צום בית־עולם. פון דער גרויסער פאַמיליע, וואָס האָט איר שטאַם־יחוס אַזש פון די אַדלליט פון ירושלים און וועמענס עלטער־זיידע — דער נשיא חסדאי אבן־שפּרוט איז דער ערשטער געוועזן צו ברענגען תורה און חכמה צו די אידן אין שפּאַניע — זיינען נאָר געבליבן מיט גראָז־פאַרוואַקסענע בערג־לאַך אויפן בית־עולם, בערגלאַך וואָס זינקען אַלץ טיפער אין דער ערד — ווי כוואַליעס זינקען אין ים. דאָס בית־עולם איז מיט דער צייט אויך אַלט געוואָרן. די מצבות ברעכן זיך אין רעגנס און אין ווינטן. אַ גרויסער אומעט גייט דורך די וועלט. און אין נעכט, ווען די לבנה לייכט מיט אַ פּנים, ווי פון דער קעניגין אסתר — זיס און טרויעריג — רופט משה אבן־עזרא אַרויס די געשטאַלטן פון זיינע ברידער, פון זיין פאָטער און מוטער. מיט שווערינקייט האַלט ער אָפּן דאָס געזיכט פון אַ פרייַנט . . . ווי דער ווינט וואָס פאַרווייעט די האַרבסטיק־קופּערנע בלעטער — אַזוי פאַרווייעט דער ווינט די געזיכטער פון די טויטע, פון די פאַרוויאַנעטע . . . און די צייט האָט אויך אַ שניי פון זילבער־פעדים געוואָרפן אויף משה אבן־עזרא'ס קאָפּ . . . און אויף זיין פראַפּעטיש־גרויסער באָרד . .

שוין יאָרן ווי משה אבן־עזרא האָט קיין לידער נישט געשריבן. די לידער וועגן וויין, פרויען און ליבע האָט ער געשריבן אין זיין יוגנט, ווען זיין האַרץ איז געווען רויט ווי וויין. ווען די בליטן האָבן געפינקלט מיט לוסט. דאַן — אין פריידן און אין שמערץ, איינגעהילט אין גרויסער בענקשאַפט צו רחל'ען, האָט ער געזונגען די טרויעריגסטע לידער. ווען דאָס מויל פון דער געליבטער איז געווען אַ בעכער, פול מיט גאָלדיגן, דופטיגן וויין . . . ווען דער בעכער איז געווען פון לבנה־ליכט געגאָסן —און ווען ער האָט געקניט צום קריגל נאָך וויין — איז ער געוואָרן מיט זון־שיין אָנגעגאָסן . . . ווען ער האָט געזען ווי עס בליט די רויז די רויטסטע אין פרילינג און וואָס עס איז אַ פאַרברעכן נישט צו באַגריסן זי מיט וויין טרונקען . . . און ווען ער האָט ווי אַ בליץ־גייסט, אין פלאַמען פון ליבע געהילט, זיך אַרומגעדרייט אין די פולע, שאָטנדיגע, קילע גערטנער, פול מיט וויינ־שטאָקן — און די לבנה פלעגט זיך פאַרבלוטיגן צווישן די שטעכיקע צווייגן — דעמאָלט האָט משה אבן־עזרא געשריבן לידער וואָס האָבן געקלונגען מיט די הייטערסטע טענער. די גאַנצע נאַטור איז ענטוזיאַסטיש באַלויכטן געוואָרן, ווי פון פלאַמענדיגע אילומינאַציעס . . . אַ מעכטיג געפיל גייט דורך אַלע ביימער פון דער ערד — — די זון גייט אויף מיט פלאַמען און צינדט אָן דעם רוים ווי אַ גראַנ־

דיזע אילומינאַציע — — אין די אָדערן פון דער ערד פליסט ווייַן — אַנשטאָט בלוט — — די גאַנצע ערד איז שיכור — —

און ווי ער האָט געבראָכן די העברייאישע שפּראַך — שוין לאַנג אָפּגעוואוינט פון לעבן און ליבע — — מיט גרויס טאַלאַנט שמידנדיג נייע סטילן, נייע פאָרמען אין העברייאיש — אויפן מוסטער פון די אַראַבישע פּאָעטן; האָט משה אבן־עזרא אויך געצוואונגען די העב־רייאישע שפּראַך צו אַסימילירן אַ נייעם אינהאַלט — דעם אינהאַלט פון לעבן. פון ווייַנשטאָקן, פרויען, בעלער און ראָמאַנסן. די העבריי־אישע שפּראַך איז אָנגעצונדן געוואָרן צום לעבן, צום זודיגן, הייס־גלוטיגן לעבן — — זי איז געוואָרן פיאיג צו באַזינגען די זינד און די סעקרעטן, די צאַרטקייטן און די וואונדער פון ליבע־לעבן — —

אין יענער יוגנט־פּעריאָדע האָט משה אבן־עזרא אַרויסגעשיקט צו דער וועלט זעקס טויזנט לידער — — און בשעת דאָס פאָלק האָט זיי אין הייטערן, מאַרישן שפּאַניע — געזונגען און רעציטירט, איז דער פּאָעט שוין געווען מיד און האָט רעזיגנירט פון דעם דאָזיגן סאָרט דיכטונג — — מיטן טויט פון רחל איז געשטאָרבן די גרויסע ליריק אין זיין האַרצן. האָבן די ראָמאַנטישע קלאַנגען אויפגעהערט צו באַגיסן זיין האַרץ מיט זייערע שטראַלן . . .

איצט איז שוין משה אבן־עזרא געווען אַלט און טרויעריג. און פון זיין האַרץ רייסן זיך אַרויס סליחות — תפילות — טיפע און ריי־נענדיגע געבעטן צו גאָט. ער גייט איבער — פון רייד־ראָמאַנטישע, אינדיווידועלער ליריק — צו דער דיכטונג אין וועלכן אַ גאַנץ פאָלק פערזאָניפיצירט זיך.

און משה אבן־עזרא באַוויינט באַזונדערס דעם גורל פונם קינסט־לער. שוין דעמאָלט, ווי איצט, איז דער ראָמאַנטיקער, דער שטראַלנ־דיגער מענטש, וואָס לעבט מיט פלאַמענדיגע וויזיעס און אידייען, דער געטלאַכער וואַגאַבונד, דער אָנגעצונדענער פון שיינקייט — באַטראַכט געוואָרן ווי אַן איבעריגער מענטש אויף דער ערד, ווי אַן אָנגע־שטעקטער מיט וואַנזין. מענטשן פון גייסט — זאָגט משה אבן־עזרא — זיינען ווי ביימער אין אַ וויסטן וואַלד וואָס האָבן נישט קיין שאָטן און נישט קיין גרינע בלעטער . . . די ווענט פון אַ בית־עולם, אונ־טער וועלכן מען רוט — האָבן מער נוצן און האָבן בעסערע פאַר־דינסטן, ווי די מענטשן . . .

און האָט ער דען נישט געזען ווי די געזעלשאַפט האָט באַהאַנדלט זיין חבר, דעם גרויסן דיכטער ר׳ שלמה אבן גבירול, וועלכן ער האָט אַזוי הויך געשעצט און געזאָגט וועגן אים:

„ . . . זיינע פריינטשאַפט־לידער זיינען פול מיט צערטלאַכקייטן. זיינע רעליגיעזע לידער רירן צו טרערן. זיינע מאָראַלע לידער צעט־רייסלען טיף אונזערע הערצער. אָבער אויך זיינע סאַטירעס זיינען געווען שאַרף און שטעכיג. פילאָזאָף ווי ער איז געווען, איז ער דאָך געווען אַן אויפגערייצטער מענטש, און דאָס האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף זיין שכל״.

און צום סוף פון זיין לעבן — איינגאַנצן אַן איינזאַמער — האָט משה אבן־עזרא זיך דערהייבן צו אַ געוואַלטיגער פילאָסאָפישער הויך אין זיין ווערק „ערוגת הבשם״ (דער בשמים־בייט).

פון דער שיינקייט פון לעבן — פון נאַטור, פון פרוי, פון ווייַן און געזאַנג — וואָס האָט אַזוי שטורעמדיג געלויכטן אין זיין ברוסט,

ווען משה אבן־עזרא איז געווען יונג — און פון דער שיינקייט פון פּאָעזיע, וואָס האָט געפאַנגען זיין גייסט פון די ערשטע יוגנט־יאָרן אָן — איז משה אבן־עזרא איבערגעגאַנגען צו פילאָזאָפיע, צו פאַרטראַכטן זיך וועגן אָן איביגן גאָט, וואָס באַהערשט אָט־דאָס געוואַלטיגע ספּעקטאַקל פון אוניווערס.

איצט, ווען ער איז אַליין געבליבן אויף דער ערד, ווען זיינע ברידער האָבן שוין לאַנג נישט געלעבט און ווען אין דעם זייד פון זון־אונטערגאַנג האָבן אַרויסגעפלאַקערט די העלדישע און פּראָפעטישע געזיכטער פון זיינע אורעלטערן — האָט זיך משה אבן־עזרא געווענדט צום געדאַנק, און ער האָט אויפגעלויכטן מיט דער אידייע פון גאָט.

גאָט איז אזוי פולקאָם און אַזוי אַבסאָלוט־איינהייטלאַך, אַז מיר, שטערבלאַכע, אומפולקאָמענע, זיינען נישט פייאיג צו באַגרייפן די גאַנצקייט, די איינהייטלאַכקייט, די פולקאָמענקייט פון גאָט. מיר זיינען קראַנק, מעלאַנכאָליש און שטערבלאַך. ווי קענען מיר אַריינקוקן אין הארץ פון דעם וואָס איז געזונט, סאָליד און אומשטאַרבלאַך? אַזוי ווי מיר קענען נישט אריינקוקן אין דער זון, צוליב אירע העלע ליכטער, אַזוי קענען מיר נישט אריינקוקן אין גאָט. גאָט איז די העכסטע פערפעקציע.

און מענטש — דער צו דער ערד־געפאַלענער מענטש, איז אַ מיניאַטור־אוניווערס. ער איז דאָס שעדעווער פון דער נאַטור. אין אים לויכט אַלץ אין אַ מיניאַטור־פאָרמאַט — פון דער גאַנצער גרויסער וועלט.

די ערשטע אַטריבוט פון גאָט איז זיין אינטעלעקט. דער אינטעלעקט איז שעפעריש. און דענקענדיג — פלאַמט אויף אַלץ וואָס עקזיסטירט. דאָס דענקען איז — ווערן. און מיר זיינען זיינע געדאַנקען. אַ גרויסער־אַלמעכטיגער גאָט טראַכט אונז אויס אין זיין איינזאַמקייט. אַ קאָלאָסאַלער אינטעלעקט רופט אונז אַרויס צום עקזיסטירן. מיר זיינען זיין רעיון. זיין פאַרשטעלונג. זיין פאַנטאַזיע. דער דאָזיגער געוואַלטיגער אויטאָר פון דער אוניווערס־באַוועלע איז קראַנק מיט שעפערישקייט. און אין די אומגעהויערע רוימען פון אוניווערס — ברענגט ער אונז אַרויס, ווען און ווי אַזוי ער וויל, לויט זיינע טויזנטער קאַפּריזן. מיר קומען און גייען לויט דעם געדאַנקען־ווילן פון אַן אומגעהויערן מאַנאַרך . . . מיר אַלע, געגעראַציעס טויזנטער, הענגען אָפּ פון די געדאַנקען אונטער אַ פּורפּורנעם שאַרבן — אַ גאַנצן הימל . . . גאָט צויבערט אונז אַרויס פון זיין מוח — — פון זיין געהירן־סיסטעם — — — — .

עס איז אַ קאָלאָסאַל וועלט־בילד:

איינס: פון אַ פולקאָמענעם איינהייטלאַכן גאָט, וואָס איז אומצעשטערבאַר און סאָליד ווי דער אוניווערס — אַוועקגעשטעלט אין רוים, ווי אַ פעלז.

צוויי: דער מענטש — וואָס איז די רעפלעקציע פון אוניווערס און ער קאָנצענטרירט אַלץ אין זיך וואָס דער אוניווערס באַזיצט. דער מענטש — אַ גאַנצע וועלט. אַ מייסטערווערק אין נאַטור.

דריי: גאָט טראַכט אויס די וועלט — און במילא אונז, מענטשן. מיר זיינען זיין געדאַנק. זיין שטימונג. זיין מעלאַנכאָליע. מיר זיינען זיין דיכטונג — זיין אומגעהויער־מעכטיגע עפּיק. זיין טראַגיש־קאַ־

לירפּולע ליריק. מיר זיינען די טראַגישע פאַרשטעלונג פון אַ געדאַנק. און מיר פאַרגייען, ווען גאָט דענקט אונז נישט. מיר לייזן זיך אויף — ווען מיר ווערן נישט געדענקט. ווען מיר ווערן נישט געטרוימט — ווען גאָט אומאַרמט אונז נישט אין זיין שעפערישן טרוים — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

גרויסע שטערן האָבן אין הימל געלויכטן. דאָס האָבן די ווייזע־לייט פון דער ערד — איצט אין גן־עדן, אַראָפּגעקוקט מיט טרערן אין די אויגן. צווישן די שטערן האָבן אויך געלויכטן משה אבן־עזרא׳ס אויגן — — און קאַלט און פאַרשטאַרט איז אויפן פעלז געלעגן זיין קערפּער — טויט. דאָס איז געווען די וויזיע פון זיין גאַנץ לעבן — פון זיין דערנער־וועג — ביז צום לעצטן גרויסן זון־אונטערגאַנג. משה אבן־עזרא איז אין דער דאָזיגער נאַכט געשטאָרבן. און אַ גרויס געוויין איז דורכגעגאַנגען די וועלט. צום גרייז־גרויען, בלייכן פּאָעט זיינען געקומען די העלדן פון זיינע לידער, די זינד־פרויען און די קלאָונס, די טענצערינס און די בעטלערס, די וויינטרינקער און וויינ־פרעסערס, אַלע פרויען וואָס ער האָט אין אַזוי פיל לידער באַזונגען. און צווישן זיי — אין אַן אומענדלאָך־טרויעריגן קרייז ארום דעם מת — האָט מען געזען אַ הויכע, שלאַנקע און וויינענדיגע געשטאַלט. דאָס איז געווען רחל, זיין געליבטע. ווי אַ שטראַל ליכט איז זי אַרונטער פון דעם הימל, האָט געטאַנצט פון שטערן צו שטערן, וואָס האָבן איר געדינט ווי טרעפּ אַרונטער צום טאָל פון ליידן — צו דער ערד. און אָט באַוועגט זי זיך אַלץ נענטער צום פּאָעט, און אָט בויגט זי זיך איין איבער אים און בלייבט ליגן פאַר׳חלש׳ט לעבן אים — אָפּ־פרעסנדיג אַ קוש איבער זיין בלאַסן, אייז־קאַלטן שטערן — — —

און מיטן אָנקומען פון פרימאָרגן זיינען די גייסטער פון זיינע לידער, די שיכורע מלאכים, און די בלאַסע רחל — געוואָרן אַלץ בלייכער און בלייכער . . . ביז זיי האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלאָשן, ווי ליכט פון מנורות. האָבן זיך אויפגעלייזט אין דעם גרויסן, העלן טאָג, וואָס האָט אויסגעבראָכן מיט אַ שטראָם גאָלדן ליכט — — די זון איז אויפגעשטאַנען און האָט צערטלאָך געקושט דעם פּאָעט׳ס געזיכט — — און פייערלאָך האָבן זיך געעפנט די אומגעהייערע גאָלדענע טויערן פון טאָג . . .

עמנואל הרומי

1268—1328

עס איז געווען שפעט ביינאַכט ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען די לידער פון עמנואל הרומי. צום ערשט האָט זיך איינגעגעסן מיט זשאַווער אין מיין באַוואוסטזיין די ציפער „1328—1352"... עס איז אויפגעגאַנגען די ציפער „1321", ווען דאַנטע אַליגיערי איז געשטאָרבן. ס'הייסט, אַז זיבן יאָר צייט נאָכדעם האָט נאָך עמנואל הרומי געלעבט. און דאַן איז ער אויך געגאַנגען זיין וועג אין דער אייביקייט. און דאָך, נישט קוקנדיג אויף די קנאַפע זיבן הונדערט יאָר — וואָס טיילט אונדז אָפּ, ווי אַ קאָלאָסאַלער כוואַליענדיק־בלוטיגער שטראָם פון דער אייראָפּעאישער געשיכטע, נישט קוקנדיג אויף דעם אַלעם, איז אויפגעגאַנגען פאַר מיר אַ פּאָרטרעט אין לעבעדיג־פלאַמענדע קאָלירן פון דעם גרויסן איד וואָס איז מיט זיין לוסט און מיט זיין וויץ און מיט זיין אונפאַרגענגלעכן הומאָר געשטאַנען אויפן שוועל פונעם מיטלאַלטער און דער נייער צייט, אַזוי ווי דאַנטע אַליגיערי — און ער האָט צוזאַמען מיט אים געטרונקען דאָס גרויסע ליכט פון רענעסאַנס און האָט צוזאַמען מיט אים געזען פאַרשווינדן ווערן די שאָטנס פון מיטלאַלטער.

עס שיינט אַז פּאָעטן, ווי אַלע מענטשן, זיינען אויך קינדער פון זייער צייט. פונדעסטוועגן זיינען פּאָעטן וועלטן פאַר זיך. דאָס וואָס עס קומט אין זיי פאָר, איז אויסער דער צייט. עס איז אַ קאָסמאָס, וואו דער פּאָעט האָט זיינע קלימאַטן און וועטערן, זיינע שטימונגען און קאַפּריזן, זיינע רעגנס און זיינע שנייען, זיינע שטורעמס און זאַווערוכעס.

און עמנואל הרומי איז געווען אַ גרויסע, אַ מעכטיגע פּערזענלעכקייט. שוין אין זיין געוואַגטקייט. אין זיין ברעכן די טראַדיציע פון דער העברעאישער שפּראַך. אין דעם אָנטהייליגן דאָס לשון קודש פון אירע הייליקייטן. פון איר געטלעכקייט. פון איר תנ"כ'ישן פּאַטאָס. אין דעם אַריינפירן אין דער שפּראַך פון תנ"ך וויץ און סאַטירע, עראָטיק און פלעקסיביליטעט. אין דעם ווייך און גראַציעז מאַכן די העברעאישע שפּראַך, אין געבן איר ניואַנסן. אין שפּילן אויף איר אַ ליריש, עלאַסטיש און באַקכאַנטיש ליד. אין ווערן דער היינריך היינע פון מיטלאַלטער. אין אויסוויילן זיך פאַר זיין מוזע — נישט דאָס געשטאַלט פון דבורה הנביאה, אָדער די בלייך־שלאַנקע מוטער רחל, די ראָמאַנטיש־צעלויכטענע מוטער רחל, וואָס איז ביבליש אָנגעצונדן און איז אַריין אין אונזער גייסטיגער לידער־אַנטאָלאָגיע ווי אַ גרויס, צאַרט און מאַרטירערדיש ליד — דורך איר פריען טויט און מיט ליבע צום פאָלק פלאַמענדיקן האַרץ. עמנואל הרומי האָט זיך אויסגעוויילט פאַר זיין מוזע אַ טענצערין, אַ יונגע, צאַרטע, מיט זונליכט באַלויכטענע דאַמע, וואָס איז אייביג אין ריטם, אין געטאַנץ און מוזיק און זי באַווירקט אייביג דעם פּאָעט; זי קושט אין אים אַריין דעם גראַציעזן און צאַרטן און ווײַנשיכורן ראָמאַנס. זיין מוזע ווערט קיינמאָל נישט אַלט. זי איז די געטין פון אייביג־יינגער, קוואַלנדיגער פּאָעזיע. און ווען דער דיכטער איז שוין אַלט, גלעט זי אים דע־

מאָלט מיט אירע צאַרטע פינגער זיינע גרייז־גרויע לאָקן, קושט זיין טרויעריקן פּנים מיט איר ברענענדיגן רויזנמויל...

אין דעם גרויסן באַגינען פון רענעסאַנס־פּעריאָד — ווען אַ געוואַלטיגע רובינענע זון האָט אויפגעלויכטן איבער איטאַליע, אי־בער דער הויפּט־שטאָט רוים, וועלכע עמנואל הרומי האָט אַזוי ליב געהאַט אַזש ער האָט געזאָגט מיט שטאָלץ: „מיין היימלאַנד איז רוים און מיין פאָלק — דאָס איטאַליענישע פאָלק", און ווען דער מיטל־אַלטער איז נאָך געווען פינצטער מיט זיין טויזנטיאָריקער הער־שאַפט, מיט זיין טויזנט יאָר לאַנגער נאַכט — טרעט אויף אויפן אידישן האָריזאָנט דער דאָזיגער לויכטנדער שטערן, דער פּאָעט עמנואל הרומי, וואָס איז געווען נאָך דעם דריי־געשטערן ר' שלמה איבן גבירול, משה איבן עזרא און יהודה הלוי, דער גרעסטער הע־ברעאישער פּאָעט און אויך דער לעצטער העברעאישער פּאָעט וואָס האָט געשלאָסן די העברעאישע דיכטונג אין גלות — איך מיין אונ־דזער ערשטע קאַפּיטל פון וועלטלעכע פּאָעזיע אין דער וועלט. זיכער שטראַמט אין זיין פּאָעזיע דאָס הייסע ליכט פון דער נייער צייט. די זון שטראַלט אויף און דעקט אָפּ די וואונדן פון דער מענטשהייט. אַ שטראָם פון ווייַן כוואַליעט אויף ווי אַ בלוטיגער טייך פאַר די אויגן, וואָס זיינען נאָך בלינד פון דער מיטלאַלטערלעכער נאַכט, מיט אירע גאַרגאַילעס און שדים, מיטן שפּיציקן, סאַרדאָנישן געזיכט פונעם טייוול און די סילועטן פון פעטע מלאכים. מיט אירע פאַלטער־מאַ־שינען און די פלאַמען פון אינקוויזיציעס און שייטערהויפנס.

זיכער איז פאַראַן אין אים אויך דאָס גראָטעסקע פון די מיטל־אַלטערלעכע מיסטעריעס; די אַדווענטיור פון דער נאַכט פון דער־שטיקטער ליידנשאַפט. די שאָטנס רינען, טראָפּיען, פאַלן אויף אים ווי די דינע, שפּינוועבסטיגע שאָטנס פון פלעדערמייז. די דיקע שאָטנס, וואָס ווילן זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַש, וואָס זיינען ווי רויב־פויגל פאַר'עקשנ'ט און זיי ווילן נישט פאַרשווינדן ווערן אינעם חשכות...

אָבער עס שיינט אַז פאַר זיין הומאָר, זיין מענטשלעכן, פולבלו־טיגן הומאָר, וואָס בלאַקירט נישט אָפּ אין משך פון אַ טויזנט יאָר — אין משך פון אַ טויזנט יאָר פון בלוטיגע אידישע ליידן, ווען קרייץ־צוגן, אינקוויזיציעס, צאַרישע פּאָגראָמען, וועלט־קריגן און היטלער־רציחות — האָבן נישט געקענט פאַרטונקלען און פאַרווישן די שפּורן פון זיין הומאָר — איז פאַראַן אַ מער שטאַרקערע אורזאַך.

דאָס פאָלק איז געווען פאַרצווייפלט. די טויזנטיאָריגע מיטל־אַלטערס נאַכט שטימט מיט דעם דאַמאָלסטיגן טויזנט יאָריגן גלות פון די אידן. דאָס פאָלק האָט געבענקט נאָך דערלייזונג. שוין טויזנט יאָר ווי עס האָט נישט געלאַכט. שוין טויזנט יאָר ווי עס האָט זיך נישט פאַרטראַכט איבער דעם גורל פונעם איינצעלנעם מענטש — פון זיין געבורט ביזן טויט. שוין טויזנט יאָר ווי עס האָט געשמאַכט אין פינצטערניש פון דער וועלט — אין מיטלאַלטער, וואָס איז געווען ווי איין ריזיגע קירכע פון גראַניט, וואו דאָס בלוט פון אַ געקרייציגטן מאַרטירער, פון אַן איינזאַמען איד, איז גערונען אָן אַן אויפהער — אַ באַפּוצטער מיט בריליאַנטן און טייערע, קאָלירטע איידלשטיינער. דאָס פאָלק האָט געמוזט צעעפענען זיין מויל און אַ לאַך טאָן. עס האָט גע־

מוזט עפּענען זיין שטראָם מיט געצוימטן געלעכטער. עס האָט גע־מוזט אויסדונערן זיין טויזנט יאָריגן געצוימטן געלעכטער. עס האָט געמוזט אַראָפּשליידערן פון זיין פּנים דעם שטיין, דעם פעלז פון ערנסט. עס האָט געמוזט דערזען דעם איינצלנעם מענטש — אָנשטאָט, ווי ביז איצט, די פּאָעטן האָבן געדיכטעט וועגן דעם גאַנצן פאָלק און זיינע ליידן. עס איז נויטיק געווען צו עפּענען די שליוזן פון פאָלקס־הומאָר. זינגט דען נישט דער פּאָעט אַליין וועגן די בענקשאַפט צו משיח:

משיח, קום שוין, קום! וואָס האָסטו זיך פאַרהאַלטן?
עס שרייען דאָך צו דיר די פליסנדע טרערן;
פון בלוט און טרערן טון דאָך שוין טייכן ווערן,
דאָס האַרץ גייט אויס און לעכצט צום ליכט צעשטראַלטן.

מיט ווינקלשניר אין האַנט דיין לאַנד זאָלסטו געשטאַלטן,
צו די פאַרוואָגלטע זאָלסטו נאָך גליק באַשערן;
די שונאים בלוטיקע זאָלסטו פאַרוויסטן און צעשטערן,
און בלייב מיט אונז — מיר קענען שוין דאָס ניט דערהאַלטן.

דערוואַך, משיח! קום צורייטן אויף אַ פערד אַ פלינקן, אַ קאָכיקן —
זאָל ברענען אונטער אים די ערד!
אין מיר איז יעדער גליד צעבראָכן, יעדער ביין!
אויב אויף אַן אייזל קומסטו — מעגסטו שלאָפן גיין!
איך בעט דיך, האַר־משיח, פון אַן אָפּענער נשמה:
קום, ברענג דעם קץ מיט זיין ישועה און נחמה.

— —

צו ברעכן די מאָנטאָניע פון דער דאָזיקער בענקשאַפט, צו אויפ־ברעכן די ענערגיעס פון פאָלק דורך אַן אויסברוך פון געלעכטער, אַ ווענד צו טאָן דעם פאַרצערטן בליק פון די ליידנדע צו די שיינקייטן פון לעבן, אַ שפּיל צו טאָן מיט דער מענטשלעכער נאַטור, צו עפּענען די פּאַנאָראַמאַ פון עראָטיק, צו מאַכן דאָס ליד מוזיקאַליש, טאַנצנדיק, גראַציעז און מיט עלעקטריק אין די אָדערן — אָט די דאָזיקע געוואַל־טיגע אויפגאַבע איז געפאַלן אויפן גורל פון אַ מאַן מיטן נאָמען עמנואל הרומי... וואָס לייכט אַרויס פון יענער צייט — ווי אַ שימערירנדי־גער פייערזייל — פון דער ערד ביז צום הימל — אין אַ גאָלד־פּעלע־רינע געהילט — אָנגעטאָן אין אַ מולטיקאָלירטן זון־אויפגאַנג...

עמנואל הרומי איז נישט סתם קיין לץ. דער פּאָעט, וועמענס קאָלעקציעס פון הייטערע, וויין־שיכורע, אַנאַקרעאָנטיש־ליידנשאַפט־לעכע לידער ווירקן אויף דער רוימיש־אידישער יוגנט ווי אַן עלעק־טרישער „שאוער", איז אַליין אַ קנאַפּער זינדיגער. פאַרקערט, ער איז דער פּרעזידענט פון דער רוימישער קהילה. און נאָך דערצו — אַ דאָקטאָר וואָס לאַכט פון דאָקטוירים. ער פירט אַן אָרענטלעכן פאַ־מיליענלעבן. (פאַרגלייכט זיין לעבן צום לעבן פון דאַנטע אַליגיעריס, וואָס ער איז געווען אין זיין דיכטונג קאַלט, אַסקעטיש, דערהויבן און פייערלעך — ווייסט מען אַז ער האָט אין לעבן געלעבט מיט פּראָסטי־טוטקעס, האָט זיינע נעכט פאַרבראַכט אין הייזער פון גאַסנפּרויען, וויין און קאָרטן. אין זיין דיכטונג ריין, אַסקעטיש און קריסטלעך־ראָמאַנ־טיש — בשעת זיין אמתע געליבטע איז אין הימל און ער פאָלגט איר נאָך אויף זיין הימלישער רייזע. עמנואל הרומי דאָקעגן לעבט זיך אויס אין זיינע שפּאַסיגע, הומאָריסטישע, האַלב־פּאָרנאָגראַפישע לי־דער — בשעת אין לעבן פאַרבלייבט ער דער גוטער בירגער, דער סאָלידער דאָקטאָר, דער אידעאַלער פאַמיליענמאַן, וואָס האָט אַפילו

ליב זיין שוויגער. עס איז אין זיין נשמה נישט פֿאַראַן קיין קאָנפֿליקט מיטן גוף, און פֿאַרקערט. ער פֿאַרבלייבט אין גרונט אויס אַ געזונ־טער איד, מיט אַ געזונטער נשמה און גוף, מיט אַ רעאַליסטישער לעבנס־פֿילאָזאָפֿיע. די אידישע לעבנס־פֿילאָזאָפֿיע.)

אָבער ווייזט אויס אַז הגם די צוויי אָמטן און טיטולן שיינען צו זיין אַ קאָנטראַסט צו זיין גלענצנדער פֿעדער, צו די לייכטזיניקע לידער וועגן יוגנט, עראָטיק און ליידנשאַפֿט, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געווען באַוואוסטזיניג פֿון דער ערנסטקייט פֿון רעליגיע, פֿון געלערנטקייט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט צום אידישן פֿאָלק און צו זיינע אונשטערב־לעכע געזעצן, צו זיין תורה, שיינט עס אָבער אין אַ טיפֿערן זין אַז די צוויי אָמטן האָבן געווירקט אויף דעם רוימיש־העברעאישן פּאָעט אַז ער זאָל זיין דאָס פֿאַר וועלכן מיר קענען אים און ווי ער איז אַריין אין אונזער געשיכטע. —

דער סאָלידער פּרעזידענט פֿון דער אידישער קהילה אין רוים האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט דורך יאָרן צו אָבסערווירן דאָס אידישע לעבן. זיך צו באַקאָנען מיט די איינצעלקייטן פֿון די באַדינגונגען פֿון לעבן פֿון די רייכע און די אָרעמע. עס איז אָט דער חשוב'ער, פֿאַר־אַנטוואָרטלעך־געזעלשאַפֿטלעכער אָמט וואָס האָט אים דערנענטערט צום פֿאָלק. וואָס האָט אים געוויזן דאָס סאַמע פּרצוף פֿון דער מאַסע. פֿון אירע געזעלשאַפֿטלעכע טוער. מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן אַז דאַנטע אַליין, דער גרעסטער איטאַליענישער פּאָעט פֿון דעם מיטלאַלטער אין דער נייער צייט — איז געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער און זיין „געטלעכע קאָמעדיע", איז דער רעזולטאַט פֿון זיין געזעלשאַפֿט־לעך־אוניווערסאַלער באַקאַנטשאַפֿט מיט דער וועלט, ווי מיט זיין אייגן לאַנד, איטאַליע, דעמאָלסט דער צענטער פֿון אייראָפּעאישער געשיכ־טע. די באַקאַנטשאַפֿט מיטן פֿאָלק האָט עמנואל הרומי באַוואויגן אַריינ־צופֿירן טיפֿן פֿון פֿאָלק אין זיין פּאָעזיע. טיפּן — גראָטעסקע, קרומע, לעכערלעכע, צעבויגענע, קראַנקע, קאַרגע — וואָס זיינען ווי אין בראַנדז אויף אייביג אָפּגעגאָסן אין זיין פּאָעזיע. — וואָס זיינען געבליבן אין דעם פֿאַרביגן פֿרעסקאָ פֿון זיין דיכטונג, ווי די קאַרניוואַל־פֿי־גורן אויף ברויגלס אָנגעצונדענע מאָלערייען. —

—איצט, זיין צווייטע ראָלע, אַלס דאָקטאָר. אַלס מעדיצינישער דאָקטאָר האָט עמנואל הרומי געהאַט גאָר אַן אינטימען צוטריט צו דער פֿיזישער עקזיסטענץ פֿונעם פֿאָלק. ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער אידישער פֿרוי און ער האָט זי אויף אייביג אַריינגעפֿירט אין דער העברעאישער ליריק. ער האָט, אַלס קלוגער, שאַרפֿזיניגער דאָקטאָר, דערזען דאָס לעכערלעכע און דאָס פּיקאַנטע, דאָס שמערצפֿולע און דאָס דראַמאַטישע — דאָס עראָטישע און דאָס ליידנשאַפֿטלעכע. אַלס פּרעזידענט פֿון די קהילה האָט ער געזען די באַדינגונגען פֿון לעבן פֿון די אידישע מאַסן. אַלס דאָקטאָר איז ער געקומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די אידישע מאַסן. קיין סודות זיינען נישט געווען. די סעקרעטן פֿון אינטימען לעבן האָבן זיך ווי דורך מאַגיק אָפּגעדעקט צום וויסן פֿון דאָקטאָר...

דאָקטוירים אין דער העברעאישער ליטעראַטור האָבן מיר גע־האָט — אַ סך. דערמאָנט אייך אין דעם ד"ר רמב"ם... אין דאָקטאָר יהודה הלוי... אין דר. שאול טשערניכאָווסקי... דאָקטוירים שיינען

אַרויס מיט זייער קלוגשאַפט, דראַנג צום אַנאַליז, מיט זייער סאַרדאָנישקייט און צו דערזעלבער צייט — זייער ערנסטקייט... דאָקטוירים זיינען וועלט, קוריעז־קאָסמיש־נייגיריג... נישט אָן אַ צופאַל איז דר. יאהאננעס פאאוסטוס אַ מעדיצינער אין פּראָפעסיע. די טייוולישע נייגיריקייט צו דערגיין צום סעקרעט פון קאָסמישע מעכאַניק — איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָקטוירים פון דער געשיכטע... אין דער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור זיינען דאָקטוירים — גרויסע אַנאַליטיקער פון דעם מענטשלעכן גייסט: דר. דיוהאמעל, דר. טשעכאָוו, דר. אַרטור שניצלער, דר. זלמן שניאור...

עמנואל הרומי — ווי פראַנסואַ ווילאָן, דער פראַנצויזישער רוי־בער־פּאָעט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון מיטלאַלטער און דער נייער צייט — און וואָס האָט אין זיין פּאָעזיע אַריינגעפירט די פריידן און די ליידן פון מיטלאַלטערלעכן מענטש, די סענטימענטן און די אַוואַנטיורעס פונעם איינצלנעם; די אַפּעטיטן און ליידנשאַפטן און אינסטינקטן פונעם לויז־געוואָרענעם מענטש; ווי דער פולער, גאַנצער, קנאַכיגער פראַנצויזישער פּאָעט, וואָס זינגט אפילו פון דער תליה אַרונטער וועגן די געשמאַקפולקייטן פון לעבן, וועגן אירע אַפּעטיטן — אַזוי אויך עפנט עמנואל הרומי די פּאַנאָראַמאַ פונעם אינדיווידועלן מענטש. ער עפנט די שליוזן פון מענטשלעכן געלעכטער. ער דעקט אָפּ דאָס לעכערלעכע און גייט אַריין אין דעם פּאַנטעאָן פון דער העברעאישער פּאָעזיע ווי אַ גאַנצער, פולער, פולבלוטיגער מענטש און זינגער.

עמנואל הרומי האָט געוואַגט אַריינצוברענגען אין דער אידישער פּאָעזיע — הומאָר, וואָס איז דער וויטאַמין פון דער וועלט־ליטעראַטור. עס איז דער וויץ — אפילו ווען די טייערסטע פריינט ווערן דורך אים אָנגערירט, וואָס מאַכט דר. עמנואל הרומי פאַר אַן אומשטערבלעכן שעפער. דען צוגלייך מיטן גראַנדיאָזן — דערהאַלט זיך דאָס סארדאנישע און איראָנישע. דער וויץ — דאָס איז די לאַכנדיגע מאַסקע וואָס פאַרלירט קיינמאָל נישט איר צויבער.

עס װעט קיינעם נישט איינפאַלן, נאָכן אָפּלייענען דאָס ליד „אַ מיידל רעדט" — אַז עס זיינען פאַרגאַנגען זיבן הונדערט יאָר זינט עמנואל הרומי און אַז דאָס גייט אויף אין גאַנצן רייץ און לאָר פון לעבן — מיט אַלע זיינע טרויערן און לוסטן — אַ מיידל, וואָס איז שוין זייט יאָרהונדערטער צו אַש געבראַכט... דאָס דאָזיגע ליד —

די בריסטן מיינע שטייף, געדיכט די לאָקן —
און איך בין אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן;
אַ מאַנספּאַרשוין האָט מורא מיך באַגריסן,
זיץ איך אַליין און טו מיין לידל קלאָגן;
וואָס זאָל איך רעדן און וואָס זאָל איך זאָגן,
קיין פרוטה נישט פאַראַן און ברויט — קיין ביסן;
און כ'האָב דריי שוועסטער עלטערע, באַדאַרפט איר וויסן,
היינט גיי געפין אַ בעלן אַזאַ יאָך צו טראָגן.
אַז אויסגערונען זייגען אַלע מיינע פריידן,
כאָטש נעם שטעל אָפּ די צייט; וואָס איז די פעולה,
אַז ווי אַ היישעריק צעפליען זיך די יאָרן —
און מענטשן האַלטן נאָך דערצו אין איין באַריידן:
אַ פרוי, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס שטאַרבט אַ בתולה —
פון דער וועלט און פון יענער וועלט פאַרלאָרן.

דאָס דאָזיקע ליד איז אַ מאָנומענט צום פאַרעלטערטן מיידל — אַריינגעשטעלט אויף אייביק אין דער נישע פון דער וועלט־פּאָעזיע. אין די זיבן הונדערט יאָר איז עס נאָך אַלץ אַ געוואַלטיקער זשעסט — אַ געוואַגטער זשעסט — אַריינצופירן אין דער ליטעראַטור דאָס פאַרעלטערטע מיידל, אין קעגנזאַץ צו דער טראַדיציע פון שילדערן די אייביקע ווענוס, די אין שוים־געהילטע אַפראָדיטע, די פרוי וואָס ווערט קיינמאָל נישט אַלט און וואָס באַצויבערט אייביק דעם מאַן. און ווי עס איז אין דעם דאָזיקן ליד געגעבן דער עסענץ פון איר טרויער, פון איר טראַגישן גורל. און ערשט די פרישקייט פון דעם ליד. עס דאַכט זיך אַז עס איז ערשט נעכטן פאַרפאַסט געוואָרן דורך אַ באַקאַנטן דיכטער. דורך אונזערס אַ נאָענטן קאָלעגע... קיין איינציק וואָרט איז דאָ נישט פאַרעלטערט געוואָרן. עס איז פּונקט אַזוי מאָדערן ווי שלום עליכם און ווי משה נאַדיר׳ס אַ ווערק. עס איז דער וויץ, די טרויעריקע געשטאַלט, דאָס שטיק אומשטערבלעך און צאַפּלדיק אמת וואָס איז אין דאָזיקן ליד אַריינגעקריצט געוואָרן — אויף אַלע צייטן.

און אָט איז אין עטלעכע פערזן אַ קליינע דראַמע. געצייכנט קאָנצענטרירט און אינטענסיוו:

דאָס האַרץ איז מיר איז אומרואיק־צעריצט —
אַ שטראָם אַ מעכטיקער פון לוסט האָט אים פאַרפּלייצט;
אַנטרונען פון דיין בייזן צאָרן און דיין כעס —
האָט אים צעלעכערט היינט דיין פייל פון האַס.
אָ, האָב אויף מיר רחמנות אין מיין טאָג פון נויט —
מיזאָל ניט זאָגן: אַ פרוי האָט אים געטויט!

און ווי דער סאַרדאַנישער פּאָעט און שפּאַסמאַכער קען בלענדן זיין פּאָעזיע מיט די סאַמע ערנסטע און פילאָסאָפיש־שיינע פערזן פון זיין רייכער דיכטונגס־אָפּעראַ —

זיי האָבן מיך געפרעגט: וואָס איז גוט אין דעם מענטשן?
האָב איך געענטפערט: אין זיין שכל וואָס אַלצדינג באַהעלט;
און אויב נישט דאָס, האָב איך געענטפערט, איז מיט זיין רייכקייט,
מיט זיין צירונג און קליידונג און געלט;
און אויב נישט דאָס, האָב איך געענטפערט, איז מיט זיין ווייב,
וואָס פאַרדעקט זיינע פעלער און פאַרשטעלט;
און אויב נישט דאָס, האָב איך געענטפערט, איז מיט שווייגן,
זיין שלעכטע האַרץ צו באַהאַלטן פון דער וועלט;

רייך איז דער רעפּערטואַר פון עמנואל הרומי׳ס דיכטונג. רייך איז זיין העברעאישע פּראָזע, וואוהין ער האָט אַריינגעבראַכט די גראַציע, די לייכטקייט און לייכטזיניקייט, דעם ריטם און די עלעגאַנץ — וואָס איז ערשט אויפגעקומען יאָרהונדערטער שפּעטער. לויט זיין גראַציע, שפּילעוודיקייט, און קאָלירן־רייכקייט — קענען מיר דעם דאָזיקן גלענצענדן העברייער צורעכענען פאַר אַ ברודער צו היינריך היינע...

ווען דאַנטע אַליגיערי, דער גרעסטער פּאָעט פון איטאַליע, באַזוכט רוים, טרעפט ער זיך מיטן העברעאישן פּאָעט. דאָס איז אַ גרויסע ראַנדעוואו, וואָס וואָלט געקענט ווערן צו אַ קלאַסישע דראַמע. אויפן פּאַן פון מיטלאַלטער וואָלט מען געקענט מאַכן דעם שפּאַציר אין אַ פאַרנאַכט, לענג־אויס דעם טייך טיבער — פון דעם דאַרן, אויסגעצערטן און שלאַנקן דאַנטע אַליגיערי, וואָס שפּאַצירט אויף

דער ערד — אָבער זיין געדאַנק, זיין ברענענדיקער מוח, איז אין הימל. און עמנואל הרומי, שמייכלט סאַרדאָניש, מיט זיין אײדעלן, זיין שמערצפולן, זיין טראַגישן פּנים. דאַנטע האָט געמוזט פילן אין דעם דאָזיקן מיטלאַלטערלעכן היינע — די מעכטיקע פּערזענלעכקייט, דעם פּרינץ פון גראַציעזן וואָרט, דעם ליטערן, מאָראַלישן מענטש, דעם ראַפינירטן דאָקטאָר און דעם פּאָעט פון וואוילקלאַנג. עמנואל הרומי האָט געמוזט פילן אַז ער איז אין דער אָנוועזנקייט פון אַ גרויסן, פּין אַן אומשטערבלעכן גייסט — וואָס איז אויסערלעך בלאָס ווי אייז, אין אינערלעך — אַ שטורמיש פייער, וואָס סימבאָליזירט, וואָס קאָנצענטרירט אַלע העפּטיקע פּראָבלעמען, אַלע דראַנגען און דראַמען, אַלע שטרעבונגען און שטרעמונגען פון דער נייער צייט, וואָס שטעקט נאָך אָבער היפּש אין מיטלאַלטער און שליסט איין אירע צען יאָרהונדערטער לעבן, קולטור, רעליגיע און קאַמף אין זיין איינציק־גרויסן ווערק. דאָ איז פאַר אים געשטאַנען אַ מאַן פון געניוס, וואָס איז פאַר אים דאָך געבליבן פאַרשלאָסן. דאַנטעס סטיל — ערנסט, עטעריש, דערהויבן און סובלים. עמנואל הרומי׳ס — גראַציעז, וואוילקלינגנד, לייכט און לייכטזיניק ווי פאָנטאַנען פון זוניק־גאָלדענעם ווײַן. דאַנטע פאַרגליווערט טויזנט יאָר לעבן. הרומי באַלעבט דעם מאָמענט, די שטונדע, דעם הייטערן טאָג. דאַנטע טראָגט אויף זיך שווער די פאַרגאַנגענהייט פונם קאַטוליציזם, פון מיטלאַלטער, פון סכאָלאַסטיק און מיטאָלאָגישן ראָמאַנטיזם. פון דעם אייביקן געראַנגל פון מענטש און טייוול, פון גוף און נשמה, פון זינד און ריינקייט. עמנואל הרומי האָט די העברעאישע פאַרגאַנגענהייט. ביבליש — תלמודיש — פילאָזאָפיש און נעאָ־העברעאיש.

דאַנטע — אַ פאַנאַטיקער פון זיין רעליגיע. פול מיט דער פינצטערניש און דעם פאַנאַטיזם פון מיטלאַלטער. אַ באַרירטער פון די שטראַלן פון דעם רענעסאַנס. הרומי — אַ מאָדערניסט, אַ לץ, אַ באַקכוס־דינער, אַ צויבערער פונם וואָרט, וואָס ווידמעט זיין פּאָעטישן טאַלאַנט צו די אָרעמע פון דער ערד, צו די איינזאַמע און אומגליקלעכע, צו די וואָס לעבן אָן ליבע — אין שאָטן געהילט... דאַנטע — קאַלט און פאַרשלאָסן. הרומי — הגם אָביסל צעלאָזן, שטייט פולער אונטער דער אָפּגעדעקטער זון פון דער נייער צייט. דאַנטע — קאַטויליש. הרומי — איד, דורך־און־דורך איד, ווען אפילו פאַר אַ ווײַלע איבערגעגעבן צו לוסט און לייכטזיניקייטן.

וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט? די ווינטן פון זיבן הונדערט יאָר לאַנג האָבן זייערע רייד ווייט און טיף פאַרטראָגן, ווי גילדערנע בלעטער. דער טיבער מיט זיינע בוואַליעס האָט די רייד פון ביידע גרויסע לייט אויפן געלבן גרונט באַהאַלטן. די וואָלקנס — אָט די אומגעהייערע, פאַרביקע לאַטעס אויפן הימל — דאָס העמד דאָס זיידענע פון גאָט — האָבן אויסגעזויגן זייערע רייד ווי זאַפט פון טראָפּישע, רייכע פרוכטן.

נאָר וואָס זיי האָבן גערעדט — האָט עמנואל הרומי דאָך געמוזט פילן אַז דער קאַטוליציזם איז אַ פאַרשלאָסענע וועלט און אַז דער גרויסער קאַמף פון די גועלפן און גיבעלינען, די פויפּסטלעכע און די קייזערלעכע פּאַרטיי, וועט פאַר קיין אידן די ישועה נישט ברענגען...

און אין יענעם זון־אונטערגאַנג, ווען ביידע פריינט האָבן זיך געזעגנט און באַרירט ציטערנדיק איינער דעם צווייטנס בלאַסע הענט — דאַנטעס — אַ פאַרדאַרטע, קרומלעכע, געלבע און דעמאַ־נישע; הרומי'ס — אַן איידעלע, אַריסטאָקראַטישע, נאָבעלע און סענסיטיווע — אין יענעם זון־אונטערגאַנג איז פילייכט געבוירן געוואָרן אינם געדאַנק פון עמנואל הרומי צו שרייבן אַ סאַטירע אויף די קאָלאָסאַלע „געטלעכע קאָמעדיע". דאַנטע נעמט אַריין די גאַנצע דראַמע פון איטאַליע — פון דער וועלט — אין זיין „געטלעכע קאָמעדיע". אָבער עמנואל הרומי וועט שרייבן אַ מענטשלעכע קאָ־מעדיע... ער פירט אַריין נעבן קעניג דוד — רחב הזונה... ער פירט אַריין דאָס פאָלק אין די הימלישע ספערן. ער עפנט דאָס קאַרנאַ־וואַלישע שפּיל פון מאַסקעס פון דער מאַסע... ער באַגיסט די הימ־לישע אַלייע מיט די אומשטערבלעכע שטראַלן פון הומאָר...

וואָס עמנואל הרומי האָט געטאָן אין זיין סאַטירע — קען מען זיך פאָרשטעלן פון זיין סאנעט „גהינום און גן־עדן" —

שוין ליבערשט גיהנום, איידער דער גן־עדן —
האָב איך אַריינגענומען זיך אין זינען;
דאָס בעסטע קען מען דאָך ביי דיר געפינען,
די שענסטע פרויען און די צאַרטסטע פריידן.
וואָס פאַר אַ מחותן בין איך מיט גן־עדן?
פאַרזעענישן בלויז מיט אויגן וועלכע רינען,
און באַבעצעס מיט בראָדעווקעס נאָך דרינען —
ס'איז נודנע־לאַנגווייליק, נישטאָ גאָר וואָס צו ריידן.

אָ, דו גן־עדן! האָסט צונויפגענומען
אַלץ, וואָס איז אַלט, געפּעלערט און ניט שיין —
דעריבער ווילט זיך מיר צו דיר נישט קומען!
דו, גיהנום! ציסט מיך צו מיט ליבע און מיט חן,
דאָרט שפּילן יונגפרויען אין פּראַכט און ציר —
דאָס שענסטע טוט געפינען פּלאַץ ביי דיר!

אויך די גרויסע עפּאָפּייע פון דעם בלינדן פּאָעט האָמער, וועמענס נשמה ס'האָט אויף אייביק געזען די וויזיאָנען פון דער פאַר־גאַנגענהייט — האָט געהאַט איר סאַטירע, איר קעגנזאַץ אין אַן אַל־טער גריכישער סאַטיר־פּאָעמע. אַנטקעגן דער טראַגעדיע ווערט שטענדיק געבוירן די קאָמעדיע — מיט איר אייביקן וויץ, מיט איר אומשטערבלעכן שפּיל פון ליכט און שאָטן...

דער פּאָעט ווערט קיינמאָל נישט אַלט. די עסענצן פון מענטש־לעכן כאַראַקטער, פון זיינע דראַנגען, באַגערן, ליידנשאַפטן און שפּיל מיטן גורל — זיינען אומשטערבלעך. דער אמת'ער פּאָעט גיט שטענ־דיק די דאָזיקע עסענצן אין דער פּראַכטפולסטער פאָרם... און, ווען מיר לייענען זייערע לידער — איז עס פונקט ווי מיר וואָלטן אַריינ־געקוקט אין דעם לעבן פון סאַמע לעצטן דור — אין דער ברענענ־דיקער און ווי ליים און ערד־פּראָזאַישער קעגנוואַרט. גאָרנישט האָט זיך פונדאַמענטאַל געענדערט. דער גרויסער יאָמער און דאָס גרויסע געלעכטער הערן זיך אַזוי פריש און מעכטיק פון עמנואל הרומי'ס לידער— ווי פון אונזער צייט. און אונז דאַכט זיך אַז פּאָעזיע באַ־זיגט צייט. אַז צייט האָט נישט קיין שליטא איבער דעם גלאַנץ און דער פרישקייט פון פּאָעזיע...

צייט — וואָס בייסט איין מיט אירע שטאָלערנע ציין פּיראַמידן און ספינקסן. ; מאַכט קרישלען זיך די ווענט פון פעלזיקע שלע־סער און עסט אַראָפּ די שפּיצן פון גראַניטענע בערג ; צייט, וואָס גריזשעט אייזערנע פּאַלאַסטן פון קעניגן און לעקט אַראָפּ די הויט פון די ווענט פון קאָלאָסעאומס, טרוקנט אויס די קאָלירן פון אור־אַלטע פרעסקאָס און בייסט דורך די שטאַמען פון טויזנט־יאָריקע ביימער — צייט בלייבט אומבאַהאָלפן און זי קען נישט איינבייסן אַ זיידענעם סאָנעט, אַ דינעם, לירישן, ציטערנדיקן ליד — וואָס איז פאַרביק און פייכט ווי אַ פרילינגס־בלום, ווי אַ סאַמעטענע, בלויע פיילכן...

און עמנואל הרומי, פון איבער זיבן הונדערט יאָר צוריק — שטראַלט פאַר אונז פריש און איידל, וואַרם און פולבלוטיק, קלוג און איראָניש — אין דער גאַנצער פּראַכט פון זיין ראָמאַנטיש־פאַר־ביקער פּערזענלעכקייט.

אַזוי ווי שטיינער שטעלן צוזאַמען אַ פּיראַמידע — אַזוי קען מען רואיק צוזאַמענשטעלן פון זיינע סאָנעטן, וועמענס ראַפינירט־קאָמפּלי־צירטע פאָרם ער האָט דער ערשטער אַריינגעפירט אין העברעאישן פּאַרנאַס — פון זיינע צאַרטע לידער — קען מען צוזאַמענשטעלן דעם פּאָרטרעט פון דעם פּאָעט און דעם מענטש, דעם קהילה־פּרע־זידענט און דעם דאָקטאָר עמנואל הרומי — אפילו זיין פיזישן אויס־זען. דעם גלאַנץ פון זיין בליק און, פון זיין פּערזענלעכקייט.

דער וואָס האָט געקענט שרייבן אַזעלכע צאַרטע, גרויס־ראָמאַנ־טישע שורות, ווי : —

וואָס אַזוינס קענען די שטערן מיר טאָן ?
וואָס, אויב די זון וויל נישט געבן איר שיין ?
אַז מיין געליבטע באַלויכט מיר מיין וועלט —
ציטער נישט, פלאַטער נישט, האַרץ מיינט אין פיין !
קומט זי — אַנטפלעקט זיך ביי מיר אין געצעלט —
ליכטיק ווערט — צינדט זיך די זון אין איר פּראַכט,
דעקט זי זיך איין — פאַלט אַרונטער די נאַכט.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז געווען אַן אַריסטאָקראַט אין גייסט און אין אויסזען. מיר דאַכט אַז ער האָט באַדאַרפט אויסזען ווי היינריך היינע — שמערצפול און ליריש. זיין מאַסקע — בלייך. די דינע, טונקעלע זייד־לאָקן הענגען אַרונטער און באַרירן זיין הויכן, זיין קלאָרן און שיינעם שטערן. די אויגן — זיי בליקן אַרונטער, טרויעריקע, טונקעלע, עס זיינען די אויגן פון דעם אַלטן אידישע פאָלק — וואָס איז שוין געווען געענוג טרויעריק אין הרומי'ס צייט — נאָך טויזנט יאָר גלות... זיין מויל — די ליפּן, דינע, שאַרפע, סענסיטיווע, און איידעלע. זיין גאַנצע מאַסקע דערמאָנט אין די געזיכטער פון היינריך היינע, ווען ער איז שוין געווען קראַנק און ער האָט געליטן אוממענטשלעכע יסורים. זיי דערמאָנען אין לודוויג בערנע, אין שפּינאָזא, אין אוריאל אַקאָסטא, אין דער ביטער־סאַרדאַנישער, אַריסטאָקראַטיש־איידעלער ־מאַסקע פון יוד זוס, ווען ער ווערט געפירט צום הענג־פּלאַץ... אַלע — אידן וואָס האָבן געקענט די וועלט־קולטור און האָבן זיך שמערצפול באַ־וועגט אין אַ וועלט פון שונאים און אייפערזיכטיקע... מען קען זיך פאָרשטעלן אַז זיין געניאַלע, סאַרדאַנישע פעדער האָט עמנואל הרו־

מי׳ן קיין צופיל פריינט נישט פאַרשאַפט, ווען מען שטעלט זיך פאַר אַז אויך מאַנכע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער און פירער האָבן זיך געפילט באַליידיקט פון דעם בייסיקן טאָן פון עמנואל הרומי׳ס עפּיגראַמען און שטעך־ווערטלעך.

עמנואל הרומי איז געווען גוט צו זיינע פריינט און דיכטער פון זיין צייט. ער שעצט זייער די פּאָעזיע פון לעאָנע ראָמאַנאָ, זיין קוזין, דעם לערער פון קעניג ראָבערט פון נעאַפּאַל, וועלכער לערנט ביים העברעאישן פּאָעט תנ״ך. לעאָנע ראמאנאָ זעצט איבער אין העברעאיש טאָמאַס פו זאַקווינאָ, אַלבערטוס מאַגנוס און אַנד.

עמנואל ראָמאַנאָ גיט דעם פּאַלם פון פּאָעזיע — די סופערי־אַריטעט אַפילו איבער זיך אַליין — צו יהודה סיציליאנא, פאַר דעם לעצטנס פערזן. אַ פּעיקער פּאָעט, וועמענס טאַלאַנט גייט פאַר־לוירן אין געלעגנהייטלעכע לידער.

עמנואל הרומי דערנענטערט זיך ביסלעכווייז צו זיין אייגענעם האַרבסט, און די כראָניק מאָלט נישט זיינע לעצטע יאָרן אין צופיל ליכטיקע קאָלירן.

דער קעניג פונם סאַטירישן ליד; דער מייסטער פון לירישן ליד; דער פאָרגייער פון באָקאַטשיאָ אין היגזיכט פון ראַפינירט־מוזיקאַלישער פּראָזע; דער מאַן וואָס איז געקומען אַפּפרישן דעם פאָלקס־פּסיכיק מיט אַ מעכטיקן שטראָם פון געלעכטער; דער ראַ־פינירטער איד און מייסטער פונם ליבע־ליד; דער גלענצנדער למדן און אוניווערסאַלער קולטור־מענטש; דער פריינט פון דאַנטע — איז אויף זיינע עלטערע יאָרן אויסגעקומען צו לעבן ביי אַ געוויסן בנימין, אין פעזיאָ — אַן איינזאַמען, אָרעמען, אַלטן און אַפילו אויס־געלאַכטן מענטשן.

עס קלינגט ווי אַ שטיק נקמה. עמנואל הרומי, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעלאַכט פון די לעכערלעכקייטן פון לעבן — אָפּגע־לאַכט פון די הויקערס פון לעבן — איז אויף דער עלטער ברוטאַל און אכזריות׳דיק אויסגעלאַכט געוואָרן. מיר קענען זיך פאָרשטעלן ווי עס דערשיינען פּלוצלינג פון די לעכער פון דער שטאָט די אַלע וואָס ער האָט אַנגערירט מיט אַ וויץ, מיט אַן עפּיגראַם, מיט אַ פּראָזע. זיי שטייגן אויס פון אומעטום — די פאַרביסענע נקמה־נעמער, וועמענס דורשט נאָך נקמה קילט זיך נישט אָפּ אפילו ווען זיי זעען דעם פּאָעט אַן אַלטן, אַ פאַרקרומטן, אַ פאַרשפּאָטיקטן און אַן איינזאַמען מענטשן... זיי אַטאַקירן אים איצט, אַלע סנאָבן, די רייכע לייט, די מאַכט־האָבער, די גראָביאַנעס, די קאַריעריסטן און כבוד־זוכער — איצט, ווען דער אַמאָליקער קעניג פון וויץ איז איצט איינזאַם און מאַכטלאָז.

און ער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געזונגען וועגן ייִנגע פרויען, וועגן די פריידן און די תענוגים פון לעבן, וועגן די שיינקייטן פון דער ערד — דווקא ער זאָל אויף דער עלטער לעבן אין שמערץ, אין שאָטן פון ליידן. דאָס איז אַ ביטערער קאָנטראַסט צו דער אילוזיע, צו דער פאָרשטעלונג פון דעם פּאָעט.

אַנומלט האָב איך אין אַ העפט אָריינגעשניטן מיט דער גאַנ־צער שאַרפקייט און שפּיציקייט פון מיין פעדער:

„גוט איז אַ גרויזאַמער ציניקער, אַ מאָנסטערהאַפטער סאַטיר.

בעעטאָוון, וואָס איז דער קעניג פון קלאַנג אין אוניווערס — נעמט ער צו די אויערן, דאָס איידעלע געהער. און דער גאון מוז אַרויסרופן די קלאַנגען פון זיין אייגענעם קאָסמאָס, וואָס ער טראָגט אין זיין האַרצן. האָמער — וואָס זעט די גאַנצע דראַמע פון פעלקער, פון היסטאָרישע וועלטן, וואָס שטייט ביי פירכטערלעכע שלאַכטן און ביי געוואַלטיקע דועלן פון מענטשן — מאַכט גאָט בלינד. שליסט צו זיינע אויגן. און ער מוז די אַכילעסעס און אגאַממעמנאָנס, די פלאַמענדע שלאַכטן און קאַמפן אַרויסברענגען פון זיין אינערלעכער וויזיאָן. מיל־טאָן — וואָס זעט נישט נאָר די גאַנצע ערד — נאָר דעם הימל, מיט אַלע זיינע מלאָכים און מענטשלעך־טראַגישע העלדן — נעמט ער צו זיין זע־קראַפט. און ער מוז מיט בלינד־גראַניטענע אויגן אויפ־שליסן דעם הימל און אַנצינדן וויזיאָנען אין זיין מוח".

אנן עמנואל הרומי — דעם איידעלן אַריסטאָקראַט פון שיינ־קייט, אָט דעם ראַפינירטן איד פון מיטל־אַלטער, נעמט גאָט צו די פריידן פון לעבן און ווייזט אים אויף דער עלטער נאָר שאָטן און שמערץ... פיליכט פון דעם דאָזיקן לעצטן פעריאָד אין זיין לעבן שטאַמט דאָס פאָלגענדע טרויעריקע ליד: —

עס צערינט און פאַרשווינדט באַלד דאָס לעבן,
און נישט ציכטיק דאָס האַרץ נאָך, נישט ריין;
עס קומט נענטער דער טויט, יעדע רגע —
און עס וויל נישט דעם אמת פאַרשטיין.
עס וואָלט וועלן צו גרויסקייט דערלאַנגען,
נאָר עס רוקט זיך אין גרוב מיין געביין;
רק עס מיינט, אַז עס נאַרט אָפּ דעם צווייטן,
ווען עס נאַרט גאָר, פאַרנאַרט זיך אַליין.
עס וויל בלינד מאַכן לייטישע אויגן —
איז אַליין אָבער בלינד און געמיין.
עס פאַרגעסט וואָס ס'איז זיכער און אייביק,
גייט נאָך „טאָמער" און „אפשר" און „ניין" —
און דערפאַר בלייבט עס הונגעריק־דורשטיק,
ביז אין פינצטערער גרוב וועט עס גיין.

עס איז אַ זייער טראַגיש, ברוטאַל ליד צו זיך אַליין. איך אומהיימלעכן, און פירכטערלעכן שרעק פאַרן טויט — פלאַצט עס אַרויס. נאָך פול מיט הומאָר, אָבער שוין מיטן ביטערן מאקאַברע־הומאָר, מיט יענעם טראַגישן הומאָר פון היינריך היינעס לידער — פון דעם „ראָמאַנצערא־פעריאָד", ווען ער איז שוין געווען ביטער־קראַנק.

מיר קענען זיך פאָרשטעלן ווי דער אַלטער, גרייז־גרויער און געפאַלענער עמנואל הרומי שרייבט דאָס דאָזיקע ליד מיט ציטערנ־דיקע פינגער, אין אַ געדיכטן פאַרק, ווען מענס בלעטער ציטערן און זשאָווערן אין דעם קאַלטן חשון־ווינט... עס גייט דורך דעם פאַרק אַ טיפער יאָמער פון די טראַגישעביימער. פון די אויסגעבויגענע, קרומע און קראַנקע בוימער, וואָס קרעכצן ביטער. און אויף אַ גרינער באַנק, ווי ערשט געפאַרבט מיטן קאַליר פון פרילינגס־גראָז, זיצט דער פאָעט. פון די געלבע בלעטער, וואָס רוישן ביי זיינע פיס, פון די צעקנייטשטע בלעטער — גייען אויף פנים'ער פון זיין פאַמיליע, פון זיין פרוי און קינדער, פון טאַטע־מאַמע, טייערע, היי־ליקע מאָרטירער, וואָס פלאַמען אויף פון די בלעטער, פון די איינ־

געשרומפּענע גאָלד־מעדאַליאָנען, פון די פאַרביקע מיניאַטור־פּאַר־טרעטן... עס איז אַן אַלטער, גרויסער פּאַרק. מאַנכע צעזאָרן זיינען דאָ געגאַנגען שפּאַצירן. מאַנכע קעניגן און זייערע מעטרעסעס. און אַלערליי ביימער און פלאַנצן גייען אויף... אַט זיינען בלעטער ריזיקע פון מאָדנע פלאַנצן. בלעטער — ווי פון מענטשלעכע הויט גע־מאַכט. זיי זעען אויס ווי קלאָונישע געזיכטער. זיי זיינען אינגאַנצן באַגאָסן מיט ליכט. מיט קאָלירן פייכטע. דער נאַטור־מאָלער האָט אויף זיי אויסגעגאָסן הייסע טעפּ מיט פאַרב. דאָס רויט רינט ווי אַ שטראָם מיט בלוט פון אַ מאַרטירערס געעפנטע וואונד. עס רינט פלאַמענדיק איבער דעם צאַרטן, דעם רויען, דעם פליושיקן גרין. בלעטער גרויסע, שפּיציקע, דעמאָנישע... עס דערמאָנט אים, דעם אַלטן פּאָעט עמנואל הרומי, אין מאַנכע פרויען פון זיין יוגנט... אין יענער מיטן פּנים פון אַ געטין... מיט די רויטע לאָקן ווי איר קאָפּ וואָלט געברענט מיט פלאַמען... מיטן לאַנגן, דינעם גוף — בויגיק, טענ־צעריש, גראַציעז און ליריש — וואָס האָט זיך ווי אַ שלאַנג אַרומ־געוויקלט אַרום אים... דער ווינט באַוועגט מיט די בלעטער... דאַכט זיך אים נישט אַז עס איז זי וואָס באַוועגט טרויעריק און געהיימ־ניספול מיט איר געזיכט, אַזוי ווי זי וואָלט צו עפּעס איינשטימען און ציטערן צאַרט און סענסיטיוו פון דערוואַרטונג... דאַכט זיך אים נישט אַז זי לעבט — און זי שטייט דאָ אין גאַנצן יינגן צויבער פון איר געשטאַלט און בלומענגעזיכט און רעציטירט איינס פון זיינע גראַציעזסטע לידער — איינס פון זיינע זיסע, רייצנדע מע־לאָדיען... און בשעת ער קוקט אַזוי אויף מאָלעריש־צעצונדענע בלעטער פון דער טראָפּישער פלאַנץ, וואָס איז דורשטיק און טרונקט איר בלוט און זאַפּט און פאַרצערט אין דעם האַרבסט־אָוונט אירע אייגענע פאַרבן — אַזוי ווי ער, דער פּאָעט, האָט פאַרצערט אַלע פלאַמען פון זיין האַרץ און האָט מיט בלוט געשריבן זיינע מכלו־מרשטע לייכטזיניקע לידער — איז די לבנה גאָלדן אויפגעגאַנגען און אַן אַנדער גרופּע בלעטער האָבן אָנגעפאַנגען צאַרט און צויבער־האַפט צו ציטערן. דאָס זיינען געווען ווייסע, געקאַלעכטע בלעטער, מיט אָפּגעריבענע קאָלירן פון גרין און רויט, אַזוי ווי אַ געהיימער מאָלער וואָלט אָפּגעקראַצט אַן אַלטן קאַנוועז און וואָלט דאַרויף געוואָלט מאָלן אַ נייע וויזיאָן... די אָדערן פון די פלאַנצן — רויטע, בלוטיקע, ברענענדע... און וואָס מער דער פּאָעט האָט מיט זיינע אַלטע אויגן אויף זיי געקוקט — אַלץ מער האָט ער דערזען פנימער פון דאַמען, פון טענצערינס, פון וואונדערלעך־עלאַסטישע און צאַרטע פרויען... טענצערינס פון רוים, מיט פילע יאָרן צוריק האָבן אויפגעטויכט אין זכרון... זיי האָבן געקושט דעם פּאָעט... זיי האָבן אים צאַרט אומהאַלזט... זיי האָבן ווי זומפּן זיך אַרום אים געבויגן שמערצפול, ווי זיי וואָלטן פאַראַטן אונערלעכע וואונדן.. זיי זיינען אים געפאַלן צו די פיס און געקושט, געקושט זיינע פיס... דער פּאָעט איז געווען אָנגעצונדן פון שיינקייט, פון גליק, פון איבערפולטן טרויער, מיט וועלכן זיין האַרץ־בעכער איז געווען פול... ער האָט געהערט אַ וואונדערלעכע מוזיק... פרויען האָבן אין דער לופט געטאַנצט... זעלן האָבן זיך זילבערן באַוועגט אין דעם עטער... און דער הימל־פירמאַמענט איז געווען פאַרהילט מיט שטערן און מיט וואָלקנס — מיט דעם שטיק אַלטפרענקיש גאָלד־בילד פון דער לבנה — מיט אַן

אייביקע באַוועגונג אין די ספערן — און דאָך אַ מאַרמאָר־סאָלידע דעקאָראַציע פון דעם קאָסמישן טעאַטער, אין וועלכן דורות שפּילן זייערע ראָלן, ווי אַקטיאָרן. און בשעת די הייליקע דאַמען און מאַדאָנאַס פון דער לופט האָבן געטאַנצט, איז דער פּאָעט אויסגעגאַנגען. אַלע פרויען פון זיינע לידער זיינען איצט געזעסן און געיאָמערט. און די פריילעכע, נאַקטורנע־מוזיק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טראַגישע מעלאָדיע פון יאָמער, וואָס האָט דאָך מאָמענטנווייז אויפגעקוואָלט מיט הייטערע טענער... און אין דער נאַכט האָבן זיך די זעלן געטראָגן אין הימל — טראָגנדיק אַ ציטערנדיקע און אַ וויינענדיקע די זעלע פון עמנואל הרומי... בשעת אין פּאַרק, צווישן יאָמערנדע בלעטער — איז געבליבן ליגן דעם פּאָעט׳ס קערפּער — ווי אַ שטיק געלבע ליים...

עמעץ האָט רעציטירט די לידער. עס איז אַ מערקווירדיק געפיל אין די לידער פון עמנואל הרומי... זיי האָבן זיך אויף אַ מינוט נישט געעלטערט. די גראָבע לייט, דערציילט די כראָניק, האָבן אָפּגעלאָכט פון דעם אַלטן, אָרעמען מאַן. אָבער די גראָבע לייט זיינען אַריין אין דער ערד — ווי קורח — אויף אייביק. מיר קענען זיי נישט אין קיין שום געשטאַלט. אָבער פון עמנואל הרומי׳ס לידער ווייעט די אומשטערבלעכע פרישקייט פון לעבן. זיי זיינען אייביק אַקטועל — אין זייער וויץ און אין זייער שמערץ. און די דאָזיקע פּרעכטיקע לידער — ווי שטערן לויכטן זיי אין הימל פון אונזער אייביקער דיכטונג... און די שטערנלידער — זיי שטעלן אויף אייביק צוזאַמען דעם בריליאַנטענעם, דעם פינקעלדיקן פּאָרטרעט פון דעם גרויסן פּאָעט עמנואל הרומי...

„קעניג ליר"

ווילליאַם שעקספּיר, „קע־
ניג ליר", אידיש פון דר.
אברהם אייסען.

אין די לעצטע אָונטן האָב איך דורכגעלייענט דר. אברהם איי־סענס איבערזעצונג פון שעקספּירס „קעניג ליר". ווען איך קוק אַריין אין אַ געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור, זאָגט זיך וועגן „קעניג ליר" אומגעפער, אַז פון די פיר גרויסע טראַגעדיעס איז „קעניג ליר" די צום ווייניקסטן פּאַסיקע דראַמע צו שטעלן אויף דער בינע, ווייל זעלטן ווען באַזיצט אַן אַקטיאָר דעם גיגאַנטישן כוח פאַר־צושטעלן דעם טיטול־העלד. דאָס איז אַ פּראָמעטייאישע געשטאַלט, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך דעם צאָרן און נקמה פון די איפּערזוכ־טיקע געטער; זיינע ליידן שיינען צו זיין נישט נאָר די ליידן פון אַן איינצעלנעם מענטש, נאָר פון דער מענטשהייט. די קאָנקלוזיע, אַזוי אומגעווינלעך טרויעריק, שיינט צו זיין דער נויטווענדיקער רעזול־טאַט פון שיקזאַל. דער רעזולטאַט פון עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן גע־זעץ פון אוניווערס וועלכן מיר זיינען נישט אימשטאַנד צו באַגרייפן, און צו וועלכן מיר קענען זיך נאַטירלעך נישט צוגעוואוינען.

דערצו וויל איך זאָגן אַז אין אונדזערע צייטן קען מען יאָ לייע־נען שעקספּירס טראַגעדיעס. ווי הויך קעניג ליר זאָל זיך נישט דער־הויבן אין זיין גיגאַנטישן שמערץ, איז ער נאָך אַלץ קליין פאַרצושטעלן די ליידן פון אידישן פאָלק. אָבער לידער קען די ליטעראַטור נישט אַנדערש אפּערירן ווי מיט איינצעלנע געשטאַלטן. מאַסן — נישט אין ליטעראַטור, נישט אין ציפערן, זאָגן גאַרנישט. עס איז דער איינ־צעלנער העלד וואָס מאַכט אונז צו וויינען אָדער צו לאַכן.

ווען מען לייענט „קעניג ליר", פילט מען אַז מען שטייט פאַר איינעם פון די גרויסע עלעמענטאַרע ווערק. און דאָס איז די גרויס־קייט, דער פּרוואושטיין, פון יעדן קלאַסיש־גרויסן ווערק. דו שטייטסט פאַר אַ ריז, וואָס האָט דורכגעבליצט מיט בליץ־אויגן די מענטשלעכע נשמה. וואָס האָט דערזען דעם מענטש אין זיין אור־נאַקעטקייט. וואָס האָט געזען דעם מענטש זיך ראַנגלען מיט זיינע אור־עלעמענטן. וואָס זעט דעם מענטש אין אַלע זיינע עמאָציעס, זיך ראַנגלענדיק מיט ים און ווינט און פעלז. וואָס שטייט אין דער הייסער לאַבאַראַטאָריע, ווען גאָט קנעט דעם מענטש מיט זיינע שעפערישע הענט.

די טראַגישע עלעמענטן אין „קעניג ליר" זיינען שטענדיק פאַר־בונדן מיט בליצנדע נאַטור. מיט שטורם און אומרו. ווען מענטש דערהויבט זיך צו לוסט און לײדנשאַפט, צו צאָרן און מלחמה, צו עלע־מענטאַרער מאַכט און שיקזאַלס־געראַנגל — ווייזט אים שעקספּיר ביים אָפּגרונט פון ווילדער, רויער נאַטור. נאַטור און מענטש זיינען געקניפּט און געבונדן. מענטש איז צוגענאָפּלט צום אורמענטש, צום דזשאַנגל, צום פעלז און כוואַליע. אין אונזער שטורמדיקער עפּאָכע האָט מען געזען ווי מענטש איז רוי, ווי ער שטעקט נאָך אין וואַלד, ווי ער איז דורכגענומען מיט די רויע קוואַלן און וואַסערן פון דער אורווילדניש. מען האָט געזען אַז מענטש איז אַ חיה. אַ חיה פּלוס דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. גיב אים אין די הענט די ציווילי־

זאַציע, פאַרוואַנדלט ער זי אין אַן אַטאָם־באָמבע און ער רײַסט זיך אַליין אויף אין אַ גיגאַנטישן זעלבסטמאָרד.

גרויסע קינסטלער דערפֿילן דעם אָטעם פֿון ווילדער נאַטור אינעם מענטש. און ביי שעקספּירן דערזעען מיר עס בולט, אין די מאָמענטן ווען „קעניג ליר" איז טראַגיש. דאָ פֿאַראייניקט זיך זיין טראַגעדיע מיט מעשה בראשית'דיקן שטורם. מיט אורוועלט.

ווען „קעניג ליר" דערנענטערט זיך צו משוגעת, שילדערט אים שעקספּיר אין אַזאַ פּאָרטרעט:

„אין קאַמף מיט די צאָרנדיקע עלעמענטן;
ער הייסט דעם ווינט די ערד אין אַ ים פֿאַרטראָגן,
די וואַסער־תהומען זאָלן זי פֿאַרפֿלייצן,
אַז אַלץ זאָל ענדערן זיך אָדער אונטערגיין;
ער פֿליקט די גרויע האָר זיך, וואָס דער שטורעם
כאַפּט אויף מיט בלינדן צאָרן און צעהאַרפּט.
ער וויל אין גאָר זיין קליינער מענטשנוועלט
דעם קאַמף מיט ווינט און שלאַקס־רעגן געווינען.
אין אַזאַ נאַכט, ווען אויך דער יונגער בער
ליגט טיף באַהאַלטן אין זיין הייל, דער לייב
און בייזער וואָלף — זיי שוינען זייער פֿעל,
לויפֿט ער אַרום אַזוי מיט הוילן קאָפּ,
און שרייט, ס'זאָל אַלץ צום טייוול גיין."

נאָכדעם ווי „קעניג ליר" שענקט אַוועק זיינע צוויי טעכטער זיין קעניגרייך, זיין פֿאַרמעגן, און זיי דערנידעריקן אים ווי אַ שקלאַף, זיי פֿאַרקלענערן זיין באַדינער־פּערסאָנאַל, זיי האַלטן אים פֿאַר אַ נאַר און זעען אין אים אַן אַלטן מאַן וואָס מען מעג פּייניקן ווי אַן אַלטן הונט — און ווען ער געפֿינט זיך שוין נאָענט צו וואַנזין, ברעכט אויס „קעניג ליר אין אַזעלכע פּראָזן:

„בלאָזט, ווינטן, בלאָזט! און זאָלן פּלאַצן
די באַקן אייערע! איר ווילדע וויכערס
און אוראַגאַנען, גיסט ביז איר וועט טיף
די טורעמס אונדזערע אַדורכווייקן,
דעם וועטערהאָן דערטרינקען און פֿאַרפֿלייצן!
איר שוועבלדיקע בליצן, שנעלער פֿון געדאַנק,
איר פֿלינקע לויפֿער אין פֿאָראויס
דעם דעמב־צעשפּאַלטנדיקן דונער קנאַל,
פֿאַרסמאַליעט מיר מיין אַלטן גרויען קאָפּ!
און דו, פֿאַרניכטנדיקער דונער, דו,
צעשטער די דיקע רונדקייט פֿון דער ערד!
צעברעך די פֿאָרמען פֿון נאַטור, פֿאַרניכט
ביז גאָר, די זוימען וואָס באַשאַפֿט אַ מענטשן,
וואָס ווייסט ניט פֿון קיין דאַנקבאַרקייט."

זינט אורצייטן אַן ווי דער מענטש פּרוווט בויען אין דער דאָזיקער וועלט זיין אייגענע, זיין מענטשלעכע וועלט. מענטש בויעט רעפּובליקן, אויטאָפּישע סיסטעמען, פֿרייהייטס־קעניגרייכן, עטישע געזעלשאַפֿטן, סאָציאַלע מלוכות. אָבער עס קומט דער גאון און זעט

ווי מענטש איז צוגענאָפּלט צו דער ערד. עפּעס איז זיין שיקזאַל דער שיקזאַל פון גאַנצן וועלט־אַל. מענטש קען זיך קיין סאָלידע היים נישט בויען אויף די ברעגן פון שטורמישע אָצעאַנען. אויף אָנגעגליטע וואולקאַנען. אין שטורמישן דזשאַנגל. אין כאַאָס פון מעשה בראשית וואָס ברענט נאָך. דיכטער־געניוס ווייזט אָן אַז מענטש איז קינד פון רויער, פּרימיטיווער, כאַאָטישער נאַטור. פון אומ׳ברחמנות־דיקע כוחות אין דער נאַטור. עס איז ווייט דער וועג צו פולקאָמענקייט. מיט טויזנט קעגנגעזעצטע כוחות קאָכט זיך דער נאַטור־קעסל. די ערד־פלאַך איז נאָך הייס און די ערד־ציטערנישן אין ערדישן בויך האָבן נאָך נישט אויפגעהערט. בלאָסער מענטש־דענקער בויעט צו פרי זיין פילאָזאָפישע היים אין שויס פון נאַטור. מענטשהייט איז נאָך דורכגעווייקט מיטן בלוט פון וועלט־געבורט און פאַרגאָסן פון צעשמאָלצענער פייער־לאַווע.

„קעניג ליר" ווייסט דעם דאָזיקן סוד. און ער שטעקט אינ־מיטן פייער — אינמיטן דעם נאַטור־געראַנגל —

„זינט איך געדענק זיך אַלס אַ מענטש, האָב איך
אַזאַ מין פייער־גאָס נאָך ניט געזען,
אַזעלכע מוראדיקע דונערן,
אַזאַ מין ברילנדיקן רעגן־שטורעם
האָב איך נאָך ניט געהערט; אַזעלכע לייד
און שרעק קען קיין שום מענטש דאָך ניט פאַרטראָגן."

קאָרדעליא, די איינציקע טאָכטער וואָס איז גוט צו איר פאָטער, וואָס שטייט ווי אַ טראַגישע פיגור אין שטורעם פון נאַטור, גיט אַזאַ פּאָרטרעט פון איר פאָטער, אין וועלכן מיר דערקענען אונזער ביבלישן, גרייז־גרויען איוב, ווי ער זיצט אויף דער ערד אין פינצ־טערע ליידן און ער רופט אַרויס אין אַ געוואַלטיקן וואָרט־דועל גאָט צום משפט —

„אוי, דאָס איז ער: מען האָט אים ערשט געזען,
אין צאָרן ווי דער בייזער ים; ער האָט
געזונגען אויפן קול; און איז באַקראַנצט
געוואָרן מיט אומקרויט און מיט ווילדן פלאַנץ,
מיט קראָפּיווע, און אַל די פוסטע גראָזן
וואָס וואַקסן אין דעם נאַרהאַפטן קאָרנפעלד."

אָט אַזוי זעט מענטש אויס אין טראַגעדיע. און די ענלעכקייט צווישן איוב און קעניג ליר איז נישט קיין אויבנאויפיקע. „קעניג ליר" ברענגט צוזאַמען אין וואַנזין. איוב אָבער בלייבט קלאָר ביז צום סוף כדי צו פירן מיט זיינע פריינט, און מיט גאָט, דעם גרויסן דיספּוט איבערן שלעכטס פון דער וועלט. ביידע זיינען קעניגן. איוב — פשוט׳ער מאַן פון דער ערד, שטייגט אויף קעגן גאָט מיט אַ גיגאַנטישן שטאָלץ, ווי אַן אומגעקרוינטער קעניג, טראַגנדיק אין זיינע הענט די ליידן פון די אײדלסטע, פון די פרינצן פון דער ערד. איוב איז קלאָר, באַ־רעכנט, לאָגיש און זיין געדאַנק הערט נישט אויף צו זיין מעכטיק אין די שרעקלעכסטע ליידן. ער בויעט זיינע אַרגומענטן קעגן גאָט אַזוי ווי ער וואָלט אָנגעוואָרפן גראַניטענע בערג, דערגרייכנדיק די הימלען.

קעניג ליר, געבוירן צו זיין הערשער, קעניג, איז צעבראָכן פון אָנ־

פאַנג אָן. ער איז געבוירן געוואָרן צו מאַכט, צו דער קרוין, און ער קען קיין דערנידעריגונג נישט פאַרליידן, ווען עס קומט פון שטערבלעכע מענטשן, בפרט פון זיינע אייגענע טעכטער. ער ווערט באַלד צעבראָכן אונטער דער לאַסט פון ליידן. ער פאַרלירט זיין געדאַנק, אָבער נישט זיין שטאָלץ, דער ווינט קען אים נישט איינבויגן. די גרויע האָר צעפלאַ־טערט, איז ער מורא'דיק אין זיין טראַגעדיע.

די באַליידיקונג פון דער וועלטס אומדאַנקבאַרקייט איז די גרויסע טראַגעדיע אידישן פאָלק און זי ווערט אויך באַהאַנדלט אין ספר איוב. און וואָס שייך דאָס אַלגעמיינע שלעכטס פון די מענטשן, האָט עס זיך אוודאי נישט געמינערט זינט די צייטן פון שעקספיר. עס איז אַלץ נאָך אַקטועל ליר'ס פראַזע:

„נו, זאָלן זיי צעפּאַלמעסן רעגאַנען (זיין טאָכטער. ש. ט.) און זען וואָס עס טוט זיך ביי איר אין האַרצן, צי איז פאַראַן אַן אורזאַך אין דער נאַטור, וואָס ברענגט אַרויס די האַרט־פאַרשטיינערטע הערצער".

„קעניג ליר" ענדיקט זיך דערמיט וואָס אַלע קומען אום. דער טויט פרעסט אַלעמען אויף. די שלעכטע ווי די גוטע ווערן פאַרניכ־טעט פונעם שיקזאַל. „קעניג ליר" מוז צוזען דעם טויט פון דער איידעלער און צאַרטער קאָרדעליאַן, וואָס ער טראָגט אין אונמענטש־לעכן פיין אויף זיינע הענט.

דאָס איז אין קלאָרע ווערטער די רעזומע, דער סך־הכל פון שעקספּירס „קעניג ליר". די דאָזיקע טראַגעדיע איז באַזונדערס אַקטועל אין די איצטיקע צייטן, אין אונזער שרעקלעכער עפּאָכע. אַ שטערבלעכער מענטש, אין פאַרלויף פון זיין קורצן מענטשנלעבן, האָט דורכגעלעבט צוויי וועלט־מלחמות און קוקט זיך צו צו דער צוגרייטונג פון אַ דריטער וועלט־מלחמה. אין אונזער צייט האָט מען געזען ווי פעלקער שלאָגן זיך; ווי מאַכטן שטייגן און פאַלן; ווי קעניגן פאַר־לירן זייערע טראָנען; ווי דיקטאַטאָרס וואָס דראָען דער וועלט מיט זייער קראַפט, אויף דער יבשה, אין דער לופט און אין די טיפענישן פון די וואַסערן, ווערן געוואָרפן ווי שפענער אין דעם היסטאָרישן ווינט. מען האָט געקענט זען ווי פעלקער פאַרראַטן זיך איינע די אַנדערע, ווי אין פאַל ווען פוילן איז געגאַנגען אָפּרייסן אַ שטיק טע־ריטאָריע פון טשעכאָסלאָוואַקיע אין אַ מאָמענט ווען ביידע זיינען איינגעשלונגען געוואָרן פונעם נאַצי־שונא; ווי סאָוועט־רוסלאַנד איז באַפאַלן אַ קליינע פרייהייטס־ליבנדיקע פינלאַנד; ווי פוילן האָט דעם דייטש געהאָלפן מאָרדן איר טויזנט־יאָריקע אידישע באַפעלקערונג; ווי ענגלאַנד האָט פאַרקויפט טשעכאָסלאָוואַקיע צו היטלערן אינעם מינ־כענער אָפּמאַך; ווי די עלייאישע פעלקער האָבן געהעצט דייטשלאַנד צו אַטאַקירן סאָוועט־רוסלאַנד; ווי לאָנדאָן איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דייטשע „מעסערשמיטס"; ווי סטאַלין האָט געשלאָסן אַ בונד מיט היטלערן, דעם בלוטיקסטן שונא פון דער מענטשהייט. ווי די אַראַבער, אונזערע „קוזינען", שעכטן אויס און צעשניידן אונזערע זין און טעכטער; ווי ענגלאַנד פאַרקויפט וואָפן צו די אַראַבישע פעלקער; ווי פרעזידענט רוזוועלט האָט אונטערגעהאַנדלט מיטן קעניג פון סאַור־די־אַראַביע; ווי אויל איז וויכטיקער ווי צו פאַרמיידן דעם פלוס פון בלוט; ווי די אַטאָמישע באָמבע וואָס מען האָט געוואָרפן אויף יאַפּאַן — ווערט איצט די טויטלעכע געפאַר פון דער וועלט, צו אַמעריקע אַריינגערעכנט. ווי די נעכטיקע פאַראייניקטע אַלייעס קעגן היטלער —

זיינען היינטיקע שונאים און אַקטאָרן פון אַ דריטן וועלט־קריג, וועלכן זיי רעפּעטירן טאָג־טעגלעך. און אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן קאַמף האָט נישט קיין פּלאַץ דער איינצלנער, די ריינע פּערזענלעכקייט, דער דענקענדער מענטש, די פילאָזאָפישע נאַטור, דער לירישער פּאָעט. נישטאָ קיין פּלאַץ אונטער דער זון פאַרן שטילן, פּאַציפיסטישן, ערלעכן און מענטשנליבנדיקן מענטש. אַלע שוואַרצע כוחות פאַראייניקן זיך אומצוברענגען דאָס לעבן.

אַלע קומען אום אין „קעניג ליר", די גוטע און די שלעכטע. דאָס איז אַ טרויעריקע פילאָזאָפיע.

שעקספּיר איז געווען אַ גרויסער רעאַליסט. גראַציעז און עלעגאַנט, מיט דער קאָליר־פולסטער שפּראַך, דעקאָרירט מיט אַ וועלט פון חכמה, גלייכווערטלעך, ביישפּילן, וויסן און קענטניש פון דער מענטשלעכער נאַטור — באַוועגט זיך שעקספּיר אין דעם חורבן פון וועלטן.

דער מענטש, נאָך טויזנטער יאָרן אָפּגיין פון מעשה בראשית'דיקן נאָפּל־שניר, קערט זיך צוריק אום צו כאַאָס, צום ווירבל פון עלעמענטאַרע כוחות. דאָס ספּעקטאַקל פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ איז געווען פון שטורמישן כאַראַקטער. איז געווען דראַמאַטיש און די אַקטיאָרן האָבן אויף קיין איין מאָמענט נישט אויפגעהערט צו שפּילן אויף דער קאָסמישער בינע דאָס קאָסמישע ספּעקטאַקל.

***

עס איז גוט וואָס דר. אברהם אייסען, דער פליסיקער איבערזעצער פון דער וועלט־פּאָעזיע, האָט איבערזעצט שעקספּירס „קעניג ליר", וואָס איז אַן אייביק־אַקטועלע דראַמע, פּונקט ווי שעקספּירס אַנדערע דראַמען זיינען אייביק־אַקטועל. אין דעם פאַל פון שעקספּיר־איבערזעצונג, איז שווער צו שטעלן דעם שטעמפּל „גוט" אָדער „שלעכט". די אונטערנעמונג איז גרויס און געוואַגט. ווי גוט אַן איבערזעצונג פון שעקספּיר איז, קען זי זיך דאָך נישט פאַרגלייכן מיטן אָריגינאַל. אַן איבערזעצונג איז ווי אַ קאָפּיע פון אַ בילד. ווען איך שטיי פאַר טיציאַנס אָדער דזשיאָרדזשיאָנעס אַ בילד, פיל איך די אַנוועזנקייט פונעם מייסטער. יעדער פאַרב־פלעק איז אַ שטיק פון דער זעעלע פונעם קינסטלער־הערשער, וואָס איז אַבסאָלוטער קעניג אין זיין קונסטווערק. איך פיל דעם מייסטערס אָטעם איבערן בילד. איך קען אָנרירן זיין פּערזענלעכקייט. איך קום אין קאָנטאַקט מיט אים ספּיריטועל, דורכן מעדיום פון בילד. צייט האָט נישט פאַרטיליקט זיין אינדיווידואַליטעט. דורך די שמייכלענדע נודס שמייכלט צו מיר לעאָנאַרדאָס וועלט־גייסט, צי ראַפאַעלס אָנגעצונדענע, עקזאַלטירטע נשמה.

דאָס אַלץ אָבער פאַרשווינדט ביי אַ קאָפּיע, ווי געלונגען זי זאָל נישט זיין, פון אַ בילד, אַפילו ביי דער בעסטער קאָפּיע. נישטאָ אין דער קאָפּיע די אונמיטלבאַרע באַרירונג מיטן שעפער.

אַן איבערזעצונג גיט נישט די אינטימע וועלט פונעם קינסטלער. ווען מיר ליבן אַ גרויס ווערק, איז עס נישט צוליב זיינע ג ע ל י י ז ט ע קינסטלערישע שוועריקייטן, נאָר צוליב זיין גערעאַנגל אינעם לייזן די דאָזיקע שוועריקייטן. מיר ווילן, אויס הונגער זיך פּערזענלעך צו באַקענען מיטן מחבר, אים דערקענען. אין זיין ראַנגלעניש מיטן רוי־שטאָף — ווי אַזוי ער האָט די ווערטער און פראַזן געבראָכן,

ווי גאָלד־שטאַבעס. ווי אַזוי האָט ער אַנגעריִרט מיטן וואָרט די צאַרטע געשטאַלט פון קאָרדעליא צי אפעליא, צי דעם פּרינץ האַמלעט אָדער די גיגאַנטישע ליר־געשטאַלט. מיר ווילן אַריינקוקן אין דער לאַבאָראַטאָריע פונעם שעפער, דערקענען די אַלכעמישע פּראָצעסן אין זיין זשעניע, מיר ווילן זיך דערגרונטעווען צו זיין אַרבעטס־פּראָצעס, און, נאָך אַלעם דעם, ווילן מיר אָנרירן זיין טריאומף, זיין ווערק וואָס ער האָט מיט אַטלעטישער מיהע און מאַטערניש אַרויסגעהויבן קלאָר פונעם כאַאָס, ווי אַ זון־אויפגאַנג נאָך אַ שטורעמדיקער, מעשה בראשית'דיקער נאַכט.

דאָס אַלץ קענען מיר אין קיין איבערזעצונג־צעקייאונג נישט דערקענען. מיר קענען שעקספּירס גאונות נישט אָנרירן מיט די פינגער אין קיין איבערזעצונג. דער אמת'ער אינטעליגענט קען זיך בכלל מיט קיין איבערזעצונג נישט באַנוצן. גרויסע אינטעליגענטן וועלן זיך אויסלערנען אַ שפּראַך צוליב אַ שריפטשטעלער, וועלכן זיי פאַרערן. ווייל אַ ליטעראַריש קונסטווערק איז די בלום פון דורות, געקנאָטן און געשאַפן פון דער פאָלקס־וויזיע און פון דער טויזנט־יאָריקער שפּראַך פון פאָלק.

און דאָך איז די איבערזעצונג, ווי אַ קעגנזייטיקער ליטעראַרישער סטימולוס, ווי אַ מעגלעכקייט צום גייסטיקן טויש פון קינסטלעריש־אינטעלעקטועלע ווערטן, אַ נויטווענדיקע זאַך.

די איבערזעצונגען אין דער אידישער ליטעראַטור האָבן אַמאָל געבליט, ווען עס איז געווען אַ מאַסן־געברויך פון דער אידישער ליטעראַטור. ווען אידיש־רוסישע עמיגראַנטן האָבן געדורשט צו לייענען רוסישע קלאַסיקער אין אידיש לשון. ווען מיטן שטראָם פון עמיגראַציע האָט זיך דאָ געשאַפן אַ אידישער ביכער־מאַרק, מיט אידישע פאַרלאַגן. דאָס אידישע בוך איז דעמאָלט נישט געווען בלויז אַן אידעאַליזם, נאָר אויך אַ לוינבאַר געשעפט.

איצט איז די איבערזעצונג אַ טויטע געביט. קיינער זעצט איצט נישט מער איבער, ווייל עס איז ביי אונז נישט פאַראַן קיין נאָכפראַגע דערצו. דער לעצטער מאהיקאַנער איבערזעצער איז געבליבן דר. אברהם אייסען. ער טוט זיין אַרבעט ערלעך און געטריי, מיט גרויס פרומקייט. און ווויסנדיק אַז עס איז נישט קיין „ביזנעס", האָט ער זיך גענומען צום סאַמע ביזנעסלאָזן געביט אין ליטעראַטור — צו פּאָעזיע, צו לירישע דראַמע.

און דר. אברהם אייסען קומט אַ גרויסער דאַנק פאַרן אַריינפירן אין אונזער אידישער ליטעראַטור — פאַרן פאַרשטעלן פאַר אונז מענער ווי וואָלט וויטמאַן, מילטאָן, שעקספּיר, לאַנגפעללאָ, לאָרד בייראָן, לאָרד טעניסאָן, אָמאַר כאַיאַם, טאָמאַס מור און אַנדערע גרויסע מענער פון וואָרט.

איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט דר. אברהם אייסען האָבן מיט וועמען צו שפּאַצירן אין די גערוימע אַליין פון גן־עדן... ער וועט האָבן ביים לעבן זיך אָפּגעשפּאַרט פיינע פריינט אויף יענער וועלט... די אידישע פּאָעטן וועלן זיין היפּש אייפערזוכטיק אויף דר. אברהם אייסענס גרויסער באַקאַנטשאַפט מיט די זינגער פון אַנדערע פעלקער, איבערהויפּט פון די אַנגלאָ־זאַקסן....

אַ חוצפה פון מלאָכים

(גלאַטשטײן קאָנטראַ פּאָו)

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט יעקב גלאַטשטײן, אין אַן אַרטיקל אין „קעמפּער״, אַראָפּגעריסן עדגאַר עללען פּאָוס באַרימטע פּאָעמע „די ראָב״. עס איז זיכער די רעכט פון גלאַטשטײן, ווי פון יעדן אײנעם קריטיקער, אַראָפּצורײסן דעם קינסטלערישן ווערט פון פּאָו, אָדער פון אַן אַנדער גרויסן שריפטשטעלער. די מענטשלעכע שאַ־כּונג שטײט שטענדיק אונטער דעם פײער פון קריטיק. פונדעסטוועגן קען מען לײכט אײנזען אַז גלאַטשטײנען האָט די דאָזיקע ליטעראַרישע אַטאַקע אויפן געררודפטן פּאָו נישט באַקומען. מען קען עס זען שוין פון זײנע „באַמערקונגען״ אין „קעמפּער״, (פון 18־טן נאָוועמבער, 1949). שוין דער פאַקט אַלײן וואָס יעקב גלאַטשטײן מוז אָנקומען צו אַלץ נײַע באַמערקונגען, כדי צו „פאַרשטאַרקן״ זײַן „קעיס״, און וואָס ער אַלײן עפנט די „קעיס״ ווידער און ווידער — אַז עס איז אים עפּעס נישט ניחא די גאַנצע זאַך. עס איז פשוט שווער צו מאַכן שטום דאָס אײגענע געוויסן, נאָכדעם ווי מען פּרוּווט מיט אַרגומענטן און מיט וויצן זיך אַלײן צו פאַרשרײַען. און דער אײגענער זכרון? שווײַגט אויך נישט; אין די נעכט דערמאָנט ער — דו האָסט אַטאַקירט אַ מאַרטירער. דו האָסט באַלײדיקט אַ געררודפטן געניוס.

איך חזר איבער: ווען איך האָב דערזען אַז נאָך עטלעכע יאָר שרײַבט גלאַטשטײן ווידער וועגן דער "קעיס״, האָב איך געטראַכט: פּאָו וויל אויפן בית־עולם אין באַלטימאָר רויִק נישט ליגן. ער קלאַפּט אין די נעכט אָן אין דער שויב וואו יעקב גלאַטשטײן שלאָפט און האָט קאָשמאַרן...

יעקב גלאַטשטײן שרײַבט: „מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך פאַראורזאַכט עפּעס ענלעכעס צו אַ סקאַנדאַל, ווען כ׳האָב זיך דערוועגט צו זאָגן אַז „דהי רעיוון״ וואָס איז דעמאָלט פּאָעטיש אַלט געוואָרן הונדערט יאָר, איז ניט קײן גוט ליד״ א. אַז. וו. עס ווילט זיך זאָגן צו יעקב גלאַטשטײן: באַרימט זיך נישט אַז איר האָט געמאַכט אַ שטיקל סקאַנדאַל מיט אײער פּאַראַיִאַריקער אַטאַקע. אין דער דאָ־זיקער אַרבעט האָבן אײַך געהאָלפן אַ סך שונאים פון פּאָו, בײַ זײַן לעבן און נאָך זײַן טויט. אַפילו פּאָוס מכלומרשטע פרײַנט האָבן אים נאָך זײַן טויט פאַראַטן. פּאָו האָט אָנפאַרטרויט זײַן ליטעראַרישע ירושה צו אַ געוויסן מר. גריסוואָלד, איז ער געווען דער ערשטער צו פאַרלוימדן דעם גרויסן אַמעריקאַנער דיכטער. אין דער אַרבעט פון אַטאַקירן פּאָו איז יעקב גלאַטשטײן געווען נישט אַזוי שטאַרק אָריגינעל. אַ גאַנצן יאָרהונדערט — זינט דעם טויט פון פּאָו אין יאָר 1849 — האָבן פאַרשידענע פאַרשוינען שווער געהאָרעוועט צו פאַר־טונקלען פּאָוס וואונדערלעך געשטאַלט. עס איז אַ קנאַפּע קונץ צו וואַרפן אין פּאָו נישט דעם ערשטן שטײן — נאָר דעם טויזנטסטן שטײן. מיר איז אַ וואונדער: יעקב גלאַטשטײן האָט אַ זין פאַר אָריגינאַליטעט. ער האָט רעאַגאַנזשירט דאָס מעבל אין דער אידישער פּאָעזיע. ווי קומט עס, וואָס ער נעמט אַטאַקירן אַ פּאָעט וואָס אומרײנע מענטשן האָבן אים געוואָלט פאַרניכטן? האָט דאָך גלאַט־שטײן געדאַרפט פאַרשטײן אַז עס איז די גרויסע מענטשלעכקײט

אין פּאָוס ליד; עס איז דער אמת פון זיין מעכטיק וואָרט; עס איז דאָס געשריי פון זיין דיכטונג, וואָס איז צו מיר עד היום ניי און מאָדערן, וואָס האָט דעם איינזאַמען פּאָו דאָך געמאַכט צו טריאומ־פירן איבער זיינע פאַרלוימדער. וואו דו מישסט אויף אין פּאָוס פּאָעטישן באַנד — לויכט אַרויס יענער אידעלער שיינגייסט, וואָס בלייבט שטיין מאָנומענטאַל אַנטקעגן די רעדאַקטאָרן, די גראַפּאָ־מאַנען, די ליטעראַרישע אינטריגאַנטן פון זיין צייט, וואָס באַגלייטנדיק דעם פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענעם פּאָו צום קבר — האָבן זיי אים אַריינגעפירט אין דער אייביקייט מיט אַזוי פיל פּלאָטקע, אינטריגע און באַליידיקונג, און וואָס ערלעכע מענטשן, באַוואונדערער פון פּאָוס געניוס, טוען אַלץ אים אָפּצוואַשן פון דער בלאָטע וואָס זיינע קאָנטעמפּאָרעריס האָבן אויף אים געוואָרפן.

גלאַטשטיין שרייבט: „ער, דער כראָנישער אַלקאָהאָליקער, האָט אַלעמאָל געשריבן זיינע לידער מיט אַן אויסגעניכטערטן צושטאַנד. גראָד ער, וואָס איז אַלע מאָל געווען אונטער דער כוס'ע, האָט נישט געגלויבט אין רוח הקודש, נאָר אין ניכטערע מעדיטאַציעס אַרום גאָרנישט".

מיר ווילט זיך זאָגן אַז דאָס פאַרוואָרפן, הונדערט יאָר שפּעטער, אַ גרויסן דיכטער זיין שיכרות, הגם גלאַטשטיין פּרואווט עס מכלומרשט דערמאָנען אין שייכות צו זיין, פּאָוס, ניכטערקייט אין דער פּאָעזיע, איז, מילד גערעדט, געשמאַקלאָז. עס איז, ווי שוין געזאָגט, וועגן פּאָו פאַראַן אַ גאַנצע ליטעראַטור, אַ שונדיסטישע, פון טאַלאַנטלאָזע און אייפערזיכטיקע צייט־קאָלעגן, און שפּעטערדיקע ביאָגראַפן, וועל־כע האָבן פונם טראַגישן פּאָו געמאַכט אַ מאָנסטער, אַ כעסן, אַן אַל־קאָהאָליקער, אַ ביזאַרן, מאָרבידן, קראַנקן און געהיימניספולן מענטשן. צוליב זיינע עלטערן, וועלכע זיינען געווען וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן, האָט מען אים צוגעטשעפּעט פאַלשקייט, היפּאָקריטסטווע, צוויי־פּנימדיקייט, זעלבסט־דעלוזיע, ליגנערישקייט און אַלערליי מאַסקעס און קאָסטיומען. מען קען זיך פאָרשטעלן וויפיל פּאָו האָט דערפון ביים לעבן געליטן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז זיין פּאָרטרעט אין דער צוקונפט וועט אַרויסקומען אַ פאַרקריפּלטער. פּאָו איז דאָ געווען דער איינציקער געניאַלער פּאָעט אין אַ דור פון מיטלמעסיקייטן. פּאָו איז דאָ אַרומגעגאַנגען — דאָ, אין ניו־יאָרק, אין פילאַדעלפיע, אין ריטשמאָנד און באַלטימאָר — ווי אַ פאַרוואונדעטער נביא. אין דער היים איז געלעגן די יונגע פרוי אַ טויט־קראַנקע, מיט אַן אויפ־געריסענעם אָדער אין האַלדז, מיט אָפטע בלוטשטורצן. די שוויגער זיינע, מרס. קלעם, איז אַרומגעלאָפן אין די רעדאַקציעס מיט לידער פון איר קראַנקן איידעם. דאָס הויז אין פאָרדהאַם, וואו פּאָו האָט דריי יאָר צייט געוואוינט מיט זיין פרוי, איז נאָך פול מיט טרויער פון דאָזיקן איינזאַמען מאַן, דעם זעלטענעם עסטעט, קונסט־קריטיקער, פּאָעט פון דעם אומגעוויינלעך־מוזיקאַלישן ליד, פּאָטער פון דער געהיימניסטפולער דערציילונג, פּיאָנער פון אַ נייער פּאָעטישער פאָרם און קונסט־טעאָריע אין דער ליטעראַטור. די ערד אַרום דעם שפּינ־געוועבס־גרויען הייזל אין פאָרדהאַם ברענט פון זיינע טריט, פון זיינע צעפּייניקטע טריט. עס איז דעריבער נישט אין גוטן געשמאַק ווען אַ פּאָעט, אַליין אַ בונטאַר, אַ מאָדערניסט, גייט אַטאַקירן אַ פּאָעט

וואָס איז געראָדפט געוואָרן פון דער געזעלשאַפט, פון זיינע צייט־חברים און קאָלעגן. עס איז פאַראַן אַ געוויסע סאָלידאַריטעט צווישן פּאָעטן פון אַלע צייטן. עס וואָלט זיין געשמאַקלאָז צו אַטאַקירן שעללי, בייראָן, קיטס, פּושקין אָדער לערמאָנטאָוו, בשעת די דאָזיקע זיינען געווען מאַרטירער פון פרייען געדאַנק און פון פרייען ליד. אַ פּאָעט דאַרף זיך פילן שרעקלעך ווען ער גייט פאַרגיסן דאָס בלוט פון אַ דיכטער וואָס איז שוין הונדערט יאָר טויט און אים פאַרוואָרפן אַז ער האָט געטרונקען. וואָס־וואָס, נאָר דעם דאָזיקן עפּיטעט האָט גלאַטשטיין נישט געדאַרפט איבערחזרן. קינד־און־קייט ווייסט אַז פּאָ איז אין דעם דאָזיקן אומגליקלעכן לעבן זיינעם נישט געווען צו ניכטער.

גלאַטשטיין וואַרפט פאָר פּאָן אַ זינד אויף וועלכן ער אַליין איז זייער סענסיטיוו: אַז פּאָ האָט געטרונקען, נאָר די לידער זיינע האָט ער געשריבן ניכטערהייט. דאָס איז ליידער וואָס עס פעלט יעקב גלאַטשטיינען אַליין: שיכרות. הייליקער עקסטאַז. יענע טונקלקייט פון אור־כאַאָס, יענער העראָאישער ענטוזיאַזם וואָס גיט פּאָעזיע איר גרויסקייט. עס איז די ניכטערקייט מיט וועלכע יעקב גלאַטשטיין ראַנגלט זיך. געווען פיל קלענערע פּאָעטן פון גלאַטשטיין: נאָר זיי האָבן אין האַרצן געטראָגן די גרויסע שיכרות. די טונקעלע דראַמע פון מעשה בראשית. דעם באַריר אָן דעם קלייד פון גאָט. די גרויסע קינדישע תמימות. די אייביקע געטלעכע נאַאיווי־טעט. עס איז די דאָזיקע געטלעכע שיכרות וואָס מאַכט פון דעם געפאַלענעם, פאַרשאָלטענעם מענטש דעם פלאַמענדיקן, אַלמענטשלעכן דיכטער. וואָס טוט אָן אויף זיין שאַרבן די גרויסע, די גאָלדענע קרוין פון דיכטונג. וואָס שייך פּאָ, האָט ער עטלעכע לידער אין וועלכע ער איז יאָ געווען איינגעהילט אין דער גרויסער קאָסמישער שיכרות. ער איז געווען אַרומגענומען פון אַ שטיינערנער איינזאַמקייט. די שטימונג פון טויט האָט אים געגעסן די ביינער. נעכט ווען דאָס יונגע, צאַרטע ווייב פאַרבלוטיקט פון העמאָרעדזשעס — נאָך אַליין אַ קינד, אין דעם קליינעם חדרל אין פאָרדהאַם. ווען גרויס זיינען די שטערן אין דער נאַכט צוגעקרייציגט צום הימל. ווען אין הויז זיצט די אַלטע פרוי, זיין ווייבס מוטער, איינגעהילט אין געוויין. ווען קיין פריינט קלאַפּט נישט אָן אין טיר. פינצטער און פאַרשטיינערט זיצט דער בלייכער פּאָ, און עס וועבן זיך אַרום אים די מאָטיוון פון „די ראָב“, פון יענע פערזן וואָס קענען זיכער נישט איבערגעבן די טענער פון קאַמער־מוזיק, ווי גלאַטשטיין פאָדערט. „די ראָב“ האָט די קאַלטע, טראַגישע מוזיק פון איינזאַמקייט. דאָס זיינען לידער און שטימונגען פון אַ מענטש וואָס שטייט ביים אָפּגרונט — אַ באַגאָסענער פון אייגענע טרערן.

בלויז איין מענטש האָט געלעבט וואָס האָט אַריבערן אַטלאַנטיק געפילט די גרויסקייט פון אַ פּאָעט און וואָס האָט אים געהאָלפן צו ווערן באַרימט אין פראַנקרייך, אין אייראָפּע. פּאָוס רום, ווי וואָלט וויטמאַנס, ווי דזשעק לאָנדאָנס, האָט קיין אַמעריקע צום ערשט דער־גרייכט פון אייראָפּע און דאָס איז אַדאַנק דעם גרויסן פּאָעט פון פראַנק־רייך, שאַרל באָדלער. באָדלער האָט פּאָוס ווערק איבערגעזעצט אין פראַנצויזיש. ער האָט מיט פּאָוס ווערק געמאַכט ליטעראַרישע געשיכטע. ער האָט פּאָן געלאָזט באַווירקן די פראַנצויזישע ליטעראַטור. פאַר

יעקב גלאַטשטיין איז שאַרל באַדלער אַן אומבאַקוועמער עדות פון פאַר־טיידיקונג אויפן שוין הונדערט־יאָר אַלטן פּראָצעס פון פאָו. וואָס טוט מען מיט אַזאַ מעכטיקן עדות, וואָס שוואַכט היפּש אָפּ די „קעיס" אַנט־קעגן דעם אומשולדיקן פאָו? גלאַטשטיין טוט זיך אַן עצה — אָבער עס טוט אים נישט קיין סך גוטס. גלאַטשטיין שרייבט — מערקט אייך: „כ'האָב אַנגעוויזן, אַז באַדלער האָט שלעכט פאַרשטאַנען ענגליש און אַז זיין געפּילפּולקייט פון דער ענגלישער שפּראַך איז דערפאַר געווען אַן אָרעמע. זיין אויער האָט אים אָפּגענאַרט און ער האָט נישט געכאַפּט דעם שלעכטן צוקליב פון ווערטער, וואָס האָבן פּראָדוצירט די אַלע מאָדנע היפּנאָטישע קלאַנגען".

איר הערט? באַדלער, דער אינטעלעקטואַל, וואָרט־מייסטער, וואָס עס איז נישטאָ קיין גלייכן צו אים אין דעם מייסטערהאַפטער אַרכיטעק־טור פון זיין ליד — האָט קיין ענגליש נישט געקענט און פאָו האָט אים אָפּגענאַרט. זיין געפּולקייט איז געווען אַן אָרעמע. זיין אויער האָט אים אָפּגענאַרט. און ער האָט נישט געכאַפּט דעם שלעכטן אָפּקלייב א. אַז. וו. דער לייענער וואָלט געדאַרפט האָבן אַ באַגריף פון שאַרל באַדלער, דעם פלאַץ וואָס ער פאַרנעמט אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע, כדי צו פילן די ווילדקייט פון גלאַדשטיינס ווערטער „אַז ער האָט נישט געקענט", א. אַז. וו. דער לייענער וואָלט געמעגט כאָטש וויסן אַז גרויסע מבינים לויבן שטאַרק די ווירטואָזישקייט פון באַדלערס איבערזעצונג פון פאָו. אַגב, וואו האָט איר, חשובער גלאַטשטיין, געגומען די דאָזיקע אינפאַר־מאַציע? ווייל מיר זיינען אין דעם פּרט פון באַדלערס נישט קענען קיין ענגליש גראָד נישט געניגט אייך צו גלויבן אויפן וואָרט...

נאָך עפּעס איז זייער וויכטיק צו באַמערקן: ווי גלאַטשטיין, ווען ער וויל מיט געוואַלט געווינען און ראַטעווען אַן אומגליקלעכע „קעיס", זוי אַזוי ער באַנוצט זיך נישט מיט קיין צו ריינעם אויסקלייב פון עדות. אַלע וויסן ווי אַזוי אין די לעצטע יאָרן איז יעקב גלאַטשטיין געוואָרן אולטראַ־נאַציאָנאַליסטיש. ממש שאָוויניסטיש. די ליבשאַפט צום פאָלק איז ער גרייט צו פּראָקלאַמירן יעדן טאָג אין הילכיקע מאַניפעסטאָס. ער איז גרייט צו כאַפּן ביי אַנטיסעמיטישע זינד אַזעלכע מענער ווי געטע, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, באַלזאַק, גאָגאָל, דיקענס; בפרט אַזעלכע קלענערע שרייבער ווי אַרטור קעסטלער, א. אַנד. אָבער ווען אַן עדות וואָס איז אַ ביטערער אַנטיסעמיט, אַ פאַשיסט, אַ רעאַקציאָנער, קען אַרויסהעלפן אין דער מלחמה קעגן פאָו — וועט גלאַטשטיין אים בכבודיק געבן דאָס וואָרט אין זיין קאָלום, בלויז עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי ער בייזערט זיך פאַרוואָס די רעדאַקציע פון „קעמפּער" האָט אויף די זעלבע קאָלומס אַריינגעלאָזט אַ דערציילונג פון שלום אַש. מיר האָבן דאָ אין זינען דעם פינצטערן רעאַקציאָנער טי. עס. עליאָט, וועלכן גלאַט־שטיין ציטירט אין זיינע „באַמערקונגען" בנוגע פאָו. גלאַטשטיין לאָזט אין דעם איצטיקן פאַל נישט פאַלן קיין שפּרענקעלע אויף דעם מאָראַלישן פּרצוף פונם עדות. פּונקט פאַרקערט: אויב דער לייענער מיינט אַז טי. עס. עליאָט איז עס אַבי־ווער, רופט אים נאָך גלאַטשטיין בכבודיק אָן: „דער נאָבל־פּרייז געווינער"... איז דער איצטיקער קעיס איז נויטיק אַז דער לייענער זאָל לעגן אַכט אויף דער שווערגעוויכטיקייט פונם עדות — דער נאָבלפּרייז געווינער, און נישט קיין אַנדערער. חלילה, נישט דער טי. עס. עליאָט וואָס איז דער הויפּט־אינטריגאַנט אין דער געמיינער אָפּערע מיטן פּרייז פאַרן משוגענעם פאַררעטער

עזראַ פאָונד. וואו איז גלאַטשטיינס כאָטש איין איינציקער עפּיטעט אויפן פינצטערן אַדרעס פון טי. עס. עליאָט? אין איצטיקן פאַל איז עס נישט נויטיק: דער עדות טאָר נישט מאָראַליש אָפּגעפרעגט ווערן...

נאָך עפּעס איז ווערט צו אַקצענטירן: יעקב גלאַטשטיין שרייבט: „פרעגט זיך די קשיה: ווי קען אַזאַ שווערלייביקע טעמע פון אַ פויגל, אַ טויטער געליבטער, אַ מעלאָדראַמאַטישער דיאַלאָג מיט אַ ראָב און זיין פאַרעקשנטער ענטפער „נעווערמאָר" דינען ווי מאַטעריאַל פאַר ריינער פאָעזיע". יעקב גלאַטשטיין ווייסט, אַז עס איז נישט אַזאַ אָדער אַן אַנדערער אינהאַלט וואָס דעצידירט די קוואַליטעט פון אַ פאָעטישן ווערק. און וואָס שייך די „טויטע געליבטע" וואָס איז נישט קיין מאַטעריאַל פאַר קיין „ריינער פאָעזיע" — צי ווייסט נישט גלאַטשטיין אַז די גאַנצע וועלט־ליריק איז אָנגעגאָסן, ווי די זון מיט פייער, מיטן טרויער נאָך דער אַוועקגעגאַנגענער געליבטער? די גאַנצע וועלט־פאָעזיע איז דאָך דער לאַמענט, די עלעגיע פון בענקשאַפט און טראַגיק. די „טויטע" בעאַטריטשע האָט געמאַכט אַזאַ קליינעם פאָעט ווי דאַנטע צו שרייבן דאָס גרעסטע פאָעטישע ווערק ביים סוף פון מיטלאַלטער. די פאַרשטאָרבענע געליבטע האָט אַרויסגערופן די טראַגישע לידער פון האַרצן פון ר' משה איבן עזרא. די טויטע דאַמען פון דער פאַרגאַנגענהייט ציטערן אויף אין ווילאָנס פרעכטיקער באַלאַדע. די טויטע סאָפיע קין, די געליבטע פונם פאָעט, כישופט אַרויס די ראָמאַנטישע דיכטונג פון האַרצן פון גרויסן פאָעט נאָוואַליס. די טויטע געליבטע האָט אַרויסגעמאַניעט הערלעכע לידער פון דאַנטע גאַבריעל ראָזעטי. וואָס־וואָס, נאָר עס זיינען דווקא די טויטע פרויען וואָס האָבן באַלעבט די פאָעזיע פון דער וועלט... איינשליסנדיק דעם פאָעט פאָו, וועמענס שטאַרבן פון זיין יונגער פרוי האָט באַהערשט מיט אַ טויטלעכער שטימונג זיין גאַנצע טראַגישע ליריק. אַפילו יעקב גלאַטשטיין האָט ערשט נישט לאַנג צוריק געדרוקט שיינע פערזן — טאַקע אין „קעמפער" — אויפן טויט פון אַ יונגער פרוי...

און וואָס שייך פייגל, איז עס אויך נישט קיין פרעמדער מאַטעריאַל פאַר פאָעזיע. מיר דערמאָנען זיך די מאָטיוון פון דעם קאַנאַרעק און לעסביאַ — זיין געליבטערס שפּיל־פויגל — אין די לידער פון דעם רוימישן פאָעט קאַטוללוס... און די נאַכט־סאָווע אין קאָלרידזשס באַרימטער פּאָעמע „קריסטאַבעל". שאַרל באָדלער האָט אַ וואונדערלעך ליד וועגן דעם אַלבאַטראָס. און דער שטורעמפויגל פאַרנעמט אויך אַ פראָמינענטן אָרט אין דער אַלוועלטלעכער פאָעזיע: דערמאָנט אייך גאָרקיס באַרימט ליד וועגן דעם שטורעמפויגל. און אַנדערע פויגל — ווי האַלפּערנס פאָפּוגייער און מאַנגערס אומשטערבלעכע פאַווע און זלמן שניאורס וואָראָנע און ערשט די נאַכטיגאַל וואָס פאַרקלינגט מיט איר ראָמאַנטיש געזאַנג די וועלדער און גערטנער פון דער וועלט־פאָעזיע — באַזונדערס אין היינריך היינעס ליריק... און... ווען איך זאָל נאָר וועלן זיך דערמאָנען — איז די גאַנצע וועלט־פאָעזיע — מיטאָלאָגיע — וועלט־ליטעראַטור — פול מיט דעם באַפליגלטן באַשעפעניש, וואָס איז דער סימבאָל פון פאָעזיע, פון דעם מענטשלעכן שוועבן אין די הימלען, אין די רעגיאָנען פון גייסט... יאָ, שיעור פאַרגעסן: דער איטאַליענישער פאָעט לעאָפּאַרדי האָט דווקא פיל געהאַלטן פון פויגל: זיי זיינען די פריילעכסטע ברואים. זיי זיינען שטענדיק אין דער גוטער שטימונג. זיי

זיינען אַ טרייסט און אַ מחיה צום מענטש אין זיין טרויער. די פויגל זיי־נען פּאַר לעאָפּאַרדי היימלעכע, גאַלדענע, לופטיקע באַשעפעניש, וואָס טרייסטן אָפּט דעם פּאָעט־פּעסימיסט אין דער דאָזיקער — לויט זיין מיינונג — ערגסטער פון די וועלטן...

עס איז מיר דעריבער אַ וואונדער נישט אַזוי וואָס גלאַטשטיין טשעפּעט זיך צו פּאָו — נאָר וואָס ער, אַ פּאָעט, טשעפּעט זיך צו דער ליבער באַשעפעניש — דעם פויגל... און ער פאַרזאָגט איר אַ פּלאַץ אין גן־עדן פון פּאָעזיע. בפרט ווען מיר זיינען חושד אַז יעקב גלאַט־שטיין האָט אַליין היפּש אויך געזינדיקט מיט פויגל אין דעם גאָרטן פון זיין פּאָעזיע. אָבער דאָס, ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, וועלן מיר ערשט דאַרפן אונטערזוכן.

אין זיין פאַראַיאָריקער אַטאַקע קעגן פּאָוס „ראָב" — צו איר הונ־דערט יאָריקן אַלט ווערן — באַנוצט זיך גלאַטשטיין מיט אַ מעטאָד וואָס איז אויך נישט אַנגענומען לויט די בעסטע זיטן פון געפעכט־עטיק: ער דיסקוטירט — צווישן אַנדערעס — די פּאָעמע „די ראָב" אויפן סמך פון א. גלאַנץ־לעיעלעס׳ס אידישער איבערזעצונג פון פּאָוס פּאָעמע. מיר דאַכט, חשובער יעקב גלאַטשטיין, אַז עדגאַר עללען פּאָו קען נישט געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די איבערזעצונגען פון זיין פּאָעמע דורך פּאָעטן ווי לעיעלעס, ה. טויבעס, אייסען, קיסין, קאַרלין, רויזענבלאַט און אַנדערע, אפילו ווען זיי האָבן געמאַכט גוטע „דזשאָבס". איר קענט דיסקוטירן אַ פּאָעטס ווערק אויפן פעלד פון זיין אייגענעם, אָריגינעלן ווערק. איר קענט ציטירן שלעכטע פערזן — אָבער דאָס מוז געטאָן ווערן אין דער אָריגינעלער שפּראַך אין וועלכע די פּאָעמע איז געשאַפן געוואָרן. (טיילוויז טוט איר דאָס טאַקע). ווי וואָלט איר זיך געפילט, חשובער יעקב גלאַטשטיין, ווען אַן אַרמענישער קריטיקער אַטאַקירט אייער פּאָעמע וועגן דעם בראַסלאַווער און ער ציטירט פון איר פערזן פון אַ טערקישער אָדער גריכישער איבערזע־צונג? וואָלט אייך נישט פאַרדראָסן? וואָלט איר נישט געדענקט אַז דער אַרמענישער קריטיקער איז באַגאַנגען קעגן אייך אַן אומדענקבאַרע עוולה?

איר, אָבער, שפּילט זיך מיט אייער קרבן אויפן סמך פון א. גלאַנץ־לעיעלעס׳ס איבערזעצונג, וועלכע פּאָו, קען מען זיך פאָרשטעלן, האָט אַוודאי נישט געלייענט. אָט ווי איר שרייבט:

„וואָס וואָלט א. לעיעלעס געטאָן, ווען אַ דיכטער וואָלט אים גע־בראַכט אַזעלכע צוויי שורות פון לעיעלעס׳ס אייגענער איבערזעצונג:

פלוצלונג האָט די לופט געוונען שמעקן ליבלעך מיט פּאַרפיומען,
וואָס מלאכים האָבן לייכט און איידל אָנגעוויט אַהער

אַלע מיינע אַפּאָלאָגיעס צו מלאכים, וואָס האָבן „אַהער" אָנ־געוויט די פּאַרפיומען, כ׳וואָלט באמת נישט געגלייבט, אַז מלאכים זאָלן קענען באַגיין אַזאַ מין, מילד גערעדט, אומאיידעלע זאַך. לעיעלעס וואָלט זיכער משלח געווען דעם פּאָעט פון די מלאכיש־אָנגעוויטע פּאַרפיומען צו אַ וואויל־שמעקעריש פּלאַץ.

אָבער ווען דער נעמלעכער פּאָעט וואָלט אים ווייטער געפּייניקט מיט אַזעלכע צוויי שורות:

אומגליקלעכער, נעם איך שרייען, ס׳וויל דיין גאָט דיך שוין באַפרייען,
לאָז אַרויס שוין פון דיין רעין דאָס קינד פון זיין באַגער,

וואָלט דער דיכטער א. לעיעלעס זיכער אַרויס פון אַלע געדולדן און ער וואָלט זיך געטראַכט, אַז „דאָס קינד פון באַגער‟, וואָס מוז אַזוי אַקושעריש באַפרייט ווערן פון דעם העברעאישן רעיון, איז אַזאַ אַבנאָרמאַלע זאַך, אַז ס׳איז אַ געפאַר צו פאַרברענגען מיט אַזאַ דיכטער מער ווי צוויי מינוט אויג־אויף־אויג.

אויף דער לילא־שטול ווי דעמאָלט, ווען כ׳בין געווען מיט דער
ווערכע וועט דאָ אויף דער סאַמעטענער סאָפע אָט־אָ־דער
שוין ניט זיצן קיינמאָל מער.

נאָך די דריי שורות וואָלט א. לעיעלעס דעם פּאָעט טיכטיק אַרויס־געוואָרפן און ער וואָלט אים דערצו נאָך נאָכגעוואָרפן אויף די טרעפּ „דאָס קינד פון מיין באַגער‟.

דערויף ווילט זיך ווידער אַמאָל זאָגן: די גאַנצע געשיכטע האָט נישט קיין שום שייכות צום אמתן פּאָוס פּאָעמע. פּאָו האָט, ווי אַלע ווייסן, געשריבן אין ענגליש. דער עלעמענטאַרער מענטשלעכער באַגריף פון עטיק — פאַראורטיילט אַן ערנסטע, קריטישע אַטאַקע אויף אַ ווערק וואָס דער קריטיקער זוכט אויס אירע שוואַכע זייטן אין... אַ אידישער איבערזעצונג... אָרעמער, אומגליקלעכער פּאָו! צו אַלע צרות אין זיין לעבן דאַרף ער נאָך זיין פאַראַנטוואָרטלעך נישט נאָר פאַר זיין אייגן ווערק — נאָר פאַר זיינע הונדערטער איבערזעצער אין אַלע שפּראַכן... דאָס איז ווירקלעך אַ גיגאַנטישע אונטערנעמונג, וואָס איז קוים פאַר די כוחות פון אַ שטערבלעכן מענטש... פּאָו האָט דורכן רוח־הקודש געדאַרפט שטיין אונטער די רוקנס און „וואַטשן‟ זיינע געשעצטע איבערזעצער — ווי אַן אהרן קאַרלין, אַ דר. אברהם אייסען, אַ ה. רויזענבלאַט, אַ ה. טויבעס, אַ י. קיסין, אַן אהרן גלאַנץ־לעיעלעס... ער האָט געדאַרפט פאָראויסזען אַז אַ יעקב גלאַטשטיין וועט אים נעמען אויפן צימבל — דורך אַ אידישער איבערזעצונג — פאַרוואָס ער, פּאָו, האָט געלאָזט פאַרדאַרבן די ריינע אַטמאָספערע פון דער ערד מיט די „פאָרפיומען‟ פון די נאַאיווע און נישט־דערוואַקסענע מלאכים... וואָס פאַר אַ געטלעכע חוצפּה! אַזאַ פאַרברעכן מוז גלאַטשטיין אַבסאָלוט דערמאָנען — און טאַקע איצט, צום הונדערט יאָריקן יובילייַ פון „די ראָב‟ — און צום הונדערט יאָריקן יובילייַ — עטלעכע יאָר שפּעטער — פון פּאָו זעלבסט...

פון איצט אָן, טייערע פריינט, דאַרפן פּאָעטן עפּעס טאָן מכוח די איבערזעצער פון די קינפטיקע דורות, וועלכע וועלן שאַרפן די פעדערס אויף זייערע ווערק. מען דאַרף זיך פאַר זיי באַוואָרענען. גיי ווייס וואָס פאַר אַ שווינדערייען זיי קענען נאָך אָפּטאָן...

אָבער נאָכדעם ווי גלאַטשטיין פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דער „ראָב‟ געשעט אַ זאַך וואָס איר וואָלט זיכער נישט דערוואַרט. די גאַנצע צייט פאַלט אייך דאָך נישט איין צו צווייפלען אַז די „ראָב‟ איז טאַקע עדגאַר עללען פּאָוס לייבלעך ווערק? זאָל שוין זיין אַ צעהאַקטע, אַ צעממיתטע, אַ צעבוטשערטע ראָב — אָבער פאָרט איז זי דאָך פּאָוס אייגן ווערק. געשעט אָבער אַזוינס וואָס מאַכט אייך צום שטוינען: גלאַטשטיין זאָגט נישט מער און נישט ווייניקער — נאָר אַז „די ראָב‟ איז גאָרנישט פּאָוס, דאָס הייסט, זי איז גאָרנישט אויף זיין מיסט געוואַקסן. אַפילו די שלעכטע, „פּוסטע‟, „מוזיקלאָזע‟ פּאָעמע „די ראָב‟ — נאָכן איר צו צעקאַראַוואַטשן, פאַרגינט ער זי ערשט נישט דעם אָרעמען פּאָו. אָט לייענט און שטוינט:

„מיט אַ 15 יאָר צוריק איז אין זשורנאַל „פּאָעטרי" פּאַרעפנט־לעכט געוואָרן אַן עקספּאָזע וועגן דעם „רייוועָן". לויט דעם מחבר פון דער עקספּאָזע זאָל דער „רייוועָן" אינגאַנצן זיין אַ שטיק פּאָע־טישער פּלאַגיאַט.

וויסן דאַרף מען, אַז פּאָון איז נישט פרעמד געווען די מלאכה פון פּלאַגיאַט. ער איז דער אויטאָר פון אַ פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעך בוך, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שטיק פּלאַגיאַט.

לויט דעם אַרטיקל אין „פּאָעטרי" האָט פּאָו געקראָגן זיין ליד אין אַ דעמאָלטיקער איבערזעצונג פון כינעזישע לידער. דער אומ־באַקאַנטער איבערזעצער האָט דערטאַפּט אַ כינעזיש ליד מיט אַ פויגל, וואָס בורטשעט אונטער אויף אַלע פראַגן, און גראָד איז דעם איבער־זעצער פון כינעזיש איינגעפאַלן פאַרצושטעלן דעם כינעזער אין דעם מאָדנע אַקראָבאַטישן ריטם."

וואָס זאָגט איר נישט צו דעם דאָזיקן סקאַנדאַל: אַ גאַנצן יאָר־הונדערט מאַטערט זיך אָפּ אַ וועלט מיט אַ פּאָעמע פון עדגאַר עללען פּאָו. מען באַוואונדערט דאָס ווערק פאַר דער טעכנישער מייסטער־שאַפט. פאַר איר טראַגישער אַטמאָספערע און פינצטערער שטימונג. זי יאָגט אָן אַ האַרבסטיקע אומהיימלעכקייט. זי שטערט אָפּ די זאַט־קייט און די זעלבסטצופרידנקייט פון מאַנכע פיליסטער. זי בלייבט שטיין אין דער וועלט פון פּאָעזיע מיט איר טראַגישער גרויסקייט. פּאָעטן לייענען אירע פערזן און ווערן בלאַס. דער מחבר אַליין שרייבט אָן אַן עסיי וועגן איר געגעזיס און מאַכט זיין פּאָעמע פאַרן לייכט־טורעם פון זיין שאַפונגס־טעאָריע פון ליד — מיט איין וואָרט: גאַנצע הונדערט יאָר „די ראָב". הונדערט יאָר דיסקוסיע און רעציטאַציע און דעקלאַמאַציע און קריטישע ליטעראַטור אַרום „די ראָב" —

קומט צוגיין יעקב גלאַטשטיין און אַנטפּלעקט דעם שרעקלעכסטן, דעם ביזאַרסטן, דעם היפּנאָטישסטן, דעם גרעסטן פון אַלע סודות — דעם סאַמע מאָנסטעריעזסטן: אַז „די ראָב" איז גאַרנישט פּאָוס פּאָעמע. זי איז אַ געגנבעטע פון אַ כינעזער. „ער האָט דערטאַפּט אַ כינעזיש ליד מיט אַ פויגל" — און, דער פּלאַגיאַט, איינער פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור, איז געשען. נו, איז נישט גלאַטשטיין אַ געניאַלער אַנטדעקער פון ליטעראַרישע פּלאַגיאַטן און פאַלסיפיקאַטן? און מערקט אייך גוט: ער רעכנט זיך אָפּ מיטן גאַנצן פּאָו — נישט נאָר מיט זיין געגנבעטער „ראָב" — ער זאָגט בפירוש: „וויסן דאַרף מען, אַז פּאָון איז נישט פרעמד געווען די מלאכה פון פּלאַגיאַט. ער איז דער אויטאָר פון אַ פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעך בוך, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שטיק פּלאַגיאַט".

גלאַטשטיין האָט דאָ אַוודאי אין זינען פּאָוס באַרימטע „עאורעקאַ", אַ מין סיסטעם פון אַ קאָסמאָגאָניע, וואָס באַווייזט פּאָוס געוואַלטיקע ערודיציע אין אַסטראָנאָמיע און וויסנשאַפט בכלל, און וועגן וועלכן פּאָל וואַלערי, דער אומשטערבלעכער פראַנצויזישער פּאָעט, האָט אָן עסיי אין זיין בוך „וואַריעטעטן", אין וועלכן ער שטעלט זיך אָפּ מיט גדויס רעספּעקט און אָפּשאַצונג צו פּאָוס מערקווירדיקער אַרבעט. וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, האָט פּאָו געקענט גנבענען אין „עאורעקאַ"? טיקאָ בראַהעס׳ס, קעפּלערס, גאַליליי׳ס און ניוטאָנס טעאָריעס? זיי זיינען איצט דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער מענטשהייט. וואָס קען פּאָו אין אַסטראָנאָמיע גנבענען? אויב פּאָו באַנוצט זיך מיט אַ געדאַנק

פון װעלכער עס איז אויטאָריטעט, גיט ער אָן זיין נאָמען. „עאורעקאַ" איז נישט בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאָוס ליטעראַרישער אַרבעט. עס איז גיכער זיינער אַ קאַפּריז אין װיסנשאַפט. אויב שוין באַשול־דיקן אַז דאָס װערק איז אַ פּלאַגיאַט — קען מען גלאַטשטיינען נישט גלויבן אויפן װאָרט. זאָל ער אַזוי גוט זיין און אָנװייזן װאָס פּאָו האָט דאָרט געקענט גגבענען.

װאָס שייך פּאָוס „פּלאַגיאַט" פון „די ראָב", איז װיכטיק צו דער־מאָנען די מיינונג פון אַן אַמעריקאַנער װיכטיקן פּאָעט, עדװין מאַרק־האַם. מאַרקהאַם װייזט אָן, אַז פּאָו האָט געמאַכט אַ שטודיע פון די־קענסעס ראָמאַן „באַרנאַבי ראדזש". צװישן אַנדערעס זאָגט פּאָו: „אויך די ראָב האָט געקענט אַנדערש פאַרגעשטעלט װערן װי מיר זעען זי איצט, אַ טייל פון דער קאָנצעפּציע פון דעם פאַנטאַסטישן באַרנאַבי. אירע קולות האָבן געקענט געהערט װערן נביאיש אין פאַרלויף פון דער דראַמע. איר כאַראַקטער האָט געקענט אויספירן אין שייכות צו דעם אידיאָט די זעלבע ראָלע װי עס טוט אין מוזיק די באַגלייטונג אין שייכות צו דער לופט". שפּעטער האָט פּאָו טאַקע אויסגעפירט אין זיין באַרימטער פּאָעמע דאָס װאָס ער פאָדערט פון דעם ענגלישן ראָמאַניסט. אין זיין פּאָעמע „לענאָר" האָט פּאָו געמאַכט דעם ערשטן אָנװאָרף אויף זיין ראָב־טעמע, װעלכע לאָזט אים נישט רוען. מען קען לייכט דערקענען אין דעם ריטם פון די פערזן אַז זי איז אַ פּרעליוד צו זיין שפּעטערדיקער פּאָעמע. (װעגן „לענאָר" שרייבט אָגב אַן אַמע־ריקאַנער קריטיקער: „קיינמאָל פריער אין דער אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור, דענק איך, האָט נישט אַ ברויז געטאָן אַזאַ פּאַנטאַזן פון מוזיק, װי װען די פּאָעמע „לענאָר" איז דערשינען"). אין איר איז שוין פאַראַן דער ריטם — טיפּיש פאַר „די ראָב". עס איז אין איר פאַראַן דער נאָמען לענאָר — דער זעלבער כאַראַקטער פון די ראָב — און, דער טויט, די טויטע געליבטע, פּאָוס טייערע געליבטע און יונגע פרוי...

מאַרקהאַם מיינט אַז פּאָו האָט געמעגט אויך זיין באַאװירקט פון בורגערס באַלאַדע „לענאָר", װאָס איז דעמאָלט געװען פּאָפּולער אין ענגלאַנד. אויך האָט פּאָו געקענט קריגן אַ סוגעסטיע פונם מעטער פון מרס. בוירנינגס „דהי קאָורטשיפּ אָװ לעידי געראַלדין". אָבער די אָריגינאַליטעט פון פּאָוס פּאָעמע קען נישט צעטרייסלט װערן דורך דער קריטיק, שרייבט מאַרקהאַם, װאָס האָט דורכגענישטערט די װעלט צו געפינען אירע װאָרצלען. דאָס װאָס פּאָו באַרגט אויס, װערט ביין פון זיין אינטעלעקטועלן ביין. דאָס צופעליקע אויסבאָרגן ביי אַ פּאָעט איז באַרעכטיקט, װען עס װערט אַסימילירט.

עדװין מאַרקהאַם װייזט אָן עטלעכע שלעכטע װערטער־אָפּקלייבן אין דער פּאָעמע. אָבער עס איז זינלאָז דורך דעם, זאָגט ער, צו מי־נימיזירן דעם װערט פון אַ גרויסן װערק. אינטערעסאַנט צו ברענגען דאָ די פּאָר װערטער פון מאַרקהאַם אין אָריגינאַל:

"These are noble lines in "the Raven", but great lines, and even great passages, are not the chief test of a poem. The final test of a poem is its total impression. And the total impression of "the Raven", with its weird beauty and sustained energy, is deeply, nobly serious. In spite of all critical assaults, the poem stands secure in its dark immor-

tality—safe among the few remarkable poems of the world."

אָבער, דאָ גייט אייגנטלעך ניט אין פאַרטיידיקן פּאָו. פּאָו האָט צו אַלע צייטן געהאַט גרויסע פאַרטיידיקער און פריינט. דער אינטערעס אין אים איז אַ געוואַלטיקער. עס וועט פּאָון אַ האָר נישט שאַדטן וואָס גלאַטשטיין וויל ביי פּאָו צונעמען דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע פון זיין פּאָעזיע — די מוזיק. צונעמען ביי עדגאַר עללען פּאָו, דעם מייסטער פון מוזיקאַלישן פּערז, וועמעס פּאָעמען ווערן פון גרויסע קריטיקער פאַרגעשטעלט ווי אַ „מיראַקל פון מעלאָדיע" — איז ווי צוצונעמען ביי דער זון איר ליכט. עס איז, אמת, פאַראַן ביי פּאָו אַ געוויסער מעכאַניזם און געמאַטערטקייט, אַ מין אַרבעטן צו שווער אויף זיינע פּאָעמען. אָבער טראָץ די דאָזיקע פעלערן קען פּאָו נישט דערשטיקן די שטימונג, די טראַגישע אַטמאָספּערע, דעם אויסדרוק פון איבערמענטשלעכן טרויער און — די מוזיקאַלישקייט פון זיין ליד. וואו איר רירט אָן זיין ליד, שטראָמט עס מיט טראַגישער מוזיק. זיינע פּאָעמען זיינען פּראָדוקטן פון זיין טראַגעדיע. ליבע, שיינקייט און טויט זיינען זיינע טעמעס. און ער האָט אויף די דאָזיקע קאַרגע טעמעס, וואָס נעמען אַרום גאָר דאָס לעבן פון מענטש — הערלעך געשפּילט. פּאָו האָט זיין טרויער, זיין ליבע פרויס שטאַרבן, נישט געגנבעט ביי אַ כינעזער. דאָס באַשולדיקן אַ גרויסן פּאָעט אין פּלאַגיאַט איז זייער אַלטמאָדיש, געשמאַקלאָז, און עס לאָזט אַ שלעכטן נאָכטעם. קיין ערנסטער מענטש רירט זיך נישט צו צו אַזאַ בלבול. עס שאָקירט דאָס באַשולדיקן עמעצן אין פּלאַגיאַט. קיין ערנסטער שרייבער וויל זיך צו אַזאַ געשיכטע נישט צורירן. עס איז אַ שלעכט מיטל צו דיסקרעדיטירן אַ שריפטשטעלער. אין פאַרשיידענע צייטן איז די באַשולדיקונג פון פּלאַגיאַט געוואָרפן געוואָרן אויף גרויסע ליטעראַרישע מייסטער (צום ביישפּיל: פרישמאַן אויף פּרצן). עס האָט קיין איינעם פון די מייסטער אויף קיין האָר נישט אָנגערירט.

דער הויפּט־געדאַנק פון יעקב גלאַטשטיינס קריטיק איז אַז פּאָו איז נישט געווען קיין מוזיקאַלישער פּאָעט. עס איז בעסער צו ציטירן גלאַטשטיינען:

„ער איז געווען טויב ווי די וואַנט צו מוזיק. מוזיק איז ביי אים געווען אַן אמתער בחצוצרות וקול שופר. ער האָט געפּייפט און געגרילצט, צעקלונגען מיט גלעקער און געקלאַפּט אויף אַ קעסלפּויק. ווי יעדער דיכטער האָט ער אויך געזוכט דאָס פּערפעקטע קליינע ליד, דאָס עסענצהאַפטיקע, דאָס אַבסאָלוטע, אָבער זיינע קלענערע לידער זיינען אַרויסגעקומען אַנעמישע קרעכצן און פאַרפּיומירטע טרערן."

עס איז פּשוט שווער צו אַרגומענטירן אויף דעם פּונקט. ווייל דער יעניקער וואָס קען נאָכן פּאָוס לידער איבערלייענען קומען צו דער קאָנקלוזיע אַז פּאָו איז אוממוזיקאַליש, מוז אַליין באַזיצן אַ זייער באַגרענעצטן אויער פאַר מוזיק. וואָרעם ווי אַזוי קען מען איבערצייגן אַ מענטש וואָס הערט זיך צו צו שאָפּענס, שובערטס, שומאַנס אָדער מאָצאַרטס מוזיק און ער באַשליסט אַז די דאָזיקע גאונים פון קלאַנג זיינען אוממוזיקאַליש? וועלכן אַרגומענט, אויסער דעם אַרגומענט פון מוזיק זעלבסט, קענט איר באַנוצן קעגן אייער אָפּאָנענט?

פּאָו האָט געאַרבעט איבער זיין פּאָעזיע. ער האָט איבער די

לידער געטראַכט. ער איז געווען אַ קינסטלער. דורך דער שאַרפער פריזמע פון זיין געניוס גייט דורך דאָס ליד — קרישטאַליק, געשליפן, אַנאַליזירט יעדער פערז ביז זעלבסטפייניקונג. לויטער קונסטווערק, קונסטגאָלד. וואָרט־און־מוזיק־אַלכעמיקער — מיט זיין פּאָר ניואַנס, פאַרן אײדעלן האַלב־טאָן, האָט אָט דער פּאָעט קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם קאָנטראָלירנדיקן, קריטישן געניוס. דער פּלאַנירער, דער אינזשינער איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דעם ספּאָנטאַנעם, ליי־רישן, שטימונגסרייכן פּאָעט, אָפט דערגרייכנדיק צו זעלטענער האַרמאָניע.

איך מיש איצט די בלעטער פון פּאָוס אַ באַנד לידער, כדי צו געפינען ביישפּילן פון פּאָוס מוזיקאַלישקייט. אָבער עס קלינגט אַרויס פון זיין דיכטונג אַ גאַנצער הערלעכער כאָר. וואו דו טוסט אַ ריר אַ ליד — ציטערט אויף אַ גרויסער קאָנצערט. וועלכע לידער קען מען ציטירן — און פאַרשעמען די אַנדערע? צי זאָל איך ציטירן דאָס ליד „דער קאָלאָסעאום“, אין וועלכן עס זיינען פאַראַן יענע מאַיעסטעטישע, אימפּאָזאַנטע פערזן, וואָס צעברעכן אַלע גלאַטשטיין־טעאָריעס מיט זייער אייביקער שיינקייט און גרויסן סטיל:

"Here, where a hero fell, a column falls!
Here, where the mimic eagle glared in gold,
A midnight vigil holds the swarthy bat!
Here, where the Dames of Rome their gilded hair
Waved to the wind, now wave the veed and thistle!
Here where on golden throne the monarch Lolled,
Glides, spectre-like, into his marble-nome,
Lit by the Wan light of the hor'ned moon,
The swift and silent lizard of the stones!"

צי זאָל איך ציטירן די ריינע, קרישטאָלענע פערזן פון זיינע פילע לידער (צו העלען, צו איינער אין גן־עדן, אַננאַבעל לי, פאַר אַננע, יולאַלום, דער זיגער וואָרם, די שטאָט אין ים, לענאָר, עלדאָראַדאָ, אַ טרוים, דער גליקלעכער טאָג די גליקלעכסטע שטונדע). עס וואָלט צו וויט פאַרפירט אַריינצוטרעטן אין יענעם קינסטלערישן פּאַלאַץ וואָס פּאָו האָט אויפגעבויט. פּאָו, דער ריינער דיכטער, פאַר וועמען יעדעס וואָרט איז נישט נאָר מוזיק — נאָר סקולפּטור, וויזיע, פלאַם־זעאונג. רעדוצירט צו ריינסטער פאָרם און שטימונג און מוזיק. פּאָו, וואָס איך וויים נישט פון נאָך אַ פּאָעט וואָס האָט באַזעסן זיין קולטור, זיין אינטעלעקט. אין וועמעס דיכטונג־געביידע מיר געפינען דעם גרויסן געשריי פון „קיינמאָל מער“ — פון אַלעס פאַרגענגלעכע. די טראַגישע מיסטעריע פון טויט וואָס האָלט געשפּאַנט זיין וועזן. דאָס דראַמע פון ליבע און טויט וואָס האָט אים ווילד אַרומגעטריבן אין אויסטערלישע רעגיאָנען ווי אַ גייסט פון ווילדע שטורעמס געפאַנגען. די שטימע פון אייזיקער איינזאַמקייט ווי אַ גייסט אַזוי ווי פּאָו קען פילן — אין אַ וועלט וואו דער געניוס איז איבעריק.

דער דאָזיקער מאַן, וואו ער איז געקומען, האָט געטראָגן דאָס פּנים פון טראַגעדיע. ער האָט קיין רו נישט געבראַכט. ווי אין זיינע פילע דערציילונגען, וואו דער אמתער כאַראַקטער איז דאָס געוויסן, האָט ער פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס געוויסן פונם געניוס. און

עס איז דאָס געוויסן — דעם נביאס פאַטאַלער אָנזאָג — ווי אין זיין „מאַסקע פון רויטן טויט" — וואָס האָט די מענטשן נישט געמאַכט אים ליב צו האָבן. אַן אומהיימלעכע, איינזאַמע נאַטור, דערמאָנענדיק אין ליידן און אין שטאַרבן — האָט פאָו ווייניק פריינט געפונען ביים לעבן. און זיינע שונאים איז געלונגען אים אַרויסצובאַגלייטן אין דער צוקונפט אַריין מיט בלבולים, מיסטיפיקאַציעס, באַשולדיקונגען און געמיינקייטן. און ביזן היינטיקן טאָג ווירקט זייער גיפט — מען לאָזט פאָון נישט געניסן זיין רום און זיין אמתע דיכטערישע גרויסקייט.

נאָך אַ וויכטיקע זאַך איז ווערט צו באַמערקן: אין זיינע „באַמערקונגען" שרייבט גלאַטשטיין:

„... אַז פאָו איז גיכער אַ „דזשינגלמען", ווי עמערסאָן האָט אים אָנגערופן, איידער אַ טיפער פאָעט".

ווי געזאָגט, יעקב גלאַטשטיין וויל אויסנוצן דאָס עדות־זאָגן קעגן פאָו נישט נאָר פון אַזאַ וויכטיקע פיגור ווי אַן עמערסאָן, נאָר, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַפילו פון אַן עליאָט. עס איז, אַגב, ווינטשנסווערט צו באַמערקן אַז אין דעם פאַל פאָו ברענגט גלאַטשטיין אַ וועלט מיט עדות. פאַרוואָס שטייט גלאַטשטיין אין דעם ענין פאָו נישט אויף זיינע אייגענע פיס? אַז מען דאַרף ברענגען אַזוי פיל עדות, באַווייזט עס גלאַטשטיינס אומצוטרוי אַליין. ער באַגרייפט אויך דעם לייענערס סקעפטיציזם צו זיין אייגענעם עדות־זאָגן.

אָבער די מעשה עמערסאָן פאָדערט אַ שטיקל קאָמענטאַר. גלאַטשטיינען האָט עס נאַטירלעך נישט געלוינט צו דערקלערן פאַרוואָס עמערסאָן האָט פאָון נישט ליב. פאָו איז אין געוויסע קרייזן פון אַמעריקע נאָך אַפילו איצט נישט אָנערקענט. בפרט איז עס נישט געווען מעגלעך אין פאָוס צייטן. יענע צייט איז נישט געווען מסוגל צו אָנערקענען די אידעלע פלאַנץ פון דיכטונג צוליב דיכטונג. די פיאָנערישע, רעליגיעזע אַמעריקע פון יענער צייט האָט אַרויסגעבראַכט אירע גייסטיקע פאָרשטייער אין אַזעלכע ווי עמערסאָן, וויטמאַן, טאָראָ, די בראָנקאָטס. די פילגרימען פון ענגלאַנד; די רעליגיעזע סעקטעס פון האָלאַנד; דער גייסט פון פיוריטאַניזם, פון וועלכע עמערסאָן איז אַ טיפישער פראָדוקט, האָבן נישט געקענט ליב האָבן אַ פאָעט ווי פאָו, וואָס איז נישט געווען קיין רעליגיעזע נאַטור, נאָר גיכער אַ פאַגאַנישע, אַ געצנדינערישע, אַ פאַרליבטער אין שיינקייט צוליב שיינקייט. פאָוס עסטעטישע קונסט־טעאָריעס האָבן צו אַן עמערסאָן, דעם גלח און „פריטשער" — נישט געקענט שטאַרק אַפעלירן... פאָוס קולט פאַר דער אַנטיקער וועלט האָט נישט געקענט אינספירירן דעם קריסטלעך־ספיריטועלן, טיף־רעליגיעזן גייסטלעכן און מיסטיקער. פאָו האָט באַוויזן אין זיין פראָזע און פאָעזיע טעאָריעס פון קונסט, וויסנשאַפט, אַסטראָנאָמיע, פילאָסאָפיע און קולטור בכלל, וואָס האָבן צום פרימיטיוון אַמעריקאַנער, דערצויגן אויף דער ביבל — נאָך אונטער דער מעכטיקער ווירקונג פון די פיוריטאַנער — אין אַ וועלט וואָס איז פול מיט די שפורן און ווירקונגען פון גייסט פון ענגלאַנד און האָלאַנד — נישט געקענט אימפאָנירן, בפרט האָט ער נישט געקענט אימפאָנירן עמערסאָנען, וועמעס גייסטיקע אָריענטאַציע איז געווען אַ הימל־ווייטע פון פאָוס — פאַקטיש, פונקט אַ פאַרקערטע.

פּונקט אַזוי ווייניק האָט פּאָו געקענט אימפּאָנירן דעם אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן, דעם קינפּטיקן בעביט און טשעמפּיאָן פון געלט־מאַכעריי. אויב וואָלט וויטמאַנס פּאָעזיע האָט געאָטעמט מיט די גוואַלטיקע כוחות פון תנ״ך; אויב וואָלט וויטמאַן האָט — אַן מאָסס — באַזונגען דאָס וואַקסן פון אַמעריקע, די אינדוסטריע, די בויאונג, די רייכקייט, די שפע פון די שטאַטן — איז פּאָו דער שטרענגער אינדיווידואַליסט געווען פון פאָראויס פאַראורטיילט צו איינזאַמקייט. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין שום פאָרם פון אָפּאָרטוניזם, פון מיטגיין מיטן שטראָם. פאַרקערט, ער האָט אַלץ געטאָן אין זיינע מעגלעכקייטן אָפּצושטויסן פון זיך דעם פאַרוועניו. ער האָט דעם אַמעריקאַנער ביזנעסמענטש געשראָקן מיט זיין אמתער דיכטערישער קרוין. מיט זיין געטריי בלייבן זיין אמתן דיכטערישן קרעדאָ. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער די קעגנערשאַפט פון עמערסאָן צו פּאָו, וואָס האָט אים נישט געקענט באַנעמען אידעאיש און קינסטלעריש.

פּאָו, ווי געזאָגט, האָט זיך נישט געקענט בויגן, מאַכן קאָמפּראָמיסן. נישט אַלס מענטש, נישט אַלס קינסטלער. דאָס האָט צו אים נישט צוגעצויגן קיין מעצענאַטן. און דאָס האָט געמאַכט אַז דער מענטש זאָל זיך אַזוי שרעקלעך ראַנגלען מיט דער אָרעמקייט, וואָס האָט אים פּאַקטיש דערפירט צו פאַרצווייפלונג, צו שיכרות, צום פריצייטיקן טויט. פּאָוס ריינע פּערזענלעכקייט — מאָראַליש־ריינע — איז אַ גרויסע אינספּיראַציע פאַר דיכטער און קעמפער פון אַלע צייטן.

ווי איך האָב געזאָגט אין אָנפאַנג פון מיין אַרבעט: עס איז נישט קיין פאַרברעכן צו האָבן אַן אַנדערע מיינונג וועגן פּאָו. (דערווייל לעבן מיר, ברוך השם, אין אַ דעמאָקראַטישע מלוכה) גלאַטשטיין איז אַבסאָלוט באַרעכטיקט צו האָבן זיין „אייגענע" מיינונג, ווען אַפילו ניט קיין שטאַרק־אָריגינעלע מיינונג. אָבער, נאָך אַן אונטערזוכונג פון יעקב גלאַטשטיינס אַרגומענטן, פאַקטן פון באַשולדיקונג, עדות, טאָן פון אַרגומענטאַציע, דאַכט זיך מיר אַז דער פּראָצעס קעגן פּאָו איז נישט געפירט געוואָרן לויט די סאַמע בעסטע כללים פון עטיק און יושר, ווי עס פאָדערט זיך ביי אַ געריכט וואָס קומט פאָר אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה. צו נוצן מילדע ווערטער — דער פּראָצעס פאַרדינט אַ שטיקל רעוויזיע...

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 23, 1949

די פערזן פון יענער וועלט

(וועגן עדגאַר עללען פּאָוס אַ זעלטן ליד — צו זיין הונדערט יאָריקן יובילײ)

עס איז געווען זייער הייס, ווען איך בין אַוועק אין פּאַרק מיט אַ קליינער בראַשור; מענטשן זיינען געווען אויסגעלעגט איבער אַלע גרינע אינדזלען; אין די כישופדיקע ווינקלען פון גרויסן פּאַרק, אין שאָטן פון געדיכטעביימער. פּאַר אַ ווײלע איז דער מענטש צוריק פּרימיטיוו געוואָרן. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון די וואָלקנקראַצערס און זיך נידעריק געלעגט צו דער ערד, קינדיש און פּשוט זיך גע־טוליעט צום גראָז. די אייביקע פּאַרלעך אין זייער פרייד און אין פּאַרבן, מיט די ניי־געבוירענע קינדער. ווען ניט די דאָזיקע אידעאַ־ליסטישע פּאַרלעך — וואָלט די וועלט שוין לאַנג נישט געווען קיין וועלט. עס זיינען זיי, די פאַרליבטע, די ענטוזיאַסטישע, וואָס אין ליבע שמידן זיי די נייע דורות. פון די דיכטער און פילאָסאָפן וואָלט די מענטשהייט זיך ווייניק געקענט מערן...

און אָט דאָ, ביים קליינעם סטאַוו, וואו די קינדהייט שפּילט זיך, וואו די אורמענטשהייט האָט געלעבט, ווייל מענטש האָט שטענדיק געזוכט דעם ברעג פון ים, כדי זיך צו דערנערן מיט צאַפּלדיקע פיש פון די טיפענישן פון די אָקעאַנען, האָב איך דורכגעלייענט אַ קליין בוך. איך האָב אייגנטלעך נישט געוואוסט וואָס די בראַשור שטעלט מיט זיך פאָר. עס איז ווי אַ פּרוי וועלכע מיר טרעפן צום ערשטן מאָל אין דער טונקעלער נאַכט... וועלכע צויבערן וועט זי דיר שענקען, דאָס גע־היימניספולע נאַכט־וועזן, ווי אַ נאַכט־אײלע אַרויסשלייכנדיק פון ערגעץ און זיך דיר אָנבאָטנדיק מיט אַן אומגעוויינלעכער שיכרות...

דאָס דינע ביכל, וואָס אַנטהאַלט זיבעצן בריוו, האָב איך גע־קויפט דורך אַ טעות. עס טראָגט דעם טיטול: „עדגאַר עללען פּאָו". און פון שטענדיק אָן האָב איך ליב דעם זעלטענעם מייסטער פון אַמעריקאַנער פּערז, פון וועלכן אַן אומהיימלעכע מעלאַנכאָליע ווייעט; אין וועמענס לידער אַ פּרוי שטעקט אַרויס איר שיינעם קאָפּ אין אַ טרויעריקן שלייער, שטאַרבנדיק; וועמעס פּאַרבן זיינען פון האַרבסט; וועמענס מוזיק איז פול מיט די ניואַנסן פון אַן אויסערגעוויינלעך־איי־דעלן גייסט; איך האָב ליב דעם פאַרטראַכטן און פאַרטרויערטן פּאָעט, אַרום וועלכן אַ גרופּע פון מיטע פרויען טראָגן זיך אַרום אים ווי שוואַרצע שאָטנס אין אַ בלאַסן אַרעאָל. איך האָב אַלזאָ געמיינט אַז דאָס ביכל איז פון עדגאַר עללען פּאָו, און צופרידן מיט מיין געפינס, האָב איך באַצאָלט די פּאָר סענט צום בערדיקן בוכהענדלער, און איך האָב דאָס ביכל אַהיימגעטראָגן.

און איצט, עס לאַנגזאַם דורכלייענענדיק, האָב איך אויסגעפונען אַז עס איז וועגן פּאָו. עס אַנטהאַלט זיבעצן בריוו, געשריבן אין די יאָרן 1904־1903, אין לאָנדאָן, פון אַ געוויסן אַלפרעד רוסעל וואַלאַס. און עס האַנדלט זיך וועגן אַ ליד וואָס זאָל זיין אַן אימיטאַציע פון פּאָו.

אָבער, לויט דער היפּאָטעזע פונם בריוו־שרייבער, זאָל עס ווירקלעך זיין אַ ליד פון דעם מייסטערהאַפטן פּאָעט.

אַלפרעד רוסעל וואַלאַס האָט אין אַ געוויסן טאָג דערהאַלטן אַ בריוו פון זיין ברודער אין קאַליפאָרניע, מיט אַ ליד פון עדגאַר עללען פאָ, וואָס פאָ זאָל האָבן געשריבן אין אַ קרעטשמע, באַצאָלנדיק מיטן ליד פאַרן פאַרברענגען אַ נאַכט אין דער דאָזיקער קרעטשמע.

די אומשטענדן, ווי איר קענט זען, זיינען גאַנץ טונקעלע. דער איינציקער מענטש וואָס וואָלט געקענט געבן אינפאָרמאַציע וועגן דעם ליד, וואו ער האָט עס געפונען; ווען און ווי אַזוי, דער דאָזיקער מענטש איז ליידער אָפּגעשטאָרבן. עדגאַר עללען פאָ, וואָס די לעגענדעס דער־ציילן אַז ער איז אַפילו געווען אין סט. פּעטערסבורג און ער האָט גע־דינט אין רוסישן צאַרס מיליטער, וואָס דאָס איז איבעריקנס נישט מער ווי אַ לעגענדע — איז קיינמאָל נישט געווען אין קאַליפאָרניע. עס איז זייער צווייפלהאַפט צי דער אייגנטימער פון אַ קרעטשמע וואָלט געווען אַזוי גרויסמוטיק און אָנגענומען אַ ליד פון אַ גאַנץ נישט שיין געקליידעטן און נישט צו ניכטערן פּאָעט, אָנשטאָט צו קריגן באַצאָלט אין ריינעם גאָלד. פּאָוס רום איז דאָך ערשט געשטיגן נאָך זיין טויט. און, עס איז נישט קלאָר ווער עס האָט ביז יענעם יאָר באַזעסן דעם זעלטענעם מאַנוסקריפּט. (אַרום 1902). די זאַך זעט דעריבער אויס גאַנץ צווייפלהאַפט.

אַלפרעד רוסעל וואַללאַס קען אַלזאָ נישט געבן קיין שום אינ־פאָרמאַציעס פון דעטעקטיווישן כאַראַקטער וועגן די מיסטעריעזע פּערזן. ער ברענגט אָבער דאָס ליד זעלבסט. און דאָס ליד האַלט ער פאַר אַ גרעסערע ווערק ווי פּאָוס ביז איצטיקע ווערק. דאָס הייסט וואָס פּאָ האָט געשריבן אין פאַרלויף פון זיין לעבן. עס איז אייגנטלעך נישט קלאָר פאַרוואָס וואַלאַס זאָל דווקא אַזוי שטאַרק פאַרטיידיקן די צווייפלהאַפטע פּאָעמע, און ער זאָל זי דווקא שטעלן העכער ווי פּאָוס אמתע שעדעווערן? צי טוט ער עס מחמת איגנאָראַנץ אין פּאָוס ווערק? איז ער פּשוט נישט געווען באַקאַנט מיטן מייסטער פון פּערז און מיס־טעריעזער דערציילונג, דעם זעלטענעם וועבער פון מיסטעריעס און געהיימענישן, פון גרויל־סצענעס און שוידער־געשיכטן... איז דאָך פּאָ נישט נאָר אַ גרויסער פּאָעט, וועמעס ליד האָט באַווירקט באָדלערן. איז ער דאָך דער פאָטער פון דער אַמעריקאַנער דעטעקטיוו־נאָוועלע. איז ער דאָך אַ ליטעראַטור־קריטיקער מיט אַן אייגענעם נוסח. האָט ער דאָך געהאַט פּרעטענזיעס אויף וויסנשאַפט, אַסטראָנאָמיע, מעטאַפיזיק. טראָץ דעם וואָס ביאָגראַפן באַשולדיקן נאָך אַלץ פּאָ אין שאַרלאַטאַנסטוואָ און אַקטיאָרישקייט, בלייבט ער אַן איינזאַמער גרויסער פּאָעט און מאַרטירער, וואָס זיין קרוין איז פון ריינסטן גאָלד, פון די ריינסטע דיאַדעמען.

וואַלאַס פאַרטיידיקט צום ביישפּיל יענע לידער, וואָס פּאָ האָט געשריבן... נאָך זיין טויט.

וואַלאַס שרייבט צו זיין פריינט אין אַמעריקע, ער זאָל אַזוי גוט זיין אים שיקן דאָס באַרימטע ווערק „עאורעקאַ“, וואו פּאָ האָט גע־פּרווט געבן אַ קאָסמאָגאָניע, אַ סיסטעם פונם וועלטאַל, לויט די אַסטראָנאָמישע אויספאָרשונגען אין זיין צייט און לויט זיינע אייגענע היפּאָטעזעס. אָבער נאָך איידער ער האָט געלייענט „עאורעקאַ“, האָט ער שוין געלעזן פּאָוס לידער, וואָס דער גייסט פון פּאָון זאָל האָבן געשריבן דורך אַ געוויסן מעדיום, ליזי דאָטע, וועלכער האָט זיי פאַר־

עפנטלעכט אין אַ ביכל, אונטערן נאָמען: „פּאָעמען פונם אינערלעכן לעבן״.

דאָרט ברענגט דער מעדיום אַ צאָל פּאָעמען פון פּאָו, ווי „די גאַסן פון באַלטימאָר״; „זיי געזעגנט, ערד!״ א. אַנ. די דאָזיקע פּאָעמען, שרייבט וואַלאַס, זיינען, לויט זיין מיינונג, פיינער, טיפער און פולקאָמענער ווי וועלכע עס איז פּאָעמע, געשריבן דורכן פּאָעט בשעת זיין ערדישן לעבן. הגם, דיקטירטע דורך אַ צווייטן מוח, זיינען זיי מינדערוויכטיק אין דער גלענצנדער מוזיק און ריטם פון פּאָוס בעסטע ווערק.

מיר ווילן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט דיסקוטירן. עס ליגט איצט פאַר מיר פּאָוס געזאַמלטע ווערק — געזאַמלט אין איין באַנד, וואָס זעט אויס ווי אַן אַלט טייטש־חומש; די ברעגן פון די זיידענע בלעטער זיינען געפאַרבט אין גאָלד. און די בוכשטאַבן פון פּאָוס נאָמען זיינען געדרוקט אין פערצן קעראַטיקן גאָלד. און די פּאָעמען דאָרט, פון דעם לעבעדיקן פּאָעט פון „די ראַב״, „יולאַלום״, „צו העלען״, „עלדאָראַדאָ״ א. אַנד. זיינען פאַר מיר פון די פיינסטע גאָלד־שטיקער; צירונג, געשמידט דורך מייסטערהאַפטע, פאַנטאַסטישע גאָלדשמידן. פּאָוס מוזיק איז אומ־איבערגעשטיגן דורך קיין שום פּאָעט. די ריינקייט פון טאָן. די פּלאַס־טיק פון זיינע לאַנדשאַפטן און וויזיעס; ווי געשניטן אין שוואַרצן מאַר־מאָר. געהאַקט אין טונקעלן באַזאַלט.

און די פילאָסאָפיע פון פּאָוס ווערק. גרויסע ווערק מוזן באַ־זיצן פילאָסאָפיע. ווייל געדאַנק איז דער צעמענט פון אַ קונסט־ווערק. אַלזאָ, מיט דעם וויל איך זאָגן, אַז ביז איצט האָב איך שטודירט דאָס ווערק פון דעם לעבעדיקן פּאָו. זיינע דיכטונגען און זיין פּראָזע זיינען שטענדיק די פיינסטע ווינקלען פון שיינקייט און מעדיטאַציע, וואוהין מיר ציען זיך צוריק אין די אינטימע מאָמענטן, ווען אונזער גייסט איז הונגעריק נאָך דיכטונג. נאָך הימל — פאַרקערפּערט אין מענטש־לעכן וואָרט.

אָבער די פּאָעמען פון פּאָו, וואָס ער האָט זיי געשריבן נאָכן טויט, האָבן מיך קיינמאָל נישט באַשעפטיקט. איך האָב נאָך ביז איצט נישט באַגעגנט קיין גוט־געבונדענעם באַנד פון פּאָעטן וואָס לעבן אין הימל. איך בין זיך וואויל משער אַז אין הימל געפינען זיך נישט קיין שלעכ־טע דיכטער, ווי אַשטייגער האָמער, לוקרעץ, פּעטראַרקע, דאַנטע, שעקספּיר, קאַמאָענס, מיצקעוויטש, פּעטיעפי, לעאָפּאַרדי, בייראָן, מאָריס ראָזענפעלד און אַ סך אַנדערע היפּשע באַרימטקייטן. און, מען קען זיך פאָרשטעלן אַז ווען דער טויט האָט זיי מיט זיין שטאָלענער האַק איבערגעהאַקט די רוקנביינער, האָבן זיי נאָך געהאַט דיכטערישע פּאָטענצן און נישט איינער פון זיי וואָלט נאָך גע־שריבן ווערק פון אַ געוויסן ווערט...

פונדעסטוועגן, ווי געזאָגט, דיסקוטיר איך נישט דאָס פּראָבלעם. אפשר דאַרפן טאַקע דעם הימלישן פּאָוס פּאָעמען זיין פון מער פּאָע־טישער פולקאָמענקייט ווי די פּאָעמען פון דעם ערדישן פּאָו. איז דאָך איצט פאַר אַ סך קלאָר אַז פּאָוס טראַגעדיע נעמט זיך נישט הויפּט־זעכלעך דערפון וואָס ער איז געווען אַן איינזאַמער פּרינץ, מיט אַ זייער הויכן אינטעלעקט, אין אַ דור פון היפּשע גראָביאַנעס און טאַלאַנטלאָ־זיקייטן, וועלכע זיינען געווען בלינד צו זיין געניוס. זיין טראַגעדיע, ווייסן איצט אַלע, איז פּשוט אַ רעזולטאַט פון זיין אָרעמקייט. אין דער

היים איז געלעגן אַ שטאַרבנדיקע פרוי, וואָס ער האָט זייער ליב גע־האַט. דערצו איז זי נאָך געווען אַ סך יאָרן אינגער פון אים, ממש אַ קינד נאָך. זיין שוויגער פלעגט פעדלען אין די רעדאַקציעס מיט זיינע פּאָעמען. ער אַליין האָט אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק געטוישט די רעדאַקציע־שטעלעס פון בירגערלעכע פאַמיליען־זשורנאַלן, וואו מען האָט אויף אים געקוקט קרום, פשוט דערפאַר וואָס די מיטלמעסיקייט האָט פיינט דעם געניוס. ער פלעגט טרינקען צום טויט און פאַרטריב־קען זיין ביטערן יאוש, זיינע שטימונגען. אין ביטערער אָרעמקייט האָט אַלזאָ פּאָו געשאַפן זיין אומשטערבלעך ווערק.

אָבער, אויב עס איז אמת דער פאַקט אַז פּאָעטן שרייבן אין הימל, איז פיל לייכטער צו שרייבן אין הימל, ווען דאָס געשטאַרבענע, יונגע ווייב זיצט ווידער דערנעבן אַ לויכטנדיקע און שמייכלענדיקע, זייענ־דיק גליקלעך וואָס זי וועט קיינמאָל נישט שטאַרבן. דער מאָגן דרייט זיך נישט איין פון הונגער. דער גומען דורשט נישט נאָכן טעם פון וויין. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען איז לייכטער צו שרייבן... צי די ווערק — אָן מענטשלעכע צרות — זיינען טאָקע שטאַרקער אין דיכ־טערישן אויסדרוק און כוח — בלייבט אַ פּראָבלעם...

ווייל אָפט טרעפט אַז עער קינסטלער פון דער ערד, טיף צו ליידן געוואָרפן, איז איינגעהילט אין הימל. און דער קינסטלער פון הימל — ווער ווייסט צי ער קוקט נישט אַרונטער דורך אַ קליינעם בלויען פענצטער און ער קוקט פאַרבענקטערהייט צו דער טרויעריקער ערד...

יעדנפאַלס, גוטע אימיטאַציע איז נישט פיל ערגער ווי שלעכטע, מכלומרשט אָריגינעלע דיכטונג. ביז איצט איז די פּאָו־פּאָעמע אין דיסקוסיע געווען געהיימנישפול. אַ נישט אַנטפּלעקטע. ביז וואַלאַס איז ווייזט אויס געוואויר געוואָרן פון זיין אַמעריקאַנער פריינט אַז די פּאָעמע איז דערשינען אין אַ בוך פון רילי, אַ געוויסן אַמעריקאַנער פּאָעט. ווען אַפילו אַן אימיטאַציע, ווי געזאָגט, וואָלט די פּאָעמע גע־ווען אַ מייסטערווערק. וואַלאַס באַשולדיקט אָבער דעם פּאָעט אַז ער האָט פשוט געגנבעט דאָס ליד פון פּאָו, און ער האָט עס פאַרעפנטלעכט אין זיין פּאָעטישער זאַמלונג. די איבעריקע לידער אין רילים באַנד קענען גאַנץ שווער אָנגערופן ווערן פּאָעזיע, זאָגט וואַלאַס. ווי אַזוי איז עס דעריבער מעגלעך אַז צו אַ פּאָעט מיט אַ פּראַגע־צייכן זאָל געניוס דיקטירן בלויז איין ליד פון געניאַלער קוואַליטעט? נישט אַנדערש, נאָר אַז דורך אַ צופאַל איז דער פּאָו־מאַנוסקריפּט אַריינגע־פאַלן צו רילי אין די הענט. אַ לאַנגע צייט האָט ער אים געהאַלטן ביי זיך. צו וואָס אַזוי לאַנג? פאַרוואָס האָט ער די פּאָעמע פאַרעפנט־לעכט ערשט אין יאָרן אַרום? און פאַרוואָס האָט ער אירע פערזן אַזוי פאַרגרייזט — אַז דער געניוס פון פּאָו זאָל דאָך נישט קומען צום פאַר־שיין? און פאַרוואָס — טאָקע ווידעראַמאָל — האָט רילי נישט אין אַלע זיינע לידער־זאַמלונגען כאָטש איין ליד, ענלעך צו דעם דאָזיקן מייס־טערווערק?

(רילי איז געבוירן געוואָרן, אין יאָר 1849, אין יאָר פון פּאָוס טויט...)

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, מיסטער רילי מיט זיינע הונדערטער לידער איז לאַנג שוין פאַרגעסן געוואָרן. דאַקעגן, לעבט און ווירקט

עדגאַר עללען פּאָו, און דווקא מיט די ווערק וואָס ער האָט געשריבן בעת זיין מיזעראַבעלן לעבן.

איצט, ווי אַזוי ברענגט מען צום אידישן לייענער דאָס ווערק פון פּאָו, וואָס ווערט אַזוי פיל דיסקוטירט? עס וואָלט זיין נאַאיוו צו פאַר־לאַנגען פון מיר אַז איך זאָל דאָס ווערק פון אַ הימלישן פּרינץ איבער־זעצן אין אידיש. ווייל אַזוי פּערפעקט אין פאָרם ווי עס איז פּאָוס אַ פּאָעמע וואָלט זיין אַ פּראָפאַנאַציע צו פּרוּוון עס שלעכט צו איבער־זעצן. דער לייענער וואָס קען נאָר אַ ביסל ענגליש וועט מער אַרויס־באַקומען פון דער שיינקייט פון די ענגלישע פערזן ווי אַן איבער־זעצונג איז אים אימשטאַנד צו געבן. וואָס שייך דעם לייענער וואָס קען גוט ענגליש, פאַר אים איז דאָס אָריגינעלע ליד אָפן אין זיין גאַנ־צער גלענצנדער שיינקייט און שטימונג. אָט ווי דאָס ליד לייענט זיך:

Leonainie

Leonainie, angels named her, and they took the light
of the laughing stars, and framed her, in a smile
of white
And they made her hair of gloomy midnight,
and her eyes of bloomy
Moonshine, and they brought her to me in a solemn night.
In a solemn night of summer, when my heart of gloom
Blossomed up to greet the comer, like a rose in bloom.
All forboding that distressed me, I forgot as joy caressed me,
Lying joy that caught and pressed me, in the arms of doom.

Only spake the little lisper in the angel tongue,
Yet I, listening, heard the whisper, songs are only sung
Here below that they may grieve you, tales are told
to deceive you,
So must Leonainie leave you, while her love is young.
Then God smiled, and it was morning, matchless
and supreme,
Heaven's glory seemed adorning earth with its esteem,
Every heart but mine seemed gifted with a voice of
prayer and lifted
When my Leonainie drifted from me like a dream.

די פּאָעמע איז אַ קליינער שעדעוור. קודם־כל — אין מוזיק. אין דער גלענצנדער פערז־טעכניק, וואָס איז אויסגעאַרבעט מיט אַזוי פיל מייסטערשאַפט. אין דעם אויסוואַל פון וואָרט, אין דער קוואַליטעט פון די ווערטער וואָס פּאַסן זיך אַריין אין דער נאַקטורנישער דיכטונג, ווי פּערל און איידלשטיינער אין די גאָלדענע איינפאַסן פון אַ טייערן רינג פון ריינסטן פּלאַטין־גאָלד. די טעכניק איז ענלעך צו די „ראַבּ", פּאָוס באַרימטע פּאָעמע. דאָס שטאַרבן פון דער העלדין דערמאָנט אַן „אַנאַבעל לי", און אין פילע אַנדערע ווערק פון דעם פּאָעט, וואָס האָט געלאָזט זיינע געליבטע העלדינס אומקומען. די פּאָעמע איז אַ געשלאָ־סענע דערציילונג אין זיך — פון געבורט, לעבן, ליבע און טויט. אַלע הויפּט־עמאָציעס גייען דורך די גוט־געשמידטע, איידעלע

שורות פון דער פּאָעמע...

פונדעסטוועגן איז זי נישט די סאַמע בעסטע פון פּאָוס ווערק. עס איז שוין באַשערט דעם מיסטעריעזן פּאָו צו בלייבן מיסטעריעז. דאָך שיילט זיך רעליעפּאַרטיק אַרויס פון דעם שאָטן פון צייט אַ מאַן מיט אַ גרויס האַרץ, מיט אַ גלענצנדן כאַראַקטער, אַ נביא פון קונסט און שיינקייט.

צום סוף — וועגן אַן ענלעכע לעגענדע.

וואוינענדיק אין בעלגיע, האָב איך איינמאָל געהערט אַז דער גרויסער מאָלער פון פלאַנדריען, פּעטער פּאָול רובענס, האָט איינמאָל געטרונקען אין אַ קרעטשמע. ווען עס איז געקומען צו באַצאָלן, האָט ער נישט געהאַט קיין געלט. ער האָט דעריבער אויסגעמאָלן אויף רונדע שטיקלעך טאָוול, אין דער זעלבער גרויס ווי מטבעות, די מטבעות וואָס האָבן באַטראָפן די קאָסטן פונם וויין...

דער קרעטשמע־אייגנטימער האָט די „מטבעות" אָנגענומען... עס איז מיר נאָר נישט קלאָר צי די געמאָלטע מטבעות האָבןווירקלעך אויסגעזען ווי עכט געלט און דער אייגנטימער פון דער קרעטשמע האָט געמיינט אַז ער קריגט באַצאָלט אין ריכטיקן געלט...

אָדער, ער האָט געוואוסט אַז פאַר אים שטייט אַ מייסטער און דאָס געמאָלטע געלט איז ריינע גאָלד... נאָך עכטער ווי דאָס אמתע גאָלד...

יעדנפאַלס, די לעגענדע איז אַן און פאַר זיך אַ שטיקל גאָלד...

נעו־יאָרק, יוני, 21, 1943.

וואַן גאָג

יאָסל קאָהן, „דער מאָרגן איז אייביק,״ לידער, אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע טרייד־יוניאָן־פירער, שרייבער און כלל־טוער, דורכן פאַרלאַג „פּעדער,״ נ. י., 1948.

דער קינסטלער מוז זיין עטוואָס געבראָכן, טרויעריק, מיט אַ גרויסן שמערץ פאַרבונדן. געזונטקייט, נאָרמאַלקייט, קרעפטיקייט, געזעצטקייט — פּאַרט זיך נישט מיט דער געהיימער מיסטעריע און פּאַטאָס פון קונסט. די ירמיהו׳ס, די בעטאָווענס, די רעמבראַנדטס, די וואַן גאָגס — אַ וויסטער טרויער ווייעט פון זיי. זיי זיינען דורכגענומען מיט אומגליק און מיט געפאַלנקייט.

די שטערנס און די פּנימער זיינען ביי זיי פאַרבלוטיקט און צעבראָכן, פון פאַלן אויף דער קאַלטער, גראַניטענער ערד. די משה׳ס, די עמוס׳עס, די בודאָס, די סאָקראַטעסעס, די בעל שם טוב׳ס און ר׳ נחמן בראַסלאַווערס — זיי שטאַמלען. זיי האָבן מורא. זיי זיינען דורכגענומען מיט אַ וויסטן פּחד פאַר דאָס קאָסמישע. זיי ציטערן מיט אַ גרויס ציטערניש. זיי זיינען דורכגענומען מיט אור־שרעק. זיי זיינען איינגעהילט אין פינצטערע וואָלקנס. זיי זיינען דורכגענומען מיט בליצן. זיי זיינען צו גרויס, צו גרוי, צו קינדיש, צו קליין. זיי זיינען איבער אָדער אונטער. זיי זיינען צו שיין אָדער צו מיאוס. זיי הינקען איבער דער ערד מיט בליציקע אַפּאַלאַ־פּנימער. זיי זיינען פיזיש פאַרקרימט — נאָר זייער וועלט־וויזיע איז לויטער ווי אַ שפּיגל. זייערע קעפּ ברענען און זייערע קעפּ זיינען פון גאָלד — זייערע קעפּ שטעקן אין די הימלען. דורך זייערע הערצער גייען דורך בליצן און שפּאַלטן. זיי שעמען זיך און זיי פילן זיך מינדערוועריק. זיי פאַרבלייבן בתולות, אַלטע בחורים. איבער זיי פאַלט אַ גרויסער טרויער, ווי אַ רעגן. זיי ציטערן פאַר אַ גאָט און קניען פאַר אַ קינד. זיי זיינען שטום און עס איז אין זיי פאַראַנען גאַנצע וועלטן. זיי שטייען פאַר די שענסטע פרויען מיט ציטערניש אויף די קני. די געניאַלע מענטשן שטאַרבן פרי. זיי זיינען אַלט ביי אַכטצן יאָר. אַ בליק ברענט אין זייערע פּנימער. אין זייערע אויגן לויכט אַ וויסטער טרויער. דאָס זיינען די מלאכים, פון הימל געפאַלן, צעבראָכענע אויף דער ערד.

אַזאַ טראַגישער קינסטלער איז וואַן גאָג, וואָס איז צו דער וועלט שוין לאַנג באַקאַנט, נאָך פון פאַריקן יאָרהונדערט. אָבער זיין ליכט איז אויפגעגאַנגען ערשט אין די לעצטע יאָרן, אַ דאַנק דער ליטעראַטור אַרום אים, וואָס האָט אויפגעדעקט זיינע וואונדן. עס זיינען דערשינען ראָמאַנען וועגן זיין טראַגישן לעבן. מען האָט געשריבן לידער וועגן זיין לעבן און זיין ווערק. דאָס ווערק פון וואַן גאָג איז געוואָרן הייליק. אַן אינטעליגענטער מענטש שטייט פאַר וואַן גאָגס אַ בילד מיט אַ געוויסן ערפורכט און דרך ארץ. וואַן גאָג איז קינסטלער און געקרייציקטער מאַרטירער פאַר זיין קונסט. אַן ערלעכער קריסט, וואָס האָט געמיינט דורך זיין מאַלעריי צו פרייזיקן ליבע צו די ליידענדע. פאַר זייערע אידעען זיינען אַ סך רעוואָלוציאָנערן גע־

האַנגען, געשאָסן און דערשטיקט געוואָרן. עס איז אָבער די קונסט, וואָס האָט דעם אויסערגעוויינלעכן כוח צו מאַכן אייך פילן מיטלייד און וואָס וועקט אין אייך דאָס גוטע און אַלמענטשלעכע אין רעספּאָנס צום קינסטלערס ווערק. אַ קינסטלערס ווערק מאָנט און דערמאָנט און גיט נישט קיין רו דער וועלט.

אין אַן אַרטיקל „דער אומבאַקאַנטער וואַן גאָג", פון ב. ז. סאַקס, פון וועלכן מיר ציען אַרויס די הויפּט־געדאַנקען, ווערן מיר געוואויר ווי אַזוי וואַן גאָג איז באַלד אין אָנפאַנג געקומען אין קאָנפליקט מיט דער געזעלשאַפט פון זיין צייט, מיט דער עקספּלואַטאַציע און שרעקלעכע מיזערע פון די קוילנגרעבער אין באַרינאַזש, וואוהין וואַן גאָג קומט אָן אין יאָר 1879, כדי צו ברענגען ליכט צו דער פינצטערניש. וואַן גאָג, דעמאָלט נאָך נישט דער רייפער קינסטלער, האָט אָבער שוין צו יענער צייט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ קונסט־הענדלער, שול־דירעקטאָר, אַ גלח פון דער הערשנדער קירכע, אַזוי ווי זיין פאָטער און זיידע זיינען געווען גלחים. ער האָט געוואָלט ברענגען דאָס גוטע און דאָס מיטליידספולע פון דער קריסטלעכער רעליגיע צו די יעניקע וואָס אַרבעטן אין „צענטער פון דער ערד". וואַן גאָג איז געווען איבעראַשט פון די שרעקלעכע באַדינגונגען פון די קוילנגרעבער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר 42 סענט אַ 14 שעה'דיקן, ביטערן אַרבעטסטאָג און דאָס אויך אויב די מאַגנאַטן האָבן אַקצעפּטירט די טאָטאַלע פּראָדוקציע. די מיינערס האָבן געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, שרעק פאַר קראַנקהייטן און טויט — אין רעזיגנאַציע, פון באַגינען ביז בין־השמשות אַרבעטנדיק אין די שאַכטן, אָן האָפענונג, באַהערשט פון אַ פאַטאַלן געפיל — האָט זיי דער קינסטלער־קריסט געפונען און געצייכנט מיט יענער כאַראַקטעריסטיק וואָס פאַרקריצט אויף אייביק דאָס פנים פון די עקספּלואַטאַטאָרס און נאָגלט צו צום שאַנד־קלאָץ זייערע מעשים. צום ערשט צייכנענדיק די שוואַרצע, פאַרסאַזשעוועטע פנימער פון די מיינערס — האָט ער שפּעטער שוין געצייכנט די אַטמאָספערע, די קוילנגרוב־שאַכטן פון אינעווייניק, די שוואַרצע ערד וואָס איז פאַרגיפטעט, דאָס גראָז וואָס קען נישט מער וואַקסן, די וואָלקנס וואָס בלייבן שטיין איבער דער געגנט ווי מיט צעבראָכענע פליגל, די פינצטערניש פון אומבאַצאָלטער אַרבעט און עקספּלואַטירטער פּראַצע פון די מענטשן. שוין מילעי מאָלט די פשוטע פויערים מיט אַ ספּיריטועלן אָרעאָל. וואַן גאָג צייכנט זיינע קוילנגרעבער ווי מאַרטירער. מילעי'ס פויערים זיינען פאַראייניקט מיט דער ערד און דאָס איז זייער גורל און די איינהייטלעכקייט אין מילעי'ס קונסט. וואַן גאָג'ס מיינערס האַסן די שאַכטן און זיינען די קרבנות פון אַ שרעקלעכן עקספּלואַטאַציע־סיסטעם.

אין יאָר 1879 ברעכט אויס אין באַרינאַזש אַ טיפוס־עפּידעמיע און אויך אַ דאַמף־עקספּלאָזיע — ביידע זיינען נאַטירלעך די רעזולטאַטן פון פאַרנאַכלעסיקונג פון די קוילן־קאָמפּאַניעס. אַ סך קרבנות זיינען פאַראַן. דאָס פאָלק פון באַרינאַזש יאָמערט. וואַן גאָג, דער עוואַנגעליסט, איז פאַרנומען מיט העלפן די קראַנקע און די צעבראָכענע. אַ סטרייק ברעכט אויס און די פאַרצווייפלטע מיינערס ווענדן זיך צום „לע פּאַסטעור ווינסענט" נאָך הילף. וואַן גאָג ווענדעט זיך צו די מאַגנאַטן, זיין פאָדערונג פאַר בעסערע באַדינגונגען ווערט אָפּגע־

זאָגט און „אין נאָמען פון גאָט" מוז ער זיך ווענדן צו די מיינערס זיי זאָלן צוריקגיין צו דער אַרבעט. אין דעם מאָמענט ברעכט זיך זיין גלויבן אין קריסטלעכן יושר. די קירכע פון איר זייט מאַכט וואַן גאָג פאַר אויס „גלח", מיט דעם אויסרייד אַז עס פעלן אים געוויסע קוואַליטעטן צו פּראַקטיצירן זיין פּריסטלעכע פּירערשאַפט...

פון איצט אָן ווערט וואַן גאָג אויס קריסטלעכער „פּריטשער" און ער וואַרפט אַריין זיין ענערגיע אין קונסט; קונסט — פאַרן פאָלק; קונסט וואָס דאַרף ערלעך אָפּשפּיגלען מענטש, נאַטור און גאָט. קונסט וואָס האָט אַ סאָציאַלן הינטערגרונט און פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַק־טער, קעמפנדיק פאַרן אמת און פאַר גערעכטיקייט.

זיין ערשטע אויל־מאָלעריי „די קאַרטאָפל־עסערס" (אין יאָר 1885) איז דער רעזולטאַט פון זיינע דערפאַרונגען אין באָרינאַזש. און אַזוי גייט זיין וועג דורכן שווערן לעבן דער גרויסער ווינסענט וואַן גאָג — זיינע אידעען און זיין בענקשאַפט צו אַ שיינער וועלט איבערזעצנדיק אין קאָלירן און אין יענע גרויסע בילדער וואָס זיינען ווי שטיקער תהלים אַרויסגעריסן פון זיין גרויסן הארצן.

יאָסל קאָהן האָט אַ סעריע פון זיבן לידער וועגן וואַן גאָג, וועלכע קרוינען דאָס בוך. דאָס וואָס קריסטוס איז אויפן קרייץ — איז וואַן גאָג אויפן בילד. קריסטוס איז צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס צום צעפּוילטן, פּרוכנעם קרייץ. וואַן גאָג איז צגעגנאָגלט צו זיין זעלבסטפּאָרטרעט — מיטן פאַרבלוטיקטן אויער, וואָס ער האָט זיך אַליין אָפּגעשניטן, אויס חרטה נאָך אַ קריגעריי מיט אַ פריינט. יאָסל קאָהן מאָלט וואַן גאָג פּשוט און מענטשלעך. אין די פערזן, וואָס איך ציטיר גייט אויף וואַן גאָג דער פאַרבלוטיקטער מאַרטירער. און יענע אייביקע איראָניע וואָס רייכע דאַמען, וואַזשנע לײַדיס פרעגן צי איז דאָס בלוט פון אויער — קונסט?...

„דורך זיין פּוטערנעם היטל שפּאַרט זיך משוגעת.\
דער רויך פון זיין ליולקע צעגייט זיך אין טרויער.\
מיינע הענט, מיין שרייבטיש ווערן נאַס\
פון בלוט, וואָס צעגיסט זיך פון זיין אָפּגעשניטענעם אויער —

זיין אויער אין די הענט פון אַ צעשויבערטער זונה,\
זיין אויער אין מויל פון אַ הונגעריקן הונט.\
ביים טיש וואַרט שוין אַ שמאַלציקער קונה,\
וואָס וויל וויסן: צי ס'איז קונסט: פון אויער די וואונד."

ווען וואַן גאָג איז „ווערט איצטער געלט" — איז ער שוין טויט. וואַן גאָג איז איצט אַ סענסאַציע. ווען ער האָט געלעבט, האָט ער קיין שפּייז אין קראָם פאַר זיין מאָלעריי נישט געקענט באַקומען.

„וואַן גאָג איז אַליין אין דער גרויסער וועלט. — אַ מיידל, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, איז די איינציקע, וואָס איז וואַרטן אויף אים גרייט". צו אַזאַ מיידל, דערציילט דער פּאָעט, דאַרף מען זיין אַ קאַוואַליער, מען מוז האָבן געלט און איר קויפן מתנות. וואַן גאָג טראַכט אויס דאָס מיידל, „וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט". אויב ער טראַכט אויס גוטסקייט, הייליקייט, שיינקייט, אַ פרוי וואָס זאָל אים לײַבן לויט זיין אידעאַל — מעג ער דאָך אויך אויסטראַכטן אַ בוקעט מיט בלומען פאַר איר. שאַפט ער דען נישט שענערע בלומען מיט

זיינע כישופדיקע קאָלירן ווי די נאַטור קען מאַכן?! וואַן גאָג וועט צו זיין אויסגעטראַכטער דולציניע צוטראָגן אַ מאָלעריי מיט געמאָלטע בלומען — פון דעם מאַרטירערס הענט מיט שמערץ אין איינזאַמקייט באַשאַפן:

„ער ברענגט זיך צו דעם מיידל וואָס וואַרט —
אַ גרייטע פּאָר אים ביי אָפענער טיר.
ער שענקט איר בלומען, וואָס ער האָט געמאַכט
מיט פּענדזל און פאַרב און ווייסן פּאַפּיר..."

אָסקאַר ווײַלד האָט אַ באַרימטע דערציילונג „די רויז און די נאַכטיגאַל." די נאַכטיגאַל האָט זיך פאַרשטעקט דאָס האַרץ אויף אַ שפּיציקן דאָרן. די נאַכטיגאַל שטאַרבט און אויפן דאָרן בליט די רויטע רויז... וואָס טיפער דער דאָרן שטעכט אין דער נאַכטיגאַלס האַרץ — אַלץ רויטער די רויז. עס דערמאָנט זיך מיר ווײַלד'ס סענטימענטאַלע מעשה'לע איצט, ווען איך טראַכט פון וואַן גאָג'ס בלומען... זיי האָבן אוודאי געפלאַמט מיטן בלוט פון וואַן גאָג'ס האַרצן. אָבער דעם מיידל זיינען זיי נישט געפעלן. בכלל איז די וועלט פון וואַן גאָג — פינצטער און ביטער. קיין פריינט. קיין פרוי. קיין קינד. קיין היים. קיין פרנסה. קיין זון. קיין פרייד.

„דער צימער — קרום. פון די ווענט שפּאַרט שימל.
אַ שווער טישל, אַ בענקל, און אַ הילצערן בעט.
אויפן טישל — אַ ברודיק פאַרוועלקט בלימל.
אינמיטן צימער טרוקנט זיך אַ שטיקל גרעט."

פונדעסטוועגן זיינען זיינע בילדער פול מיט זון. פול מיט ליכט און ווינט, וואָס „קילט מיט ליבשאַפט זיין צעצונדענעם מוח". די זון ברענט זיינע געהירן.

די זון מאַכט אים משוגע. עס פּלייצט אין זיינע מאָלערייען די זון ווי צעשמאָלצן גאָלד. אָבער קיינער וויל די זון פון זיין בילד נישט קויפן.

„נעכטן איז ער געגאַנגען איבער הויפן,
מיט צעשויבערט פנים און די אויגן ווילד.
נאָר עס האָט קיינער ניט געוואָלט קויפן.
ס'איז פרעמד פאַר אַלעמען די זון אויף זיין בילד."

וואַן גאָג האָט אַ סך זאַכן אויסצוטראַכטן... ער טראַכט אויס זיין מיידל, די בלומען, דאָס גאָלד פון דער זון. פאַרוואָס זאָל ער אויך נישט אויסטראַכטן זיין גליק?! ער האָט איינאיינציקן ברודער, טעאָ, וואָס אָן אים וואָלט ער געווען פאַרלוירן. טעאָ איז זיין פריינטשאַפט, זיין שטיצע אין לעבן. טעאָ בויט זיך מיט זיין גוטסקייט צום געשטראָפטן און פאַרשאַלטענעם ברודער אַ מאָנומענט אין יעדן בילד פון וואַן גאָג... צו טעאָ שרייבט אין שפּעטער נאַכט, מיד פון געשלעג מיטן מאָנסטער — דאָס לעבן — וואַן גאָג אַ בריוו. איז אָט ווי ער פּרוּווט דורך קונסט אויפבויען זיין חלום, זיין גליק, זיין וועלט. און צום דאָזיקן שטילן חלום ציט עס וואַן גאָג צוריק — אין דעם טומל פון 19-טן יאָרהונדערט, וואָס איצט זעט דער דאָזיקער יאָרהונדערט אויס אידיליש, אין פאַרגלייך מיט אונזער „אַטאָמישער" צייט. אָבער, דער דאָזיקער יאָרהונדערט, ווי דער יאָרהונדערט פון ירמיהו אָדער

סאָקראַטעס, האָט נישט געהאַט קיין מיטלייד און קיין פאַרשטענדניש צו זיינע קינסטלער.

די וועלט פון וואַן גאָג׳ס בילדער, זיין אייגן־געשאַפענע וועלט, נאָר זי אַליין איז פריינטלעך צום קינסטלער. ער, זיין גוף, זיין נשמה, זיינע געדאַנקען, זיין קאַמף אויסצובעסערן די לאַגע פון די באַרינאַזשער קוילנגרעבער — איז איבעריק. אויף דער דאָזיקער מאַטעריאַליסטישער וועלט. ער אַליין האָט נישט קיין היים. די וועלט אָבער פון זיינע בילדער איז געשיצט אין דיקע ראַמען. זיינע בילדער וועלן האָבן טויזנטער שיינע און וואַרעמע היימען. נביאיש זעט דער קינסטלער פאַראויס אַז זיין וועלט, די דורך אים אין בלוט און טרערן־געשאַפענע וועלט, וועט לעבן, אַז זיין אַנגעצונדענער קאָסמאָס, מיט וואַלקנס און נעבולאָס וואָס זעען אויס ווי עמבריאָנען, וועט בלייבן שטיין אין די בילדער. דאָס איז די איינציקע טרייסט צום קינסטלער־מאַרטירער.

עס אַרט מיך ניט דאָס אַוועקגיין פון אַזאַ זינלאָז לעבן,
פון דעם קליינעם מענטש וואָס טוט אַלץ פאַרדאַרבן.
אין מיינע בילדער האָב איך זיך געטאָן פאַרוועבן,
אויפגיין וועל איך — אַפילו נאָכן שטאַרבן!״

דאָס איז די וויזיע פון זיין לעבן אין דער צוקונפט. מיטן דאָזיקן געדאַנק אַרבעט יעדער אמת׳ער קינסטלער. די נביאים גלויבן אַז די וועלט וועט אָננעמען די פאָרם פון זייער פאַרשטעלונג. די מאָלערס גלויבן אַז די וועלט וועט לייכטן ווי די זון אין זייער וויזיע. די מוזי־קער גלויבן אַז די וועלט וועט וואונדערלעך אויפקלינגען ווי אַ סימ־פאָניע. דער פאָעט מאָלט מיט פלאַמען זיין אַנגעצונדענע וועלט־בילד.

וואַן גאָג גייט אַלזאָ פריי־ווילי־ק שטאַרבן אין זוניקן פעלד. צו גרויס דער שמערץ. צופיל וואַנזין אין קאָפּ. צו גרויסער געראַנגל מיט אַ וועלט פון סנאָבן, בשעת דער עכטער קרעאַטיווער מענטש, דער נביא אין קאָליר, ווערט געוואָרפן אַ געפאַנגענער אין וואַנזין־הויז. די געזעלשאַפט פון לויטער זאַטע פיליסטער קען נישט פאַרטראָגן קיין טראַגישע געניוסעס. די טורמע און דער אַזיל, דאָס שפּיטאָל און דאָס משוגעים־אַנשטאַלט איז דער בעסטער פלאַץ פאַר מענטשן וואָס ווילן עפּעס אומענדערן. וואָס טראַכטן אַז די וועלט איז נישט גוט און מען דאַרף זי בעסער מאַכן.

„די זון פון מיין פעלד איז מיר אין קאָפּ געבליבן — זי פאַר־ברענט מיר מיינע געהירן.״ עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי דער טויט. און נאָך אים, נאָך זיין טויט, וועט זיך אָנהייבן אַ געלאַף פון די קונסט־קרעמער. דאַמען וועלן זיך אָפּבריען די הענט ביים באַרירן זיינע ברענענדיקע ציפּרעסן. זייערע טייערע פוטערס וועלן זיך אָנצינדן ביי זיינע פלאַמענדיקע בוימער. גרויסע „מבינים״ וועלן זיך אָביסל פּילן שאַקירט וואָס וואַן גאָג האָט אויף אייביק אַריינגע־שטעלט וואַן גאָגן דעם געקרייציקטן אין זיינע בילדער. אָבער די סענסאַציע וועט אַלץ שטייגן. וואָס פּאָפּולערער זיין טראַגעדיע וועט ווערן פאַר די צייטונגס־לעזער און ביאָגראַפיע־שלינגער — אַלץ מער וועט שטייגן זיין וועלט־רום, זיין פּרייז אויף דער קונסט־בערזע. וואָס פינצטערער זיין גורל וועט אויפגיין פון אירווינג סטאָנ׳ס „לוסט פאַר לאַיף״, אַלץ אייליקער וועט מען איינהאַנדלען זיינע בילדער. די דאָזיקע פינצטערע איראָניע פון דער באַציאונג פון אונזער הויך קולטור־

רעלער און זייער נאָבעלער געזעלשאַפט צום איינזאַמען קינסטלער
ווערט גאַנץ גוט אַרויסגעבראַכט אין יאָסל קאָהנ'ס פערזן:

„זיין וואונד, אַ פּוץ פאַר די אויגן פון אַ גביר,
איז אין גאָלדענע ראַמען אַריינגעשטעלט,
וואַן גאָג מיט פּענדזל — פאַרב און פּאַפּיר,
שפּאַצירט אַ באָרוועסער אַרום אויף דער וועלט."

יאָסל קאָהן האָט גוט אַרויסגעבראַכט דעם פּאָרטרעט פון וואַן גאָג. אַוודאי איז דער בעסטער מאָלער פון זיין פּאָרטרעט — וואַן גאָג זעלבסט. וואָרים נישט קיין אַנדערער ווי וואַן גאָג האָט אַרויסגעבראַכט זיין טראַגיש געשטאַלט. זיין איינזאַמקייט און זיין פאַרצווייפלט בענקען נאָך ליבע. זיין קאָנפליקט מיט דער געזעלשאַפט און זיין געשלעג מיטן שיקזאַל. זיין קאַמף קעגן איינזאַמקייט און זיין שטרייט מיט דער וועלט'ס גלייכגילטיקייט צוליידן. וואַן גאָג האָט אַרויסגעבראַכט קלאָר און מאָנומענטאַל זיין אייגענעם געשטאַלט — אין זיין מאָלעריי און אין זיינע באַרימטע בריוו צום ברודער טעאָ. פונדעסטוועגן נייטיקט זיך אפילו אַזאַ קלאָר־אַרויסגעבראַכטע געשטאַלט ווי וואַן גאָג — אין ליטעראַטור, אין קאָמענטאַר. און ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן האָט פיל געטאָן כדי וואַן גאָג'ס געקרייציקט געשטאַלט זאָל אויפגיין אויף די ווענט פון רייכע וואוינונגען.

יאָסל קאָהן האָט וואַן גאָג'ן אויפגעפּאַסט ווי אַ ברודער־קינסטלער. ער פילט זיך צו אים גייסטיק פאַרקרובה'ט דורך זיין אייגענעם טעסטאַמענט־טאָן און תשובה־געפיל. קיין זאַטער, זעלבסטצופרידענער דיכטער וואָלט אַזעלכע לידער וועגן וואַן גאָג נישט געקענט שרייבן. יאָסל קאָהן, וואָס גייט אין די טריט פון די דיכטער וואָס זיינען פול מיט קאָנפעסיע און חרטה, וואָס זוכט שטענדיק אויסצודערציילן פון זייער איינזאַמקייט און פון זייער „פאַרצווייפלט איינזאַם ליד", האָט וואַן גאָג פאַרשטאַנען און ריכטיק אויפגעפּאַסט אין זיין גאַנצער טראַגיק. דערין איז יאָסל קאָהנ'ס דיכטערישער פאַרדינסט.

די געשטאַלט פון וואַן גאָג, הגם אין איר גאַנצער סטאַטור אַרויסגעבראַכט פון וואַן גאָג'ן אַליין, וועט פונדעסטוועגן ווייטער וואַנדערן אין דער וועלט פון קונסט און ליטעראַטור. וואַן גאָג איז אַ גוטע טעמע פאַר יעדן קינסטלער וואָס איז נישט צופרידן מיט דער וועלט. וואַן גאָג, פּונקט ווי בעטהאָווען, ווי לי־טאַי־פּאָ, ווי רעמבראַנדט, לעבן אייביק און ווערן אין יעדן דור אויפסניי באַשאַפן, ווייל יעדער דור שפּיגלט זיך אין זיי און יעדער קינסטלער — אין זיין קאַמף מיט דער געזעלשאַפט, מיט דער נאַטור, מיט די גרעניצן פון נאַטור — געפינט אין וואַן גאָג'ס דראַמע זיין אייגענעם פאַרמעסט און געראַנגל. דאָס זיינען גאַנצע, פאַרענדיקטע סימבאָלן, וואָס ווערן אָבער נישט פאַרגליווערט און געשלאָסן. יעדער דור נעמט זיי אַראָפּ פון די פּיעדעסטאַלן, פירט זיי אַרויס פון די מאַרמאָרנע נישעס פון דער געשיכטע און באַשאַפט זיי אויפסניי און זיי ווירקן ווידער און זיינען אַן אייביקער ביישפּיל און אַ סטימול צום קאַמף פון דער מענטשהייט פאַר גוטסקייט, שיינקייט און פרייהייט.

דער יונגער פּרץ הירשביין

אין די לעצטע נעכט האָב איך דורכגעלייענט פּרץ הירשביינס „מיינע קינדער יאָרן." דאָס בוך האָב זיך ביי מיר פאַרוואַלגערט פון דעם גרויסן גליצענשטיין־אַרכיוו, וואָס איז ביי מיר געבליבן. עס האָט אַן אויפשריפט „ענריקא גליצענשטיין אַ מתנה — מיינע קינ־דעריאָרן — פּרץ הירשביין." וויל איך דאָ זאָגן, אַז דאָס בוך איז ביי מיר געוועזן איינס פון די שענסטע ביכער, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געלייענט. און טאַקע דורך דעם דאָזיקן בוך איז מיר פּרץ הירשביין טייער געוואָרן. אויב אַ בוך קען מאַכן אַ פריינט, האָט עס דאָס בוך געמאַכט פון מיר אַ פריינט צו פּרץ הירשביין. און דאָס צו אַ שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, וואָס איך האָב ווייניקער געלייענט ווי מערסטע אידישע שרייבער. קיין דראַמען לייען איך נישט. אין די שעקספּירישע צייטן האָט מען דראַמעס נישט געהאַלטן פאַר קיין טייל פון ליטעראַטור. און הגם איך טייל נישט די דאָזיקע מיינונג, מוז איך זאָגן, אַז איך קען פּשוט נישט לייענען די דראַמע. איך קען זיך נישט צופּאַסן צו איר פאָרם. עס נעמט מיר אַ לאַנגע צייט ביז איך לערן זיך אויס די נעמען פון די העלדן און איך ווייס ווער עס רעדט צו וועמען. פּרץ הירשביין האָב איך געזען אין אי־דישן טעאַטער און אין קינאָ („גרינע פעלדער"). פון דער פּיעסע „גרינע פעלדער" זיינען מיר טאַקע געבליבן אין זכרון די גרינע פעלדער, די פוילישע לאַנקעס, די אומענדלעכקייט פון דער לאַנד־שאַפט. די לאַנדשאַפט וואָס ווערט האַרציק, אינטים, וואַרעם, ווי די מענטשן, וואָס זיינען האַרציקע, סענטימענטאַלע מענטשן.

אין פינפטן יאָר האָט פּרץ הירשביין אָנגעהויבן גיין אין חדר. זיין מלמד איז געוועזן ר' מאַטעס, פון קלעטשעוו. ווען פּרץ'עס עלטערער ברודערל הויבט אָן גיין צו מאַטעסן אין חדר, קומט ער אַהיים מיט בלויע פלעקן אויפן לייב. דער רבי שמייסט אים. פּרץ זעט שפּעטער אַליין צו ווי דער מלמד שמייסט די קינדער. דער טאַטע האַלט, אַז מאַטעס שמייסט, ווייל ער מאַכט פון די קינדער מענטשן. די איידעלע מוטער זיינע בעט זיך ביי ר' מאַטעסן ער זאָל איר פּרץ'ן נישט שלאָגן. און עס איז מערקווירדיק, אַז ביים סוף פון זמן שטעלט פּרץ פּעסט מיט גרויס סאַטיספאַקציע אַז מאַטעס האָט אים נישט געשמיסן. פּשוט, דער רבי האָט פאַר אים דרך ארץ.

ווען מיר קענען די פיגור, דעם פּאָרטרעט פונם רייפן פּרץ הירשביין, קומט אויפן געדאַנק דער רעספּעקט וואָס ער האָט צו זיך אַרויסגערופן. עס איז געווען דער דאָזיקער פּאָרטרעט וואָס האָט אים חשוב געמאַכט און אַרויסגערופן דרך ארץ מצד דעם אי־דישן פּובליקום. פּרץ הירשביין האָט נישט נאָר באַשאַפן דראַמאַ־טישע פיגורן. ער האָט נישט נאָר געגעבן מאַטעריאַלן צום אַקטיאָר, ער האָט נישט נאָר די בינע באַפעלקערט מיט פיגורן פון בלוט און פלייש. ער האָט זיך אַליין אויפגעבויט צו אַ דראַמאַטישער גע־שטאַלט. ער האָט זיך אַרויסגעהויבן פון דעם פּובליקום נישט בלויז ווי אַ גייסטיקער שעפער, נאָר ווי אַ שעפער וואָס וועקט חשיבות דורך זיין אייגענער געשטאַלט. זיין באַטאָנונג און אַקצענטירונג און טאָנאַציע פון וואָרט. זיין ווירדיקע האַלטונג. זיין חשיבות פון

אַ קרעאַטיווער פּערזענלעכקייט. זיין הויכע מאָראַל אַלס שרייבער, איד און מענטש. זיין שלאַנקע, פאַרפיינערטע, סקולפּטורישע געשטאַלט. זיין האַרציקע באַציאונג צום מענטש. זיין אופן פון שרייבן און אויפטרעטן אויף דער טריבונע. זיין פּאָזיטיווע באַציאונג צו שעפערישע אידישע עלעמענטן. זיין ריין לעבן, זיין עטישע דערשיינונג. דאָס אַלץ וואָס שטאַמט נאָך פון אַ צייט ווען דער שריפטשטעלער האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין פאָלק, זיין דור, זיין צייט, זיין עפּאָכע. וואָס שטאַמט פון אונדזערע געוואַלטיקע נביאים־געשטאַלטן, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט מיט די קעפּ אונטער די הימלישע סופיטן. וואָס שטאַמט פון דער צייט, ווען מען האָט געגלויבט אַז דער שריפטשטעלער דאַרף ענדערן די וועלט, זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר, שפּילן די ראָלע פון געוויסן. רעאַליזירן גרויסע אידעאַלן און רעאַגירן אויף דער וועלט׳ס בייזע מעשים מיט אַ „זש׳אַקיז״ און „איך קען נישט שווייגן!״

פּרץ הירשביין האָט געשטאַלטלעך געהערט צו יענער עפּאָכע פון שרייבער־מאַסטאַדאָנען, וואָס דענקען אַז זיי זיינען מער ווי שרייבער. פּרץ הירשביין האָט דעריבער, אויסער זיין שרייבן ביי זיך אין צימער, אַרויסגעפירט פּרץ הירשביינען אויך אין דער וועלט, ווי אַ פיגור וואָס איז אַ פאַרטרעטער פון אַ גרעסערער מאַכט ווי די מאַכט וואָס די פּאָליטישנס און הערשער שטעלן מיט זיך פאָר. און ער האָט זיין געשטאַלט געלאָזט שטיין אין זכרון פון זיין פאָלק אויף אייביק.

ווען איך האָב געלייענט אַז שוין אַ מאָטעס מלמד האָט פּרצן נישט געשמיסן, האָט עס ביי מיר אַרויסגערופן דעם פאַרגלייך צו זיין שפּעטערדיקן געשטאַלט. שוין דער מלמד מאָטעס האָט אין זעקס־יאָריקן פּרצן געזען אַן אויסנאַם פון די געוויינלעכע קינדער פון זיין חדר.

דער טאַטע, ר׳ ליפּע, ווייל אַז פון קליינעם פּרצן זאָל אויסוואַקסן אַ רב. די מאַמע פּילט אַז צו ווערן אַ רב וועט קאָסטן צופיל אָנשטרענגונג. אָבער פּרץ אַליין איז נישט צו שטאַרק באַגייסטערט פון דער אידייע. ביי רבי ר׳ מאָטעס האָט ער געלערנט „אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות״ (ליב זאָלסטו האָבן די מלאכה און פיינט זאָלסטו האָבן דאָס רבנות). די סימפּאַטיע פון יונגן פּרצן איז אויף דער זייט פון זיין פאָטער, וואָס איז אַ שווער־פאַרהאָרעוועטער איד. זיין עלטסטער ברודער, בנימין־חיים, אַז ער קומט אין מיל אַריין, ווייסט ער ווי אַזוי צו פאַרריכטן אַלץ. „איך בין אים מקנא, וואָס ער האַלט אַ האַק אין דער האַנט; ווי אַזוי די האַק פאָלגט אים; טרוקענע גראַביע־האָלץ, האַרט ווי שטאָל — ער טעשעט אַזוי גלייך. די שפּענער פליען פון אונטער דער האַק, ממש סטרוזשקעלעך שיילט ער אָפּ מיט דער האַק, ווען ער טעשעט גלאַט צו מאַכן אַ שטיקל האָלץ. אַז ער שמידט די שטיינער, הערט מען דעם גלייכן קלונג פון זיין האַמער. ער פּיקט מיט דעם שפּיציקן האַמער אין גרויסן שטיין; שטיין־שפּריצעלעך שיסן אַרום אים, פאַרפליען אים אין באָרד אַריין, טרעפן אין פּנים אַריין, און ער שמידט אַזוי פריילעך... פאַרוואָס האָט דער טאַטע אים נישט געמאַכט פאַר קיין רב?״

דאָס גאַנצע בוך „קינדער־יאָרן״ איז אַ באַשרייבונג פון אַרבעט

און אָנשטרענגונג. אין דער מיל אַרבעטן די גרויסע, ווי די קליינע. עס אַרבעט דער הונדערט יאָריקער זיידע און ער, דער אינגסטער זון פון דער פאַמיליע. אַלע נעמען אָנטייל אין דער שווערער האַרעוואַניע אַרויסצושלאָגן דאָס שטיקל ברויט.

דער קאַמף איז אַ ביטערער. פון איין זייט דער בעלי־גוף שרינסקי, וואָס מען דאַרף צאָלן אַ סך געלט פאַרן האַלטן די מיל אין אַרענדע; ער מיט די צוויי געזונטע בנים זיינע נאָגן אויס דאָס ביסל בלוט פון דער אַרבעט און מי; פון דער צווייטער זייט די נאַטור מיט אירע ווינטערן, פרעסט, אייז און שניי און פאַרפרירן דאָס וואַסער און די רעדער פון דער מיל; די גאַנצע משפחה אַרבעט מיט בלוט און שוויס אויף עסן; און פונדעסטוועגן האָט דער קליינער פרץ ליב אַרבעט. ער איז שטאָלץ ווען דער טאַטע שיקט אים מיט אַ זייטיקן גאַנג אין מיל אַריין.

ווען מיר לייענען די ערלעך־געשריבענע, צאַרטע בלעטער פון זיינע קינדער־יאָרן, דערקענען מיר אין אים דעם שפּעטערדיקן ראָמאַניסט וואָס פאַרערט אַרבעט. מיר ציען אַן ענגן שטריך צווישן זיינע באַשרייבונגען פון אַרבעט אין דער מיל — ביז צו זיינע שפּעטערדיקע באַשרייבונגען פון אַרבעט אויף די כערסאָנער פעלדער, אין זיין ראָמאַן „בבל.“ די ערשטע אַרבעטער, וואָס ער האָט אין זיין קינדהייט געזען — די טאַטע־מאַמע, דער אַלטער זיידע, זיינע ברידער און שוועסטער — ווערן פונקט באַשריבן מיט אַזאַ ענטוזיאַזם ווי די אידישע פויערן פון סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס פרץ הירשביין האָט באַזוכט אויף זיינע עלטערע יאָרן. פרץ הירשביין באַשרייבט מיט גרויס פּיעטעט דעם רב פון שטעטל, וואָס איז אַ בלינדער. זיינע מלמדים, ר׳ משה־מרדכי, ר׳ מאַטעס און זלמן שרייבער. אָבער זיין פען ווידמעט ער צו אַרבעט און אַרבעטער. דאָס זיינען די הייליקע פון זיין ווערק — ביז צו די „גרינע פעלדער“ און זיין שוין דערמאָנטן „בבל.“

אַ וויכטיקע פיגור אין זיינע קינדער־יאָרן איז דער זיידע. דער זיידע איז געווען אַ קרעפּקע אידל, וואָס האָט אַריינגעשפּאַנט אין זיין הונדערטסטן לעבנס־יאָר. דער זיידע האָט געזונגען צום קליינעם פרץ זיינע ניגונים, וואָס האָבן אין פרצן דערוועקט אַ גאַנצע פאַנטאַסטישע וועלט פון געזאַנג, וואָס ער האָט אַרויסגעהערט פון דער גאַנצער נאַטור. דער זיידע האָט פרצן געלערנט די סמנים פון וועטער. „זאָלסט וויסן, פּרצל, אויב דער הימל אין מערב־זייט איז ביי דער שקיעה רויט און מיט געלע פּאַסן, איז דאָס אַ באַווייז, אַז ווינטן וועלן בלאָזן. וועט עס, פּרצל, זיין גוט פאַר די ווינט־מילן דאָרטן אויפן באַרג. אַז די זון גייט אַרונטער הינטער אַ וואָלקן און קומט שוין מער נישט אַרויס ביז צו דער שקיעה, באַווייזט עס, מיין קינד, אויף רעגן... זאָלסט וויסן, פּרצל, ווען די הינער טרייסלען מיט די ווידלען, וועט אוודאי זיין אַ בורע, און אַז די קאַץ גראַבלט מיט די נעגל די פּיסלעך פון בענקל — איז אויך אַ סימן אויף אַ ווינט. דער צפון־ווינט איז אַ רשע. קומט ער צובלאָזן — ברענגט ער אַ קעלט. ברענגט ער דעם פראָסט. דער גוטער דרום־ווינט, פּרצל, קומט ער צובלאָזן, ווערט וואַרעם. ווען דער דרום־ווינט טוט אַ זויג אויף רעכטס, צו מערב צו — וועט עס אוודאי רעגענען...“

פון זיין זיידן יהושע לערנט זיך פּרץ אויס וועגן די פייגל וואָס מיט זייער דערשיינונג און צוויטשערן זאָגן זיי אָן רעגן, לויטערקייט פון וועטער, קעלט. אַ גוטן קאָפּ האָט פּרץ צום לערנען. אָבער ליבער האָט ער דעם זיידן וואָס זינגט צו אים זיינע ניגונים. אים ציט צום ראָמאַנטיקער און רעאַליסט אינם זיידן. אַ סינטעז פון אַרבעט און פּאָעזיע האָט ער אין זיידן געפונען. אוודאי איז דער זיידע דער פּראָטאָטיפּ פון זיינע שפּעטערדיקע געזונטע פויערן־טיפּן. אוודאי איז תהלים און פּרק שיין צו לערנען און צו זאָגן. אָבער די פרייע נאַטור און אַקטיוויטעט פון אַרבעט איז שענער און וויכטיקער. אַזוי איז אין די „קינדער־יאָרן" געצייכנט די רודימענטאַרע ליניע פון זיין שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג און קינסטלערישן כאַראַקטער. די ערשטע קינדישע נטיות דעצידירן זיינע געדאַנקען, אַנשויאונגען און גייס־טיקער אויסבילדונג פון זיין פּערזענלעכקייט. דעצידירן זיין אַרטיס־טישן גאַנג און קרעדאָ, זיין פילאָסאָפיע און זיין גאַנץ לעבן.

ווען דער קליינער פּרץ גייט אין חדר און פון חדר אַהיים, גייט ער נישט ווי געוויינלעך — נאָר ער לויפט איבער דער לאַנדשאַפט. ער איז אַזוי דורשטיק נאָך נאַטור, נאָך רוים, נאָך דעם סטאַוו, די היימישע, ליבע בוימער, אַז ער לויפט דורך יעדעס מאָל דעם גאַנצן וועג אַהיים. צו די פּרעכטיקסטע, ערלעכסטע באַשרייבונגען אינם בוך זיינען די קאַפּיטלעך וועגן דער נאַטור. זיי מאַכן צום וויינען, די דאָזיקע שטילע, אידילישע און האַרציקע באַשרייבונגען פון דער נאַטור. דאָס איז נישט קיין זיסע פּאָעזיע — נאָר ערלעכע פּראָזע וועגן דער ערלעכער, גרויסער נאַטור. דאָ ווערן נישט באַשריבן קיין איבערגעוויינלעכע פּייזאַזשן, קיין קאָפּ־שווינדלענדיקע לאַנדשאַפטן. אַ אידיש אינגל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין „ליפּעס מיל," באַ־שרייבט זיינע דערפאַרונגען אין דער מיל, אַרום דער מיל. זיך אויפ־געכאַוועט צוזאַמען מיט דיביימלעך. געזען זיי וואַקסן. זיי האָבן אים געזען וואַקסן אַלס מענטש. דאָס גאַנצע לערנען, דער תנ״ך, די גמרא, די מדרשים, אַלץ לערנט פּרץ מיט גרויס פאַרשטענדניש. ער טאָלערירט די מלמדים זיינע. ער טאָלערירט די ספרים. ווען מען שיקט אים שפּעטער, אַלס עלף יאָריקן בחורל קיין בריסק צו אַ גרעסערן מלמד, טאָלערירט ער עס אויך. אָבער ער טאָלערירט עס בלויז. די אמתע ליבשאַפט איז די נאַטור. ער לויפט ממש אַ וויל־דער צוריק אַהיים פון חדר, פון דער פרעמדער, פון שטעטל בריסק — און ווען ער פאַלט צו צו דער נאַטור, איז עס מיט אַזאַ רינדיקער ליבשאַפט. מיט אַזאַ אינטימער פריינטשאַפט. עס איז אַ נאַטור פון אָן אָרעם אידיש אינגל. אַ נאַטור פון אַרבעט און פּראַצע. פון גע־מיינזאַמען קאַמף קעגן דעם שווערן ווינטער. אַ נאַטור וואָס איז געבוירן מיטן מענטש און גייט דורך צוזאַמען מיט אים די שווע־ריקייטן פון לעבן. וואו דער מאָמענט פון ליבע דויערט אַ קורצע צייט. וואו זעלטן איז פאַראַן ראָמאַנס. וואו די אַנשויאונג וועגן דער וועלט איז נישט אַזאַ זוניקע, ווייל די שווערקייטן פון לעבן זיינען ביטערע. ווייל דער איד לעבט שטענדיק אין שרעק פאַר זיינע שונאים, אין שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג.

לעבנדיק אויף דער מיל, זיינען אַלע פאַרהאַרעוועט און פאַר־מעליקט טאָג און נאַכט. אַפילו פּרצס שוועסטער, בעבל, אַרבעט מיט

און טראָגט נישט אַריין אין שטוב די פּאָעזיע פון אַ יונגער, אויפּ־בליִענדיקער מיידל. ערשט אינמיטן בוך ווערן מיר געוואויר פּלוצלינג אַז צו איר קומט אַ חתן. און אַזוי שנעל ווי ער קומט, גייט ער אַוועק אויף פיר יאָר דינען פּאָניען און דער טרויער איז געבליבן אין הויז נאָך זיין אַוועקגיין, נישט רעכנט היימיש ווערנדיק מיט זיין כלה. ווען די קינדער זיינען קליין, אַרבעטן אַלע, פון קליינער־הייט אָן, אין שווערער פּראַצע אַרום דער מיל. און ווען זיי וואַקסן אונטער, נעמט זיי אַרום אַ גרויסע מרה־שחורה און זיי בענקט אַוועק פון דער מיל, אין דער וועלט אַריין. קליינערהייט, ווען זיי האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע באַדערפעניש, זיינען זיי געווען צוצלעך דער מיל. אָבער ווען זיי וואַקסן אויס, פילן זיי די איינזאַמקייט, די גרויסע אָרעמקייט, די אָפּגעזונדערטקייט אין דער מיל. די מיל איז קיין תכלית נישט. עס קומט אונטער די צייט פון פּריזיוו. קלמן און משה, זיינע ברידער, גייען צום פּריזיוו. און ווען זיי קומען אַהיים, איז די מיל פאַר זיי קליין געוואָרן.

פרץ הירשביין האָט זיין אידעלע באַציאונג צום לעבן גע׳ירשענט פון דער מוטער. די מוטער איז אַן עכט־אידישע מאַמע. זי איז יונג ביים אָנפאַנג פון בוך, נאָר שוין אַלט מיט לאַסטן און מיט ווייטיקן. עס וועגט אויף איר דער טרויער נאָך אירע געשטאַרבענע פיר קליינע קינדער פונם ערשטן מאַן, וואָס זיינען דערשטיקט געוואָרן פון שקאַר־לאַטינע. זעענדיק אַז עס איז מן השמים, גט זי זיך מיטן ערשטן מאַן. עטלעכע קינדער שטאַרבן אויך פון איר צווייטן מאַן. די מוטער, הגם אַן אידעלע, אַ צאַרטע, אַ סענסיטיווע, האָט רעכט קיין צייט נישט צו מאַכן אַ שפּאַציר, צו קריגן אַ בוקעט בלומען פון איר מאַן, צו קריגן אַ מתנה פון עמעצן. אַ אידישע מאַמע — פרי אַלט געוואָרן. זי ציטערט איבער אירע קינדער, זי טאַפּט זיי די העלדזלעך אויס מורא פאַר שקאַרלאַטינע, זי האָט ליב פרצן מיט אַ באַזונדערער ליבע. דער טאַטע גייט אין די דרכים פון אַ איד. ער איז גרייט פרצן אַוועקצושיקן אין דער ווייטקייט, כדי ער זאָל לערנען, ער זאָל ווערן אַ איד אַ למדן, אַ רב, אַ מדריך ביי אידן. אָבער די מאַמע שוידערט פון אַוועקשיקן איר פרצן אין דער ווייטער מדינה. זי פילט זיין צוגעבונדנקייט צו דער מיל. און די מיל איז דאָך אַזוי ווי אַן אינדזל. זי שטייט אויפן וואַסער. דאָס וואַסער ריזלט און זינגט אונ־טער דער פּאַדלאָגע ביינאַכט. דאָס וואַסער נעמט אַרום די מיל פון אַלע זייטן. פאַרן דאַזיקן וואַסער האָט פרצל נישט קיין מורא. ווינטער, אין די גרעסטע פרעסט, וואַשט מען זיך דאָס פּנים אין דרויסן, ביים שניידנדיקן וואַסער. דאָס וואַסער דעצידירט זייער פּרנסה. פּאַלט דאָס וואַסער אָפּ — קען מען נישט מאָלן. איז פאַראַן צופיל וואַ־סער — מוז מען פאַרלאָזן די מיל, אויס מורא פאַר אַ פאַרפלייצונג. דאָס שטעטל קלעטשעוו, הגם אַזוי נאָענט, געציילטע וויאָרסטן בלויז, עקזיסטירט כמעט נישט וואָס שייך הילף, קאָמפּאַניע, געזעלשאַפט. יעדער איז פאַרטאָן מיט זיינע עסקים.

אין די דערבייאיקע שטעטלעך וואוינען זיידעס, באָבעס, פעטערס און מומעס. אָבער בלויז אַמאָל אין אַ יובל דערשיינען זיי. דעמאָלט ווערט אַ יום־טוב אין דער היים. אין דער מיל. אָבער דער טרויער פון צעשיידונג באַהערשט באַלד אַלעמען. די פרייד דויערט אַ מינוט.

די געזעגונג איז שמערצפול. די מאַמע חלומט יאָרן לאַנג פון באַ־זוכן אירע אַלטע עלטערן, איר געבורטסהויז, אין אַ שכנותדיקן שטעטל. דאָס לעבן איז פינצטער. אויף דעם קליינעם אינדזל איז פאַראַן בלויז אַרבעט און ברויט קוים צו דער זעט.

עס איז ווי אין אַ סקאַנדינאַווישער סביבה. די מיל איז אַ סקאַנ־דינאַווישע שטיק וועלט. דאָס לעבן, ווי פון סקאַנדינאַווישע פישער, איז אַ קאַמף מיטן וואַסער, מיט זיינע קאַפּריזן. אויסערן וואַסער איז די וועלט ווייט, אומבאַקאַנט, פרעמד. פרצן ווילט זיך דאָ באַהאַלטן אין דער מיל. אָבער אויך די ווייט רופט. יעדן באַגינען און ביינאַכט טראָגט זיך דורך דער צוג און אַלע הערן זיך אומרואיק צו צו זיין רוישן. דער צוג וואָס קומט פון מרחקים און גייט אין מרחקים. די מאַמע שרעקט זיך פאַרן דאָזיקן צוג, ווי אַ הון מיט אירע הינדע־לעך, וואָס דער שטראָם וויל פאַרטראָגן פון איר.

די גרויסע ליבשאַפט צום סטאַוו, צו די ביימער, צו די בלאָ־טעס, צו די זאַמדן — און די גרויסע בענקשאַפט צו דער ווייטקייט, צום ראַנד פון הימל, דאָרט וואו די זון זעצט זיך פלאַמיק. די היי־מישע, ליבע לאַנדשאַפט און דער צוג וואָס דראָעט, וואָס טראָגט זיך מיט אימפּעט אַוועק, שניידנדיק ברוטאַל די לאַנדשאַפט. דאָס זיי־נען די הויפּט־מאָטיוון פון פרץ הירשביינס לעבן, פון פרץ הירשביין דעם שפּעטערדיקן וואַנדערער אין אינדיע, אין כינע, אין אַפריקע, אין אויסטראַליע, דעם וועלט־טוריסט, דעם גלאָבוס־טרעטער — און די בענקשאַפט צו אַ היים פאַרן פאַלק, צו ערד, צו קאָנסטרוקטיווער אַרבעט ביי דער גרויסער ערד, ביי דער קי, ביים פערד, ביי די הינער, ביי די ציגן. דער קאָסמאָפּאָליט און דער איד — דער פרץ הירשביין ווי מיר קענען אים פון זיינע קינסטלערישע ווערק און פון זיין מאַיעסטעטיש און האַרציק־אויפגעבויטע געשטאַלטן: דאָס ריזלען, דאָס גראָבן, דאָס זינגען פון וואַסער אונטער דער מיל, אונטער דעם היימישן בעטל — וואָס ווערט דער לייט־מאָטיוו פון זיין גאַנץ ווערק. וואָס ווערט די מיסטישע מוזיק, די גאָלדענע מעלאָדיע, וואָס איר האָט געהערט אין זיין געשריבן וואָרט, פון זיינע דראַמאַטישע פיגורן אויף דער בינע, פון זיין מענטשלעך־חשובער, אַקצענטירט־עטישער און פאַראַנטוואָרטלעך־האַרציקער שטים.

ה. לייוויק

פּאָרטרעט

1.

אין די גרויסע סאָציאַלע דיכטער — דוד עדעלשטאַדט, באָווי־שאָווער, מאָריס ראָזענפעלד און ווינטשעווסקי — האָט די יידישע דיכטונג זיך דערהויבן צו אַ ראָמאַנטיש־רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס.

אין דער שפּעטערדיקער גרופּע „יינגע" האָט דאָס יידישע ליד באַקומען קריסטאַליזירטע פאָרם. דאָס ליד איז געוואָרן געזאַנג, מוזיק. אין קעגנזאַץ צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף און צו דער מאַסנסטיכיע — ווערט דאָס ליד ליריש און אינטים. במקום אינטער־לעקטואַליזם און פילאָסאָפיע — פּראָקלאַמירן די פּרינצן פון דער גרופּע „יינגע" דעם צויבער פון וואָרט — די שיינקייט פון איינזאַמקייט, פון פאַרטראַכט־זיין און פון אינדיווידואַליזם. די פאָרם פון ליד ווערט ראַפינירט און שמעקט מיט נאַקטורנע שטימונגען. די דאַזיקע עסטעטיש־ראָמאַנטישע באַוועגונג איז געבוירן געוואָרן אין די יאָרן, נאָך דער דערשטיקטער רוסישער רעוואָלוציע, ווען סאַניניסטישע שטימונגען האָבן באַהערשט די רוסישע ליטעראַטור; ווען דאָס אייגענע געמיט איז ביי די דיכטער געוואָרן וויכטיקער ווי דער קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. אין יידיש האָט זיך עס אויסגעדריקט אינעם אַנטלויפן פון דער סאָציאַלער באַוועגונג און צום ערשטן מאָל אַרויסטראָגן דעם ווערט פונם ליד זעלבסט, באַקאַנט אַלס „קונסט לשם קונסט".

פון אָט דער גרופּע „יינגע" גייט אַרויס אַ ווייס־פאַרשנייעטער ה. לייוויק. אַ דיכטער וואָס האָט ווייט איבערשטיגן און צעבראָכן די סוביעקטיוו־אינדיווידואַליסטישע ראַמען פון די „יינגע". אַ דיכטער וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין די קלאַווישן — נישט בלויז פון די מענטשלעכע געפילן און געדאַנקען — נאָר פון די סאַמע הויפּט־פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט. זיין ליד — אינערלעכער צעהיצט און אומרואיק, דעמאָנסטרירנדיק די קאָנפליקטן און קאָנטראַסטן און די דינאַמיק פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט; אויסער־לעך קאַלט, סאָליד און כמעט אָן דער בונטקייט פון רייכע קאָלירן און מוזיק־גאַמען, האָט זיין ליד געעפנט געוואַלטיקע האָריזאָנטן — האָריזאָנטן פון געדאַנק און מיסטיק. די פּאַנאָראַמע פון מענטש און וועלט; דער קאָנפליקט צווישן מאַסע און דערלייזער; די אייביקע דראַמע פונם העלד און דער קאַמף פון דער פּערזענלעכקייט קעגן דעם שיקזאַל.

2.

ה. לייוויק איז, אין דער פארערונג און אין דער פארגעטערונג פון „וואָרט״, געגאַנגען נאָך ווייטער פון די „יונגע״. די „יונגע״ האָבן זיך מיטן וואָרט פאַרשיקערט און פאַרשלעפערט. זיי האָבן זיך מיטן וואָרט געצירט, געמרייסט און געליבט. דאָס וואָרט איז פאַר זיי געוועזן זין און צוועק. דער דיכטער — האָט זיך געפּרייט מיט זיך זעלבסט, ווי מיט דעם געקרוינטן אין אוניווערס. ביי א. מ. דילאָן און ביי יוסף ראָלניקן, איז דאָס ליד — דער קערן פון דער רעאַליטעט. ביי מאַני־לייבן איז דאָס ליד — דאָס צירונג, דער שפּיל פון קאָסמאָס. זישא לאַנדוי זוכט ווידער דיכטער און אַקטיאָרן אַנצוטאָן מאַסקעס.

אָבער ה. לייוויק — מען קען עס ציטירן מיט הונדערטער לידער פון זיין דיכטונגס־רעפּערטואַר — זוכט צו שפּאַלטן, אויפצורייסן און צו אַנטבינדן דאָס וואָרט, צו דערגיין צו זיין קערן און ענערגיע. ווי די אַמאָליקע קבלה׳סטן, וויל דער פּאָעט עפענען און זיך דערגרונטעווען צום האַרץ פון וואָרט, וואָס איז פאַרמאַכט און געשלאָסן.

אין די ווערטער ליגט דער סוד פון דער דראַמע. די געגנעזים פון באַשאַף. ווערטער זענען נישט קיין באַנדאַזשן, צו פאַרבינדן די וואונדן. ווערטער דאַרף מען אויפהאַקן און דערגיין צו זייער סאַמע אורזין. זאָלן קוואַלן וויין און רחמים שטראָמען פון ווערטער. זאָל דאָס וואָרט קעמפן און טריאומפירן, ווי אין דער צייט פון די נביאים. זאָלן ווערטער צינדן די געמיטער און זיין אַן אָנגעליט אייזן אויפן רוקן פון פּייניקער.

„וואָרט ווערט דינער, זאַכן — פולער,
וואַנט וואַקסט גרעסער צווישן זיי,
קאָפּ אין וואַנט זיך שלאָג א דולער —
שלאָג איך אויך אין וואַנט אַזוי.
כ׳רייס פון ווערטער זיבן פעלן,
שאָלעכצן איך שייל און שייל,
ביז עס גיט א לויכט אין העלן
ס׳טיפע קערן אָפּן, הויל״.

דאָס איז דער זין פון דער קינסטלער־קאַמף מיט זיין אינסטרומענט. דער סקולפּטאָר שלאָגט זיך מיטן שטיין, כדי וואָס מער צו אַנטבלויזן זיין אייגענע וויזיע, זיין געשטאַלט אינעם שטומען שטיין, אינעם נאַטור־חומר. דער מאָלער קעמפט מיט זיינע קאָלירן. דער פּאָעט גייט אין אַן אַטלעטישן געראַנגל מיטן וואָרט, וואָס שטעלט אים א ווידערשטאַנד — ער שלאָגט עס, ווי דער וויאָליניסט שלאָגט די צאַרטע סטרונעס פון זיין פידל.

3.

דער מיטאָס פון יידישע לײדן, פון אינדיווידועלע לײדן, פון דער גאַנצער מענטשהייטס לײדן — איז שטום, ווי רוי־ערד, ווי רויט־ליים, געלעגן אין דער טראַדיציע, אין פאָלקלאָרישן אוצר פון פאָלק. דורך די גאַסן פון דער איסט־סאַיד שפּאַנט נאָך אַלץ אַרום

דער גייסט פון דעם בלינדן מארטירער־בארד, מאָריס ראָזענפעלד, און שרייט איוב־געשרייען צו די הימלען. פון תנ"ך טריפט ארויס דאָס בלוט פון א געוואלטיקן זון־אונטערגאנג — וואָס דעקארירט בלוטיק דעם הימל, וועןאברהם אבינו שטרעקט אויס דעם חלף צום האלדז פון דעם צאַרטן, ייִנגלישן און בלייכן יצחק. דורך דער לופט שוועבט דורך דאָס העראָאיש־אידעאליסטישע געשטאַלט פון דער צארטער העלאָאיזע, מיט אלע פלאמען פון איר הארצן גע־ווענדעט צום פּארבלוטיקטן און אנטמאנטן אבעלאר — דעם מיטל־אלטערלעכן דענקער. אין אלמא־אטא — אין נאָרוועגן — אין א הויז אין קויאַקאן, אין מעקסיקאָ, וואוינט א מאן, לעאָן טראָצקי, וואָס האָט געוואלט דערלייזן די וועלט דורך רעוואָלוציע און טע־ראָר. און די נייע לבנה הענגט איבער אים ווי א האק וואָס א פאר־ברעכער וועט אין זיין געניאלן מח אריינקלאפּן. ביי די טויערן פון רוים זיצט משיח און בינדט אויף און בינדט צו די באנדאזשן פון זיין ליב — דער מענטשהייטס לייב.

ה. לייוויק האָט דער ערשטער באריירט די וואונדן פון די גרויסע, טראגישע געשטאלטן, וועלכע סימבאָליזירן אייביקע ליידן אין דעם גראנגל פון דער פארשקלאפטער און טרוימענדער מענטש־הייט. פון סיביריען, וואו זיין קאָפּ ווערט גרוי ווי שניי, און וואו ער זעט אין זיין תפיסה־צעלע, אין בלויען פייערל געהילט, דאָס ליידנדע קריסטוס־געשטאלט, זיין חבר־ייד — לאָדט ער איין זיינע העלדן, זיינע סימבאָלן און זיינע אומשטערבלעכע סיבירער מאָטיוון. ה. לייוויק וועט אין סאנאטאָריום פון דענווער זיך באקענען מיט א טויזנט פּאציענטן, כדי זיי אלע צו שילדערן און זיי אויסצושמידן אין איין נתן ניומאן־געשטאלט, וועלכער וויגט זיך אין פיבער־כוואליעס; שרייבט דער געליבטער דעם „לעצטן בריוו"; וועלכער ליטערט זיך אין טויט און האָפט אויף „יענער זייט" זיך ווידער צו באגעגענען מיט זיינע יונגנט־פריינט און רעוואָלוציאָנערן. ער וועט ארויסרופן פון תנ"ך זיינע העלדן און זיינע לענדער — יצחק און סדום. ער וועט זיך אין שפּיטאָל שמערצפול האלדזן מיט שפּינאָ־זאן...

„ווי קומט אהער אין קראנקענצימער
דער פילאָסאָף דער אמסטערדאמער?
איך קוק זיך איין — קיין צווייפל מער,
ס'איז ער, ס'איז ער.

די פּולע ליפּן. די לאנגע נאָז.
דער גאנצער קאָפּ ווי אונטער גלאָז.
עס אָטעמט שווער זיין קראנקע ברוסט,
אין אָפּטן איבעריים פון הוסט.

דריי הונדערט יאָר — ווי איין מינוט.
אויף ליפּ — א פרישער טראָפּן בלוט.

דריי הונדערט יאָר לבנה'ס שטראַלן
אויף קאָפּ און קישן פאלן. פאלן.

א, געטלעכער, איך ריר דיך אָן —
וואַך אויף, שטיי אויף. דערקאָן".

דער דאַזיקער בלאַסער איינזאַמער און קבלה'סטיש־בלייכער פּאָעט האָט דורך דעם לייב פון יענע פילע פּאַציענטן, וואָס האָבן דאָ זייער אָטעם אויסגעהויכט, מיט זיינע שפּיצנפינגער דאָס לייב פונם אַמסטערדאַמער מאַרטירער אָנגערירט מיט אַן עלעקטריש־דיכטערישער קראַפט און זיי הויבן אָן צו לעבן אין אַקציע פון ליד און דראַמע. ער בלאָזט אַראָפּ דעם שטויב פון יוסעלען, אויפן פּראַגער בוידעם־שטיבל — און אין „גולם" דערמאָנסטרירט ער אויף אַ ברייטער קאַנווע די טראַגעדיע פון דעם מאָנומענטאַלסטן פון אַלע זיינע העלדן — דעם קאָלאָסאַלן גולם. אָט דאָס רויע, שטומע, געוואַלטיקע און פעלזיקע געשטאַלט, וואָס ווי נאָר דער מהר"ל טריפט אריין לעבן אין אים, הויבט ער אָן צו לידן און צו קעמפן און אַרומהאַלדזן זיך אין אַן אַטלעטישן קאַמף מיטן שיקזאַל, ווי נאָר ער אָטעמט אויף. אָט די שטומע מאַטעריע, וואָס איז אין גרויען באַגינען נאָך געווען ליים פון דער ערד, הויבט־אָן צו לידן געוואַל־טיקע לידן, הויבט־אָן צו בענקען, צו ליבן און אויפצושטראַלן אין העראָאישע געפילן, הויבט־אָן צו רעוואָלטירן קעגן זיין באַשע־פער און ברעכט דאָס געזעץ, ברעכט די מיסיע, און דאָס „ראָבאָט"־אַרטיקע...

אָט דער ראָבאָט — דער גולם — ווערט אַליין אַ געפאַר פאַרן מהר"ל; פּונקט ווי מענטש — מיט אַ ווילע צוריק נאָך שטומע מאַסע — וואָס קען קיינמאָל נישט אָנווייזן דעם אַפּזענדער־אַדרעס, דעם פּלאַץ אין קאָסמאָס פון וואַנען ער קומט, פּונקט ווי אָט דער מענטש שטעלט זיך אַנטקעגן דער נאַטור, קעגן געזעץ פון אוני־ווערס, קעגן גאָט זעלבסט און קעגן דעם גורל אינם טיטאַנישן פאַר־מעסט, אין אַ שטאָלצער אַרויספאָדערונג, אין דער פּאָזע פון אַ קין, אַ דאָן קישאָט, אַ האַמלעט — אין אַ דועל מיט דער גאַנצער נאַטור.

ה. לייוויק האָט מיט די שפּיצנפינגער באַרירט די העלדן פון לעבן, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן פאַרביי זיין אויג אין 1905 און 1917; ער האָט באַרירט די העלדן פון תנ"ך, וואָס האָבן זיך אין נבואישע געפילן און אין געדאַנקען־פלאַמען פאַרבייגעטראָגן פאַרביי די וויזיע פון זיין פאָלק. ער האָט באַרירט די וואָלקאַנישע כאַראַקטערן פון דער מענטשהייט, וואָס דרימלען און הויערן אין דער מענטשהייטס לעגענדע, פאָלקלאָר און מיטאָס, אין וועלכער די מענטשהייט איז קרעאַטיוו און דריקט אויס איר פאַרשטעלונג. איר וויזיע, איר בענקשאַפט און איר טרוים פון דער צוקונפט.

4.

אין אַ צייט פון ברוטאַליטעט און פּראָפּעסיאָנעלע, וויסנשאַפט־לעכע פעלקער־אויסשלאַכטעריי, אונטער דער סאַמע נאָז פון פליג־קע, וויים־מאַנזשעטיקע און טונקל־באַפּראַקטע דיפּלאָמאַטן, שלייַ־דערט ה. לייוויק — אין זיין גאַנצן בונטן רעפּערטואַר פון זיינע לידער, דראַמע און פּובליציסטיק — זיין הייס וואָרט, די הייליקייט פון לעבן — די הייליקייט פונם גאַנצן אָרגאַנישן לעבן אינם אוני־ווערס.

דער גרויסער איינזאַמער סיבירער דיכטער האָט געזען ווי מאַרטירער גייען אויס אין זייערע צעלן; ער האָט געזען ווי מענטשן ווערן צעגריזשעט דורך דער „ווייסער פּלאָג”. ער האָט געזען ווי אַרבעטער קומען אום אין דעמאָנסטראַציעס און סטרייקן. ער זעט ווי א פאָלק ווערט אויף אן אָרגאַניזירטן אופן אויסגעשלאַכטעט אין די נאַציִשע מאָרד־הייזער פון טרעבלינקע און מאַידאַנעק.

און ער, דער פּאָעט, האָט זיך דערשלאָגן צו דעם סאַמע עסענצפולן פון איביקער דיכטונג. צו דער שיינקייט פון לעבן, צו דער שיינקייט אין מענטש, אין נאַטור, אין חיה, אין פלאַנץ און אין בלום. צי איז נישט די נשמה פון דער דיכטונג — לעבן? ליבע? ליבע — אָט דאָס גרויסע פאַרשפּיל צו דער באַשאַפונג פון לעבן.

ער האָט געזען ווי זשעדנע פּאַציענטן פרייען זיך מיט די שטיקלעך פיבערישע לעבנס־שעה'ן. ער האָט געזען ווי מענטשן קניען צום לעבן — אין דער גאַנצער ריטערלעכער פּאָזע פון בויגן זיך צו דער שענסטער פון אַלע דאַמען.

אַלע גאַמען פון ליבע און צערטלעכקייט רייסן זיך פון פּאָעטס געמיט צו א בוים וואָס בליט נישט היינטיקן זומער. צו די קרוליקעס מיט בלויע אויגן וואָס ווערן געהאַלטן פאַר מעדיצינישע עקספּערימענטן אין די שטייגן. דערמאַנט אייך ווי די גאַנצע נאַטור נעמט אַנטייל און האָט מיטלייד אין נתן ניומאַנס שטאַרבן, דער העלד פון דער „באַלאַדע פון דענווער־סאַנאַטאָריום”:

„זיין אָטעם פלאַמט. זיין אָטעם שפּריצט מיט פונקען.
אויף ליפּן נעמען זידן בלעזלעך שוים.
זיין גאַנצער גוף, אין היץ־הער־פּלעט פאַרזונקען,
נעמט ברענען ווי אין מיטן וואַלד — א בוים.
ניט איין בוים ברענט. עס ברענען אַלע ביימער,
אַרומגעכאַפּט ווערט גאַנץ שפּיטאָל אין פלאַם;
און איך בין ניט קיין שכן מער, קיין שומר,
נאָר אויך, ווי ער, א טייל פון פייער־פלאַם.

און אַלע זיי, די שכנים־פּאַציענטן,
זיי פלאַטערן אין שטורם און אין שטורץ,
און זינגען דאָס געזאַנג צום טויט־דערקענטן,
מיט ווערטער איינגעהאַלטן — ווערטער קורץ.

און מיטאַמאָל פון שפּיצן ווערן פלאַכן,
די ראָקים טליען אונטער שוואַרצן רויך;
די פלאַמען — אויס. עס ווערן שטיל די קראַכן,
די ראָקים לעשן זיך, און ניומאַן־אויך”.

די גאַנצע נאַטור נעמט אַנטייל אין א מענטשנס שטאַרבן. דאָס לעבן ווערט דערהויבן צום העכסטן און הייליקסטן קולט און צוועק אין אוניווערס. מיטלייד ווערט די העכסטע פונקציע פון מענטש.

אָט דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו אין ה. לייוויקס דיכטונג.

.5

דיכטונג, ליטעראַטור, איז פאַר ה. לייוויקן נישט קיין פאַר־ווײַלונגס אָדער אַמוזירונגס־שטאָף. ווי אַלע גרויסע, פאַרגאַנגענע דיכטער — איז פאַר אים דיכטונג נישט נאָר אַ בײַשפּיל פון לעבן, אַ פאַרשטעלונג פון דער צוקונפט, אַ וויזיע פון אַ העכערן מאָדעל פון לעבן. די דיכטונג דאַרף ווערן דאָס לעבן זעלבסט.

דערפון "שטאַמט ה. לייוויקס וואונדערן־זיך, פאַרוואָס דער־זעלבער אויטאָר וואָס שילדערט אַ העלדיש לעבן אין זײַן נאָוועלע — קען אַליין ווײַטער לעבן, גענִיסן פון לעבן, בשעת זײַן העלד איז — טויט.

דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס וואָרצלט אין רעליגיע, אין דער סאַמע טיפעניש פון קונסט־און־דראַמע. עס איז אַ מין רעוואָלט קעגן דער קונסט וואָס איז בלויז בײַשפּיל, בלויז פאַרשטעלונג.

קריסטוס האָט זיך מקריב געווען פאַר די זינד פון דער מענטש־הייט — מיט זײַן יונגן לײַב. איז נישט אויך דער קינסטלער אַ דער־לייזער, הייליקער, וואָס איז מקריב זײַן לעבן פאַרן צוועק פון זײַן דיכטונג? איז קינסטלער זײַן — פאַרשטעלן דאָס שיינע, דאָס אי־מאַזשינערע בלויז, דאָס אילוזאָרישע?

פאַר ה. לייוויק וואָרצלט נאָך דאָס קינסטלער־געשטאַלט אין דעם אור־פּירער, שטאַם־פאָטער, עלטסטער, אור־קריגער און הייַ־לער. עס איז דאָס געשטאַלט פונם נביא וואָס שלאָפט אויף שטיי־נער — פאַר וועמען דאָס וואָרט איז נישט געזאַנג — נאָר שלאַכט. פּאָעזיע איז גאָטס באַפעל, איז קאַמף און שטרייט. פּאָעזיע איז אַנטיילנעמען אין דעם פאָלקס לײַדן און נויטן. פּאָעט זײַן — מיינט פאַראַנטוואָרטלעך זײַן פאַר זײַן פאָלקס קלעמענישן און אומגליקן. דאָס ליד דאַרף זײַן — טאַט. דער דיכטער־נביא — איז אַ קעמפער.

דער וואָס האָט געטראָגן קייטן אין סיביר — קען נישט אַנ־דערש ווי באַטראַכטן דעם דיכטער ווי אַ דערלייזער. עס איז אַ מין דערהויבן, אַ סובלימירן דעם געדאַנק פון די „יינגע", אַז דאָס ליד איז דער העכסטער צוועק. אָבער נישט אין עסטעטישן, נאָר אין עטישן זין, נישט עס זאָל בלײַבן בלויז — ליד, נאָר עס מוז ווערן לעבן, קאַמף, שטרייט, פאַרמעסט, דועל. דערפון נעמען זיך די פּילע מאָטיוון אין ה. לייוויקס ווערק פון מקריב זײַן זיך, פון דערלייזן די לײַדן פון דער מענטשהייט מיטן אייגענעם גוף און נשמה.

6.

ה. לייוויק איז באַוואוסט מיט זײַנע „אומקום"־מאָטיוון, אומ־קום, איבערבורד און איבערגעשטאַלטונג פונם איצטיקן, קעגנווער־טיקן, צום קינפטיקן. אומקום ווי אַ נויטווענדיקייט צו אַ נייער עפּאָכע—צו אַ נייער פאַזע פון אויפקום. אַזוי איז אויך דער טויט — די קאָסמישע ליטערונג צו אַן איבערערדישער עקזיסטענץ, וואו עס עפנט זיך אַ קאָלאָסאַלע פּאַנאָראַמע פון האַרמאָניע און אייַ־ביקייט. שפּינאָזאַ האָט נישט נאָר באַזוכט לייוויקן — זײַן קראַנקען חבר אין סאַנאַטאָריום — נאָר ער האָט אין אים אַרײַנגעטריפט זײַן פּאַנטעאיסטישע פילאָסאָפיע, זײַן אייביקייטס־לערע, זײַן קאָסמישן

באוואוסטזיין, וואָס זעט אין אַלע עקזיסטענצן — געטלעכקייט און אין אַלע פּראָצעסן — נויטווענדיקייט, זין און קאָאָרדינירט־קייט. וואָס זעט אין געטלעכער עקסטאַז — אַן אוניווערס וואָס האָט זיין צוועק און אָרגאַניזירטן גאַנג און וואָס פילט די קעגנזייטיקע שייכות צווישן אַלע קרעאַטורן אויף דער ערד אונטער די הימלען.

אין טוי־פּינקטע פּאַרנאַכטן, אונטער קאָלאָראַדער בערג מיט בריליאַנטענע שטערן, האָט דער בלייכער אַמסטערדאַמער אַסקעט געלערנט צום יידישן פּאָעט אַ תורה וואָס מאַכט גרויס און גליק־זעליש דעם מענטשן — טראָץ אַלע ליידן און באַגרענעצונגען.

7.

ה. לייוויקס ווערק איז לויטער דראַמע, אַקציע, קאַמף און די־נאַמיק. ער האָט קוים ציים אין זיין אַדיסייע פון מענטשלעכע קאַמ־פן און כאַראַקטער־קאָנטראַסטן און קאָנפליקטן, זיך אָפּצושטעלן און באַטראַכטן אַ לאַנדשאַפט, אין זיין סטאַטישער שיינקייט, ווען די לבנה באַלויכט די פאַרגליווערטע אָרדנונג פון דער נאַטור־קאָמ־פּאָזיציע. ה. לייוויקס העלדן זענען שטענדיק ביים ראַנד פון אָפּ־גרונט. זיי זעען דעם תהום, אָבער נישט די הערלעכע פּאַנאָראַמאַ פון דער אַנדערער זייט, וואָס דערהויבט זיך בלוי און מאַיעס־טעטיש.

און דאָך באַגרייפט דער פּאָלנדיקער ביים סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט די שיינקייט פון דער לאַנדשאַפט. אָבער דאָס איז די ריאיקע לאַנדשאַפט איבער דער אַנדערער זייט פון באַרג־שפּיץ. עס איז דאָרט וואו קעניג און בעטלער באָדן זיך אינם זעלבן קאָס־מישן ליכט. עס איז דאָס, אַנען — אין אַסך פון ה. לייוויקס קליינע לידער — דעם סוף פון קאַמף און דאָס פאַרנעמען יענע גרויסע שטילקייט וואָס איז די מוזיק פון דער אייביקייט, פון אוניווערס אינם גערעמגל פון ווילדע, עלעמענטאַרע סטיכיעס אינם מענטש, אינם קאַמף צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן מיאוס און שיינס — גייט אויף צום זעלישן אויער פון פּאָעט די קאָסמישע שטילקייט, וואָס הילט איין אַלע באַרג־שפּיצן און דעקט אָפּ ווי אַ פּאָרהאַנג דאָס טעאַטער פון הימל, וואו יעדער אַקטיאָר טוט אויס זיין מאַסקע און זיין קאָסטיום, זיין קרוין און זיין נאַרן־מיץ און ער בלייבט שטיין נאַקעט פאַר גאָט, בלויז מיטן עסענץ, מיט דעם קערן פון זיינע מעשים וואָס לויכטן ווי ליכט אַרום זיין נשמה.

די דאָזיקע קאָסמישע רו איז דאָס קעניגרייך וואוהין יעדער דיכטער און יעדער מענטש ציט. ווען אַלע קאַמפן ענדיקן זיך, גייט־אויף יענע רו אין ה. לייוויקס לידער און די דאָזיקע לידער זענען זיינע ריינסטע דיכטערישע דערגרייכונגען.

און דעם דאָזיקן פּרואוו צום דיכטערישן פּאָרטרעט פון ה. לייוויק — שליסן מיר מיט זיין כאַראַקטעריסטישן ליד:

„אַ ווייסער קראַליק איז געשטאַנען אויף אַ שטיין,
און אַ פּאַרכישפּטער געקוקט מיט רויטע אויגן,

ווי אויפן מערב־ראנד די זון האלט ביים פארגייז,
און איר אנטקעגן ברענט א רעגנבויגן.

און אויף דער צווייטער זייט פון שאָטנדיקן פעלד,
א קו, א ברוינגעפלעקטע, איז געשטאַנען, —
די קיילעכדיקע גרויסע אויגן אויסגעשטעלט
מיט־צלויזער־שטומקייט פון א וועלט, וואָס ניט פון דאַנען.

און איך, צו זיי, א דריטער אויפן גרויען שליאך —
מיין קאָפּ צו דער פארזונקנדיקער זון פאררוסן;
דערשפיר איך מיטאמאָל, ווי אין דער מינדסטער זאך
גראָד איצט לויכט אויף אַן אויג, וואָס טוט זיך ניט פארשליסן.

די זון איז שוין פארלאָשן, און דער רעגנבויגן אויך —
דאָס אויג אָבער אין חיה און אין נאָך בלייבט אָפן,
עס נעמען פאלן פליגלדיקע שאָטנס פון דער הייך
און בלענדן בליציק, ווי מיט אויג־ווייסל פארלאָפן.

דער ווייסער קראָליק שטייט נאָך אויפן כישוף־שטיין,
און אויך די קו — זי שטייט פארחושט נאָך ווי געשטאַנען,
און דורך איר קוק, וואָס כ׳הייב אביסל אָן פארשטיין,
דערנעענטער איך זיך צו דער וועלט וואָס ניט פון דאַנען.

דער סוד פון גרויסע קיילעכדיקע אויגן צוויי
אין אָנקום פון דער נאכט — אַן אָנזאָגונג צום גוטן,
אַן אָנזאָג, אַז איך אליין גיי אויף אין זיי
צו זען מיין אייביקייט אין די־אַ פּאָר מינוטן".

(ניו־יארק, יאנואר, 1946).

פ. בימקאָ

פ. בימקאָ, געקליבענע ווערק, צענטער באַנד, „קעלץ,"
נאָוועלן. פ. בימקאָ־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947.

אין פ. בימקאָס ציקל „מלחמה" פון זיין צענטן באַנד, איז נישט פאַראַן קיין נאַטור שילדערונג. עס איז דאָך די זעלביקע פוילישע לאַנדשאַפט, דאָס זעלבע גרינע, ראָסע־פייכטע פעלד, וואָס מיר, שרייבער פון פוילן, גאָך קליינע יינגלעך, האָבן אַריינגעזאַפּט אין דער פוילישער לאַנדשאַפט, זיך אַנגעטרונקען מיט איר אומעט, נאָר ביי בימקאָ איז נישט פאַראַן די נאָרמאַלע אידילישע און ראָמאַנטישע נאַטור־שילדערונג, איבערהויפּט אין דעם דאָזיקן ציקל „מלחמה."

ביז בימקאָ איז דאָס יידיש־פּוילישע שטעטל געווען פאַרקאָוועט אין איין, ווינטער צייט. יידן זיינען געגאַנגען אויף דער היימישער ווייסל, ווי אויף אַ טעלער פון צין. דאָס שטעטל איז געווען איינגעשלאָפן אונטער בערג און באַגאַרטלט מיט וועלדער. מען האָט אָפּגעבראָכן פון אַ רויטן באַרג שטיקער זאַמד, אויסצושיטן אויף דער שטוביקער פאַדלאָגע, פרייטיק צו נאַכט איז די זון פאַרגאַנגען ערב שבתדיק. אַלע אידן האָבן געקענט זען אַז די זון איז פייערלעך און יום־טובדיק. אירע שטראַלן האָבן ווי זיידענע פאַרהאַנגען אַראָפּגעהאַנגען ביי די עקן פונם שטעטל. די קברים זיינען פאַרגאָסן געוואָרן פון די ערב־שבתדיקע פלאַמען און בלוטיקע צויטן. דאָס שטעטל איז געווען אַריינגע׳כשופט אין אַ טיפער שטילקייט. דער הימל, ווי אַ בלויע פלאַכטע, האָט אידיליש צוגעדעקט דאָס שטעטל, מען האָט מיט דער האַנט געקענט דערטאַפּן די ראַנדן פונם הימל, ווי די ראַנדן פון אַ בלייערנער שיסל. די ערד איז געווען ערב פסח ווי אַ גרינער טישטעך אויף וועלכן בלומען ציטערן־אויף אין זייער גאַנצער גילדערנער שיינקייט. די בוימער האָבן געדאַוונט שמונה־עשרה. דער איד איז געווען צונויפגעקניפּט מיט די אידישע ביימער, מיט דער אידישער נאַטור. עס איז געווען אַ קליינע געשלאָסענע וועלט. אונטן, צופוסנס פון די וועלדער, איז געווען פאַראַנקערט די אידישע וועלט. אויבן — דער אידישער גאָט, וואָס יעדעס אידישע אינגל איז געווען זיכער אַז ער איז טאַקע אַ אידישער גאָט, אַז ער טראָגט אַ אידישע באָרד, אַז ער האָט אַ אידיש האַרץ, און אַז אַלע פעלקער האָבען נישט קיין געטער; זיי מאַכן אַ גרויסן טעות, זיי ווייסן נישט אַז גאָט איז אַ איד און האָט ליב די אידן. און אין תנ"ך איז געווען אונזער אַמאָליק קעניגרייך. אונזער פאָעטיש לאַנד. עס אין תנ"ך — נישט אויף דער מאַפּע. נישט אויף דער ערד. ירושלים איז אַוועקגעשטעלט אינם הייליקן תנ"ך.

דאָס איז געווען דעם אידנס וועלט, דאָס שטעטל — דעם אידנס היים. אין די ספּיראַלישע הימלען האָט זיך געטורעמט דער אידישער גאָט. אין דער תורה — אונזער געשיכטע, אונזער הייליקע ערד, אונזער בית המקדש, וואָס איז חרוב געוואָרן אונטער בבל, אונטער רוים — אָבער איז קיינמאָל נישט חרוב געוואָרן אין אונזער תורה,

אין אונזער אידישען הארץ.

די דאזיקע קליינע וועלט, ווי זי שטייט און גייט, איז גלאריע רייך אריין אין אונזער ליטעראטור. אין דער ערשטער פעריאָדע — די קלאסישע, ביי מענדעלע, פרץ און שלום עליכם. אין דער צווייטער פעריאָדע — די נאך־קלאסישע, ביי וויסענבערג, אש און רייזן. אין דער אמתן, לאמיר צום ערשטן מאל דא זאגן אפן, איז די גאנצע אידישע ליטעראטור א פראדוקט פונם שטעטל, אין די לידער פון ראלניק, רויזענבלאט, גלאטשטיין, האלפערן, לאנדוי און נאדיר טריפט נאך אלץ די היימישע האניקדיקע זון פון פוילישן, אוקראינישן, גאליציאנישן און רומענישן שטעטל.

אונזער געשלאסענע וועלט — דאס שטעטל — וואס האט געהאט אירע זינדיקע און הייליקע, אירע משוגעים, אירע גראטעסקע וואנזיניקע, אירע קרומע און שטומע און לאמע — איז אריין אין דער ליטעראטור. פון די שטומע זיינען געווארן נביאים מיט פלאמענדיקע מיילער, פון די זינדיקע — דראמאטישע געשטאלטן וואס ווילן אנרירן די פונדאמענטן פון דער וועלט. פון די נאראנים — געניאלע אידיאטן, פילאזאפישע בטלנים, זוכער, טרוימער, גריבלער און צווייפלער, וואס האבן געשאפן אסטראנאמישע טאבעלעס, פאנטאסטישע זייגער־ווערקן, האבן געשפילט טעאטער ביים פארזשאווערטן פלומפ. האבן געמאכט ליבע, האבן געפירט ראמאנען אונטער דער קופערנער לבנה, זיינען אומרואיקע ארויס פון די קברים, האבן געמאכט רעוואלוציע ביינאכט אויפן אלטן מארק, זיינען געריטן אויף די וואלקנס, האבן געפראוועט ליצנותדיקע שטיק, זיינען געגאנגען קיין ירושלים. האבן געוואלט ברענגען משיחן און זיינען צעבראכן געווארן אין גרויס ווייטיק און צער, ווי אלע עכט־טראגישע העלדן. ביי די זייטן פון די קליין־שטעטלדיקע בית עולמס זיינען אויף זייערע ליימיקע קברים געוואקסן דערנער און די לבנה האט מיט גאלדענע ליפן געקושט די בערגלעך.

אויך אין דער מאלעריי — אין די אידיליעס פון שאגאל, אין די קינדיש־אומשולדיקע אידיליעס, אין די אבראזן פון חתונות, אין דער צארט־נאאיווער וועלט — איז אריין דאס שטעטל מיט זיינע קריעה־בליעהדיקע פארשוינען — געהאמערט פון די שעפערישע כוואליעס פון טויזנט יאר צייט.

ווי געזאגט, די גאנצע אידישע ליטעראטור איז די ליטעראטור פונם שטעטל, און ווען מיר רעדן וועגן פ. בימקא, דער דאזיקער שריפטשטעלער וואס איז אין זיין הילוך און לשון, אין זיין מאסקע און געשטאלט, געבליבן שטיין פארווארצלט אין פוילישן שטעטל אזוי ווי א בוים איז געבליבן שטיין אויף זיין אלטער ערד — רעכענען מיר אים אויך צו, און אוודאי, צום שטעטל, צו דער נאך־קלאסישער ליטעראטור פונם שטעטל.

היטלער האט גענומען די אידן פונם שטעטל און זיי געשיקט אין קרעמאטאריום. ער האט פארניכטעט די אידישע וועלט. די פונדאמענטן פונם שטעטל, די הייזלעך, דאס אידישע האב און גוטס, די אידישע חפצים, דאס אידישע אנגעזאמלטע עשירות — אלץ איז זיך צעפאלן ווען ער האט געטויטעט די אידן, די פערסאנאזשן פון דער גרויסער טויזנט יאריקער דראמע פונם שטעטל. אבער

שוין ביים ערשטן וועלט־קריג, ווערט דאָס שטעטל אויפגעטרייסלט. און אין די פאַרמאַכטע, ענגע, געשלאָסענע, און פון דער וועלט אָפּ־געטיילטע שטעטלעך ברעכן זיך אַריין געפּאַנצערטע אַרמייען. די וועלט פון אימפּעראַטאָר, די אַרמיי פון צעשטערער, די פאַרניכטנדע אַרמיי פון עמלק, פון נבוכדנצר, פון טיטוס, וועספּאַסיאַנוס — די דאָזיקע אַרמייען לעבן נאָך און זיי קומען אין אידישע שטעטלעך, אין רוסישע אָדער דייטשישע מונדירן. די אידישע וועלט ווערט אויפגעטרייסלט. אַ פאַטאַלער פרעמדער כוח ברעכט זיך אַריין. אין אַן אייזערנעם פּאַנצער רייט אַריין דאָס שיקזאַל פון די אידן. דער מלחמה־פראָנט ברעכט אויף נייע באַדינגונגען פון לעבן. עס גייט אויף די גרויסע שפּיל פון רייכקייט און אָרעמקייט. מענטשן וואָס האָבן געהאַט פאַרמעגנס, ווערן איבער אַ נאַכט אביונים. מענטשן וואָס זיינען געווען כל ימיו אביונים, ווערן פאַנטאַסטיש רייך. די אידן דערפילן נייע מעגלעכקייטן פון שמוגל, האַנדל, שפּעקולאַציע, פאַנטאַסטיש שפּיל מיטן שיקזאַל. דער איד — געוואוינט צו רדיפות און נגישות — ווייסט אַז די מלחמה איז ווי אַ נאַטור עלעמענט. זי ברעכט אויס און זי וועט פאַרגיין. עס וועט בלייבן שטיין דער איד אויפן ברעג פון דעם קאָכעדיקן וואולקאַן. נאָכן אויסברעכן פון דער בייזער לאַווע, אויפן אַש וועט בלייבן שטיין דער איד, ווי מיט טויזנט יאָר צוריק. די מלחמה, וואָס פירט פאַרוויסטונג און טויט, גיט אויך עפּעס דעם לעבן. די מלחמה ענדערט דאָס לעבן, צעברעכט עס, דעפּאַרמירט עס, פאַרטרייבט די אידיליע, פירט אַריין כאַאָס, אומאָרדנונג — אָבער דער איד שפּילט זיך מיט דער מלחמה ווי מיט אַ ווילד פייער. דער הונגער איז גרויס. אידן האַנדלען מיט ווינט פון שטענדיק אָן. אין די שטעט איז גאַרנישט פאַראַן. אַלץ איז אויסגערויבט, אויסגעפּלינדערט, אויסגע׳גנבעט, אויסגעגריזשעט און אויסגעריסן געוואָרן, ווי פון ווילדע מחנות היישעריקן. דאָס שטעטל, די שטעטלעך, דער פראָנט, די אַרמיי, אַלץ דאַרף פרעסן, טרינקען, רויכערן, ברענען, לייכטן, זיך אָנטאָן, זיך וואַשן, פאַר־ברויכן אַלץ, וואָס די מענטשלעך־געבענטשטע און פאַרשאָלטענע האָט שאַפט זינט די אור־צייטן אָן. און דער איד דערפילט זיין געלעגנהייט — דער איד שפּילט זיך מיטן שיקזאַל. דער איד איז דאָך שטענדיק פאַרקויפט צום שיקזאַל. ער טאַנצט דאָך שטענדיק אַ פאַרבלוטיקטער אויפן שווערד פון דעם גענעראַל. ער טאַנצט און בלוטיקט אונטער בייטשן און ריטער און אייזערנע נאַגייקעס. צו דער ערד גייען די אַרמייען מיט זייער גאַנצן פאַרזשאַווערטן כלי־זין — נאָר דער איד, אַ צעשלאָגענער, אַ געפּאַטשטער, אַ צעבראָכענער, — גייט אַרויס פון הינטער די חורבות — דער עדות פון צייט און געשיכטע, און דער זיגער אין ביטערן קאַמף מיט זיין שווערן גורל.

אָט די צייט, די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט זיך בימקאָ פאַרגענומען צו שילדערן אין דעם ניינטן און צענטן באַנד פון זיינע געזאַמלטע ווערק. ביידע בענדער טראָגן דעם נאָמען „קעלץ.״ אין קעלץ האָט דער פּראָזאַאיקער זיך אויפגעהאָדעוועט, געלעבט, גע־רייפט, זיך געשאַפן און זיך אויסגעקנאָטן פון כאַאָס צום שרייבער, צום שעפער. עס איז די צייט ווען ער אַליין איז געוואָרן רייף, ווען ער האָט דערזען דאָס אידישע לעבן, ווען ער האָט גענומען

רעדן מיטן אידישן לשון, וואָס ער עפנט אויף אין זיינע ווערק, אַזוי ווי דער איד האָט גערעדט אין די טויזנט יאָר צייט אין פּוילן. אפשר האָט ער אויך געהאַנדלט, געשמוגלט, געוואַנדערט אויף די ירידים, געקויפט און פאַרקויפט, און אין בלויען באַגינען, געטוליעט צום לייב די קאָנטראַבאַנדע, די געהיימע סחורה, דעם כישופדיקן פּראָוויאַנט, דעם טייוולס שנאַפּסן, די פאַנטאַסטישע פּראָדוקטן, וואָס אַ איד האָט געפירט און צעפירט איבער דעם שטח פון דער פּוילישער מדינה.

איך האָב געזאָגט אין אָנפאַנג אַז עס איז נישטאָ קיין נאַטור־שילדערונג אין דעם ערשטן ציקל פון דעם דאָזיקן באַנד, וואָס איז אין דער אמתן אַ פאָרטזעצונג פון שלום עליכם, פון מנחם מענדל, פון דער גראָטעסק פאַנטאַסטישער געשטאַלט וואָס פליט איבער די וואָלקנס פון אידישער שפּעקולאַציע, אידישן טרוים, אידישער האָפענונג, אידישער טראַגיק און אידישער פאַטאַליטעט.

ווי אַזוי זאָל זיין נאַטור־שילדערונג אַז בימקאָ דער מחבר אידענטיפיצירט זיך אינגאַנצן מיט זיינע כאַראַקטערן, — מיט זיינע זיך איילנדיקע, צעטראָגענע און פליענדיקע אידן. דער דאָזיקער איד, אַרויסגעריסן פון דער שבתדיקער מנוחה, פון דעם פּאָעטיש באַהאַפטענעם ברכי נפשי, פון דער יום־טובדיקער ציכטיקייט און יום־טובדיקן טישטוך — האָט נישט קיין צייט, קיין אויג, קיין שטימונג, צו זען אַ שטיק נאַטור. אויסערדעם איז די נאַטור חרוב געוואָרן, דאָס שטעטל איז צעברענט געוואָרן. ביימער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן — אָן באַנדאַזשן. ביימער — אויסגעהאַקט, סעדער צעשטערט. די מלחמה מאָלט מיט אייזן און שרויט אַ נייע לאַנדשאַפט — צעשטערונג. דער קריגס־גאָט, מאַרס, וואַרפט אָן מיט קאַנאָנען און ביקסן אַ נייע פּייזאַזש — חורבן. איך זעט קוים די זון און דעם הימל. די מלחמה מאַכט איבער די נאַטור. אַ נייער בראשית ווערט געשאַפן מיט אַ נייעם וואָרט — מיט דעם דונער פון קאַנאָנען. פ. בימקאָ שרייבט: „מ׳האָט געפילט ווי ס׳האָט זיך עפּעס פאַרצויגן, און געבליבן הענגען איבערן קאָפּ — אַ בלייערנער הימל, אַ שטיק כמאַרע. דער טאָג אַליין האָט עפּעס אַרויפגענומען אויף זיך אַן אַנדערע מראה, — און ווי עס וואָלט געוואָרן פאַרענדערט דער גאַנצער הימל, די זון און די שטערן אָנגעהויבן גיין אויף צוריק. די טעג זיך שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ, און די נעכט אַריינגעפאַלן באַלד אין דער פרי, צי דערנאָך, — געמאַכט פונם טאָג אַ פּיצל. עס האָט זיך עפּעס גענומען קאָכן אין דער טיף, און מ׳האָט נאָר געקוקט, וואָס ס׳וועט זיך אויסקאָכן.״

נישטאָ קיין פּלאַץ און קיין צייט פאַר אַ שטילער, אידילישער שילדערונג, אין אַזאַ מלחמה סומאַטאָכע. פ. בימקאָ איז אויסן צו שילדערן עפּעס אַנדערש — אידן אין דער מלחמה, אידן אין האַנדל מיטן גרויסן בלוטיקן געץ — די מלחמה.

און די אידן — אויף דער ריזיקער האַנט־פלאַך פון דעם געץ — גייען אויף אַליין ווי פאַנטאַסטישע געשטאַלטן. דער האַנדל ווערט די נשמה. די נשמה איז פאַרקויפט צום גרויסן מולך, צום גרויסן בלוטיקן טייוול. אידן — ביזאַרע, גראָטעסקע, געהיימנישפולע געשטאַלטן. די שטילסטע ווערן לצנים. די טרוימער וואַרפן אַוועק

דעם טרוים. און גענענען זיך צום פאַרפירערישן קליד פונם מע־פיסטאָ. אידן ווערן פאַנטאַסטישע, גראָטעסקע סוחרים.

פ. בימקאָס פאַרשווינען נעמען־אויף דעם קאַמף מיטן לעבן. זיי נוצן אויס די בהלה, זיי לעבן אויף אַ פייער שפּייענדיקן וואולקאַן. אַהרן שלמה איז ביז צו דער מלחמה געווען אַ איד — אַ שאָטן. ווער האָט אויף אים געקוקט? אהרן שלמה האָט געוואוינט הינטער דער שטאָט, אין אַ העק, אַן איינזאַמער איד, אַ פּסול פון שטעטל. דעם דאָזיקן אהרן שלמה פאַלט איין אַ וויץ — אַז ער האָט עטלעכע זעקלעך פעפער. אידן פון באַגריע ווערן משוגע. אַלע פאַרייסן איצט די קעפּ צום אָרימען אהרן שלמה. אהרן שלמה שפּאַצירט אויפן מאַרק, „וואו יעדער קנין ווערט אַדורכגעפירט: פון אַ זעקל קאַר־טאָפל ביז צו אַ הויז, פיר איילן לייוונט (תכריכים פאַר אַ טויטן), ביז אַ פוד לעדער (אויב ס'אַזעלכעס בנמצא), דריי רעדער צו אַ וואָגן, אַ לאַטקעלע צוצולייגן צו אַ שוך, ביז צו אַ פּאָר שיך, בכבודם." און דאָ פאַראַדירט דער אהרן שלמה אַ פאַרשפּיצטער, אַ שמייכלענדיקער, אַ „קלוג־ציטערדיקער." דער לץ פון מאַרק, דער קלאַון פון דער מלחמה, די מאַסקע פון סאַטירע און גראָטעסק. לאָמיר ציטירן אַ שטיק זאַך:

„די צען זעקלעך פעפער האָבן אָנגעמאַכט אַ געשמדטן האַלז, און באַגריע איז געוואָרן פאַרפּלייצט מיט סוחרים, וועלכע האָבן זיך געשאַרפט די ציין, גע־שלייפט די צינגער, און זיך געריבן די הענט מיט זיי; מ'האָט געבויט לופט־שלעסער גאַנצע; ווי אַזוי מ'וועט זיך צעטיילן מיט דעם איבער שטעט; יעדע שטאָט — לויט די גרויס: אַ צענטל פון אַ זעקל, אַן אַכצענטל פון אַ זעקל, אַ זיבעציקסטל, אַ הונדערטסטל, — און אויף יענע שטעט וואָס ס'וועט גאָרנישט אויסקומען, זאָלן זיי כאָטש חיין ווי פעפער זעט אויס, אַז ס'זאָל נישט פאַר־געסן ווערן פאַר די נייע און שפּעטערדיקע דורות; און אַצינד, מכוח זיך אַליין? ווי מ'וועט זיך איינרייבן דעםביילעק ביי אים? דער, זיך קויפן אַ נחלה פון אַ פּאָר פונט פעפער; יענער — אַ פערד מיט אַ וואָגן, אַ קי, אַ ציג... אָדער אָפּלייגן אַ נדן פאַר אַ קינד..."

דאָס גאַנצע שטעטל באַגריע ווערט איבערגעקערט צוליבן פע־פער. עס קומען אָן אין שטעטל סוחרים, גנבים, פאַרדעכטיקע מענטשן, גוים און אידן.

:און אינאיינעם מיט די גנבים וואָס האָבן זיך גענומען אונטערגראָבן בשתיקה צום פעפער, האָבן זיך ווידער, אָפן, פאַר אַלע אין די אויגן, — אַרויסגעלאָזט בערג מיט אידן און גוים, וועלכע האָבן געקראָגן וואַסערדיקע אייגעלעך, און די שלינגע האָט זיי געריבן פונם מויל, — זיך גענומען צו צעאַקערן די שטאָט, און אויפס כוח געוואָלט אָנקריגן דעם פעפער; האַרמעס אידן, ס'רוב בעלי־עגלות, טרעגער, ווי אויך גוים, — האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט העק, מיט העמערס, מיט רידלעס און מיט ווידלעס; און וואו מ'האָט עפּעס דערשמעקט, ס'איז עמיצער עפּעס געקומען זאָגן, אָדער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, — איז מען דאָרט אַרויפגעפאַלן; נישט קיין חילוק. ס'האָט געמעגט זיין אַ שטאַל, אַ סוכה, אַ קאַמער, — און איר גלייך צעלייגט אויפן אָרט; מ'האָט געריסן פון די ווענט," און אַז. ו.

מען זוכט אין באַגריע די צען זעקלעך פעפער, מען צעגראָבט די קברים, מען ברעכט אויף די דעכער, די קעלערן, די סוכות, מען

גראָבט זיך איין ווי די מוילוואָרפן טיף אין דרערד. מען זוכט דאָס אָרט דאָרטן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, און מיטן שטעקעלע שפּאַצירט זיך אַרום דער לץ — דער וויצלינג — דער אַרלעקין אהרן שלמה, אַ גאַנץ לעבן אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט, אַ גאַנץ לעבן געוועזן אין שאָטן. דרייט ער איצט דאָס דינע פאַנטאַס־טישע בישוף שטעקעלע — ער איז דער העלד פון טאָג. איז וואָס זשע, אַז די צען זעקלעך פעפער האָט ער אויסגעטראַכט?

פאַרן רעאַליסט פ. בימקאָ, פאַר דעם דראַמאַטורג, וואָס דער עיקר אין דער וועלט איז די באַוועגונג פונם מענטשן, דאָס קאַרנאַ־וואַלעווען פון פיגורן, דאָס שלאָגן זיך פון העלדן, דאָס אומאויס־לעשנדיקע פייער פון אַקציע, דאָס וויבערירן פון אימפּולסן, — איז די דאַזיקע צייט אַן אוצר פון מאַטעריאַל. דורך דעם דאַזיקן שפּיל דערגייט דער רעאַליסט בימקאָ צו גראָטעסק און פאַנטאַסטיק, צום ביזאַרן און באַלאַדישן. זיינע העלדן זיינען נישט ליטעראַריש באַ־פאַרבט. דער מחבר טוט די נישט אַן אין קיין לירישן ליטעראַרישע קאָסטיומען. דער אויטאָר לייגט זיי נישט אַריין קיין וואָרט בלע־טער אונטער די צונגען. ער איז נישט דער סופלער פון זיינע „אַק־טיאָרן.“ עס איז דאָס לעבן — דינאַמיש, שטורמיש, ברויזנד און ווילד — וואָס ער לאָזט שפּילן. דער רעאַליסט בימקאָ, אַריבער־שטייגנדיק זיין אייגענעם זשאַנר, — דעם רעאַליזם — דערגייט צום שיקזאַלהאַפטן, צום טראַגישן און פאַטעטישן. ער גייט איבער צום סיור־רעאַליזם.

שוין די ערשטע דערציילונג „וואָס אַ מלחמה איז,“ קען דינען ווי דער מאָטאָ, דער קווינט־עסענץ פונם גאַנצן בוך. דער כאַראַקטער פון דער דערציילונג האָט צום ערשטן פּופּצן זעקלעך מעל, מיטן מעל לאָזט ער זיך אַרויס אויפן פּוילישן וועג, שלינגט די וויאָרסטן קיין לאָדזש, און אויפן וועג שוין גייען אים אַנטקעגן סוחרים, און מאָדנע פאַרשוינען, אַלערליי שטעקל־דרייערס און שפּעקולאַנטן, הכלל, פאַרצוקערט דאָס מעל — פירט ער אַהיים שניט סחורה פון דער באַרימטער לאָדזש. שוין אויפן וועג פאַרקויפט ער די שניט־סחורה, דעם פערד און וואָגן — און שטייט אַן איינזאַמער אויפן שליאַך, די קעשענעס פול מיט געלט. געלט אין די דאַזיקע צייטן איז ווי שטויב, ווי שניי, ווי איז, ווי שפּינוועבס. עס פאַלט אַן — און עס צעשמעלצט זיך. געלט טאָר מען נישט האַלטן ביי זיך. אין אַ ווילע אַרום פירט אונדזער העלד אַ סטאַדע פערד. דאָס געלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פערד. אין פּיעטריקאָוו דערזעט מען די פערד, ווי אונרעאַליסטישע באַשעפענישן. דער דייטש האָט דאָך אַלץ אויסגערייניקט — פערד, האָבער, שפּייז, אַלץ פרעסט דער מלחמה־מולך אויף. הכלל, די פערד ווערן פאַרקויפט פאַר בערג מיט געלט. און איצטער פאָרט אונדזער העלד מיט אַ וואָגן מיט בראָנפן — גלייך קיין טשענסטאָכאָוו. אָבער אויפן וועג נעמט דער דייטש צו דעם בראָנפן. אונזער איד פאַרלירט אַ האַלב פון זיין פאַרמעגן. אָבער ער האָט נאָך אַלץ גענוג געלט אויף אַ וואָגן צוקער, וועלכן ער פירט קיין קעלץ. הכלל, נאָך דעם צוקער קומט ווידער אַ מציאה מיט פערד. שפּעטער — מאַכאָרקע קיין לובלין, וואָס דער דייטש נעמט ווידער צו. צום סוף ברעכט אונזער דאָן קיכאָט רוק־און־ענד.

ער רעזומירט: „קוקט אייך נאָר אַרום: ווי די מלחמה האָט מיט מיר געפירט? אַרויסגעפאָרן, לכתחילה, מיט פופצן זעקלעך מעל, — ביני ובינך — וואָס איז פופצן זעקלעך מעל? און ווי שיין כ'האָב מיך שוין אַרויפגעאַרבעט ביי זיי? געהאַנדלט מיט שניט־סחורה, מיט פערד, מיט בראָנפן, אַ וואַגאָן צוקער! און פון דעם אַלעם זיך אַרויסגעדרייט אויף די אַלטע גע'פגר'טע קאָבילע, מיט דעם צעלעכערטן און חושכדיקן וואָגן? נאָר אויף וועמען, און וואָס פריער, — זאָל איך דאָ האָבן פאַראיבל: אויפן בראָנפן? אויפן צוקער? אויף דער מאַכאָרקע? אויפן מעל? צי אויף די פאַרשיווע קאָבילע? נאָר, מ'האָט דאָך שוין געזען ווי מ'איז ביי דעם אַלעם אויך געבליבן אָן אַ קאָפּ! און אַז כ'וואָלט געהאַט ס'געלט, און געבליבן אָן אַ קאָפּ, — וואָלט בעסער געווען?״

פ. בימקאָס העלדן פאַרשפילן אַלע. דער מיראַזש לאָזט זיך אויס קאַלט און גרוי. צום סוף בלייבן זיי אַלע די זעלביקע אָרעמעלייט. עס איז געווען אַ חלום פון מלחמה. אַ גאָלדענער פאטא מארגאנא. איינער פון די גרויליקע רעאַליסטישע חלומות פון דער געשיכטע, ווען מענטש באַגעגנט זיך מיט שנאה קעגן מענטש, ווען אומגעצוימטע כוחות גייען אין אַ בלוטיקן געראַנגל — און דער סוף איז אייביק דער זעלביקער: אַנטוישונג, מידקייט. אַ צעשטערטער מענטש מאַרשירט אויף דער צעריסענער ערד, מיט צעריסענע קברים, צעבראָכענע גערטנער, אָפּגעזענקטע וועלדער. פאַרברענטע שטעט. דאָס איז די מלחמה. די אַקטיאָרן, די סטאַטיסטן, גייען מידע אַהיים. פ. בימקאָ שילדערט זיי אויפן סאַמע לעצטן זייטל פראָזע אין זיין צענטן באַנד:

„ס'האָבן געררינט די אַלע לאַגערן, קאַדערן, — און זיך צעשיט אויף פראַך; ווער ווייסט — אויף וואָס נאָך; און אַזוי ווי די שטויבעלעך געוואָרן אויפגעהויבן, — און געטראָגן אויפן ווינט; ס'האָט נאָכגעלאָזט די פעטליע, און דער פאַרצויגענער האַלדז איז געוואָרן פריי, — ס'האָט זיך אויפגעהערט גיסן אין אים דאָס בליי; און אַרויסצושרייען פון אים אַ געשריי, — יענער געשריי איבער אַלעם וואָס קומט און גייט פאַרביי; דער זעלנער, דער נעכטיקער גיבור אין כלי־זיין, — איז אַרויסגעפאַלן פון דער מלחמה, און וויל צוריק ווערן עפּעס פאַר זיך אַליין; ער לויפט צעטומלט פון די צעטרייבערטע פעלדער, אויסגעריסענע וועלדער און צעפליקטע שטעט. און ווי אַזוי ער לויפט? מיט אַלע וועגן און אומוועגן; שטעזשקעס — אויסגעטראָטענע און פאַרוואָקסענע; צו פיס און מיט וועגענער; זיי גייען, לויפן, — האַלבע זעלנער, שטיקלעך זעלנער, וואָס האָבן נאָך נעכטן געדרימלט אין אומענדלעכן גראָבן, ווי אויף אייביק פאַרקאָפּעט אין אים, — און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך היינט אויפגעכאַפּט: שוין איבערגעלאָזט די ביקס, דעם האַרמאַט, און אַרויס, ווי מ'גייט און שטייט, אָן אַלעם, און זיך געלאָזט צוריק אין דער אומענדלעכער ווייט — וואָס ברויכט מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה ווערן ענדלעך.״

***

דער ערשטער ציקל „מלחמה״ — אין דעם צענטן באַנד פון פ. בימקאָס געקליבענע ווערק — שיידט זיך שטאַרק אונטער פון דעם צווייטן ציקל „קדושים.״ אויב אין דעם ערשטן, ווי שוין דערמאָנט, האָבן מיר נישט קיין נאַטור, קיין לאַנדשאַפט, און דער איד ווערט געשילדערט ווי אַ ווינט, אַ שפעקולאַנט, אַ מנחם מענדל, אַ פאַנ־

טאַסט און אַ הענדלער — האָבן מיר אין ציקל „קדושים,“ אי די לאַנדשאַפט און אי דעם איד, דעם מאַרטירער און דעם הייליקן. דער איד טרעט דאָ אויף ווי אַ הייליקער, ווי אַ פאָרטזעצונג פון דעם היס־טאָרישן איד. וואו פ. בימקאָ רירט אָן דעם איד — בלוטיקט ער. זיין פּראָזע איז דאָ פון אַ מער־ליטעראַריש־קינסטלערישער קוואַלי־טעט. די שפּראַך — מער אָן אינטימע, אַ האַרציקע, אַ אידישע. עס איז דאָ פאַראַן מער באַציאונג צו זיינע מענטשן. דאָס פּוילישע אידנטום ווערט אים ליב. דער איד טרעט דאָ אויף אין אַ טראַגי־שער ראָלע. נישט מער אַלס אַ הענדלער, נאָר אַלס אַ מאַרטירער. פּרעכטיקע בלעטער עפענען זיך דאָ, וואו דו רירסט אָן דאָס פאַר־וואונדעטע, געשלאָגענע, צעבראָכענע לייב פונם פּוילישן אידנטום.

אויב אין „מלחמה דערקענט מען קוים דאָס פּנים פון דעם איד, די מאַסקע פונם גיהנומדיקן איד, וואָס אויך דאָרטן ווערט ער געפּלאָגט און געפּייניקט, און טוט אַלץ כדי אַהיימצוברענגען אויף פּרנסה — אָטעמט עס דאָ אויף מיט הערלעכע שטיקער שטייגער לעבן. אָט אַזוי הויבט אָן צו שילדערן פ. בימקאָ די צעשטערטע אידיליע פונם אידישן לעבן אין פּוילן:

„ווי אין אַ דינעם צעפּלאָסענעם חלום, און דורך זיידענע דרימען, געוועבן, — בליקט אַרויס דאָס אַלטע שטעטל, אין פּוילן; ווי עס זיצט פאַר דער טיר פון זיין הייזל, דער איד, אין שפּאַנצער הויזן, מיט אַ ספר אין דער האַנט, און אין שאָטן פונם גראָבן קאַשטאַן־בוים, — וואָס איז ברייט צעצווייגט פאַר זיין פענצטער. אויף דער שוועל פון דער קראָם שטייט זיין ווייב, די אשת חיל, די באַהאַרצטע און גאָטספאַרכטיקע אידישע מאַמע, און קוקט צום מאַן מיט אַ טיפער, אומענדלעכער ליבשאַפט; און דאָס איז געווען סיי אין אַ הייסן זומער טאָג, ווען ער איז געזעסן אינעם קילן שאָטן פון בוים, סיי אין שפּעטן אָוונט פון קליינעם ווינטער־טאָג, — ביים חלבן ליכטל; וואו ער האָט געבראָכן די קרענגעס איבער די אַלטע געלע בלעטער פון דער אַמסטערדאַמער גמרא, — אין וועלכער ער האָט זיך תמיד פאַרגריבלט, געזוכט און געניש טערט צווישן די אַלטע פּלוגתאס; זיין ווייב האָט קיינמאָל נישט מתרעם געווען אויף דעם ביטערן גורל אירן; וואָס זי דאַרף טראָגן דעם פינצטערן עול פּרנסה, טראָגן און האָבן, און דערנאָך ערשט — צער פון גידול בנים, ווי, ביים מחנך זיין, זיי אויפברענגען לתורה, לחופּה ולמעשים טובים.“

פאַראַן אין דעם ציקל אַ קאַפּיטל „אויגן“ — איז עס געשריבן ווי מיט טרערן. דער ס׳רוב עפּישער, קאַלטער און שילדערנדיקער מחבר לויכט דאָ אויף אין אַ נייעם זשאַנער — אין דער צאַרטער באַהאַנד־לונג פון אַ אידיש געפּייניקטער טאָכטער. דאָ ציטערט אויף איידל, דורך טיולענע און פליושענע ווערטער געמאַלן, אַ אידיש פאַרפּלאָגטע פּרינצעסין. און לאָמיר דאָ איבערגעבן דאָס וואָרט דעם פּראָזאאיקער אַליין. זאָל ער דאָ אַליין מאָלן זיין פאַרלוירענע אידישע פּרינצעסין:

„עס האָט מיך נישט אַזוי געפּייניקט דאָס פאַרצאָקטע פּנים אירס, — ס׳איז נישט געווען ס׳ערשטע פאַרזוגטע פּנים, וואָס איז מיר אויסגעקומען צו זען אין די לעצטע פאַר חדשים; עס האָט מיר אויך נישט קיין שלאָג געטאָן אין האַרץ אַריין דאָס קול אירס, — כ׳האָב שוין מער גליווער, מער צעטראָגנקייט ביי אַנדערע אין קול דערפילט; כ׳בין אויך נישט צוריקגעפאַלן פאַר איר גיין, ווי זי האָט געשטעלט אירע ליימענע פיס, נאָר וואָס עס האָט מיך געכאַפּט, און עס האַלט מיך, און מיך דאָ אַהערגעברענגט, אַזוי שפּעט ביי נאַכט, —

זיינען אירע אויגן ; אומגעוויינטלעך מאַטע, ווי ס׳וואָלט זיך אַלץ געהאַט אויסגעלאָשן אין זיי ; דאָס פּינטעלע אין זיי, דער שוואַרצער אַפּעל, האָט געצי־טערט, — פּונקט ווי דאָס מענטשעלע וואָלט זיך דאָרט אויפן קאָפּ געשטעלט ; זיינען דאָס געווען די אויגן, אָדער דאָס אַלץ וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן מיט איר, ערגעץ הינטער די פּלויטן, — וואָס האָט זיך געצאַפּלט אַזוי משונה, אין די שפּיצן פון זייערע שוואַרץ־אַפּלען ? זיי האָבן מיך נאָך פון מיטן טאָג אָן, זינט כ׳האָב אַריינגעקוקט אין זיי, — אויף קיין איין רגע נישט אָפּגעלאָזט ; זיי האָבן געשטעקט אין די הימלען, אין יעדן צעשאָסענעם מויער, צעריסענעם און צע־פליקטן פּלויט, — פון אומעטום זיינען זיי מיר נאָכגעגאַנגען, און געקוקט אויף מיר, די אויגן.״

וואָס שייך נאַטור, גייט אויך דאָ אויף דאָס פּשוטע פּוילישע פעלד און וואַלד. דער פּראָזאַאיקער גיט דאָ ברייטע עפּישע נאַטור שילדערונגען, וואָס זיינען געקניפּט און געבונדן מיט דער צייט, מיט דער שטימונג, מיט דער פּינצטערער עפּאָכע. מיט די ליידן פון די אידן. דאָ שיינט קיינמאָל נישט די זון. דאָ שפּראָצן נישט קיין סענ־טימענטאַלע בלומען. דאָ ציטערן נישט קיין פרילינגס בעריאָזקעס. מיט ברייטע באַרשטן וואַרפט דער מחבר דאָ אָן זיין לאַנדשאַפט — ווי די אַפּאָקאַליפּטישע לאַנדשאַפט פון פּוילן בשעת דעם ערשטן וועלט־קריג.

אַן אינטערעסאַנטער פּאַראַלעל : לעצטנס איז אונז אויסגעקומען צו לייענען ישעיה שפּיגעלס „מלכות געטאָ.״ זיינען די נאַטור שיל־דערונגען פונקט אַזוינע פּינצטערע, אימהדיקע, מרה שחורהדיקע, ווי ביי פ. בימקאָ. די צייט איז די זעלביקע. פ. בימקאָ באַהאַנדלט די אידן אויף דער פּוילישער ערד, בשעת דעם ערשטן מלחמה חורבן. ישעיה שפּיגעל באַהאַנדלט די אידן אויף דער פּוילישער ערד, בשעת דעם צווייטן מלחמה חורבן. ביידע מאָלן מיט וואָלקן־באַרשטן די לאַנדשאַפט פון פּוילן. אָט ווי דער מחבר טוט אַ וואָרף אָן אַ שטיק וואָלקן פּינצטערניש אויפן פּוילישן לאַנד :

„אַז מ׳האָט צוגעמאַכט די אויגן — איז ער גלייך געלעגן אויפן קאָפּ, און מ׳האָט אים געטראָגן איבער זיך ; מיט יעדן טריט זיך אַלץ מער געלייגט צו די פיס, און מיט יעדן ריס פון אַ האַרמאַט, איז זיין מראה געוואָרן אַלץ מער טויט און מאַט ; ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך : אַז אַ וואָלקן זאָל זיך אַזוי צעלייגן איבערן הימל אויף טעג, וואָכן, — און חדשים גאַנצע ? אים איינ־שלינגען מיט אַלעם, — אַזוי ווי ער זאָל לחלוטין נישט זיין ? אַז מ׳זאָל אים נישט קענען אַראָפּטרייבן, אַראָפּיאָגן, אַראָפּבעטן, — סיי מיט גוטן און סיי מיט בייזן ? אפשר וועט ער זיך פּאָרט מטריח זיין, — כאָטש אויף איין טאָג, אַז מ׳זאָל צוריק קריגן דעם הימל ? ווי לאַנג איז דער שיעור, ער זאָל טראָגן אַ וואָלקן איבערן קאָפּ ? ביז ס׳האָט זיך עפּעס פאַרוואָלגערט אינם מוח, ווי וואַסער אין אַ שפּעלטל פון אַ שטיין צעלעכצטן שטיין : אַז דאָס ציען די האַרמאַטן אויף אים אַרויף אַזאַ פּנים ; זייער אומאויפהערלעך רייסן זיך און פליקן, — ציען אָפּ די וואָלקנס, זיי זאָלן אַזוי ליגן איבער אים און זיך נישט וועלן אַראָפּרירן פון אים ; און אַז מיט דער מינוט וואָס זיי וועלן אנשטימט ווערן, פאַרמאַכן די מיילער, — וועט ער אויך אַרויסקריכן פון אונטער אים, און זיך פיינלעך צעשמייכלען, ווי אַ קראַנקער, וואָס טרייבט פון זיך איבער אַ געוואַלט אַראָפּ אַ קרענק.״

קליין און יונג איז געווען דער מחבר אין דער ערשטער וועלט־

מלחמה, און אפשר דערפאַר שילדערט ער אין גאַנצן בוך מער דעם כאַאָס, דעם אַלגעמיינעם שטורם, די וועלט־פינצטערניש — ווי איינצעלנע סילועטן און אויסגעהאַקטע כאַראַקטערן. אין אָט דעם בלאַט פּראָזע זעט מען ווי אַזוי דער מחבר האָט מער אינסטינקטיוו, ווי באַוואוסטזיניק, אויפגענומען דעם שרעקלעכן חורבן. מיר זען אַז דאָס קליינע אינגל האָט זיך געפונען, אין מיטן דער וועלט פינצטערניש. נאַכט און בליצן — חושך און פלאַמען — צעמישן, צעטומלען און פאַר׳שרפהן אים. און לאָמיר דאָ ציטירן צום לעצטן מאָל פונעם בוך:

„ס׳האָט מיך געכאַפּט אין מיין אינגסטן אויפבלי, אין דעם פרימאָרגן מיינעם, — ער זאָל ווערן פאַרטונקלט פון דעם צעבושעוועטן פייער, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט איבער דער וועלט; און דאָס געשריי פון די פלאַמען אַרויס, — אין וועלכן ס׳קומען אום דורות; דאָס געשריי פון די אומקומענדיקע, דער שמע ישראל זייערער, — האָט מיך געטראָגן ווי אַ שטויבעלע אויפן ווינט, וואָס האָט געבריט און מיר אויסגעברענט ס׳פנים; דאָ מיך אַוועקגעוואָרפן צווישן רעשטלעך פון אַ צעטראָטענעם ישוב, דאָ: צווישן בערג מיט אויפגעשיטע קברים, און באַלד: הינטער צעפליקטע מויערן פון הייזער, וואו אַרויסגעטריבענע יידן האָבן זיך מיד צעשיט, און ביי זיי אָפּגערוט; געטוליעט צו זיך די פאַרשוועכטע ריינקייטן פון פאַר׳שרפה׳טע בתי־מדרשים, און געהיטן פון אומרואיקער צעטראָגנקייט, די פאַרמוטשעטע צום טויט, — אידישע טעכטער.

כ׳האָב געקוקט אויף אַלעם, — ווי אַ צעשראָקן אינגל; און די אויגן זיינען ביי מיר געוואָרן גרויס, און פאַרלאָפן; „אַזוי זעט דאָס אויס?" און אַז כ׳האָב זיי צוגעמאַכט פון שרעק און פחד, — האָט עפּעס גענומען פלאַטערן אין מיר, פלאַטערן איבער רויע שיכטן פון אויפגעשיטע גראָבנס, וואָס האָבן זיך פריצייטיק באַדעקט מיט ראָבן; שוואַרצע, צעכראַסטעטע, — און מיט שפּיציק שאַרפע שנאָבלען; פייכטע שוואַרצע קברים אַזוינע איבער דער ערד; און ווייס־בליציקער שווערד, — אַרויסגעצויגן פון אַ הוילטע פאַרהוילענע שייד; און ווי איבער די דאָזיקע בערג מיט קברים, — שלעפּט זיך אַ איד, איינגעהויקערט, מיט די שווערע שטיוול, ווי די צענטנס — אויף די פיס; און אין פייער, וואָס שטייט דאָ קלאָר און אומקלאָר פון רויך, — טראָגט זיך פאַרביי ווי אַן אימהדיק געשריי, זיין ווייסע באָרד, וואָס העלט דאָ אין אָפּשיין פון די פלאַמען, און ווערט באַלד טונקל, גראָ, ווי דאָס אַש פון זיין פאַרברענטע שטאָט, — פון וועלכע ער גייט איצט אַוועק; ער טרעט אויף אַנגעגליטן שטיין, אָפּגעקילטן ביין, — און שרייט אָפּ יעדן רוגזהדיקן ביל פון האַרמאַט."

דורכן גאַנצן בוך גייט דורך דער דאָזיגער מאָטיוו: דאָס קוקן אויף אַלעם ווי אַ דערשראָקן „אינגל", און דער „אייביגער איד"", אַ פאַרוואונדעטער, וואָס שלעפּט זיך סימבאָליש איבער דער פוילישער ערד (די פוילישע ערד איז פאַרן מחבר די הויפּט בינע פונעם ערשטן וועלט־קריג, וואו אַלע חילות זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ בלוטיגן געפעכט).

דאָס „דערשראָקענע אינגל" האָט צופרי דערזען דעם בלוטיגן כאַאָס, וואו נאַטור און מענטש־קאָלעקטיוו ווערן צוזאַמענגעקנאָטן אין איין פאַרבלוטיגטע און פלאַמען פאַרגאָסענע ראָשטשינע. עס זיינען דעריבער אין דעם דאָזיגן בוך נישט פאַראַן קיין באַזונדערע כאַראַקטערן, ווי מיר זיינען געוואוינט צו זען אין פ. בימקאָס דראַמען. דאָ האָט איר דעם אַלגעמיינעם קאָלעקטיוו — די פיינטלעכע, משוגענע, עלעמענטאַרע אַרמייען, וואָס ברעכן אויס ווי נאַטור עלעמענטן.

דאָס „צעשראָקענע אינגל" זעט ווי די אַרמיי און די נאַטור ווערן איינס. ווי פּוילנס ערד ווערט אַ שלאַכטפעלד. און ער באַנעמט דעם איד ווי אַ גרויסן לײַדענדן קאָלעקטיוו. כּדי צו זען העלדן, מוז ער זיי זען ווי זיי האַנדלען אין לעבן, אין אינטימע מאָמענטן. אין פּריינט־שאַפט, פאַמיליע, ליבע, גוטסקייט, אין אַלע יענע מאָמענטן אין וועלכע דער מענטשלעכער כאַראַקטער דריקט זיך אויס. אָבער דער האָט דער מחבר נישט קיין מעגלעכקייט צו זען אין דער ווילדער מלחמה־צייט. זײַנע דראַמאַטישע ווערק מיט אײַנצלנע פּערזאָנאַזשן מוזן זײַן פּראָדוקטן פון דעם מער רײַפן באַוואוסטזיניקן קינסטלער. בשעת דאָס איצטיק־באַהאַנדלטע ווערק איז מער אַ פּראָדוקט פון אינגלערישע איבערלעבענישן, ווען ווייניגער באַוואוסטזיין, נאָר מער אינסטינקטיווע עלעמענטן און אַטאַוויזמען ברעכן זיך דורך דעם אונ־טער־באַוואוסטזיין פון דעם שעפער.

דאָס ווערק האָט גרויסע עפּישע בלעטער, אין וועלכע עס האַנדלט דער קאָלעקטיוו. אין וועלכן דער סימבאָלישער אידישער העלד — דאָס גאַנצע פּוילישע אידנטום ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין איין קאָלעקטיוון העלד, — גייט אויף ביזן הימל הויך אין זײַנע לײַדן און אין זײַן מאַרטירערישקייט. דער אייביגער לײַדנדער איד — געמאָלן מיט גרויס סימפּאַטיע, אַרויסגעבראַכט פון אַ אידישן שריפטשטעלערס האַרצן מיט אומגעהויערע ליבשאַפט. אויב דער ערשטער ציקל „מלחמה" איז דראַמאַטיש און ביזאַר — איז דער צווייטער ציקל „קדושים" — פּאַטעטיש און העראָיש. די גאַנצע מענטשהייט, מיט אַלע אירע אַרמייען, בלײַבט שטיין פאַרבלוטיגט פון קאָפּ ביז צו די פיס אין דעם אידישן בלוט. און דער איד־סימבאָל — בלײַבט שטיין — הייליג און גרויס ווי אַ נביא, אַריבער אַלע תּליות וואָס די פעלקער האָבן אויפגעשטעלט — שטײַגנדיג צו גאָט.

צום סוף — נאָך אַ וויכטיגע באַמערקונג: דאָס בוך איז דורכאויס פּויליש. אַ איד וואָס קומט פון דער פּוילישער ערד, אַ קינסטלער פון פּוילן פילט אַרויס פון בימקאָס בוך די פּוילישע ערד, דעם פּוילישן ריח, דעם פאַרפיום פון פּוילישער וויאַסנע, דעם געשטאַנק פון פּוילנס „גנאַי" אין פרילינג, דעם ריח פון פּוילישן וואַלד און סטאַוו, פילט אַרויס פּוילנס שטייגער־לעבן אין דעם אײַנגעוואָרצלטן אידן דאָרט פאַר די לעצטע שעפערישע טויזנט יאָר.

אינסטינקטיוו, פּרימיטיוו, עלעמענטאַר — געדיכט ווי אַ פּרעסקאַ, — מאָלט בימקאָ דאָס שטיק פּוילן ערד וואו מיר האָבן געלעבט און זיך געכאַוועט און געשאַפן און זיך פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון דער גאַנצער וועלט. עס איז אַ גרויסער קאָמפּלימענט צו זאָגן אַ מחבר אַז זײַן בוך שטעלט ווירקלעך פאַר דאָס שטיק ערד וואָס ער האָט געמאָלן. אַ אידישער שרײַבער פון פּוילן וועט אין שטיקער פּראָזע פון אַש, ווייסנבערג אָדער פּרץ דערשמעקן זײַן לאַנד, פּוילן. און דאָס קען מען זאָגן דרייסט וועגן פ. בימקאָ'ס צענטן באַנד. נישט קיין בלוט־אָרימע פאַסטעלן איז עס — נאָר אַ מעכטיגע פּרעסקאַ, אַ די־קער מיוראַל פון פּוילנס ערד און מענטשן. פ. בימקאָס בוך איז גע־שריבן מיט טראָפּנס פון פּוילישן טוי — מיט די פּוילענדיגע וואַסערן פון פּוילישע סטאַוון — מיט דער גאָלדענער זשיטוויציע פון פּויליש טריפנדיגע ביימער — מיט דער פעטער פייכטקייט פון פּוילישער

רוי־ערד.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין וועלכן דאָס אידישע פאָלק האָט אַזוי וואָלקן־ברוכיש פאַרבלוטיגט — שטייען מיר ערשט איצט ערב אַ דריטער וועלט־מלחמה. מענטש — איבערהויפּט איד — שטייט אומבאַהאָלפן פאַרן קאַטאַקליזם פון פעלקער. איד שטייט שטענדיג איינזאַם אין זיין געשריי און פּראָטעסט קעגן מלחמה. אָבער ווי נאָר דער איד האָט אַ מעגלעכקייט, פּראָטעסטירט ער און וואַרפט אָן זיין שוידער און זיין עקל צום קריג. דער ריינער מענטש, דער טרוימער, אידעאַליסט, דענקער און דיכטער שטייט שטענדיג איינזאַם פאַר אַ ברוטאַלער, קאַלטער און אכזריות׳דיגער וועלט וואָס מאַכט מלחמה. לאָמיר דאָ זאָגן אַז פ. בימקאָס באַנד „מלחמה״ איז אַ היפּשער צושטייער צו דער ליטעראַטור פון דער וועלט וואָס דעמאַסקירט די וועלט, וואָס רייסט אַרונטער דעם „גלאָריעפּולן״, „הערגאָישן״ און אויפגעבלאָזענעם „גייסט״ פון מלחמה. בימקאָס בוך איז אַ מעכטיגע באַשולדיגונג אויפן אַדרעס פון די פעלקער. ווי דער „גיגאַנט״ און גאָיאַ׳ס אומשטערבלעכער צייכענונג, וואָס זיצט איינזאַם אויף אַ פינצטערן און האָפנונגסלאָזן האָריזאָנט — זיצט אין בימקאָס ווערק דער איד; דער שטומער גייסטיגער גיגאַנט, פינצטער און טראַגיש זיצט ער אויף די רואינען פון צעשטערטע שטעט און מדינות — און זיין געשטאַלט איז אַ שטומער פּראָטעסט, אַ צאָרנדיגער באַשולדיגונג קעגן מלחמה און קעגן די בלוטיגע מעשים פון די פעלקער.

דאָס בוך פון פ. בימקאָ איז וועגן די רציחות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער געשריבן האָט עס אַ איד שוין מיט דער וויזיע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווייל שלעכטס גיט געבורט צו אַלץ ערגערע און ווילדערע שלעכטס. דער קינסטלער פ. בימקאָ, האָט אינסטינקטיוו פאָראויסגעזען אַז די דאָזיגע מלחמה וועט אין איר טראַכט אַרויסברענגען אַ פינצטערן און שרעקלעכן פאַרזעעניש — די צווייטע וועלט־מלחמה און כמעט די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון די אידן. דאָס בוך מאַכט — מיט דער זעלבער לאָגיק — צו טראַכטן וועגן דער דריטער וועלט־קאַטאַסטראָפע, דעם דריטן פייערדיגן מבול איבער דער ערד. דאָס בוך פון פ. בימקאָ — ווי געזאָגט, איז נישט דיקטירט געוואָרן אונטער קיין שטאַרקע רעליגיעזע געפילן. ווי אַ קינסטלער אַ רעאַליסט, וואָס זעט הויפּטזעכלעך די עלעמענטאַרע כוחות אין זייער קאָסמישן ווירבל, איז אין דאָזיגן בוך שווער צו געפינען אַ טרייסט און באַזונדערס יענעם גלויבן אין דער געטלעכער השגחה, אין וועמענס פייער דער היסטאָרישער איד האָט געלעבט. אָבער דער אמת פונעם איד, זיין היסטאָרישע גערעכטיקייט, דער אייביגער איד וואָס קריגט געשלאָגן מיט שטורעמס און מיט שנייען, מיט האָגלען און מיט שטיינער, אין זיין צעבראָכענעם פנים — דאָס שרייט אַרויס פון יעדן בלאַט פון פ. בימקאָס בוך מיט פייערדיגע אותיות. די דאָזיגע גערעכטיקייט און דער גלויבן אַז די וועלט האָט איר קאָסמישן געוויסן, מאַכט אומדערשיטערלעך גלויבן אין דעם טריאומף פון דעם איד און אין זיין אייביקייט.

איציק מאַנגער

(איציק מאַנגער: „דער שניידער געזעלן נטע מאַנגער זינגט." פאַרלאַג „אַררט," לאָנדאָן, 1948)

אַרטור קאָלניק האָט פּרעכטיק געצייכנט די הילע: אַ צייכנונג פון פּאָעט איציק מאַנגער און אַ גילדערנע פּאַווע. די פּאַווע גייט דורך מיט איר שלאַנקער פיגור איבערן גאַנצן בלאַט. זי באַרירט דעם קאָפּ פון פּאָעט מיט איר גילדערנער שלעפּ. די פּאַווע איז מיט גאָלד גע־מאָלן. די פּאַווע פון גאָלד באַהערשט די מוזע פונם פּאָעט. זי גייט דורך דורכן גאַנצן בוך. דורך אַלע לידער איציק מאַנגערס. די פּאַווע פון גילדערנעם אידישן פאָלקסליד. ס'האָט גאָט געשענקט די פּאַווע צום גרעסטן פאָלקס־זינגער היינט צו טאָג — צו איציק מאַנגער... די פּאַווע פליט זוכן די נעכטיקע טעג און אַלע וועמען זי פרעגט, ענטפערן איר אָפּ: „אַ גאָלדענער פויגל און אַ נאַר אַזאַ." אין זיין פּרעכטיק סאָנעט „נטע מאַנגער" דערציילט דער פּאָעט:

> און ווי אַ געטרייער ריטער,
> האָסטו תמיד מיטגענומען די גאָלדענע פּאַווע און איר ליד,
> אויף אַלע דיינע וועגן ביזן טויט.

„אַ גאָלדענער פויגל און אַ נאַר אַזאַ." זי איז אים אַריין אין האַרצן און האָט אים צום אייביקן ראָמאַנטישן נאַר געמאַכט. האָט אים צום גילדערנעם פּאָעט פאַרוואַנדלט. אַפילו נאָכן חורבן פון פּוי־לישן און רומענישן און ליטווישן אידנטום קען נישט דער פּאָעט ווערן אויס פּאָעט. איציק מאַנגער וויל נישט זיין קלוג און מאַר־טירעריש. ער וויל נישט זינגען קיין טרעבלינקע און קיין מאַידאַנעק־לידער. ער מאַכט נישט דעם גרויסן אָנשטעל.

אין זיין נייעם בוך, ווי אין אַלע זיינע צען־עלף לידער ביכער, איז איציק מאַנגער געבליבן איציק מאַנגער. ער האָט זיך פון אָנפאַנג אָן נישט געלאָזט אויף קיין פאַלשע, פאַרפירערישע וועגן. ער האָט זיך אַליין נישט געוואָלט איבערשטייגן. ער האָט נישט געזוכט קיין אויסערגעוויינלעכע טעמעס און קיין סוזשעטן. ער האָט זיך נישט פאַרנומען מיט קיין קדושים און קיין הייליקע. ער איז געווען און איז פאַרבליבן דער דיכטער פונם ליד. ער איז דער דיכטער פונם פאָלקליד. ער, דער ראַפינירטער פּאָעט, דער פאַרנאַסיען, דער אָנ־געלייענטער מיט דער דייטשישער און פראַנצויזישער פּאָעזיע, דער שיכורער מיט דער פּאָעזיע פון דער וועלט, דער פון טייוול־באַטרונ־קענער און פון אַשמדאַי־געשפּיגענער, דער ליריקער פאַר עקסעלאַנץ, דער וויינזינגער און ציגיינער פון דער וועלט, פון די וועלט־וועגן, איינגעהילט אין שטויב פון דעמערונג, דער פאַרבלוטיקטער אין זון־אונטערגאַנג, דער פאַרברענטער אין מאַרגנרויט־פלאַמען, דער וואָס גייט אַהיים דער לעצטער אין גרוי־זשאַריענדיקן באַגינען, דער פּאָעט מיט דער פּאַווע ביים האַרצן, דער מייסטער פון ליד, פון דעם פּשוטן, עכטן ליד —

האָט קיינמאָל זיין ליד נישט פאַראַטן. אַפילו נאָכן חורבן פון דעם שעפערישסטן און בעסטן אידנטום פון פוילן, וואו מאַנגער האָט פאַרבראַכט היפּשע שעפערישע יאָרן, האָט ער זיין טאָן נישט גע־

הויבן. מאַנגער איז פאַרבליבן דער פּאָעט פון ליד. פון ריינעם, ציכטיקן, צאַרטן און גילדערנעם ליד. דער פּאָעט פון פאַרגאַנגענעם שניי, ווי פראַנסואַ ווילאָן. (עס איז נישט קיין צופאַל וואָס איציק מאַנגער זעצט לעצטנס איבער די לידער פון דעם פראַנצויזישן פּאָעט פון מיטלאַלטער, פראַנסואַ ווילאָן. ווייל, ווי יענער, האָט מאַנגער זיין ליד נישט פאַראַטן.) ער איז געבליבן פּאָעט פון די פייגל. פּאָעט פון „די קליינע מאַגדאַלענאַס," וואָס שטייען ביי די גאַז־לאַמטערנעס, „געפּודערט און געשמינקטע, מיט שמאַלע, פרעכע שטערנס, פונם קראַנקן ליכט געבלענדטע און געפאַנגען." ער איז פאַרבליבן דער פּאָעט וואָס ווייסט אַז ער דאַרף אין זיין ליד אַריינגעמען — אין זיין ליד גן־עדן דאַרף ער איינלאַדן און זיך לאָזן באָדן אין האָניק פון זון און מיטליד די קאַליקעס —

די בידנע קאַליקעס פון אַלע יאָר־יאָרידן
מיט דרימבעס, האַרמאָניקעס, באַלאַלייקעס,
מיט גאָט אויף די ליפּן, לעגענדעס, מעשות, בייקעס,
מאָנען פון מיר אַז איך זאָל זיי לידן.
זיי שטראָמען צו מיר אין גאַנצע כאַפּטעס, שייקעס,
מיט יאַטערנדיקע וואונדן, מיט טריפנדיקע אויגן,
אַ קראַנקער הימן פון „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן";
מיט דרימבעס, האַרמאָניקעס, באַלאַלייקעס.

דער אמת פונם ליד גייט דורך זיין גאַנצער דיכטונג. ווייל עס איז אין אונדזערע צייטן כמעט נישט פאַרבליבן דאָס געשטאַלט פונם אמתן, ראָמאַנטישן דיכטער. עס איז נישטאָ מער דער פּאָעט וואָס זינגט אין פולן זיך פון וואָרט, וואָס איז מוזיקאַליש, וואָס זינגט מיט מעלאָדיע, וואָס זינגט מיט די טויזנט חנ'עוודיקייטן פונם נאַאיוון און טרויעריקן פאָלקס־ליד.

פּאָעטן פון אונדזער צייט זיינען אַלץ אין דער וועלט. זיי זיינען טריביונען און אַמבאַסאַדאָרן. זיי פאַרזאָרגן דאָס פאָלק און באַנדאַזשירן דאָס פאָלק. זיי זיינען מייסטער אויף קאָנפערענצן און טאָאַסט־מאַכער און רעדנער און דעמאַגאָגן מיט פלינקע צינגלעך און קאָ־סירערס און פאַרזיצערס און סעקרעטאַרן. זיי זיינען גרינדער און פרעזידענטן און ציגל־לייגער און סאָרווערס און קאָכער־לעפלס און פּאָליטישנס און פּאָליטיקער. זיי פאָרן אין טרעבלינקע און מאַידאַנעק נעבעך אויף קהלשע געלדער און זיי זיינען ספּעציאַליסטן פון אַש און חורבן און גלענצנדיקע פאַרפאַסערס פון יעדעס שטיקל אומגליק. זיי זיינען גרייט צו שטעלן אויף דער בינע יעדער פּיצל טויט און מאָרד. זיי זיינען גרייט די גרעסטע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע אין אַ פּיעסע צו פאַרוואַנדלען. זיי שרייבן אין ליד מאַניפעסטן און דעקלאַ־ראַציעס און צאָלן צינדז צו דער טאָג־געשעעניש מיט אַלע זייערע טאַלאַנטן און זיי דערקלערן זיך אין ליבע צום אידישן פאָלק הונ־דערט מאָל דורכן טאָג פּונקט ווי עמעץ, דער סאַטאַן פון סקעפּטי־ציזם און טייוול פון צווייפל — וואָלט זיי נישט געגלויבט אין זייער גוואַלדאָוונער ליבשאַפט צו פאָלק ישראל...

מען האָט שוין אין אונדזערע צייטן כמעט פאַרגעסן ווי דאָס ליד זעט אויס, דאָס זיסע, גאָלדענע, מעלאָדיעזע ליד, אַרויסגעריסן פון די טיפענישן פון פאָלק, פון האַרץ פון פאָלק. מען לייענט אין אונ־דזערע צייטן אַלערליי סאָרטן פּאָעזיע, מאַניפעסטן, רעדעס אין פערזן,

אַני־מאַמינס, דעקלאַראַציעס און דערקלערונגען — אָבער צום אמתן טייערן ליד קומט עס נישט. זינט מאַרינעטי האָט פאַרגיפטעט דאָס וועלט־ליד מיט זיין באַזינגען די „שיינקייט" פון אַ באָמבע, וואָס רייסט אויף אויף דער ערד אַזוי ווי אַ בלום פון בלוט און אייזן, האָט די מוזע זיך באַגאָסן מיט טרערן. און איז אַנטלאָפן פון די פּאָעטן אין דער טיפעניש פון די וועלדער אַריין, צו די פייגל.

אין וואונדערלעכע נאַכטיגאַל איז געבליבן — וואָס זיצט נאָך אַלץ אין שענק, שפּעט ביינאַכט. און מיטן שטאַרבן פון די שטערן פאַרצייכנט ער דאָס אמתע געדיכט פון פאַרבלוטיקטן האַרצן...

און איציק מאַנגער איז שוין אַריין ווי אַ לעגענדע אין דעם אידישן ליד. ער אַליין איז געוואָרן צום אמתן סימבאָל פון פּאָעזיע. פּונקט ווי לי־טאַי־פּאָ, ווי האַפיז, ווי אָמאַר קאַיאַם, ווי ווילאָן — זיינען געוואָרן איינגעהילט אין לבנהדיקע שלייערן פון לעגענדע. ער איז געוואָרן צום אמתן פּאָעט־סימבאָל פון דער אָרעמקייט און ראָמאַנטיק, וואָס האָט נישט מער ווי זיין „האַרץ און העמד," ווי ס'האָט געזונגען פון דער תליה אַרונטער ווילאָן, וואָס האָט נישט מער ווי זיין שאָטן און די לבנה, ווי ס'האָט געקרעכצט לי־טאַי־פּאָ פון די וואַסערן אַרויס זיך טריקנדיק.

פאַר אַ חבר נעמט זיך טאַקע דער נעמלעכער איציק מאַנגער — אַן אַנדערן פּאָעט פון נויט און נאַטור, פון ווייַן און דיכטונג, פון אָרעמקייט און וואונדערלעכער פרייד פון דער וועלט — דעם גריכישן פּאָעט איציק מאַנגער — ניין, כ'האָב זיך טועה געווען, כ'מיין אַנאַקרעאָן. אין דער הערלעכער סעריע לידער „דער אַלטער אַנאַקרעאָן" גייט אויף די דאָזיקע אומשטערבלעכע אידיליע פונם אמתן פּאָעט פון ליד — פון ליד אין פולן זין פון וואָרט — מיטן פּאָעט פון אונדזער צייט, וואָס פאַרקויפט נישט פאַר אַ טאָפּ לינדזן זיין דיכטערישן קרעדאָ — די דיכטונג זעלבסט, די רעליגיע פון דיכטונג.

פּאָעט וויל נישט קיין רייכטימער, קיין פּרעמיעס.
קיין וויזעס און קיין פּרעזענטן. פּאָעט גלייבט זיך אַליין צו די פייגל, צו די נאַכטיגאַלן און סאָלאָווייען, וואָס זינגט מיט זיי צוזאַמען זיין פרילינגס־ליד. דער אַלטער אַנאַקרעאָן באַקלאָגט זיך נעבעך פאַרן אידישן קאָלעגע — אויף אַ דיסטאַנץ פון אַ פּאָר טויזנט יאָר:

די פייגל זיינען אַוועק קיין זומערלאַנד,
און געלאָזט דעם אַלטן אַנאַקרעאָן אַליין.
איז פרעג איך דיך, איציק, זאָג מיר בנאמנות,
צי איז דאָס חבריש, ערלעך און שיין?

עס איז נישט קיין קאַפּריז און קיין זשעסט. קיין צופעליקייט און קיין תנדל. דאָס איז אַ פילאָזאָפיע. אַן אַנשויאונג. פּאָעט זיין — מיינט זיין נביא פון אַ רעליגיע פון פּאָעזיע. מיינט זיין פּריסטער אין דעם גרויען, שטויביקן טעמפּל פון דער אַלט־אוראַלטער אָרעמקייט. מיינט האָבן אַלס אייגנטום די זון און די שטערן און דעם גאַנצן בלויען פירמאַמענט. עס מיינט ווידער זיין פריי ווי דער פויגל און אָרעם ווי דער פויגל — וואָס איז רייך מיטן גאַנצן בלויען הימל און מיט דער גאַנצער גרינער ערד. עס מיינט ווידער די אַלטע פּאַ־

טעטישע ברידערלעכקייט מיט די פייגל און שוועסטערלעכקייט מיט די בלומען, ווי דער אין לייוונט געקליידעטער פראַנציסקוס פון אַסיזי האָט עס פאַרשטאַנען — און ווי דער גרויסער, הערלעכער בעל שם טוב — אונדזער גרויסער פאַנטעאיסט — און ווי אַנאַקרעאָן און ווי האַפיז און ווי ווערלען האָבן פאַרשטאַנען און געלעבט.

עס איז די פילאָזאָפיע פונם ליד, ווען אַנאַקרעאָן זינגט מיט איציק מאַנגערס פערזן צו איציק מאַנגער —

איציק, כ׳לעבן, ביזט אַ אינגל,
קום מיט מיר אין שענק אַריין.
עצבות קנייטשט דיין יונגן שטערן,
קום און לייטער אים מיט וויין.

אַ סך פּאָעטן וואָלטן זיך אַוודאַי נישט אונטערגעשריבן אונטער אַנאַקרעאָן — איציק מאַנגערס סך־הכל. זייער זעלבסטליבע און אייטלקייט, זייער וואויל־באַקוועמלעכקייט און שמאַלציקייט וואָלט זיי נישט דערלויבט אַזאַ פרייהייט און אויפריכטיקייט. זיי, די אייזערנע פייגל מיט גיגאַנטישע אַמביציעס, וואָס זיי צעדריקן זייער ליד מיט זייער אייגענער שווערקייט און אַרויפגעאַרבעטער חשיבות און ערנסט־קייט...

פרעכטיק זיינען אין בוך די סעריע חומש־לידער. די פאַרבינדונג פון תנ״ך און דאָס אַלטעגלעכע לעבן פון איצט; די געשטאַלטן פון תנ״ך — פאַרבעטן אין אונדזער צייט, אין אונדזער סביבה, איינ־געלאַדן אין פאָלקסליד, געמאַכט צו היימישע אידן, מיט פשטות און מיט וואונדערלעכער איראָניע און ליבשאַפט אַרומגענומען. די דאָזיקע סעריע לידער — צוזאַמען מיט די פיין־געשניצטע סאָנעטן און די סעריע אַנאַקרעאָן־לידער — קרוינען דאָס בוך.

איציק מאַנגער האָט אַ ליד „די אוהבי ישראל ביים טויטנלאַגער בעלזשעץ,״ וואָס זאָגט מער ווי מערסטע לידער געשריבן אויף אונ־דזער גרויסער טראַגעדיע. די גרויסע הייליקע געשטאַלטן שטייען שטום און צעבראָכן ביים אַש פון אונדזערע הייליקע.

דאָס בוך — צו זאָגן דאָס לעצטע וואָרט דערוועגן — איז אין אמתן זין פון וואָרט אַ בוך לידער. עס האָט דעם אמתן טעם פון פּאָעזיע. שוין לאַנג האָבן מיר נישט דערפילט דעם ריינעם דופט פון ריינע, פּאָעטישע לידער. ווי געזאָגט, איציק מאַנגער איז נישט קיין „נאַציאָנאַלער פירער״ און נישט קיין פּאָליטישן... ער איז אַ פּאָעט פון ריינסטן גאָלד און ער גייט אין די וועגן פון די אמתע ראָמאַנטישע און איינזאַמע דיכטער פון דער וועלט... ער אַליין איז צו ליד געוואָרן און ער איז אַריין אין אידישן ליד ווי אַ סימבאָל פונם אמתן דיכטער־וואַנדערער און נע־ונדניק. דער אמתער דיכטער קען קיין קאָמפּראָמיסן מיטן לעבן און מיט דער געזעלשאַפט נישט מאַכן. איציק מאַנגערס פּאָעזיע — דאָס איז די גרויסע, קאָלירנרייכע בלום וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אויפן פול צעבליטן פעלד — אין דעם הערלעכן זומער־וואַלד, פון דעם אידישן לעבן אין אייראָפּע. די דאָזיקע לידער זיינען רויזן פון טויזנט יאָר אידיש לעבן.

אַ וואָרט

(צו די פּאַריזער דעלעגאַטן פון אידישן קולטור קאָנגרעס)

דינסטיק, דעם צווייטן נאָוועמבער, איז פאָרגעקומען אין הויז פון דיכטער בנימין קאַץ און דיכטערין ברכה קאַפּשטיין אַן אינטימער געזעגענונגס־אָוונט לכבוד משה גראָסמאַן, וועלכער קערט זיך צוריק אום קיין פּאַריז. די פאָלגנדע רעדע איז געהאַלטן געוואָרן לכבוד משה גראָסמאַן און די איבעריקע מיטגלידער פון דער פּאַריזער דעלעגאַציע:

ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן מיר געוואוינט אין דעם פּוילישן דאָרף סאָסנאָוו, ביי אַ שאָסיי. איך בין געווען קליין און יעדער טאָג האָט זיך פון תוהו ובוהו אָפּגעבראָכן אַ נייע לאַנדשאַפט. יעדער בוים איז געווען אַ גרויסע, גיגאַנטישע בלום און יעדער בלום איז געווען אַ בוים אין מיניאַטור. ס'האָבן זיך פון דער נאַטורס נאָך אומרואיקע, מלחמה'־דיקע, משוגענע ווערטערן אָפּגעבראָכן מאָדנע וואַזאָנען און שטיקער פּייסאַזש וואָס זיינען מיר אַריין אין האַרצן.

נאָר בשעת די נאַטור האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, די קוילן־וואונדן פון בוימער האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ נייער קאָרע, און צוגלייך מיט דער זון וואָס איז ווי האָניק געפלאָסן פון הימל — האָט זיך געגאָסן פון די ביימערשע העלדזער די גאָלדענע זשיוויצע —

בשעת, ווי געוואָגט, די נאַטור האָט אָנגעהויבן זיך צו דערהאָלן פון די מענטשלעכע מלחמה־משוגעתן, האָבן אָבער מיטן שאָסיי גע־שטראָמט אַלערליי מענטשן, וואָס זיינען געלאָפן ווי פון אַ גרויסער שרפה. עס זיינען געגאַנגען מיטן שאָסיי די צעבראָכענע אידן, די אינוואַלידן פון מלחמה, די וואָס דאָס פייער האָט פאַרזענקט די בגדים, די וואָס די בערד זיינען ביי זיי פאַרסמאַליעט געוואָרן, די וואָס די הערצער האָבן ביי זיי געברענט און געלויכטן, די וואָס האַלבע פּנימער האָבן ביי זיי נביאיש געלויכטן אין עקסטאַז און האַלבע פּנימער זיינען געווען צעקרימט אין יאָמער, ווי ביי קינדער. און איינמאָל איז געקומען אַ איד וואָס איז געווען צעמישט ווי דער נביא און פון די אויגן איז געגאַנגען שרעק. ער האָט דערציילט מיין מוטער, אַז ער איז אַנטלאָפן פון אַ ברענענדיקער שול. טויזנטער אידן האָבן דאָרט געברענט. צווישן זיי — זיין ווייב און קינדער. און ווי ער האָט דערציילט, האָב איך געזען ווי די פלאַמען מיט די קרעכצן און תפילות טראָגן זיך צו די פאַרקאָפּטשעטע וואָלקנס. ווי פרויען רייסן זיך פון די פלאַמען ווי הייליקע, וואָס שטיקן זיך אין שטויביקע גאָלד־ראַמען. איך האָב געזען ווי דער איד ברענט. ווי פייערן גייען פון זיינע בגדים, ווי פלאַמען שטייגן פון זיינע קנאָכנס. און ווי אַזוי ער צינדט אונדז אַלעמען אונטער — ווי אַזוי ער צינדט אָן דעם וואַלד וועלכן ער באַרירט — ווי אַזוי ער פאַר'שרפה'ט די לאַנדשאַפטן מיט זיין גאַנג — ווי אַזוי עס צינדן זיך אָן די וואָלקנס ווי שמאַטעס — און ווי אַזוי די פלאַמען נעמען אַרום די הימלישע סטעליע. און יעדעס וואָרט וואָס דער איד רעדט אַרויס — איז פלאַם.

דער דאָזיקער איד איז מיר אַריין אין האַרצן אויף אייביק. און אין אַלע מיינע דערציילונגען פיגורירט ער. ער צינדט אָן דעם פּיי־

סאָזש פון מיין פּראָזע. ער דאָמינירט די אַטמאָספערע. און ווען איך האָב געזען די דעלעגאַטן פון פּאַריז צום אידישן וועלט־קאָנגרעס, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן ברענענדיקן איד... עס זיינען פון זיי געגאַנגען פלאַמען.

***

איך ווייס נישט צי דער אידישער קולטור־קאָנגרעס האָט טאַקע געהויבן דעם ניוואָ פון אידיש אין דער וועלט, איבערהויפּט ביים אַמעריקאַנער אידנטום. איך ווייס אויך נישט צי די אָנפירערשאַפט האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו קאָנצענטרירן די אַרבעט נישט נאָר אַרום עטלעכע געהויבענע, פּאַטענטירטע דיכטער פון אַמעריקע, נאָר האָט זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע אויפצונעמען די ליטעראַטור פון אַלע שעפערישע קינסטלערישע כוחות. אָבער איין זאַך איז זיכער — די דערשיינונג פון די דעלעגאַטן האָט אויף אַלע־מען געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. דאָ זיינען פאַר אייך געשטאַנען מענטשן וואָס זיינען דורכגעגאַנגען, ווי לאַזאַרוס, די טיפענישן פון דער ערד אָדער ווי יונה הנביא — וואָס איבער זיין רוקן זיינען דורכגעגאַנגען די שטראָמען פון די אונטערערדישע וואַסערן. און עס איז נייטיקער געווען זיי מער עפנטלעך אַרויסצורופן. עס איז נויטיק געווען זיי צו ווייזן צום אַמעריקאַנער אידנטום. די דאָזיקע מענטשן זיינען אַנטלאָפן, ווייל זיי האָבן געהאַט אויסצושרייען אַ גרויסן ווייטיק. און נישט נאָר זייער אייגענעם. ס'האָבן זיי געשיקט אומגעבראַכטע מאַסן אידן. דאָס געוויסן האָט זיי געשליידערט הייזער־און־הויך צו אונז. ס'האָט זיי דערהאַלטן דער כוח פון געוויסן. די דאָזיקע אידישע קינסטלער זיינען געבליבן כדי מיר זאָלן נישט פאַרגעסן וואָס עס איז פאַרגעקומען. אין די לאַנדס פון דער וועלט זיינען זיי געקומען קלאַפּן מיט זייערע ביינערדיקע פויסטן.

עס איז נייטיק געווען מיט זיי צו דעמאָנסטרירן פאַרן זאַטן אַמעריקאַנער אידנטום. עס איז נייטיק געווען מיט זיי דורכצוגיין די אידישע מאַסן פון גאַנץ אַמעריקע, פון ניו־יאָרק און פון דער פּראָווינץ. די דאָזיקע אומרואיקע נאַטורן וואָלטן געהאָלפן אויפ־רייסן די זאַטקייט און סנאָבישקייט און זעלבסטצופרידנקייט פון וואָרט, פון לידער פון מאַנכע פון אונזערע פּאָעטן און פּראָזאַאיקער. זיי וואָלטן אויפגעריסן די געמיטער און דאָס געוויסן פון אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס אין דער צייט פון די שחיטות האָט מען געפרעסן און געטרונקען און פאַרטרונקען דעם יאָמער פון אונזערע טייערסטע.

משה גראָסמאַן האָט איינמאָל דערציילט, ווי אַזוי, ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון סאָוועטישן קערקער, און ער איז אַרויס אויף דער וועלט נאָך אַזוי פיל יאָרן פון פיין און טורמע, נאָכדעם ווי אַ וועלט איז אונטערגעגאַנגען צום גרונט, האָט ער געפונען אַ אידישע צייטונג פון ניו־יאָרק און ער האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן, ווען ער האָט געזען מיט וואָס די אידישע צייטונג פאַרנעמט זיך, וויפיל שונד־ראָמאַנען דאָרט זיינען געגאַנגען, וויפיל געשלעכטס־געשיכטעס און וואולגאַריטעט — פונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט פאַרגעקומען מיט אונדזער פאָלק.

יוסף וואָלף האָט מיר געזאָגט:

— איר האָט דאָך אַבסאָלוט גאָרנישט געטאָן פאַר אונדז. אַפילו

מיט אַזאַ זאַך ווי פּאַלשע פּעסער אין די זיד־אַמעריקאַנישע לענדער האָט איר געקענט ראַטעווען אומצייליקע אידן. מיר זיינען געלעגן אין די געטאָס אָן שום פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. אַ גרופּע אידן פון אַמעריקע אויף דער אַרישער זייט. אַ גוט־אָרגאַניזירטע גרופּע האָט דאָך געקענט איינשטעלן מיט אונדז פאַרבינדונגען און אַ דאַנק דעם ראַטעווען אַ סך אידן. מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרן האָט מען געקענט אָפּקויפן ביי די נאַציס טויזנטער אידן. וואו זייט איר געווען אין דער בלוטיקער שעה — איר האָט זיך פאַרלוירן אין דעם סאַמע נייטיקסטן מאָמענט.

מיט אַזעלכע און ענלעכע פאָדערונגען האָבן די דעלעגאַטן געדאַרפט אויפטרעטן און אַזוי אַרום מאַנען ביים אַמעריקאַנער אידנטום דאָס געלט וואָס עס איז נייטיק אַרויסצוגעבן דאָס ווערק פון פּוילישן, ליטווישן, רומענישן און רוסישן שעפערישן אידנטום. אויפמאַנען דאָס געלט אַרויסצוגעבן די ווערק פון אומגעקומענע אידישע דיכטער — פאָלקס־זינגער — קאָמפּאָזיטאָרן — מאָלער און סקולפּטאָרן.

דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע אויפגאַבע. און ווען איך לייען ש. קאַטשערגינסקיס „חורבן ווילנע״ — ווען איך לייען די דאָזיקע שרעקלעכע דאָקומענטן — פיל איך אַז אַלע ביכער פון מיין ביבליאָטעק פאַרשעמען זיך. איך פיל אַז ש. קאַטשערגינסקי טוט דאָ די גרעסטע אַרבעט וואָס עס איז מעגלעך אין די איצטיקע טעג צו טאָן: זאַמלען די אויסגעשרייען, די קרעכצן, די טעסטאַמענטן, דאָס עדות זאָגן פון מענטשן וואָס זיינען געגאַנגען צום גרונט און האָבן אין זין געהאַט אויסצושרייען צו דער לעבעדיקער אידישער וועלט:

— „נעמט פאַר אונדזער פאַרגאָסענעם בלוט נקמה!״

פון די דאָזיקע טעסטאַמענטן און צוואה׳ס וועלן אַמאָל אַרויסגיין גרויסע מאָנומענטאַלע העלדן. אַ פאָלק לעבט פון ביישפּיל און העלדישן טויט פון אירע קדושים. די קינסטלער פון דער צוקונפט וועלן פון די דאָזיקע רואינען אויפשטעלן פּאַלאַצן ביז צום הימל הויך. פון דעם אַש און רויך וועלן אַרויס געוואַלטיקע ווערק. פון די שטומע, פאַרשטיקטע קרעכצן וועלן אויפגיין געוואַלטיקע אַפּאָלאָגיעס. העראָאישע געשטאַלטן וועלן אויפשטראַלן פון טריבונעס, בינעס, פּיעדעסטאַלן און הערצער פון פאָלק. פון די שטיקער כראָניק וועלן אַרויסגיין גאַנצע ליטעראַטורן און אָפּעראַס. דאָס פאָלק וועט שלאָגן גייסטיקע ענערגיע פון יעדער טראָפּן פאַרגאָסענעם בלוט.

דאָס פאָלק טאָר נישט פאַרגעסן אירע מיליאָנען קדושים. דער פּראָצעס פון פאַרגעסן הייבט זיך שוין אָן. די פעלקער זיינען ממש בלוטיק פאַראינטערעסירט אַז פון אונטער דעם גיגאַנטישן שאַרבן פון דער וועלט זאָלן אָפּגעווישט ווערן די בלוטיקע זכרונות. צוגלייך מיטן צעאַקערן די דייטשע בית עולמס מיט די ביינער פון הונדערטער טויזנטער אידן אין בערגען בעלזען — וואָס עס טוען די בריטישע אַרמיי־לייט אין שותפות מיט די דייטשע נאַציס — פּרוּווט מען שוין צעאַקערן די דייטשע פעלדער פון דייטשער רציחה און סאַדיזם.

די אָנפּירנדע נאַציס ווערן שוין געהאַלטן גרייט און ווערן מושטירט פאַרן נייעם קריג. די קברים דאַרפן ווערן פאַרצויגן מיט גרינע, אידילישע גראָז און פאַסטאָראַלע ביימער און בלומען. די דאָזיקע וואָס האָבן געזען די אכזריות׳ידקע מעשים פון די דייטשן דאַרפן גע־

האַלטן ווערן אונטער גראַטעס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן — אין די די־פּי־קעמפּס — אונטער שטעכיקע דראָטן פון בריטישע לאַגערן ביי די גרענעצן פון ישראל.

דעריבער זאָג איך: די דאָזיקע איבערגעבליבענע אידישע קינסט־לער זיינען נייטיק פאַרן רעקאָרד פון די פּעלקערס בלוטיקע מעשים.

זיי זיינען נייטיק פאַר אונדזער אייגענעם אידישן שעפערישן לעבן. זיי זיינען נייטיק אין אונדזער ליטעראַטור צו ברעכן די מאָ־נאָטאָניע און די זעלבסטצופרידנקייט און שמאַלציקער זאַטקייט און פיליסטעריזם פון וואָרט.

אין פּוילן איז געשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט צו די זעקס מי־ליאָן אידן, צו די העלדן פון געטאָ־אויפשטאַנד. איך ווייס נישט ווי אַזוי די שטיינערנע אידן קענען איינשטיין אויפן פּיעדעסטאַל — אין טראַגיש־העראָאישער פּאָזע פאַרגליווערט. מיר דאַכט, אַז אין אַ נאַכט פון שלאַקסרעגן און בליץ־געוויטער און קאָסמישן יאָמער וועלן זיי זיך אָפּשפּאַלטן און אַרויסקריכן פון דעם ערץ פון פעלדזן און וועלן לויפן פאַרסאָפּעטע איבער פּוילנס ערד — איבער די גרענעצן פון פּוילן — לויפן מיט דער עלעמענטאַרער קראַפט פון גולם'ס און שרייען איבער דער וועלט מיט אַ געוואַלטיקן געשריי. ווייל צו־פרי איז נאָך צו שטעלן אַ מאָנומענט נאָך די העלדן פון אַ פאָלק. לאָזט עס איבער צו די קינפטיקע דורות. קיין איין שפּאַן ערד פון פּוילישער טעריטאָריע, וואו אידיש בלוט איז וואַלקנבראָכיש געפלאָסן, טאָר נישט באַקוועם באַהאַלטן ווערן אונטער אַ סטאַטישן מאָנומענט. מיר האָבן אונדזערע העלדן קיין מאָנומענטן נישט געשטעלט. מיר האָבן זיי געטראָגן אין האַרצן. מיר האָבן וועגן זיי גערעדט, געיאָמערט, געשפּילט און געזונגען.

מיר האָבן אַפילו אונדזער גרעסטע שאַפונג — די מאָנאָטעאיס־טישע רעליגיע, אונדזער גאָט — נישט אָוועקגעשטעלט אין קיין טעמפּלען, אין קיין בראָנדזענע סימבאָלן נישט פאַרקערפּערט און נישט געלאָזט שמייכלען זיס ווי בודאַ און מאַרטירעריש ווי קריסטוס. מיר האָבן אונדזער גאָט פון נביאישן וואָרט ספּיראַליש דערהויבן אין דעם תהום פון די הימלען און דאָרטן האָט ער זיין דינאַמישן טראָן. אויך אונדזערע העלדן שטעלן מיר מאָנומענטן פון וואָרט. און זאָלן מיר זיך באַשעפטיקן מיטן וואָרט. דאָס וואָרט איז הייליק און עס האָט אַ דינאַמישן, אייביק־ווירקנדיקן כוח.

צו די אַנטלאָפענע אידן, קינסטלער פון דער שרפה, צו די טרע־גער פון וואָרט — צאָלן מיר אונדזער טריביוט און, ווען זיי גייען אַוועק, זאָגן מיר צו זיי:

— איר האָט אַ גרויסע ירושה געקראָגן פון די געשאָכטענע און דערמאָרדעטע. זיי האָבן צו אייך איבערגעגעבן דאָס וואָרט. גייט און מאַכט רעוואָלוציע מיטן וואָרט. גייט און מאַכט אידישע געשיכטע מיטן וואָרט. אַקערט אויף, שניידט אויף די ערד מיטן וואָרט און זאָלן די פעלקער אַריינקוקן אין דער טיפעניש פון דער ערד און זען די מיליאָנען קנאָכנס פון אונדזערע הייליקע אידן און זאָלן זיי אייביק קוקן אויף זייערע בלוטיקע מעשים און פאַרברעכנס וואָס זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דר'ערד.

גייט און ברעכט די אידישע מאָנאָטאָניע מיטן וואָרט. איר זייט

נישט קיין פּריוואַטע, געראַטעוועטע אידן, וואָס מאַנכע פון זיי ברעכן זיך אַריין אין לעבן, האָבן אויפסנייַ חתונה, בויען הייזער און פאַמיליעס, פאַרגעסן דאָס אידישע לשון און פּאַסן זיך צו צו די וואולגאַריטעטן פון לעבן און דענקען אַז אין פאַרגעסן איז די הילף פאַר זיי און פאַר זייערס גלייכן. איר זייט מער ווי פּריוואַטע שטומע נפשות: איר זייט קינסטלער און אייער אויפגאַבע איז גרויס! גייט און קלאַפּט מיטן וואָרט איבער די שאַרבנס פון די פעלקער! און האַלט אונדזער אייגן פאָלק, אונדזער אייגענע ליטעראַטור שטענדיק וואַך, דערהאַלט אין אונדזער קונסט דעם אומרו, די אומצופרידנקייט און דעם צאָרנדיקן פּראָטעסט צו גאָט און צו מענטש!

אינהאַלט: זייט

אַני מאמין 6
וואָרום ער זאָגט צום שניי: „פאַל אויף דער ערד!" 7
טויזנט־יאָריקער נח 11
אין פּאַרק סוף מערץ 12
די קליינע סעמעטערי 13
צו די וואָס שטראָפן 15
דער מענטש 16
אַ פריינט איז געקומען 18
קאַריאַטיד צווישן הימל און ערד 19
שפּעט ביינאַכט 20
דאָס קעצל שפּעט ביינאַכט 23
שפּאַציר דורכן פּאַרק 24
דער ערשטער שניי 26
דאָס מיידל און די פידל 28
דורך בראָנקסער גאַסן 30
אַ בליק פונ׳ם דאַך 32
שאָפּענס טרויער־מאַרש 34
דאָס טויטע געלט 36
דאָס גלעזל מילך 38
צווי פּרויען 29
איך גיב אייך ווין צו טרינקען, דאַמען הייליקע! 42
באַל אין פּולאַווער פּאַרק 44
די טעכטער פון פּאַפּיראָשניק 47
דער פערדנשינדער 50
דער גרויסער פרילינג 52
דער קוואַל 53
שיקזאַל 55
גאָלדענער טאָג 55
אין סטודיאָ ביים סקולפּטאָר חיים גראָס 57
ביים ים 60
היינריך היינע און די פּרינצעסין 61
ביים האָדסאָן 63
פרילינג אין ניו־יאָרק 65
די בויערי 67
נביא און פּובליקום 71
יענע ערשטע רייזע 73
פּניאָקעס 77
אין אַ פּאַרק אין ברוקלין 80
ר׳ שמואל הנגיד׳ס אַ פערז 81

שפּאַציר דורך דער נאַטור 84
ביי אַ אידישער בוכהאַנדלונג 85
דאָס אידישע לשון 88
די הייליקייט פון לעבן 88
דער גייסט פון דער פלאַש 91
פּאָרטרעט אין ווייַן 94
דער גילדענער פאָרהאַנג 96
דער טייוול 97
דער פּאַרק, סוף סעפּטעמבער און האַראַץ 99
דער אידישער בעטלער 102
ביי אַ אידישן מיטינג 105
דער גאָט פון פּאָעזיע 107
דער סוד פון קונסט 109
די ערד 111
פאַרנאַכט אין לאָנג איילאַנד 115
דער פּערסישער שאַך 116
מיין טרויער 118
היינטיקער טאָג 121
אין פּאַרק 127
פעברואַר 129
שפּעט ביינאַכט מאָטיוון 130
די מומיע וואָס מאָנט גערעכטיקייט 135
נאָכוואָרט 140

פ אַ ר ש י ד נ ס :

די הגדה אין ליכט פון וויסנשאַפט 148
ר׳ משה אבן עזרא (1070—1038) 161
עמנואל הרומי (1328—1268) 170
„קעניג ליר" 183
אַ חוצפה פון מלאכים (גלאַטשטיין קאָנטראַ פּאָו) 189
די פערזן פון יענער וועלט (וועגן עדגאַר עללען פּאָו׳ס
אַ זעלטן ליד) 202
יאָסל קאָהנ׳ס פּאָרטרעט פון וואַן גאָג 208
דער יונגער פּרץ הירשביין 214
ה. לייוויק 220
פּ. בימקאָ 228
איציק מאַנגער 240
אַ וואָרט צו די פּאַריזער דעלעגאַטן פון אידישן קולטור-
קאָנגרעס 244
אינהאַלט 249
אויסצוגן פון קריטיק וועגן מחבר ....

אויסצוגען פון קריטישע אפהאנדלונגען וועגן ש. טענענבוים — געשריבען פון די פראמינענטסטע אידישע קריטיקער און שריפטשטעלער.

△

ווי געזאגט, איינע פון די פראבן פון קונסט איז די מאס פון ווידמונג, פון לאיאליטעט. פון דעם מאסשטאב גענומען, איז ש. טע־נענבוים איינער פון דעם ערשטן מנין קינסטלער פון איצטיקן דור וואס האט אויסגעהאלטן די פראבע. ער האט ניט קיין אנדערע הויפט־אינטערעסן ווי דינען זיין פאלק מיט דער שליחות פון זיין קונסט. ער וייסט, אז דער שיקזאל פון שרייבער־שליח, פונקט ווי אמאל פון די נביאים, איז אויפצולייזן זיין פערזענלעכן לעבן; אז זיין קאמף פאר גאטס ווארט וועט באלוינט ווערן מיט א לעבן פון מארטירעריי, פון פיין און ליידן. אבער פונקט ווי טענענבוים ווייסט, אז אין די לעצטע טעג פון הושע איז ער געוועזן „מיד און טרויעריק פון א גאנץ לעבן פון פיין און ליידן. פון א גאנץ לעבן דינען גאט און טאן אלץ כדי צו אילוסטרירן גאטס ווארט" — אזוי ווייסט ער וואס עס דערווארט א איצטיקן במקום־נביא, און איז גרייט מקבל־צו־זיין די דערנער־קראנצן פאר זיין לעבנס־ווערק.

אויב אין זין פון לאיאליטעט אין קונסט־מאסשטאב איז טענענבוים איינער פון ערשטן מנין קינסטלער פון איצטיקן דור, איז ער, אבער, מיט דעם אנדערשדיקן פורעם פון זיין שאפן, אפשר, דער איין־און־איינציקער אין אונזער ליטעראטור.

אויף דער זעקסטער זייט פון זיין פריער־דערמאנטן בוך האט ער אזא טיפישן טענענבוימישן זאץ: „ווי א קליין אינגל נעמט ארום דער מוטערס קלייד — אזוי ווי ער וואלט ארומגענומען די פייערדיקע ראנדן פון די הימלען". ער איז דער איינציקער שרייבער ביי אונז אין דעם זין וואס ער הויבט זיך שטענדיק אריבער די גרויקייטן פון טאג־טעגלעכן און פארווארפט א בריק איבער די וויטסטע האריזאנטן. דארטן באגעגנט ער זיך מיט זיינע ליבלינגען, די שעפערישע גייסטער פון יאר־טויזנט צוריק, און אין ליכט פון אט־יענע ראנדעוואוס אויף די האריזאנטן זעען נישטיק אויס די איצטיקע מענטשעלעך מיט זייערע מאכינאציעס, מיט זייערע קאנספיראציעס און מיט זייער שטענדיקן לויער־און־שלינג פון איינער דעם אנדערן.

איז, דעריבער, זיין וועלט וואו ער איז באמת היימיש די גאלע־ריע פון קינסטלער, דיכטער, נביאים, דורך די יאר־טויזנטער. און טרעפט ער וועון אן א בארופענעם שעפער אויף די גאסן פון איצטיקע וועלט־שטעט, איז ער גליקלעך אים מצרף־צו־זיין צו די וועלט־גאונים,

און ער ווערט גאָר ניט מיד פון מפרסם זיין די גרויסקייט זיינע ברבים.

פונקט ווי יעקבס שפיץ־לייטער/האָט דערגרייכט צום הימל, אַזוי גרייכט. טענענבוימס מוח צו די אייביקייט־טעמפּלען פון די קונסטן. און אַזוי וואַנדערט ער פון איין טעמפּל צו אַ צווייטן. און מיר זעען אים, אַן עקזאַלטירטן, ביי יעקב עפּשטיינס אַ סקולפּטורע „אָדם". און שוין, כהרף עין, איז ער ביים ראַנד פון תוהו ובוהו: „ער (אָדם) איז געלעגן אין דער ערד — פאַרוואַרצלט אין אַלע וואַסערן און וועלדער, מיט אַלע פאַספאַרישע שטאַמען פאַרקניפּט, מיט פעלזן געבונדן, מיט בערג געבערידערט. עס גייען דורך וועלט־געשרייען איבער אים. קאַוואַלקאַדעס נעכט וועקן אים, שלאָגן אים מיט שטיינער־פויסטן; גאַטס איינזאַמקייט קען אים נישט דערוועקן. גאָט האָט נאָך נישט קיין טעטיקייט. עס גייט נאָך נישט אַן דאָס שטאַרבן און די מלחמה. דאָס גריזשען זיך און דאָס פוילן. די ערד איז נאָך ריין פון טויט. און אָדם איז נאָך שטומע, קאַלטע ערד".

און אַט ווי טענענבוים זעט בחוש די סאַמע געבורט פון ערשטן מענטשן אויף דער ערד: „אָדם פּלאַצט אַרויס פון דר'ערד — אַ באַרג מיט געפילן; אַ טייך מיט טרוימען און געזאַנגען; אַ ים מיט באַגער; אַ ווילדער וואַלד, וואָס רוישט און שאַלט און טראָגט מיליאָנען פייגל אין זיך; אַ פעלד — זיין פּנים, אַ שטראָם ליכט — זיינע אויגן. און די אויערן טרינקען מוזיק פון די ספערן".

צו טענענבוימען קען מען ניט צוגיין מיט אַ מאָס פון אַנדערע שרייבער. ער איז ניט נאָר אַנדערש, ער איז איינציק אין זיין קונסט. איך זע ניט נאָך אַ שרייבער ביי אידן וואָס זאָל זיך פילן אַזוי היימיש מיטן קאָסמאָס און אינם קאָסמאָס. זיינע אייגענע דלד אמות זיינען ביי אים דער פּרוזדור און דער קאָסמאָס — דער טרקלין.

אין זיין עסיי וועגן ירמיהו הנביא פּרובירט ער דעפינירן די עובדא פון דעם נביא וואָס איז די זעלבע וואָס פון קונסט: „קונסט, הויכע קונסט, איז באַרופן צו היילן. און דער געניוס — אין טאָן, אין קאָליר, אין שטיין, אין דיכטונג — איז באַרופן צו אַ געוואַלטיקער מיסיע. גאָט ווילט אים אויס צו דינען דעם פאָלק. צו אומפאַסן די גאַנצע מענטשהייט. צו ברענגען טרייסט און געגעזונג צו די ליידנדיקע. אומצוהאַלדזן די דערנידעריקטע. צו וואַשן אין זיינע טרערן די פאַרלאָזענע. צו קושן די באַליידיקטע. צו רייסן שטיקער ליכט פון דער זון און אַרומצובינדן מיט זיי, מיט זון־באַנדאַזשן, די פאַרוואונדעטע פון דעם שלאַכט פון לעבן. נביא זיין — מיינט ליידן פאַר מיליאָנען. עס מיינט — צעפּלאַצט ווערן פון שמערץ. און דאָך זיין קאָנצענטרירט און צו שמידן פון שמערץ — חכמה".

מיט אַט־דער חכמה איז פול יעדעס בלעטל פון טענענבוימס ווערק. זיינע פריינט און פאַרערער דאַרפן, אָבער, זען אַז די לאַגלען פון זיינע שמערצן זאָלן זיין, פון טאָג צו טאָג, אַלץ ליידיקער, און אַז עכטער ערדישער יום־טוב זאָל זיך פון־צייט־צו־צייט אַ ווייז־טאָן אויף אויף זיין האָריזאָנט....

יצחק ליבמאַן

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט

פרייטאָג, 11טער נאָוועמבער, 1949

Δ

„גיוואָלאָס" — אַזוי וואָלט באַדאַרפט באַצייכנט ווערן די זאַמלונג „גאָלד און זשאַווער" פון ש. טענענבוים. אַזוי האָט דער שפּאַנישער שרייבער מיגועל דע אונאַמונאָ גערופן זיין ווערק „נעפּל", אין וועלכן דער העלד בלאָנקעט אַרום ווי אין אַ געדיכטן קנויל פון חלום און וואָר. אין ניגוד צו דער סטאַטעטשנער פאָרם פון „נאָוועלע" קומט אַרויס אונאַמונאַ מיט אַ נייעם נאָמען „ניוואָלאַ" — נישטאָעניש, און נעגירט ווי ש. טענענבוים די אָנגענומענע כללים פון קלאַסישער קאָמפּאָזיציע; ער פאַרוואַרפט די איינהייטן פון האַנדלונג, צייט און אָרט און ברענגט אַריין די איינהייט פון זיך אַליין, פון זיין אינטימער שטימונג.

ש. טענענבוים ווערט אַליין דער הויפּט־העלד פון צעוואָרפענע געשעענישן און שאַפט אַ ראָמאַן אויף וועלכן מען קען זאָגן „אין מוקדם ומאוחר". ווי אַ נאָדל־פאָדים שטעפּט ער זיך דורך לאַטעס פון לעבן און האַפט פון זיי אויס אַ פילפאַרביגן מאַנטל פון אַרלעקין, אין וועלכן ער פאַראַדירט דרייסט איבער דער וועלט, וואו ער איז אַ „גאַסט אויף אַ ווייל וואָס זעט אויף אַ מייל". ש. טענענבוים זאָרגט ניט וועגן דעם ספור־המעשה אין זיינע דערציילונגען; ער האַלט, אַז דאָס לעבן דערציילט זיך אַליין אָן דער געקינצלטער פּעריאָדיק פון „סוספּענזיע־קלימאַקס, אין וועלכער ראָם דער שאַבלאָן פּרוּווט צו פאַרקלאַמערן פאַרשיידענע פּאַסירונגען. ער שטייט און וואַרט אַז דאָס לעבן זאָל זיך פונאַנדערוויקלען ווי אַ פילם־שפּאָל און זיך פּראָזשעקטירן אויף דעם עקראַן פון „צייט־רוים"־קאָנטינוּאום; דערשיינט נאָר אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד, טייטלט שוין ש. טענענבוים אויף אים און רעגט אָן אונזער נייגער און אויפמערקזאַמקייט. ער איז ווי אַן אַקאָמפּאַניאַטאָר, וואָס היט־אָפּ, אַז דער פידלער זאָל ניט פאַרלירן דעם טעמפּאָ, בישט אַרויספאַלן פון ריטם און באַוואַכן די קלאָרע טאָנאַציע; און איבער אַלעמען פּילט ער אויס די לאַנגע פּויזן, קומט אַנטקעגן מיט קאָנטראַפּונקט און שליסט די טעמע מיט אַ פולן אַקאָרד. אָט אין דעם אַקאָרד, אין זיין אופן פאַרענדיגן פון יעדן אינצידענט, ליגט די קראַפט פון ש. טענענבוים. פּונקט ווי דער אַקאָרד באַהאַלט אין זיך אַלע אַליקוואָטן, פון וועלכע דאָס געניטע אויער קען ווידער אויפשטראַלן די פאַרשוואונדענע מעלאָדיע, אַזוי אויך איז דער סוף פון זיין יעדן געשעעניש ווי אַן אַליקוואָט וואָס הייסט זיך אונז פאַרטראַכטן און איבערלעבן די געשילדערטע פאַרגאַנגענהייט. דער סוף פון זיינס אַ באַשרייבונג דערמאָנט שטאַרק אין דעם אַמאָליגן „והמשכיל יבין", אַ רמז מיט וועלכן די געוואָגטע מפרשים פלעגן זיך איבערוואַרפן ווען זיי פלעגן אָנטרעפן אויף אַ סתירה׳דיגער שטעלע ביים למוד. דורך דעם כוח לאָדט ש. טענענבוים אָן דעם לייענער ווי אַן עלעקטרישע באַטעריע מיט עפּעס אַ „מוסר השכל". — אַ נייער לאָזונג פון „פילן לשם פילן". עס דוכט זיך ווי ער זאָל האָבן אָוועקגעטעסעט דאָס ערשטע וואָרט פון אַ „לא־תעשה" אויף וועלכן די תנאים האָבן אַזוי מקפּיד געווען. ש. טענענבוימ׳ס אַ מצוה: „זאָג יאָ, ווי שיין איז דער דאָזיגער „אילן" און ווי פּרעכטיג דער דאָזיגער „ניר". דעם געראַנגל און גאַרגישן קניפּ אין וועלכן י. ל. פּרץ האָט זיך געפּלאָנטערט אין „ווענוס און שולמית", עסטעטיק אָדער עטיק, האָט ש. טענענבוים ווי אַלעקסאַנדער אין זיין צייט מיט איין פּאַך פון שאַרפער שווערד אויפגעלייזט; דאָרט וואו י. ל. פּרץ האָט זיך געבאַרעט מיט דער דילעמע ווענוס אָדער שולמית, האָט ש. טענענבוים פאַרענטפערט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך באַהעפט מיט זיי ביידע; ער האָט גענומען דעם תוכן פון שם און אים איינגעהילט אין לבוש פון יפת, עפּעס ווי אַ נעאָ־פילאָ פון בעלעטריסטיק. ווי ביי פילא דער לאָגאָס, אַזוי איז אויך ביי ש. טענענבוים דאָס געשליפענע וואָרט ווי אַ קאַמערע־גלאָז

אַריינצודרינגען אין די מיקרא־צעלן פון מאקרא־באַשאַף. קעגנשטאַנדן קענען זיך ביי אים נישט אויספאַרבאָרגן אַפילו הינטער דיקע ווענט; ער גייט איבערן מענטשלאַכן ישוב, הויבט אויף מויערן און דעכער ווי פּאַקרעשקעס און כאַפּט געשטאַלטן און געשעענישן „אין פלאַגראַנטי". ש. טענענבוים שיילט אויס אַפילו דעם דומם־רייך פון זיין לוסקע און ברענגט אַרויס פון מיטלסטער נקודה דעם לעבעדיגן תמצית; ער טויכט אַריין אין דער ניט־אַנימירטער וועלט און אנגלט פון איר אַרויס דאָס וואָרט, און זאַכן באַקומען אַ שפּראַך. ביי אים לעבט דער שם־עצם און שטרעקט זיינע בענקנדיגע הענט נאָך דעם שם־תואר; פון דאַנעט ש. טענענבוים'ס אויסערגעוויינלאכע ליבשאַפט צו אַדיעקטיוון וואָס סטימולירן אַלע חושים: דער קלאַנג פון זיינע ווערטער וואָס שאַלט ווי באַגלעקלטע לאַטאָס־בלומען אין אַ כינעזישן פּאַלאַץ־גאָרטן ביים צאַרטן וויגן פון פאַרנאַכטיגן זעפיר־ווינטל; דער עפּיקורעאישער טעם פון צייטיגע עפּל ווען ווייסע ציין פאַרבייסן זיך אין זיי און די צונג הויבט זייער זאַפט צום גיריגן גומען; דער באַריר פון זייד וואָס לאַשטשעט זיך ווי אַ געליבטע און ציטערט אויף דאָס ווייטסטע קעמערל פון מאַרך; און די קאָלירן, פאַר אַלעמען רויט, וואָס איז דער סינאָנים פון בלוט, פון לעבן: — „כי הדם היא הנפש". אַפילו אויך אין דעם אַדיעקטיוו מיט וועלכן ש. טענענבוים שאַקירט, אין דעם אַדיעקטיוו, וואָס רעגט דעם חוש־הריח, ליגט די זעלטענע בונטאַרישקייט פון ש. טענענבוים. דאָ ליגט זיין וואגן צו קוקן דער גרויער רעאַליטעט גלייך אין די אויגן; אָן שוידער צו זען די שיינקייט פון נאַטור מיט אירע גרוילעכקייטן; איבערקערן דאָס לעבן מיט די איינגעווייד אַרויס און נישט מיאוס'ן זיך דערמיט. פאַרקערט, נעמען דעם אות „אלף" דעם אַקראָסטיק פון אלקים און אים מזווג זיין מיט „ח—ט" פון סטרא אחרא, פון דער איבערגעקערטער זייט.

מיסט מוז באַדעקן די ערד, כדי פלאַנצן זאָלן געדייען. ש. טענענבוים קומט דעם לעבן אַ תקון ברענגען, ווי דער גרויסער פּוילישער דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש אין זיין באַלאַדע „דאָס האָב איך ליב". אין דער באַלאַדע דערציילט מיצקעוויטש, ווי אַ פרוי פלעגט סאַדיסטיש קוועלן ווען זי האָט אירע פאַרערער לידן געזען. זי ווערט דערפאַר אין אַ שד פאַרוואַנדלט און שרעקט די דורכגייער ביינאַכט מיט אַלע מעשי־תעתועים. אַזוי פאַר לאַנגע יאָרן. ביז איינמאָל איז דער דיכטער אַליין דורכגעפאָרן, פאַר אירע טייוואָלאַנישע שטיק זיך נישט דערשראָקן, אדרבא, ער שרייט אויס: „דאָס האָב איך ליב", און ראַטעוועט מיט דעם די פרוי פון איר גרויזאַמער קללה.

אַזוי שפּרייזט אויך ש. טענענבוים איבער דעם כרת וואָס גרייכט איבער דער גאַנצער וועלט אין שטענדיגער צייט פון זייגער־צוועלף ביינאַכט און קומט אַנטקעגן די מזיקים מיט דעם זוניגן שמייכל אויף זיינע ליפּן וואָס האָט אין זיך די אַלכעמישע קונסט צו שאַפן פון זשאַווער גאָלד.

פון ירמיה העשעלעס
ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט
פרייטאָג, דער 23־טער יוני, 1944

▽

Δ

און מאָדנע: דאָס, וואָס טענענבוים זעט — קאָן אייגנטלעך
יעדער, מער אָדער ווייניקער, באַגאַבטערער קינסטלער זען און
ווייזן; אָבער אַזוי זען אין אַזוי געשטאַלטיקן דאָס געזעענע, קאָן
נאָר אַ מענטש, וואָס האָט מיט איין דרים בלויז, איבערגעריסן מיט
אונזער פינף־חושימדיקער ווירקלעכקייט און וואָס שטייט מיט
איין פערטל־טריט בלויז, ווייטער אַ ביסל אָפּגערוקט פון דער גע־
וויינלעכער דיסטאַנץ, וואָס יעדער, אפילו נישט דורכשניטלעכער
קינסטלער, מוז אָננעמען לגבי זיין געשטאַלטיקטן קעגנשטאַנד. דאָס
איז אַ דיסטאַנץ, וואָס האָט אַ גאָר לויזע שייכות מיט אַ נזער גע־
וויינלעכער צייט־און שטח־אויסמעסטונג און וואָס קאָן שוין מער
נישט געמאָסטן ווערן מיט אונזערע מענטשלעכע פינף חושים בלויז,
נאָר מיט עפּעס אַ חוש, אַ זעקסטן.

אַזוי זען, קאָן נאָר אַ מענטש, וואָס זעט די וועלט, אונזער
וועלט, דורך דער פּריזמע פון אַ צווייטער וועלט; וואָס זעט דעם
מענטש, דאָס לעבן — דורך דער פּריזמע פון... טויט..

ווייל נאָר אונטער אַספּעקט פון טויט — און דערצו נאָך פון
יענעם, דעם „פּאַציענטישן", דעם טובערקולאָזן — קאָן מען זען דאָס
לעבן אַזוי טראַגיש און שיין, אַזוי מעלאַנכאָליש און זיס, אַזוי קאָ־
לירט און פאַנטאַסטיש, ווי עס זעט דער יונגער ש. טענענבוים אין
זיין ערשטן בוך „ביי דער וועלט צו גאַסט" און אין אַ גרויסער מאָס
אויך אין זיין צווייטן בוך „דער ספינקס". און נאָר טאַקע אונטערן
אַספּעקט פון טויט, קאָן מען זיין ביי דער וועלט אַזוי צוגאַסט
בלויז!.. קאָן מען טרויעריק אַזוי און פּאַרפּאַלן, ליב האָבן דאָס לעבן
— מיט דער ליבע פון טויט!..

און אויך נאָר, אונטער אָט דעם אומהיימלעכן אַספּעקט, דורך
אָט דער־אָ־שוואַרצלעכער פּריזמע, איז מעגלעך אינטערצוציען אַ
מער ווייניקער אָביעקטיוון, קריטישן סך־הכל אונטער ש. טענענ־
בוימס קינסטלערישע לייסטונגען, וועלכע וואָלטן ערגעץ־וו, אין אן
אַנדערער ליטעראַטור, געוועקט זיכער מער אינטערעס און מער
אויפמערקזאַמקייט צו זיך — ווי דאָס געשעט אין אונזער יידישער,
ליטעראַרישער ווירקלעכקייט.

ב. שנאַפּער

Δ

אַזוי פאַרפלעכט דער שרייבער, די תנכישע פּעריאָדע מיט דער
אידיש מיטלאַלטערדיקער שאַפונג פון אַ יהודה בן שלמה אלחריזי —
דער פּיטן־פילאָזאָף פון שפּאַניע, ר' ישראל נאַגאַרה — דער חתן פון
דער אייביקייט און מיסטישער זינגער, אָדער פּרינץ דוד ראובני —
דער סאַמבאַטיאַנישער אוטאָפּיסט.

אפשר אַ ניט־שלימותדיקער אידייאישער המשך אינם אינהאַלט־
פאַרנעם פון ש. טענענבוים.

אַזאַ דורותדיקער שפּרונג וואָס ער אַליין זוכט אים פאַרענטפערן
אין דער הקדמה.

אָט שטייט טובה פאַן — די פּראַגער שכינה־באַזינגערין לעבן
אייזיק וואַליך — דער אַלטער רעוויו־דורכפירער פון אידישע גייסטער,
ווי אליהו בחור און זיינע „בבא"־נאָכפאָלגער פון זעכצנטן און זיבעצנטן
יאָרהונדערט. און אָט געפינען מיר זיך דורך אַ שמע־ישראל־פּלי, אין

די ווייַן־קעלערן צוזאַמען מיט בערל בראָדערס ליד אין גאַליציען, כדי דערנאָך זיך באַקענען דורך איין מאַרשאַליק־דריי מיט די טרובאַדורן — וועלוול זבאַרזשער, נפתלי הערץ אימבער און שפּעטער טאַקע שוין מיט דער פאָלקסטימלעכער טרויער־פּאָעזיע פון אונזער קאָנטעמפּאָראַנישן געטאָ.

ס'איז אַלץ אַ „קאָינצידענטאַלע פּאַנאָראַמע" פון אַלט־נייע פיגורן, וועלכע אין זייער דורותדיקן געראַנגל פאַר פרייהייט, יושר, ליבע און כל־מיני גלוסטיקע אידעאַלן, האָבן זיך פאַרבונדן הגם זייער לאַנגן גענעראַציע־פאַרנעם, אין אַן אינטימער סימבאָלישער שייכות דורך ש. טענענבוימס „צופּעליקער" עקספּאָזיציע.

דער באַנד איז געווידמעט אונזער הייליקן קדושים־זכר, אַן אייביקער אידישער זכרון־חוב, און זען זעט זיך בעין, אין אַט דעם טויזנט־יעריקן געראַנגל פון אייביקן איד — אַ לעבעדיקער מאָנומענטאַלער עדות פון אונזער ביטערן אויסדויער און ניט דערמידלעכן אותיות־קאַמף, פאַרן קיום פון ליכטיקן אידישן גייסט.

מנחם ברייער

△

די ראָמאַנטיש־פאַרליבטע, אינטענסיוו געדרענגטע יוגנט מיט איר אומאויסשעפּלאַכער וויטאַליטעט, מיט איר פאַרשווענדעריי פון גאָלד און קראַפט, מיט אירע עלעקטרישע בליצן פון עמאָציאָנעלן אויפריר און טראַסקעדיגע שלאַקס־רעגנס פון שלוכצנדיג געוויין; די ווידערשפּעניגע, עקסטאַטיש־רעליגיעזע, פרייד־קוואַליגע, טראַגיש־געשטימטע יוגנט וואָס נעמט זיך און די וועלט אַזוי בלוטיג ערנסט, וואָס וויברירט אַזוי גרונטיג־פיינלאַך צו דעם הארבן גורל פון מענטש און לעבן, וואָס קען נישט שלום מאַכן מיט אַ „פּרעכטיגער" וועלט וואָס פּועלט ביי זיך צו פאַרטראָגן אַזוי פיל שלעכטסקייטן און עוולות, איבערהויפּט דעם שטאָר־גליווערדיגן, שוידערלאַך אומבאַגרייפלאַכן און סוד־סודות'דיגן איבל פון טויט! — אַט־די יוגנט מאָרדעוועט דאָס געביין און דאָס לייב און לעבן פון אונזער ראַפינירט־סענזיטיוון, יונגן שריפטשטעלער וועמענס טריבע און העלע פּראָזע־געזאַנגען און ליריש־פאַרביגע אויסגוסן מיר פאַרנעמען אין זיינע פּילצאָליגע שריפטן.

אַ לאַנגע יוגנט איז די ברכה פון באַגאַבטע נאַטורן. ס'איז דאָס וואונדער ארום קינסטלערישע מענטשן — זייער יוגנט וויל זיך פון זיי נישט שיידן. ס'איז דאָס געשאַנק פון געטער צו די אויסדער־ווײַלטע. לויט די בולט'ע סימנים פון אַט־די פּראָזע־לידער גע־ווידמעט די „זונקינדער" פון דער וועלט־קונסט איז טענענבוים'ס יוגנט נאָך אין פולן בלי . . . זיינע קורצע מעדיטאַציעס זיינען ווי פּרילינגס־צוויטן — צעשאָטן מיט פולע זשמעניעס, ווייען מיט ראָ־מאַנטישן אַטמאָספער, בלענדן דאָס אויג מיט פאַרבן־שפּיל און ווי יענע, סוגעסטירן אַ גוואַלדיגע אויסברענגעניש פון שעפערישער ענערגיע, ווי אויך אַ האָפענונג אויף רייפקייט און פרוכט אין קומענ־דיגן שפּעטער.

אַנגעוואונקענע פאַקטן אין די עסייען גופא אַרום טענענבוים'ס פערזענלאַכן לעבן וועלן אפשר ווארפן אַ שיין פון דערקלערלאַכקייט אויף זיין פסיכיש־ליטעראַרישער אַנטוויקלונג. אַ בייזער גורל האָט אים פאַראורטיילט צו אַ לעבן פון אַן איינוואוינער אין אַ קראַנקנהויז פאַר מערערע יאָרן. אויסגעשלאָסן פונם אַקטועלן לעבן, אָפּגעשיידט פון ברייטער געזעלשאַפטלאַכקייט, אָנגעוויזן פאַר סטימול און צייט־פאַרטרייב אויף ביכער און ליטעראַטור, האָט טענענבוים פאַרשלונגען אַן אוצר פון לייען־שטאָף.

משה וויטיעס

(וועגן ש. טענענבוימ'ס עסייען אין בוך־פאָרם)